STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02971

DI KLEYNE ERD. VIDERGEBURT. TSELINA

Leonid Ilich Brezhnev

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אי. ברעזשנעוו

די קליינע ערד
ווידערגעבורט
צעלינא

מאָסקווע · סאָוועטסקי פּיסאַטעל · 1979

די דאָזיקע אויסגאַבע פון דער איבערזעצונג פון
ל. אי. ברעזשנעווס ווערק „די קליינע ערד״, „ווידער־
געבורט״ און „צעלינא״ ווערט ארויסגעגעבן אלס
ביילאַגע צום זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ.
12, 1979.

רעדאַקטאָר פון דער איבערזעצונג —
ארן ווערגעליס

© Перевод на еврейский язык. Издательство «Советский писатель», 1979 г.

די קליינע ערד

1

מיין טאָגביכער האָב איך אַף דער מילכאָמע ניט געפירט. נאָר די 1418 פײַערדיקע טעג און נעכט זײַנען ניט פאַרגעסן. און געווען זײַנען עפּיזאָדן, באַגעגענישן, שלאַכטן, געווען אַזעלכע מינוטן, וואָס ווען, ווי באַלע פראָנטאָוויקעס, קיינמאָל ניט פאַרשווינדן פון מײַן זיקאָרן.

הײַנט ווילט זיך מיר דערציילן וועגן אַ פאַרהעלטעניסמעסיק ניט גרויסן באַצירק פון דער מילכאָמע, וועלכן די סאָלדאַטן און יאַמלײַט האָבן אָנגערופן „די קליינע ערד”. זי איז ווירקלעך געווען „אַ קליי־נע” — ווייניקער פון דרײַסיק קוואַדראַטע קילאָמעטער. און זי איז אַ גרויסע, ווי עס קאָן ווערן גרויס אַפילע אַ שפּאַן ערד, ווען ער איז פאַרגאָסן מיט בלוט פון מעסירעסנעפעשדיקע העלדן. קעדיי דער לייענער זאָל אָפּשאַצן די לאַגע, דאַרף איך זאָגן, אַז יעדערער, וואָס איז אין די טעג פונעם דעסאַנט אַריבער די בוכטע און געקומען אַף דער קליינער ערד, האָט געקראָגן אַן אָרדען. איך געדענק ניט קיין איין אַריבערשיפן זיך, אַז די פאַשיסטן זאָלן ניט דערהאַרגענען, ניט

דערטרינקען הונדערטער אונדזערע מענטשן. און אלציינס האָבן אפן פלאצדארם, וואָס מיר האָבן ארויסגעריסן באם סוינע, זיך שטענדיק געפונען 12—15 טויזנט סאָוועטישע שלאכטלײַט.

דעם 17 אפּרעל 1943 האָב איך דאָס אָרדנטלעכע מאָל געדארפט אָנקומען אף דער קליינער ערד. איך האָב גוט פארגעדענקט די דאָזיקע דאטע, און כ'מיין, אז קיין איין קליין־ערדלער וועט זי ניט פארגעסן: אין יענעם טאָג האָבן די היטלעראָווצעס אָנגעהויבן די אָפּעראציע „נעפּטון". דער נאָמען אליין אירער זאָגט וועגן זייערע פּלענער — אראָפּוואַרפן אונדז אין יאָם. לויט די יעדיעס פון דער אויסשפּירונג האָבן מיר געוווּסט וועגן דעם. מיר האָבן געוווּסט, אז דער סוינע גרייט ניט קיין געוויינלעכן אָנגריף, נאָר אן אנטשיידע־נעם, א גענעראַלן.

און מײַן אָרט איז געווען אף דער פּאָדערליניע, אין דער פּאָר־שטאָט פון נאָוואָראָסיִיסק, וועלכע שנײַדט זיך ארײַן אין דער צע־מעסקער בוכטע, דאָרט, וווּ ס'איז דער שמאָלער פלאצדארם פון דער קליינער ערד.

פונקט דעמלט, אין אפּרעל, בין איך באשטימט געוואָרן פארן שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער 18־טער ארמיי. געמענדיק אין אכט די פאַרשטייענדיקע שלאכטן, האָט מען זי פארוואנדלט אין א דעסאנט־ארמיי, פארשטארקנדיק זי מיט צוויי שיסער־קאָרפּוסן, מיט צוויי דיוויזיעס, עטלעכע פּאָלקן און א טאנקען־בריגאדע. לויט דער אָפּעראטיווער ליניע האָט מען איר אונטערגעאָרדנט די נאָוואָראָ־סיִיסקער מיליטערישע יאַם־באַזע פונעם שווארציאַמישן פלאָט.

אף דער מילכאָמע קלײַבט מען ניט אויס, וווּ צו קעמפן, נאָר כ'דארף זיך מודע זײַן, אז מיך האָט דערפרייט דאָס באשטימען מיך אף דעם דאָזיקן פּאָסטן. די 18־טע ארמיי האָט מען די גאנצע צײַט געוואָרפן אף שווערע באצירקן, ס'איז אויסגעקומען איר שענקען א באזונדער אופמערקזאמקײַט, האָב איך דאָרטן, ווי מע זאָגט עס, גע־טאָגט און גענעכטיקט. מיטן הויפּט־קאָמאנדיר ק. נ. לעסעלידזע און מיטן מיטגליד פונעם מיליטער־ראט ס. יע. קאָלאָנינען האָב איך פון לאנג געפונען א געמיינזאמע שפּראך. אזוי, אז דאָס אריבערפירן מיך פון דער פּאָליטפּארוואלטונג פונעם פראָנט אין אָט דער ארמיי האָט בלויז פארגעזעצלעכט די פּאקטישע לאגע פונעם איניען.

דאָס אריבערשיפן זיך אף דער קליינער ערד האָבן מיר דורכגע־פירט בלויז באנאכט. ווען איך בין געקומען צו פּאָרן קיין געלענד־זשיק אינעם שטאָטישן האפן, אָדער ווי מע האָט אים אויך גערופן אָסוואָדאָוועט, איז באַ די אנקער־ערטער ניט געווען קיין איין פרײַ אָרט, ס'האָבן זיך געשטופּט אין ענגשאפט קאָלערליי מינים שיפן. די מענטשן און דער פראכט האָבן זיך שוין געפונען אפן באָרט. איך בין ארוף אפן סיינער „ריצא". דאָס איז געווען אן אלטע קיילע,

וואָס האָט אַף שטענדיק אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם גערוך פון פיש, די טרעפּלעך האָבן געסקריפּעט, די באָרטן און דער פּלאַנשיר זײַנען געווען אָפּגעפּליקט, דער שיפּדעק — דורכגעלעכערט פון קוילן און שפּליטערס. זעט אויס, אַז זי האָט ניט ווייניק אָפּגעדינט ביז דער מילכאָמע און ניט זיס איז איר אויסגעקומען אויך איצט.

פון יאַם האָט געבלאָזן אַ פרישער ווינט, ס'איז געווען קאַלט. אַף דאָרעם טראָגט מען ביכלאַל איבער די קעלט שווערער ווי אַף צאָפן. פאַרוואָס — נעם איך זיך ניט אונטער צו דערקלערן, ס'איז אָבער אַזוי. דער סיינער איז גיך באַלעבט געוואָרן. אין פאַרשיידענע ערטער און אַף אַ פאַרשיידענער הייך האָבן די שלאַכטלײַט אײַנגעשטעלט קוילנוואַרפערס און קעגנטאַנקען־געווער. יעדערער האָט געזוכט אַ געמיטלעך ווינקל, זאָל זײַן כאָטש אַ דין הילצערן ווענטל, אַבי עס זאָל פאַרשטעלן פונעם יאַם. אינגיכן איז אַפן באָרט ארוף דער מיליטערישער לאַצמאַן, און אַלץ איז אוועק אין גאַנג.

עס האָט אויסגעזען עפּעס מאָדנע, פּונקט ווי אַלע וואָלטן אַ שפּאַר געטאָן צום רעיד. נאָר אַזוי איז געווען אין די ערשטע מינוטן. יעדע שיף האָט פּינקטלעך געוווסט איר אָרט. „ריצאַ" איז געגאַנגען די ערשטע, הינטער איר האָבן געסאָפּעט די מאָטאָבאָטן, ווי מיר האָבן זיי גערופן, נומ. 7 און נומ. 9. דער סיינער האָט זיי גענומען אַפן בוקסיר, די איבעריקע שיפן האָבן זיך אויסגעצויגן אין אַ קאַראַוואַן אַף אַ מעהאַלעך פון 400—500 מעטער איינע פון דער אַנדערער, און מיר האָבן זיך געלאָזט שווימען צו דער קליינער ערד. געגאַנגען זײַנען מיר אונטער דער שוץ פון „יאַם־יעגערס".

פאַר די דרײַ שאָ גאַנג האָב איך געראַכנט זיך דורכשמועסן מיט די נײַע צוגעשיקטע שלאַכטלײַט, געוואָלט בעסער דערלערנען די מענטשן. נאָר קיין אַלגעמיינער שמועס האָט זיך ניט באַקומען. די דעסאַנטלער האָבן שוין פאַרנומען אַף דער שיפּדעק זייערע ערטער. און ס'האָט זיך ניט געוואָלט זיי אופהייבן. כ'האָב באַשטימט זיך דורכגיין פון גרופּע צו גרופּע. עמעצן געהאַט פאַרגעבן פּראַגן, מיט עמעצן זיך דורכגעוואָרפן מיינסטנטייל מיט באַזונדערע ווערטער, זיך צוגעזעצט צו די שלאַכטלײַט, קעדיי פאַרפירן אַ געשפּרעך. כ'האָב זיך איבערצײַגט, אַז דער אוילעם איז אין גרונט שוין אַ מיליטעריש־אויסגעפּרווטער, די שטימונג אַ קעמפערישע. איך האָב גוט געוווסט, אַז ס'איז נייטיק אַ געשפּרעך מיט די סאָלדאַטן, איך האָב אָבער אויך געוווסט, אַז טיילמאָל איז פאַר די סאָלדאַטן וויכטיקער פונעם געשפּרעך דער באַוווסטזײַן, אַז דער פּאָליט־טוער, דער פּאָליטישער אָנפירער, גייט צוזאַמען מיט זיי, שטייט אויס די זעלבע שוועריקײַטן און סאַקאָנעס, וואָס זיי. און וואָס ערנסטער עס פּלעגט זײַן די שלאַכט־אומגעבונג, אַלץ וויכטיקער איז עס געווען.

ווײַט פאָרויס האָט איבער נאָוואָראָסיִיסק געלויכטן א פײַער־אָפּשײַן. ס׳האָבן זיך דערטראָגן הילכיקע זאַלפּן פון דער אַרטילעריע. מע איז שוין דערצו געוווינט. אַף לינקס, היפּש ווײַט פון אונדז, איז אין יאָם פאָרגעקומען א שלאַכט. דאָס האָבן זיך צונויפּגעשטויסן, ווי מע האָט מיר שפּעטער געזאָגט, אונדזערע און דײַטשישע טאָרפּעדן־קאַטערס. איך בין געשטאַנען אַפן רעכטן אָפּענעם פליגל פונעם אריבערגאַנגס־בריקל לעבן דעם לאָצמאַן. זײַן פאַמיליע־נאָמען איז, דאַכט זיך, געווען סאָקאָלאָוו.

— שלאַכטלײַט גייען אין דעסאַנט איין מאָל, — האָט ער מיר געזאָגט, — און קאַטערניקעס — אַלע נאַכט. און יעדע נאַכט — דאָס איז א שלאַכט. מע איז צוגעוווינט. מיר, לאָצמאַנען, פילן א באַזונדער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר אַלעמען. אין טאָג קומט אָפּטמאָל אויס פירן די שיפן, ווי מע זאָגט עס, בלינדערהייט. אַף דער יאַבאָשע קאָנען די סאַפּיאָרן זיך באַקענען מיטן פאַרמינירטן פעלד, מאַכן אין אים דורכגענג און פירן נאָך זיך מיט א זיכערקײַט די מענטשן. און אונדזער וועג פאַרמינירן אַלע מאָל די דײַטשן אַפּסנײַ — אי פון די עראָפּלאַנען, אי פון די שיפן. דאָרט, ווו מיר זײַנען נעכטן רויִק דורכגעגאַנגען, קאָן מען זיך הײַנט אָנשטויסן אַף א מינע.

וואָס נעענטער מיר זײַנען צוגעקומען צו דער צעמעסקער בוכטע, אַלץ שטאַרקער איז אָנגעוואַקסן דער געקנאַל פון דער שלאַכט. באַנאַכט האָט מען ניט אָפּט באָמבאַרדירט דעם פּלאַצדאַרם, און דאָ האָבן פון דער זײַט פון יאָם כוואַליעסווײַז זיך אָנגעטראָגן פײַנטלעכע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, זייער רויש האָט פאַרטויבט דער געקנאַל פון די אויפרײַסן, און דערפון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די עראָפּלאַנען גאַנוועגען זיך אונטער אָן א גערויש. זיי האָבן פּיקירט און זײַנען גלײַך, אויסקערעווענדיק זיך, אַוועק אין א זײַט. אונדזערע מענטשן האָבן דערפילט זיך ערנסטער, די פּנעמער זײַנען געוואָרן נאָך צאָרנדיקער, אינגיכן זײַנען מיר אויך אַרײַן אין דער שײַן.

די באַנאַכטיקע כאַשכעס בייסן אַריבערשיפן זיך איז ביכלאַל געווען א באַדינגלעכער באַגריף. פון ברעג האָבן געלויכטן די דײַטשישע פּראָזשעקטאָרן, קימאַט אָן אויפהער זײַנען געהאַנגען איבערן קאָפּ „לאַמטערנס” — באַלויכט־ראַקעטעס, אַראָפּגעוואָרפענע פון עראָפּלאַנען. ערגעץ פון רעכטס האָבן זיך דורכגעריסן צוויי פײַנטלעכע טאָרפּעדן־קאַטערס. אונדזערע „יאָם־יעגערס” האָבן זיי באַגעגנט מיט א שטאַרקן פײַער. דערצו נאָך האָט די פאַשיסטישע אוויִאַציע באָמבאַרדירט די צוטריטן צום ברעג.

אָט ווײַט פון אונדז און אָט נעענטער זײַנען געפאַלן באָמבעס, אויפהייבנדיק קאָלאָסאַלע מאַסעס וואַסער. א באַלויכטענע פון די פּראָזשעקטאָרן און פון די פאַרשיידנקאָליריקע פײַערן פון טראַסירנ־

דיקע קוילן, האָט דאָס וואסער געפינקלט מיט אלע קאָלירן פון רעגנבויגן. יעדע מינוט האָבן מיר געווארט אַף א קלאַפּ, און ניט געקוקט דערויף איז דער קלאַפּ געווען אַן אומגעריכטער. איך האָב אפילע ניט גלײַך פארשטאנען, וואָס עס איז געשען. פון פאָרנט האָט א דונער געטאָן, ס'האָט זיך אופגעהויבן א זײַל פײַער. עס האָט געמאכט אַן אײַנדרוק, אַז אונדזער שיף האָט זיך צעריסן. אין דער ווירקלעכקײַט איז עס טאַקע אזוי געווען: אונדזער סיינער איז ארויף אַף א מינע. איך מיטן לאָצמאַן זײַנען געשטאנען איינער לעבן אַנדערן, און ביידן האָט אונדז דער אופרײַס א שלײַדער געטאָן אין דער הייך.

קיין ווייטעק האָב איך ניט געפילט. וועגן אומקום האָב איך ניט געטראכט, דאָס איז אַף געוויס. דער אָנבליק פונעם טויט אין אלע זײַנע אנטפּלעקונגען איז שוין פאר מיר ניט געווען קיין נײַס, און כאָטש א נאָרמאלער מענטש קאָן זיך צו דעם ניט צוגעוווינען, צווינגט אָבער די מילכאָמע שטענדיק אויסרעכענען אויך פאר זיך אזא מעגלעכקײַט. מע שרײַבט צומאָל, אַז דער מענטש דערמאָנט זיך דאַן אין זײַנע נאָענטע, אַז דאָס גאנצע לעבן טראָגט זיך דורך פאר אים און ער באַווײַזט צו באַגרײַפן עפּעס פונעם סאַמע וועזנטלעכן וועגן זיך. מעגלעך, אַז אזוי פּאַסירט עס, נאָר בא מיר האָט אין יענעם מאָמענט זיך דורכגעטראָגן איין געדאַנק: נאָר ניט אַראָפּפאלן צוריק אַפן שיפדעק.

צום גליק, בין איך אַראָפּגעפאלן אין וואסער גאַנץ ווײַטלעך פון דעם סיינער. ארויסגעשווומען, האָב איך דערזען, אַז ער זינקט שוין. א טייל מענטשן האָט, ווי מיך, ארויסגעוואָרפן דער אופרײַס, אַנדערע זײַנען אליין געשפּרונגען פון דער שיף. פון די ייִנגלשע יאָרן בין איך גוט געשווומען, פאָרט אויסגעוואַקסן באַם דניעפּער, און כ'האָב זיך געהאלטן אין וואסער זיכער. אָפּגעעטעמט, האָב איך זיך ארומגעקוקט און דערזען, אַז ביידע מאָטאָבאָטן, באַפרײַטע פונעם בוקסיר, האָבן, ארבעטנדיק מיט די שרויפן, זיך פּאַמעלעך דערנעענטערט צו אונדז.

איך בין געווען לעבן דעם באָט נומ. 9, צו אים איז צוגעשווומען אויך דער לאָצמאַן סאָקאָלאָוו. אָנהאלטנדיק זיך מיט איין האַנט פאר דעם קאַנט פונעם באָט, האָבן מיר ביידע געהאָלפן זיך ארופקלײַבן אַף זײַן באָרט די, וועלכע האָבן אונטער דער לאַסט פון די קריגסמאַטעריאַלן אַף די אַקסלען, זיך קוים געהאלטן אַפן וואסער. מע האָט זיי ארופגעשלעפּט, און קיין איינער, דוכט מיר, האָט דאָס געווער ניט געוואָרפן.

די פּראָזשעקטאָרן האָבן שוין אונדז אָנגעטאַפּט, פּעסט זיך אײַנגעקלאַמערט אין אונדז, און פונעם ראַיאָן פון שיראָקאַיאַ באַלקאַ, מײַרעוודיקער פון מיסכאַקאָ, האָט אָנגעהויבן שיסן די אַרטילעריע.

זיי האָבן געשאָסן ניט פּינקטלעך, נאָר פון די אופרײַסן האָט דעם באָט געשלײַדערט הין און צוריק. די קאַנאָנאַדע איז ניט אנשטילט געוואָרן, אָבער די סנאַריאַדן אַרום האָבן אומדערוואַרט אופגעהערט זיך צו רײַסן. קענטיק, אַז אונדזערע קאַנאָנען האָבן אַ זעץ געטאָן איבער די פײַנטלעכע באַטאַרייעס. און אינעם דאָזיקן טומל האָב איך דערהערט אַ בייז געשריי:

— דו ביסט טויב געוואָרן, צי וואָס? דערלאַנג די האַנט!

דאָס האָט, אויסשטרעקנדיק אַ האַנט, געשריגן אויף מיר, ווי ס׳האָט זיך נאָכדעם אויסגעקלאָרט, דער סטאַרשינאַ פון צווייטן ראַנג זיי־מאַדאַ. ער האָט ניט געזען אין וואַסער די פּאַגאָנעס, און דאָס איז ניט געווען וויכטיק אין אַזאַ מאָמענט. די דעסאַנטנטע מאַטאַבאָטן זיצן, ווי באַוווסט, נידעריקער און זיי האַלטן זיך איבערן סאַמע וואַסער. אָנגעכאַפּט זיך פאַרן באַלקן, האָב איך זיך אַ ריס געטאָן אַרויף, און שטאַרקע הענט האָבן מיך אונטערגעכאַפּט.

ערשט דאָ האָב איך דערפילט אַ פיבער: אַפּרעל איז אַפּילע אין שוואַרצן ים ניט די סאַמע פּאַסיקע צײַט אויף באָדן זיך. דער סיי־נער איז שוין אויך וואַסער ניט געווען. די שלאַכטלײַט האָבן אויסגע־קוועטשט די מאַלבושים און זיך שטיל געזידלט: „טײַוולאָנישער פּריץ, פּאַרשאָלטענערז״ בײַסלעכווײַז זײַנען אַלע אנשוויגן געוואָרן, אײַנאָרדענענדיק זיך הינטער די קעסטלעך און פּעק. מע האָט זיך געלייגט צונויפגעקאָרטשעטע אָדער מיטן פּאָנעם אַראָפּ, פּונקט ווי דאָס וואָלט געקאָנט ראַטעווען. און דער סאַמע איקער האָט אונדז דערוואַרט שפּעטער. דער איקער איז געווען די שלאַכט, אין וועל־כער ס׳איז אונדז פאַרגעשטאַנען גלײַך אַרײַנטרעטן.

און פּלוצעם איז אין אָט דער טראַגישער לאַגע, בײַ דער שײַן פון אופרײַסן און פײַערדיקע טראַסירונגען, געבוירן געוואָרן אַ ליד. ס׳האָט זי געזונגען אײנער פון די מאַטראָסן, אַ מענטש, ווי מיר גע־דענקט זיך, זייער אַ הויכער; דאָס איז געווען אַ ליד, וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן אויף דער קליינער ערד. אין איר האָט זיך גערעדט וועגן דעם אומגעוואַקלטן ווילן און קראַפט פון אָט אַזעלכע שלאַכט־לײַט, וועלכע זײַנען איצט געווען אויפן באָט. איך האָב געוווסט די ליד, נאָר איצט דוכט זיך מיר, אַז גראָדע דעמלט האָב איך זי צום ערשטן מאָל געהערט. אין מײַן זיקאָרן האָט זיך אײַנגעקריצט די שורע: „אויף יענע הילצערנע שיפלעך שווימען אײַזערנע מענטשן״.

לאַנגזאַם האָבן זיך גענומען אופהייבן קעפּ. די, וואָס זײַנען גע־לעגן, האָבן זיך אופגעזעצט, די זיצנדיקע — זיך אופגעשטעלט. און אָט האָט שוין עמעצער גענומען אונטערהאַלטן די ליד. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם דאָזיקן מאָמענט: די ליד האָט אויסגע־גלײַכט די מענטשן. ניט געקוקט אויפן נאָרוואָס איבערגעלעבטן,

האָבן אַלע זיך דערפילט זיכערער, באַקומען אַ קעמפערישן אויסזען.

אינגיכן האָט דער באַט אָנגעהויבן זיך ריַיבן אינעם דנאָ פונעם יאַם, און מיר האָבן גענומען שפּרינגען אַפן ברעג. ס'האָבן שטרענג אַ קלונג געטאָן די קאָמאַנדעס, די שלאַכטליַיט האָבן אויסגעלאָדן די קעסטלעך מיט קריגס־מאַטעריאַלן, אַנדערע האָבן, אַרופכאַפּנדיק זיי אויף די אַקסלען, זיך געלאָזט לויפן — אונטערטריַיבן האָט מען ניט געדאַרפט, דאָס פיַיער איַילט אונטער, — און געטראָגן זיי צו די באַ־העלטענישן. אַראָפּגעוואָרפן די קעסטלעך, איז מען אינעם זעלבן אויגנבליק געלאָפן אויף צוריק, און אַלץ אונטער אַ באַשיסונג, אונ־טערן געקנאַל פון דער אומופהערלעכער באָמבאַרדירונג. און פון ברעג האָט מען שוין געטראָגן אויף טראָגבעטלעך פאַרוווּנדעטע, צוגעגרייטע אויף צו עוואַקויִרן, וועלכע אונדזערע ניַי־צוגעקומענע שלאַכטליַיט האָבן געדאַרפט פאַרביַיטן.

דער נידעריקער ביַיברעג־פּאַס איז געווען באַדעקט מיט שטיינד־לעך. וויַיטער האָט זיך אויפגעהויבן אַ שיפּויִקער באַרג מיט צעגראָ־בענע היילן. אָט צו זיי טאַקע האָט מען געדאַרפט צולויפן, קעדיי זיך באַהאַלטן פונעם פיַיער, און נאָכדעם, פאַרקליַיבנדיק זיך נאָך אויף אָן אָנדערהאַלבן צענדליק מעטער העכער, אַריַינשפּרינגען אין דער טראַנשיי, וואָס פירט אין דער טיף פון דער קליינער ערד. און כאָטש, איך כאַזער איבער, דאָס איקערדיקע איז נאָך פאָרגעשטאַנען, האָבן דאָ די מענטשן זיך שוין געפילט רויִק. דורך די פאַריינִיקטע דורכגעגנג האָט מען פונדאַנען געקאָנט זיך דערקליַיבן צו אַ באַלי־ביקער שלאַכט־טייל אַפן פּלאַצדאַרם, שיר ניט צו יעדער באַזונ־דערער אָפּטיילונג.

איבערשווימען פון איין ברעג צום אַנדערן איז שטענדיק געווען געפערלעך, אַליין דאָס שווימען איז ניט דורכגעגאַנגען אָן אַ ריזיקע, ווי אויך דאָס אויסלאָדן, דאָס איבערלויפן און דאָס אויפהייבן זיך אַפן באַרג, נאָר אַלע מאָל, ווען איך פלעג קומען אויף דער קליינער ערד, פלעג איך טראַכטן דאָס זעלבע: וויאַזוי זשע האָבן זיך דאָ אַרויסגעצ־זעצט אונדזערע מענטשן, ווען אַפן אָרט פון די איצטיקע באַהעלטע־נישן, ווו מע קאָן זיך ראַטעווען, זיַינען געשטאַנען דיַיטשישע קוילנ־וואַרפערס און איבער די דורכגעגנג זיַינען געלאָפן די היטלעראָווי־צעס מיט אווטאָמאַטן און גראַנאַטעס, אומזעבאַרע פאַר די דעסאַנט־לער? באַ יעדערן, ווער עס האָט זיך דערמאָנט, אַז יענע, די ערשטע, איז געווען פיל שווערער, איז זיכער צוגעקומען קויכעס.

דאָך, ווי באַוווּסט, האָבן מיר איַינגעהאַלטן די קליינע ערד פּונקט אַזויפיל ציַיט, וויפל ס'איז געווען נייטיק לויט די פּלענער פון דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט — 255 טעג. טאַקע וועגן דעם, וויאַזוי מיר האָבן זיי דעמלט דורכגעלעבט — וויל איך דערציילן.

2

די מילכאָמע איז אונדז ניט נייטיק געווען. נאָר ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן, איז דאָס גרויסע סאָוועטישע פאָלק מוטיק אַרײַנגעטראָטן אינעם בלוטיקן געפעכט מיט די אַגרעסאָרן.

איך געדענק, אין 1940 יאָר האָט דער דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטקאָם פון דער פּארטיי צונויפגערופן א בּאַראַטונג פון לעקטאָרן. איך האָב דעמלט געלייגט באַזונדערע אכט אף דער מיליטעריש-פּאַטריאָטישער פּראָפּאַגאַנדע, און וועגן דעם איז טאַקע געגאַנגען בא אונדז דער שמועס. ווי באַוווּסט, איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיט דײַטשלאַנד וועגן ניט אָנפאַלן, אין די צײַטונגען האָט מען פּובּליקירט פאָטאָ-בּילדער: מאָלאָטאָוו בּאַגעגענישן מיט היטלערן, ריבּענטראָפּ מיט סטאַלינען, דער אָפּמאַך האָט אונדז געגעבּן די נייטיקע פּאַוזע אף איבּערכאַפּן דעם אָטעם, געגעבּן צײַט אף פאַרשטאַרקן די שוצפעיִקײַט פונעם לאַנד, נאָר ניט יעדערער האָט עס פאַרשטאַנען. און אָט, איך זע עס ווי איצט, האָט זיך אופגעשטעלט איינער פון די אָנטיילנעמער פון דער בּאַראַטונג, א גוטער לעקטאָר, זײַן פאַמיליע איז געווען סאַכנאָ, און האָט געפרעגט:

— כאָוועער ברעזשנעוו, מיר דאַרפן אופקלערן וועגן ניט אָנפאַלן, אַז דאָס איז ערנסט, און דער, וואָס גלייבּט ניט אין דעם, דער פירט פּראָוואָקאַציאָנעלע רייד. אָבּער דאָס פאָלק גלייבּט ווייניק. איז ווי דאַרפן מיר זיך אופירן? אופקלערן, צי ניט אופקלערן?

די צײַט איז געווען א גאַנץ קאָמפּליצירטע, און זאָל זײַנען געזעסן א פיר הונדערט מענטשן, אַלע האָבּן געוואַרט אף מײַן ענטפער, און לאַנג זיך פאַרטראַכטן איז ניט געווען קיין מעגלעכקײַט.

— אומבּאַדינגט אופקלערן, — האָבּ איך געזאָגט, — מיר וועלן אַזוי לאַנג אופקלערן, כאָווײרים, בּיז פון דעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד וועט ניט בּלײַבּן קיין שטיין אף א שטיין!

אין יענער צײַט בּין איך געווען סעקרעטאַר פונעם דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטקאָם איבּער דער שוץ-אינדוסטריע. און אויבּ עמעצער האָט זיך געקאָנט נאָך דערלויבּן זאָרגלאָזיקײַט, האָבּ איך טאָגטעגלעך געמוזט טראַכטן וועגן דעם, וואָס אונדז שטייט פאָר. אף מײַן גורל זײַנען אויסגעפאַלן ניט ווייניק וויכטיקע און דרינגענדיקע איניאַנים, וועלכע זײַנען פאַרבּונדן מיט אָרגאַניזירן און קאָאָרדינירן אַזאַ מעכטיקן שוץ-קאָמפּלעקס, ווי ס'איז אין יענער צײַט געווען דאָרעם-אוקראַינע, בּאַזונדערס דער בײַדניעפּער-ראַיאָן.

די זאָוואָדן, וועלכע האָבּן אַרויסגעלאָזט אויסשליסלעך פרידלעכע פּראָדוקציע, זײַנען אַריבּערגעגאַנגען אף מיליטערישע רעלסן, אונדזערע מעטאַלורגן האָבּן בּאַהערשט ספּעציעלע מאַרקעס שטאָל, מיר איז אויסגעקומען זיך פאַרבּינדן מיט פאָלקאָמאַטן, פליִען קיין מאָסק-

ווע, אָן אופהער ארומפאָרן איבער דער געגנט. מיר האָבן ניט געווסט פון קיין רו־טעג, אין דער מישפּאָכע בין איך געווען נאָר צײַטנווײַז. איך געדענק, אז אין דער נאכט אפן 22 יון 1941 בין איך ביז שפּעט זיך פארזעסן אין געגנטקאָם און דערנאָך נאָך ארויסגעפאָרן אפן מיליטערישן אעראָדראָם, וועלכן מיר האָבן געבויט הינטער דניעפּראָפּעטראָווסק. דער דאָזיקער סטראטעגיש וויכטיקער אָביעקט האָט זיך געפונען אונטערן קאָנטראָל פון צק, די ארבעט איז געגאנגען טאָג און נאכט, און בלויז קאיאָר האָב איך זיך געקאָנט אומקערן פון דעם בוי־פּלאץ.

צופאָרנדיק צו דער שטוב, האָב איך באם ארײַנגאנג דערזען שטיין די מאשין פון ק. ס. גרושעוואָיען, וועלכער האָט דעמלט פארטראָטן דעם ערשטן סעקרעטאר פון געגנטקאָם. כ'האָב גלײַך פארשטאנען: ס'איז עפּעס געשען. בא אים אין די פענצטער האָט זיך געלויכטן, און בא דער שײַן פונעם אופגעגאנגענעם באגינען האָט עס אויסגעזען ווילד. ער האָט ארויסגעקוקט, געגעבן מיר א צייכן, כ'זאָל זיך אופהייבן. גייענדיק נאָך אף די טרעפּ, האָב איך דערפילט, אז ס'איז געשען עפּעס ניט גוטס, און דאָך האָב איך אופגעציטערט, דערהערנדיק: „מילכאָמע!”. און אין אָט דער מינוט האָב איך, ווי א קאָמוניסט, פעסט און ענדגילטיק באשטימט, ווו איך דארף זײַן. כ'האָב זיך געווענדט אין צק מיט א ביטע, מע זאָל מיך שיקן אפן פראָנט, — און אין דעם זעלבן טאָג איז מײַן ביטע באפרידיקט געווארן. מע האָט מיך געשיקט אין רעשוס פון שטאב פונעם דאָרעמדיקן פראָנט.

איך בין דאנקבאר דעם צענטראל־קאָמיטעט פון אונדזער פארטיי פאר דעם, וואָס עס איז באוויליקט געוואָרן מײַן שטרעבונג צו זײַן אין דער אָפּערירנדיקער ארמיי פון די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע. דאנקבאר, וואָס אין 1943 יאָר, ווען א טייל פון אונדזער טעריטאָריע איז באפרײַט געוואָרן, האָט מען זיך גערעכנט מיט מײַן ביטע — ניט אָפּרופן מיך צווישן דער צאָל פון די פּארטייִשע פראָנט־טוער, וועלכע מע שיקט אף אָנפירנדיקער ארבעט אין הינטערלאנד. דאנקבאר אויך פאר דעם, וואָס אין 1944 יאָר איז געווען באפרידיקט מײַן ביטע ניט באשטימען מיך אף א מער העכערן פּאָסטן, וועלכער וואָלט מיך דערווײַטערט פון די דירעקטע שלאכטאָפּעראציעס, נאָר מיך איבערלאָזן ביזן סאָף פון דער מילכאָמע אין דער 18־טער דעסאנט־ארמיי. איך האָב געהאט איין געפיל — פארטיידיקן אונדזער ערד, שלאָגן דעם סוינע אומעטום און איבעראל, דערגיין ביזן סאָף, ביזן פולן זיג. בלויז אזוי האָט מען געקאָנט אומקערן דעם שאָלעם אף דער ערד.

מיט דער 18־טער ארמיי איז פארבונדן מײַן פראָנט־לעבן, און זי איז אף שטענדיק געוואָרן פאר מיר א לײַבלעך־אייגענע. אין די

רייען פון דער 18־טער האָב איך זיך געשלאָגן אין די בערג פון קאווקאז אינעם מאָמענט, ווען דאָרט האָט זיך געלייזט דער גורל פונעם היימלאנד, געקעמפט אַף די פעלדער פון אוקראַינע, אריבער־געגאנגען די קארפּאטער בארג־רוקנס, אָנטיילגענומען אין באפרײַען פוילן, רומעניע, אונגארן, טשעכאָסלאָוואקיע. מיט אָט דער ארמיי בין איך געווען אַף דער קליינער ערד, וואָס איר ראָליע אין באַ־פרײַען נאָוואָראָסיִיסק און דעם גאנצן טאמאנער האלב־אינדזל איז באדײַטנדיק.

עס טרעפט, א מענטש פאלט ארײַן אין אזעלכע באדינגונגען, אז ער ווערט פאר א יאָר דערזען, זיך דערוויסן, דורכפילן אזויפיל, וואָס אין אן אנדער צײַט וועט עס ניט ארײַנעמען אין זיך א גאנץ לעבן. די אָנגעזעטיקטקײַט פון געשעענישן אפן דאָזיקן פּלאַצדארם איז געווען אזוי שטארק און די קעסיידערדיקע שלאכטן אזעלכע גרויס־זאמע, אז עס האָט זיך געדוכט, זיי דויערן ניט 255 טעג, נאָר א גאנצע אייביקײַט. און דאָס אלץ האָבן מיר איבערגעלעבט.

אין געאָגראפישן זין עקזיסטירט ניט קיין קליינע ערד. קעדיי פארשטיין דאָס ווײַטערדיקע, דארף מען זיך קלאָר פאָרשטעלן אָט דאָס שטיינערדיק שטיקל יאבאָשע, וואָס שפּארט זיך אָן אין וואסער. זײַן לענג לויטן פראָנט איז געווען זעקס קילאָמעטער, די טיף — סאכאקל פיר מיט א האלבן קילאָמעטער, און אָט די ערד האָבן מיר, וואָס ס׳זאָל ניט זײַן, געמוזט אײַנהאלטן.

וויאזוי איז אופגעקומען דער דאָזיקער פלאצדארם? נאָוואָראָסיִיסק געפינט זיך אַף די ברעגן פון דער צעמעסקער בוכטע, וועלכע שנײַדט זיך טיף אײַן אין די בערג. דאָרט זײַנען פאראן צוויי צע־מענט־זאוואָדן — „פּראָלעטאריער״ און „אָקטיאבער״. פון איין זײַט זײַנען געווען מיר, פון דער אנדערער — די דײַטשן. צום אָנהייב 1943 איז דער גאנצער לינקער ברעג געווען אין די הענט פונעם קעגנער, וועלכער האָט פון דער הייך קאָנטראָלירט די באוועגונג פון אונדזער פלאָט. און די דאָזיקע פּריווילעגיע האָט מען געדארפט בא אים אָפּנעמען. איז געבוירן געוואָרן א געדאנק: לאָמיר פּרוּוון ארויסזעצן א דעסאנט און פארכאפּן די נאָוואָראָסיִיסקער פּאָרשטאָט. דאָס וואָלט ניט נאָר מער געזיכערט די בוכטע, אז דער סוינע זאָל ניט ארײַנדרינגען אין אירע וואסערן, נאָר וואָלט אונדז פארלײַכ־טערט אלע קינפטיקע שלאכטן.

די היטלעראָווצעס האָבן עס גוט פארשטאנען. איך וועל זיך באַ־מיִען ניט מיסברויכן מיט ציפערן, נאָר איין ציפער וועל איך ברענ־גען. איבער דעם פלאצדארם, ווען מיר האָבן אים פארנומען, האָבן די פאשיסטן אָן אופהער געשאָסן מיט א ריזיקער צאָל סנאריאדן און באָמבעס, ניט ריידנדיק שוין וועגן דעם פײַער פון די אווטאָ־מאטן און קוילנווארפערס. ס׳איז אונטערגערעכנט, אז אַף יעדן

1*

פארטיידיקער פון דער קליינער ערד האָט באטראָפן צו 1250 קילאָגראם פון אָט דעם טויט־טראָגנדיקן מעטאל.

אפן פלאצדארם האָט זיך געשלאָגן קימאט צוויי דריטל פון דער 18־טער דעסאנט־ארמיי, און דעם גרעסטן טייל פון מײַן צײַט האָב איך פארבראכט אף דער קליינער ערד. אזוי, אז אויך אף מײַן כיילעק איז געווען אָנגעמערקט עפּעס־וואָס פון יענע קילאָגראמען פֿרנעם טויט־טראָגנדיקן מעטאל.

איך דענק, אז דער דעסאנט אף דער קליינער ערד און די שלאכטן אף איר קאָנען דינען פאר א מוסטער פון מיליטערישער קונסט. מיר האָבן באזונדערס אופמערקזאם אָפּגעקליבן די מענטשן, ספּעציעל זיי געגרייט. אפן קאַפּ טאָנקי אין געלענדזשיק האָבן מיר טרענירט די שטורעם־גרופּעס, געלערנט זיי שפּרינגען אין וואסער מיט קוילנווארפערס, קלעטערן איבער פעלדזן, ווארפן גראנאטעס פון ניט באקוועמע פּאָזיציעס. די שלאכטלײַט האָבן באהערשט אלע מינים טראָפיי־געווער, זיך אויסגעלערנט ווארפן מעסערס, שלאָגן מיט די קאָלבעס, איבערבינדן ווונדן, אָפּשטעלן בלוט. מע האָט פארגעדענקט די באדינגלעכע סיגנאלן, די קונץ — מיט פארבונדענע אויגן אָנלאָדן די דיסקן פון אווטאָמאטן, לויטן קלאנג פונעם שאָס באשטימען, פונוואנען ווערט געפירט דאָס פײַער. אָן דער דאָזיקער לער וואָלט געווען אומעגלעך דורכצופירן דעם געוואגטן דעסאנט און באזונדערס דאָס ערשטע באנאכטיקע געפעכט, ווײַל אלץ איז פאָרגעשטאנען צו טאָן אין דער פינצטער, בלינדערהייט.

אין דער ערשטער גרופּע, וועלכע איז אָנגערופן געוואָרן — אָטריאד מיט א באזונדער שליכעס, — האָט מען גענומען בלויז פרײַוויליקע. און בלויז אזעלכע, וועלכע האָבן שוין ארויסגעוויזן העלדישקײַט. אלס קאָמאנדיר פונעם דעסאנט האָט מען באשטימט דעם מאיאָר צ. ל. קוניקאָוון. אָט דעם קלוגן און שטארקן מענטשן האָב איך באמערקט נאָך אין די פריערדיקע שלאכטן, ווען ער האָט קאָמאנדעוועט מיט א באטאליאָן פון יאם־פּעכאָטע. פארטרעטער פונעם קאָמאנדיר לויט דער פּאָליטישער טייל איז געווען דער עלטערער לייטענאנט נ. וו. סטארשינאָוו, שעף פונעם שטאב — מאיאָר פ. יע. קאָטאנאָוו, וועלכע האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט אין די שלאכטן. אלע דרײַ האָט מען שפּעטער צוגעייגנט דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד. קוניקאָוון — נאָכן טויט (ער איז אומגעקומען אפן פערטן טאָג נאָכן ארויסזעצן דעם דעסאנט), סטארשינאָוון און קאָטאנאָוון — אין די שלאכטן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען שוין נאָך דער קליינער ערד.

באם פאָרמירן דעם אָטריאד איז זיי געגעבן געוואָרן דאָס רעכט אָפּצוקלײַבן מענטשן פון באליביקע טיילן פון דער נאָוואָראָסיִיסקער מיליטערישער יאם־באזע. דאָס דאָזיקע רעכט איז, פארשטייט זיך,

אן אויסשליסלעכס, ס'האָט עס אָבער דיקטירט די נויטווענדיקייט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ דעסאַנט איז זייער גרויס די ראָל בוכשטעבלעך פון יעדן שלאַכטמאַן. אף אַזאַ אופן זיינען צו־נויפגעקליבן געוואָרן פינף שטורעם־גרופּעס, פאַרייניקטע אין אַן אָטריאַד פון 250 מענטשן. אין די שווערסטע אויספּרוּוון איז זיי פאַרגעשטאַנען צו זיין פון פאַרנט, און זיי האָבן אויסגעפילט זייער כויוו.

אין 1974 האָב איך אין נאָוואָראָסיִיסקער מוזיי געזען אַ מערק־ווירדיקן דאָקומענט. דאָס איז אַ ראַפּאָרט פונעם עלטערן לייטענאַנט וו. אַ. באָטילעוו, וועלכער האָט זיך ארויסגעזעצט אפן פּלאַצדארם אין איין נאַכט מיט קוניקאָוון. באָטילעוו האָט געשריבן: „איך טייל מיט, אַז אין דער ערשטער שטורעם־גרופּע איז דערהארגעט 1 מענטש, פאַרוואונדעט — 7 מענטשן. פון זיי דערהאַרגעטע קאַנדי־דאַטן פון אַלקפּ(ב) — 1 מענטש, קאַנדידאַטן פון אַלקפּ(ב) פאַרוווּנ־דעטע — 4 מענטשן, קאָמיוגיסטן פאַרוואונדעטע — 2 מענטשן. אומ־פּאַרטייִשע פאַרוואונדעטע — 1 מענטש. די ערשטע שלאַכט־אויפגאַ־בע, וואָס די קאָמאַנדשאַפט האָט געשטעלט, איז אויסגעפילט. דער פּאָליטיש־מאָראלישער צושטאַנד פון דער גרופּע איז אַ הויכער".

דאָ וועט זיין צום אָרט דערמאָנען, אַז אף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע זיינען מיט אַ העלדנטויט גע־פאַלן דריי מיליאָן קאָמוניסטן. און פינף מיליאָן סאָוועטישע פּאַט־ריאָטן האָבן פאַרפולט די רייען פון דער פּאַרטיי אין די מילכאָמע־יאָרן. „איך וויל גיין אין שלאַכט אַלס קאָמוניסט" — אָט די ווער־טער, וואָס זיינען געוואָרן לעגענדאַרע, האָב איך געהערט שיר ניט פאַר יעדער שלאַכט, און וואָס שווערער ס'זיינען געווען די שלאַכטן, אַלץ אָפטער. וואָס פאַר אַ להאָטעס האָט געקאָנט באַקומען אַ מענטש, וועלכע רעכט האָט אים געקאָנט געבן די פּאַרטיי ערעוו אַ טויט־געפעכט? בלויז איין פּריווילעגיע, בלויז די איינציקע רעכט, בלויז די איינציקע פליכט — זיך אופהייבן דער ערשטער אין דער אַטאַקע, דער ערשטער זיך אַ ריס טאָן אַנטקעגן דעם פייער.

פאַרן אַרויסזעצן זיך האָט דער אָטריאַד אָנגענומען אַ שוווּע. דער קאָמוניסט קוניקאָוו האָט אַלעמען אויסגעשטעלט אף ניט קיין גרויסן פּלאַץ, נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז די אָפּעראַציע איז אַ טויט־געפער־לעכע, און געוואָרנט: ווער עס פילט, אַז ער וועט ניט אויסהאַלטן די אויספּרוּוון, קאָן ניט גיין אין דעסאַנט. ער האָט ניט געגעבן קיין קאָמאַנדע, אַז די דאָזיקע מענטשן זאָלן מאַכן, לאָמיר זאָגן, דריי שפּאַן פאָרויס. שאַנעוועדיק זייער אייגנליבע, האָט ער געזאָגט:

— פונקט אין צען מינוט אַרום בעט איך ווידער זיך אויסשטעלן אין דער ריי. דער, וואָס איז ניט זיכער אין זיך, זאָל אין ריי זיך

ניט שטעלן, זיי וועלן ווערן אָפּגעשיקט אין זייערע טיילן אלס דורכ־געגאַנגענע א לערן־קורס.

ווען דער אָטריאַד האָט זיך אויסגעשטעלט, האָבן אין די רייען אויסגעפעלט בלויז צוויי מענטשן.

די פּיַערלעכע שוווּע, וואָס מע האָט אָנגענומען פאַרן ארויסגיין אין יאַם, קאָן מען אויך איצט, אין צענדליקער יאָרן ארום, ניט לייענען אָן רעגונג:

„גייענדיק אין שלאַכט, — זאָגט זיך אין איר, — גיבן מיר א שוווּע דעם היימלאַנד, אז מיר וועלן האַנדלען בליצשנעל און דרייסט, ניט שאַנעווענדיק דאָס לעבן צוליבן זיג איבערן סוינע. דעם ווילן אונד־זערן, די קויכעס אונדזערע און דאָס בלוט אונדזערס, טראָפּן נאָך טראָפּן, וועלן מיר אָפּגעבן פאַרן גליק פון אונדזער פאָלק, פאַר דיר, הייס געליבט היימלאַנד... אונדזער געזעץ איז און וועט זיַין בלויז — באַוועגן זיך פאָרויס".

אומקערנדיק זיך אין געדאַנק צו יענע שטורמישע טעג, דערמאָ־נענדיק זיך די האַרבע שוווּע, פיל איך שטענדיק נעשאָמע־רעגונג און שטאָלץ. די געשיכטע ווייסט ניט ווייניק העלדישע אופטוען פון יעכידים, נאָר בלויז אין אונדזער גרויס לאַנד, בלויז געפירטע פון אונדזער גרויסער פּאַרטיי, האָבן די סאָוועטישע מענטשן דערוויזן, אז זיי זיַינען פייִיק אף מאַסן־העלדישקיַיט.

3

אלזאָ, ס'איז אָנגעקומען די נאַכט פון ארויסזעצן דעם דעסאַנט. איך געדענק גוט די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אינעם האַפן. איך האָב ניט געזען קיין איין אָנגעכמורעט געזיכט, די פּענעמער זיַינען גיכער געווען פריילעכע, זיי האָבן אויסגעדריקט אומגעדולד. די יאַמליַיט האָבן לויפנדיק געשלעפּט אף זיך די קאַסטנס און גע־שריִען: „פּאָלונדראַ!" בא איינעם, געדענק איך, האָב איך געפרעגט:

— וואָס איז אַזוינס פּאָלונדראַ?

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, „היט זיך". אזוי האָב איך זיך דערוווּסט דעם באַטיַיט פונעם דאָזיקן וואָרט.

די נאַכט פונעם 3 אפן 4 פעוראַל 1943 יאָר איז געווען זייער א פינצטערע. שטיל זיַינען ארויס די קאַטערס מיט די דעסאַנטניקעס פון געלענדזשיק צו דער צעמעסקער בוכטע. פון דאָרטן, פונעם פאַנאַנדערשפּרייטונגס־פּונקט, האָבן זיי לויט די סיגנאַל־ראַקעטעס זיך געלאָזט צום ברעג. איינציַיטיק האָט איבערן ברעג־פּאַס א קלאַפּ געטאָן אונדזער ארטילעריע, וואָס איר פיַיער איז פון פריִער געווען פּינקטלעך אָנגעצילט אהין. אינעם געקנאַל פון די אופריַיסן האָבן

זיך אריינגעריסן פייערדיקע זאלפן פון די „קאטיושעס" (ס׳ערשטע מאָל אין דער פּראַקטיק פון דער מילכאָמע איז אַף דער טראל־שיף „סקומבריא" געווען מאָנטירט א רעאקטיווע איינריכטונג). צוויי טאָרפּעדן־קאטערס האָבן אַף א גרויסער שנעלקייט איבערגעשניטן דעם וועג פון די דעסאנט־שיפן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א רויך־פאָרהאנג, קעדיי זיי אויסבאהאלטן פון דעם פייער פונעם ברעג. דער וועכטער־קאטער האָט באשאָסן דעם ראיאָן פונעם פיש־זאוואָד, פארניכטנדיק דעם סוינעס פייער־נעסטן, וועלכע זיינען פארבליבן נאָך דער באשיסונג פון אונדזער ארטילעריע. אינעם מאָמענט, ווען די קוניקאָווצעס האָבן זיך א וואָרף געטאָן אפן ברעג, האָבן אונדזערע באטארייעס איבערגעטראָגן דאָס פייער אין דער טיף.

אַף דער מילכאָמע גייט ניט אלץ לויטן פלאן. ניט שטענדיק קו־מען פאָר די שלאכטן אזוי, צומאָל אינגאנצן ניט אזוי, ווי זיי זיינען אָנגעצייכנט אַף די שטאב־קארטעס. און דעמלט איז בעעמעס אנט־שיידנדיק די געוואגטקייט, איבערגעגעבנקייט, איניציאטיוו פון יעדן קאָמאנדיר און פאָליט־טוער, פון יעדן סאָלדאט און מאטראָס. די מיליטערישע היסטאָריקער ווייסן, אז ס׳איז געווען א פרווו צו פאר־כאפּן א פלאצדארם אויך אין אן אנדער אָרט, דרייסיק קילאָמעטער פונדאנען, אין ראיאָן פון יוזשנאיא אָזערייקא. אייגנטלעך, איז דער גרונט־דעסאנט טאקע געווען אָנגעמערקט אהין, נאָר ס׳האָט גע־שטערט דער שטורעם, וואָס האָט פארהאלטן דעם ארויסגאנג פון די שיפן, עס האָבן פארשפּעטיקט אָנצוקומען אַף זייערע ארויסגאנג־גרענעצן אויך די פעכאָטנע טיילן. און דער דורכרייס פון די קוני־קאָווצעס, אן אומגעריכטער פארן סוינע, האָט זיך פארענדיקט מיט א פולשטענדיקן דערפאָלג, און מיר האָבן עס בליצשנעל אויסגע־נוצט.

דער דעמאָנסטראטיוועך דעסאנט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א געהילפס־דעסאנט, און דערנאָך איז ער געוואָרן דער גרינטלע־כער. פון אים האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָפּייע פון דער קליינער ערד. דורכגעשלאָגן זיך דורך דעם פייער־פאָרהאנג, האָט אונדזער שטורעם־אָטריאד באוויזן צו פארנעמען נאָך גאָר ניט קיין גרויסן, אָבער זייער א וויכטיקן באצירק אפן ברעג אין ראיאָן פון דער באוואָראָסייסקער פאָרשטאָט סטאניטשקי. עס זיינען פארניכטעט גע־וואָרן בא טויזנט פאשיסטן, מיר האָבן אָפּגעשלאָגן פיר טראָפּיי־קאָ־באָנען, וועלכע האָבן טייקעף געעפנט א פייער איבער דעם סוינע. אין אָנדערהאלבן שאָ ארום האָט זיך דאָ ארויסגעזעצט די צווייטע גרופּע דעסאנטלער, נאָכדעם נאָך איינע, זייער צאָל איז שוין אויס־געוואקסן ביז 800 מאן.

צום אָרט, ווו מע האָט זיך ארויסגעזעצט, האָט דער קעגנער

אריבערגעוואָרפן נײַע טיילן, ס׳האָט באַמבירט די פּאַשיסטישע אוויִאַציע, איבער דעם פּלאַצדאַרם האָט גענומען שיסן די שווערע אַרטילעריע, עס זײַנען געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער פאַר־צווייפלטע קאָנטראַטאַקעס. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט: די דעסאַנטלער האָבן באַוויזן זיך גרינטלעך פאַרפעסטיקן. זיי האָבן באַהערשט עטלעכע קוואַרטאַלן פון סטאַניטשקי און די אײַזנבאַן־ליניע אַף אַ שטרעקע פון דרײַ קילאָמעטער. און כאָטש די פאַרלוסטן זײַנען געווען ניט קיין קליינע, זײַנען זיי אַף קיין שפּאַן ניט אָפּגע־טראָטן. די סאָלדאַטן און מאַטראָסן זײַנען געבליבן טרײַ דער שוווּע, זיי האָבן געוווּסט, אַז מע דאַרף זיך האַלטן, ביז ס׳וועלן אָנקומען די הויפּט־קרעפטן, עס האָט זיך נאָך געפילט דער פרייליכער אַזאַרט פונעם געלונגענעם דעסאַנט — אַזעלכע האָב איך זיי פאַרגעדענקט, די דאָזיקע מענטשן.

פאַר עטלעכע נעכט האָבן זיך אַרויסגעזעצט אַפן פּלאַצדאַרם צוויי בריגאַדעס פון דער יאַם־פּעכאָטע, אַ שיסער־בריגאַדע, אַ פּאָלק פון קעגנטאַנקען־פאַרניכטלער און אַנדערע טיילן. אַפן ברעג האָט מען אויסגעלאָדן הונדערטער טאָן קריגס־מאַטעריאַלן און שפּײַז. אין פינף טעג אַרום האָבן אינעם ראַיאָן פון סטאַניטשקי און מיסכאַקאָ זיך שוין געפונען 17 טויזנט שלאַכטלײַט מיט אויטאָמאַטן, מינען־וואַרפערס, האַרמאַטן, קעגנטאַנקען־קאַנאָנען. דערנאָך האָבן זיך אַרויסגעזעצט אַף דער קליינער ערד פינף פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן — „פאָרן פאָטערלאַנד״, „געוויטער״, „נאָרד־אָסט״, „נײַער״ און „יאַסט־רעבאָק״.

אויסנוצנדיק די געלעגנהײַט, וויל איך זאָגן עטלעכע גוטע ווער־טער וועגן די פּאַרטיזאַנער. אויב עמעצער האָט וועגן זיי אַ פאַר־שטעלונג, ווי וועגן עפּעס אָפּגעזונדערטע גרופּעס באַם סוינע אין הינטערלאַנד, איז עס אַ פעלערהאַפטע פאָרשטעלונג. פיל אָטריאַדן זײַנען אויפגעקומען סטיכייִש, נאָר זיי האָבן געהאַט אַ צענטראַלן שטאַב, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט די פּאַרטיי, און ס׳האָט גע־טראָפן, אַז זיי האָבן דורכגעפירט גרויסע אָפּעראַציעס אין פולן העסקעם מיט די פּלענער, וועלכע עס האָט פאַרטראַכט די קאָמאַנד־שאַפט פון די רעגולערע טיילן. אַזוי איז אויך געווען אַף דער קליי־נער ערד, וווּ מיט אַלע פינף אָטריאַדן האָט אָנגעפירט דער סעקרע־טאַר פונעם נאָוואָראָסייסקער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי פּ. אי. וואַסעוו, וועלכער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט אונדזער שטאַב.

און אין אַלגעמיין, איך כאָזער איבער נאָכאַמאָל, קאָן דער דע־סאַנט אַף דער קליינער ערד אַנערקענט ווערן אַלס אַ מוסטער פון מיליטערישער קונסט. דער דערפאָלג פון אַרויסזעצן דעם ערשטן שטורמישן אָטריאַד, דער אָפּעראַטיווער אָנוווּקס פון די קרעפטן, די

פאָרויסבאַוועגונג פון די פאָלקן און קאָרפּוסן איבערן שטאַרק פאַר־פעסטיקטן פאַרמיגירטן ברעג — דאָס אַלץ האָט געפאָדערט א פּונקטועלע קאָגנזיַיטיקע מיטאַרבעט פון דער פעכאָטע, סאַפּיאָרן־טיילן, יאַמליַיט, אַרטילעריסטן. דעם מינדסטן פעלער האָבן ניט געטאָרט דערלאָזן די „געטער פון מילכאָמע": אין פיל ערטער האָבן אונדזערע טיילן זיך דערנעענטערט צו די פיַינטלעכע שיר ניט אַף א מעהאַלעך פון וואַרפן א גראַנאַטע. נאָך קאָמפּליצירטער איז געווען די פּליִערס. איך געדענק: פאַר די אָנפליִען פון אונדזער אוויִאַציע פלעגן די שלאַכטליַיט אוועקלייגן אַפן ברוסטווער פון די אָקאָפּעס זייערע העמדלעך, קעדיי באַצייכענען אונדזער פאָדערשטן ראַנד.

מע דאַרף זאָגן, אַז מיר האָבן זיך געפונען אין אַן אויסערסט ניט גינסטיקער געאָגראַפישער לאַגע. בא אונדז איז געווען א שמאָלער ברעג־פּאַס — א לאַנגער, הוילער און פלאַכער, בא די דיַיטשן — אַלע הויכפּונקטן, וואַלד. ס'קאָן אויפקומען א פראַגע: וויִאַזוי האָבן געקאָנט בליַיבן לעבן די מענטשן, אויב אַף זיי זיַינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן הונדערטער טאָן טויט־טראָגנדיקער מעטאַל, אויב די קרעפטן פונעם פיַינט האָבן אין פיל מאָל איבערגעשטיגן אונדזערע, אויב פון די אַרומיקע בערג האָט דער סוינע געזען די קליינע ערד ווי אַף דער דלאָניע? קעגן דעם אַלעמען זיַינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן דערפאַרונג, קאַלטבלוטיקיַיט, אויסגערעכנטקיַיט און טאָגטעגלעכע מי.

אין יענער ציַיט האָב איך גוט פאַרשטאַנען, אַז די מילכאָמע איז כוץ אַלעמען נאָך אויך א גיגאַנטישע מי. די מי פון געוועזענע מעטאַלורגן, שלאָסערס, שאַכטיאָרן, ערדאַרבעטער, קאָמבײַנערן, פערד־אויפזעערס, בויערס, טעסלער. די מי פונעם פאָלק, וואָס האָט אָנגעטאָן א סאָלדאַטישע שינעל. דאָס אַרויסוויַיזן ניט בלויז איבערגעגעבנקיַיט און העלדישקיַיט, נאָר אויך גרויסע אויסגעהאַלטנקיַיט, איַינגעשפּאַרטקיַיט, קענטשאַפט, געשיקטקיַיט.

אין טאָך גענומען, האָט די גאַנצע קליינע ערד זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אונטערערדישער פעסטונג. 230 גוט פאַרמאַסקירטע באָאַבאַכטונגס־פּונקטן זיַינען געוואָרן אירע אויגן, 500 באַהאַלטענע פיַיער־פּונקטן — אירע פאַנצערדיקע פויסטן, ס'זיַינען אויסגעגראָבן געוואָרן צענדליקער קילאָמעטער, פאַרייניקטע צווישן זיך דורכגענג, טויזנטער שיסער־קעמערלעך, אָקאָפּעס, שפּאַלטן. די נויט האָט געצווּנגען דורכהאַקן שטאָלנעס אין פעלדזיקן גרונט, בויען אונטערערדישע סקלאַדן פאַרן קריגס־מאַטעריאַל, אונטערערדישע שפּיטאָלן, אַן אונטערערדישע עלעקטראָסטאַנציע. די נויט האָט געצוווּנגען גיין בלויז איבער די טראַנשייען. דאָס איז געווען ניט לײַכט, נאָר קוים רוקסטו זיך אַרויס — איז א סאָף. אַלע פלעגן א לענגערע צײַט זיצן, דער־נאָך, ווען די פאַשיסטן האָבן גענומען אָפּטרעטן, זיַינען אייניקע

אונדזערע שלאכטלײַט שלאָף געווען מיט דער „זיצנדיקער קרענק״, ווי מיר האָבן זי אָנגערופן.

דאָס אינזשעניערן־מיליטער האָט ארויסגעוויזן ווונדערלעכע דער־פינדערישקײַט. די גריבער פון די אופרײַסן, וואָס אייניקע פון זיי ווערטן גיכער אָנרופן קעסלגרובן, האָבן די סאפיאָרן פארייניקט מיט טראנשייען און פארוואנדלט אין בלינדאזשן. אפן שמאָלן שטעכל פון דער קלייגער ערד זײַנען געשאפן געוואָרן דרײַ שוץ־ליניעס, דערווײַטערטע איינע פון דער אנדערער אף א קילאָמעטער. לענגויס יעדערער — פארמינירטע פעלדער. ס׳האָבן רעגולער געארבעט די אונטערערדישע פארבינדונגס־ליניעס. דער קאָמאנדיר־פונקט פונעם דעסאנט, וואָס האָט זיך געפונען אין א פעלדז אף א טיף פון זעקס מיט א האלבן מעטער, האָט דורך די פארייניקטע דורכגענג געקאָנט געהיים אריבערוווארפן מיליטער אהין, ווו ס׳האָט זיך געשאפן א דראָענדיקע לאגע.

אין ראיאָן פון סטאניטשקי איז בא אונדז פאקטיש ניט געווען קיין בייטראלער פאס ערד: דער סוינע האָט זיך געפונען א 15—20 מעטער פון אונדזערע פאָזיציעס. אָבער קומענדיק אהין, האָב איך געזען, אז אויך אף אָט דעם באצירק איז די פאָדערשטע ליניע — פון שטענדיקן אומרו און געפאר — געווען געדיכט פארמינירט און ארומגעפלאָכטן מיט פארצוימונגען. אין גאנג פון דער ארבעט איז אונדזערע סאפיאָרן אויסגעקומען צומאָל ארײַנטרעטן אין האנט־געפעכטן.

דער פארפעסטיקטער פלאצדארם איז געוואָרן אן אייגנארטיקע שטאָט־פעסטונג. ס׳האָבן זיך אפילע באוויזן גאסן — האָספּיטאלנע, סאפיאָרנע, פעכאָטנע, מאטראָסנע. אף זיי איז ניט געווען קיין איין הויז, ס׳איז אומבאוווסט, ווער ס׳האָט צוגעטראכט אָט די נעמען, נאָר קיין צופעליקע זײַנען זיי ניט געווען. אשטייגער, די סאפיאָרנע — א טיפע באלקע, וועלכע איז באשיצט פונעם סוינעס פײַער, די האָס־פיטאלנע — א בערגלדיקע לאנדשאפט, וועלכע ווערט אף דורך און דורך באשאָסן, פון דאָרט פלעגן די מענטשן אָפט ארײַנפאלן אין שפּיטאָל. די פארפעסטיקונגען פלעגן זיך בויען אונטערן סוינעס פײַער, עס זײַנען נישט געווען ניט קיין מעכאניזמען, ניט קיין בוי־מאטעריאלן, נאָר אונדזערע פאכקענערס האָבן זיך פארגראָבן מיט א טאָלק, גרינטלעך, באלעבאטיש — ווי אף קיינמאָל ניט אוועקגיין פונדאנען. יעדערן, ווער עס האָט געבויט אָט די פעסטונג, קאָן מען קרוינען אלס העלד.

מיט א באזונדער ווארעמקײַט דערמאָן איך די ניט יונגע סאַ־פּיאָרן. זיי האָט מען ניט געשיקט, אז זיי זאָלן פאר די אויגן פונעם סוינע שטעלן מינען־פארצוימונגען. די „אלטיטשקע״ האָבן זיך פאר־בומען, ווי ס׳האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, מיט א ביז גאָר פרידלע־

כער ארבעט: עטלעכע קילאָמעטער פון געלענדזשיק, לעבן דזשאַנ־כאָטע, האָבן זיי געהאקטביימער, געבונדן זיי אין פליטן און באַ־נאכט זיי צוגעשטעלט אַף דער קליינער ערד. און וו׳אזוי זיי צוגע־שטעלט! קיין פינצטערע נעכט איבער דער צעמעסקער בוכטע, ווי ס׳איז שוין אָנגעוויזן, האָבן מיר קיינמאָל ניט געזען. איבער די ניט באוואָפנטע פליטן האָט געשאָסן די ארטילעריע. ניט ענטפערן אפן פייַער, ניט מאַנעווּרירן מיטן מעגושעמדיקן פראכט האָבן די סאַ־פיאָרן ניט געקאָנט. פלעגן זיי אראָפּקריכן אין קאלט וואַ־סער און, אָנהאלטנדיק זיך פאר די קלעצער, פאָרזעצן זייער וועג. אויב אין פליט האָט געטראָפן א סנאַריאַד, פלעגן די סאַפיאָרן שווי־מענדיקערהייט אים נאָכאמאָל צונויפצוּיען, אז ס׳זאָל גאָרנישט ניט פארלוירן גיין פונעם ווערטפולן געהילץ. אויב דער בוקסיר פלעגט אָנהייבן זינקען, האָט מען מיט ראקעטעס געגעבן א באַדינגלעכן סיגנאַל און געוואַרט, ביזוואַנען ס׳וועט צוקומען וועלכער־ניט־איז מאָטאָבאָט. אָט וואָס פאר אן „אלטיטשקע״ דאָס זייַנען געווען.

באַם לייענער קאָן זיך שאפן אן אייַנדרוק, אז די טויזנטער מענטשן אפן פּלאַצדאַרם האָבן געלעבט בלויז מיט אטאקעס, באָמ־באַרדירונגען, האַנט־געפעכטן. ניין, פאר דער לאַנגער צייַט האָט זיך דאָ אייַנגעשטעלט א לעבן, אין וועלכן ס׳איז געווען אן אָרט פאר אַלץ, מיט וואָס עס לעבט געוויינלעך א מענטש. מע האָט גע־לייענט און ארויסגעלאָזט צייַטונגען, דורכגעפירט פּארטיי־פאַרזאַמ־לונגען, געפּראַוועט יאָמטויוויום, געהערט לעקציעס. מ׳האָט דורכגע־פירט אפילע א שאכמאטן־טורניר. עס זייַנען ארויסגעטראָטן ארמייִ־שע און פלאָט־אַנסאַמבלען פון געזאַנג און טענץ, ס׳האָבן געארבעט די קינסטלער ב. פּראָראָקאָוו, וו. ציגאַל, פ. קירפּיטשאָוו, וועלכע האָבן געשאפן א גרויסע גאַלעריי פּאָרטרעטן פון די העלדן פון דער פאַרטיידיקונג.

איך געדענק, ס׳איז צו אונדז געקומען צו פאָרן א בריגאַדע פון צק. די מענטשן זייַנען צום ערשטן מאָל אַרייַנגעפאַלן אין אַזעלכע באַדינגונגען און האָבן מיך געבעטן, כ׳זאָל זיי באַקאַנען מיט די שלאַכטלייַט פון דער קליינער ערד. דאָס מאָל זייַנען מיר ארויסגע־גאַנגען אַף א טאָרפּעדן־קאַטער. ווי נאָר מיר האָבן זיך גערירט פון אָרט, האָבן אונדזערע געגעבן א ראקעטע. ס׳איז געווען א סיגנאַל: אונדזערע צי פרעמדע. און די דייַטשן, ווען מיר זייַנען צוגעקומען צום אָרט, האָבן אָן אופהער געשאָסן. די הארמאַטן באַ זיי זייַנען אָנגעהאַנגענע, און דערפאַר איז וויכטיק געווען זיך צושפּאָרן צום ברעג, גיין באַם ראַנד. ס׳האָבן באַנייַס זיך געריסן גאָר נאָענט פון אונדזער סנאַריאַדן. אויב דו זאָלסט ניט וויסן, אז דאָס צילט מען אין דיר, איז עס א וווּנדערלעכע שיינקייַט. אפן פּלאַצדאַרם איז געשטאַ־נען אן ענלעכע אפן „צאַר־קאָלאָקאָל״ ווייַט־שיסנדיקע יאַם־באַטאַ־

ריי. די שלאכטלײַט פון דער קליינער ערד האָבן זי פארוואנדלט אין א קאָמאנדנעם פונקט. אונדז איז אויסגעקומען אונטער דעם סוינעס פײַער זיך פארקלײַבן אהין. איך בין שוין געווען צוגעוווינט, נאָר אף די געסט האָט עס געמאכט, דענק איך, א שטארקן אײַנדרוק. מיר האָט זיך פארגעדענקט דאָס מאטראָסל, וואָס איז ארויסגעשווומען פון דער פינצטער, טראָגנדיק עפעס א מאסע.

— העלף צו א ביסל, ברודערקע, — האָט ער געבעטן, — איך טראָג עס פאר אלעמען.

איצט, אין א דריטל יאָרהונדערט ארום, אז דו דערמאָנסט זיך, וואָס עס איז אויסגעפאלן אפן גורל פון די סאָלדאטן, קאָמאנדירן, פאָליט־טוער פון אונדזער ארמיי, גלייבט זיך אפילע ניט צומאָל, אז דאָס אלץ איז געווען, אז מע האָט עס געקאָנט אויסהאלטן. אָבער מע האָט אויסגעהאלטן. אלץ האָט מען אויסגעהאלטן, דורך אלץ איז מען דורכגעגאנגען און געזיגט, צעגראָמירט די פאשיסטן.

אין יענעם טאָג, ברענגענדיק אף דער קליינער ערד פרישע מענטשן, וואָס זײַנען צו אונדז געקומען צו פאָרן גלײַך פון מאָסקווע, האָב איך אויך ווי א קוק געטאָן אפן געוויינלעכן און באקאנטן מיט אנדערע אויגן. איך האָב דאָס אלץ געזען אויך פרי:ער, און דאָ האָב איך דערזען אי די שטענדיקע טויט־געפאר, אי די אומדערטרעגלעכע שווערקײַטן, אי די מעסירעסנעפעשדיקע העראָ:שקײַט פון אונדזערע שלאכטלײַט.

עס פלעגט, פארשטייט זיך, זײַן זייער שווער. מיר זײַנען געווען אָפגעשניטן פון דער גרויסער ערד. ס׳האָט ניט געקלעקט קיין זאלץ, מע פלעגט זיצן אָן ברויט. גאנצע שלאכט־אָפטיילונגען האָט מען געשיקט אין וואלד קלײַבן ווילדן קנאָבל. און אין די קאטאקאָמבעס איז געווען נאס, באנאכט פלעגן די שלאכטלײַט פרירן, און ס׳איז אויסגעקומען די פאָליט־טוער זיך זאָרגן וועגן באהייצונג, באשטעלן אייוועלעך־„בורזשויקעס״, קלײַבן האָלץ. און אלציינס איז די קליינע ערד געבליבן א סאָוועטישע ערד, און מענטשן זײַנען פארבליבן מענטשן. זיי האָבן געבויט פלענער, געשפאסט, געלאכט, אפילע אָפ־געמערקט געבורטסטעג. צום בײַשפיל, דעם 15 פעווראל, דאָס הייסט אפן עלפטן טאָג נאָך דער ערשטער ארויסזעצונג, איז איינער פון די דעסאנטלער, שאלווא טאטאראשווילי, אלט געוואָרן 23 יאָר. זײַן אומצעשיידבארער פרײַנט פיאָטער ווערעשטשאגין האָט אים גע־שענקט 23 פאטראָנען פון זײַן דיסק. דאָס איז געווען דאָס טײַערסטע געשאנק, ווײַל פאטראָנען האָבן ניט געקלעקט און מע האָט דער־ווארט דעם סוינעס אן אָרדנטלעכע אטאקע.

פיל האָט אין אָט דעם לעבן, באנאנד מיטן טויט, ניט געהאט אפן ערשטן קוק קיין געמיינזאמס מיט דער מילכאָמע. אייינמאָל האָט דער שעף פונעם פאָליט־אָפטייל פון דער 255־טער בריגאדע פון דער

יאם־פעכאָטע אי. דאָראָפּייעוו אָנגעצײלט אין דער בריגאַדע פּופּצן דעפּוטאטן פון די שטאָטישע, ראיאָנישע און דאָרפישע סאָוועטן. מע האָט באשטימט צונויפרופן א סעסיע. וועלכע זשע פּראָבלעמען האָבן זיי געקאָנט לייזן? די זעלבע, וואָס אין די פרידלעכע טעג: די נויטן פון דער באפעלקערונג, שטייגער־באדינונג. צוערשט איז געווען געלייזט די פראגע וועגן בויען א באָד. און מע האָט אויסגעבויט! אין דער ניט ארבעטס־צײַט, ווי מע זאָגט עס, האָט מען אופגעשטעלט אָן אויסגעצייכנט בעדל. איינמאָל האָט מען מיך אויך אהין פארבעטן, כאָטש די שוויצערײַ איז געווען ניט קיין גרויסע, אָבער דעם דאמף האָט זי גוט אײַנגעהאלטן.

אף דער קליינער ערד האָט זיך זייער געשעצט עמפינדערישקײַט, שארפזיניקײַט. און מענטשן מיט אזעלכע פייִקײַטן זײַנען געווען ניט ווייניק. מיר געדענקט זיך, ווי איינער אן איניציאַטיווער באָכער, וועלכן מע האָט געשיקט צוליב געוויסע איניאַנים קיין געלענדזשיק, האָט אָנגעטראָפן אין די בערג אף אן אומוואנדערנדיקער היימלאָזער קו. האָט ער באשטימט זי ברענגען אף דער קליינער ערד. ער האָט געבראכט צו טרײַבן די קו אין האפן און געבעטן דעם קאָמאנדיר פונעם באָט זי נעמען אפן באָרט. אלע ארום לאכן, נאָר די אידיי האלט מען אונטער: די פארוואונדעטע וועלן האָבן מילך. און מע האָט זי בעשאָלעם געבראכט, אײַנגעאָרדנט אין א זיכערער באהעלטעניש. די מילך פלעגט מען אָפּגעבן אין שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער פונעם געוועזענעם ווײַן־סאָווירט.

די זאך איז אָבער ניט אין דער מילך. די קו האָט געבראכט א סאך פרייד די מענטשן, באזונדערס די, וואָס זײַנען געקומען אף דער מילכאָמע פון דאָרף. נאָך יעדער ארטילערישער באשיסונג אָדער באָמבירונג פלעגן די שלאכטלײַט קומען צו לויפן זיך דערוויסן, צי עס לעבט די בעהיימע, צי איז זי ניט פארוואונדעט, זיי פלעגן צארט זי גלעטן. ס'איז ניט פּראָסט צו דערקלערן דאָס אלץ, נאָר דאָס באווײַזן זיך פון דער אויסשליסלעך פרידלעכער באשעפעניש אין א לאגע פון קאָלאָסאלער אָנשטרענגונג האָט געהאָלפן די מענטשן אונטערהאלטן דעם גײַסטיקן גלײַכגעוויכט. ס'האָט דערמאָנט: עס וועלן זיך אומקערן צום מענטשן אלע פריידן, דאָס לעבן דויערט, מע דארף בלויז קאָנען אויסקעמפן אָט דאָס לעבן.

א גוטע מאטאָנע איז אונטערגעטראָגן געוואָרן די קליין־ערדלער לעקאָוועד דעם 1 מײַ 1943 יאָר. ווען ס'האָט שאריִעט אף טאָג, זײַנען די מענטשן אזש אונטערגעשפרונגען, שמייכלענדיק פון פרייד. באנאכט האָבן שלאכטלײַט אין פארשיידענע ערטער, ווו ס'איז דיסלאָצירט די בריגאדע, אופגעהאנגען רויטע פאָנען. אינדערפרי האָבן דאָס אלע דערזען און, פארשטייט זיך, אויך די דײַטשן.

איך געדענק, וואָס פאַר אַן איבערראַשנדיקן אײַנדרוק עס האָט אין דער צײַט פון שוואַרץ־ווײַסן קינאָ געמאַכט דאָס באַווײַזן זיך פון אַ רויטער פאַן אויף עקראַן אינעם פילם „בראָנענאָסעץ פּאָטיאָמקין". דאָ אָבער, אויף דער קליינער ערד, אַ צעגראָבענער פון באָמבעס און סנאַריאַדן, אַ פאַרזײַטער מיט שפּליטערס, אַ דורכגערויכערטער און פאַרבלוטיקטער, אין דער אַרומרינגלונג פונעם סוינע, האָבן די אַרויסגעהאַנגענע פאַנען בוכשטעבלעך איבערראַשט. אַ געוויש פון באַגײַסטערטע קוילעס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער דער צעקאַליעטשעטער ערד. יעדער איינער פון אָט די מענטשן האָט דערפילט עפּעס זייער טײַערס פאַר זיך פערזענלעך. נאָכן ערשטן אויפברויז פון איבערראַשונג האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שׂימחה. מע האָט געלאַכט פון פרייד, פון באַנעמען מיטן באַוווסטזײַן די אייגענע קראַפט: „זע, פאַרשאָלטענער פאַשיסט! נאַ דיר, וואַרג זיך!".

4

די שלאַכטן אין אַפּרעל, גלײַך נאָך יענעם אומפאַרגעסלעכן אַרײַבערגאַנג אויפן אַנדערן ברעג, ווען מיר איז אויסגעקומען זיך אויסבאָדן אין וואַסער, זײַנען געווען די סאַמע גרויזאַמע אויף דער קליינער ערד. וועגן זיי וועל איך באַלד דערציילן.

די אָפּעראַציע „נעפּטון", וואָס די פאַשיסטן האָבן צוגעגרייט, האָט געדאַרפט, לויט זייער פאַרטראַכט, מאַכן אַן ענדגילטיקן סאָף צו אונדזער פּלאַצדאַרם. צוליב דעם איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע שלאָג־גרופּע פונעם מיליטער אונטער וועטצעלס קאָמאַנדשאַפט, וואָס האָט אָנגעציילט באַ 27 טויזנט מענטשן, און געהאַט האָט זי אין איר רעשוס 1200 אַעראָפּלאַנען, הונדערטער האַרמאַטן און מינענוואַרפערס. ס'איז געווען נאָך פאַרפּלאַנירט אַן אָפּעראַציע פונעם יאַם, וואָס האָט געטראָגן אַ ניט וויניקער אויסדריקלעכן נאָמען—„באָקס". אין דער גרופּע „באָקס" זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן די פלאָטיליעס פון טאָרפּעדן־קאַטערס און אונטערוואַסער־שיפן. אויף זיי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט איבערצושנײַדן אונדזערע יאַם־קאָמוניקאַציעס און פאַרניכטן דאָס סאָוועטישע מיליטער, ווי נאָר מע וועט עס אַרײַנשלײַדערן אין יאַם. אָט אַזוי האָבן זיי זיך עס פאָרגעשטעלט.

די שלאַכטן אויף דער קליינער ערד, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 17 אַפּרעל, האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט מיט אַן אָנוואַקסנדיקער קראַפט. אַלע טאָג האָט דער קעגנער אַרײַנגעפירט נײַע טיילן. גאַנצפרי פלעגן אָנהייבן שיסן זײַנע שווערע באַטאַרייעס. איינצײַטיק האָבן זיך אינעם הימל באַוויזן אַעראָפּלאַנען. זיי זײַנען מאַמעש

געהאנגען איבער אונדז, געגאנגען כוואליעסוויַז צו 60—40 מאשי־נעס, ווארפנדיק באָמבעס אף דער גאנצער טיף פון דער שוץ־ליניע און אפן גאנצן פראָנט. נאָך די שנעל־באָמבארדירער האָבן זיך באַ־וויזן פיקירנדיקע — אויך כוואליעסוויַז, דערנאָך שטורמאָוויקעס. דאָס אלץ האָט געדויערט שאָענוויַז, און נאָכדעם האָבן זיך אָנגע־הויבן די אטאקעס פון טאנקען און פון דער פעכאָטע.

אטאקירט האָבן די פאשיסטן, זיַענדיק זיכער אין זיך, וויַל זיי האָבן געהאלטן, אז אינעם געדיכטן רויך, וואָס האָט איַנגעהילט די קליינע ערד, איז פון אלדאָס לעבעדיקס אוואדע קיין זייכער ניט פארבליבן. אָבער זייערע אטאקעס האָבן זיך אָנגעשטויסן אף א פארביסענעם ווידערשטאנד, און זיי האָבן זיך געקיַיקלט צוריק, איבערלאָזנדיק הונדערטער און הונדערטער דערהארגעטע. און דאן האָט אלץ זיך אָנגעהויבן פון אָנהייב. ווידעראמאָל האָבן געשאָסן די שווערע באטארייעס, נאָכאמאָל האָבן געוואָיעט די פיקירנדיקע עראָפּלאנען, געווילדעוועט די שטורמאָוויקעס. אזוי פלעגט זיך איבערכאזערן עטלעכע מאָל א טאָג.

די באָמבארדיר־ און שטורעם־אוויאציע איז געגאנגען אונטער דער שוץ פון די פארניכטלער. אין צוזאמענהאנג מיטן גרויסן איבערוואָג פון דעם קעגנער אין דער לופט האָבן אונדזערע פאר־ניכטלער, האגאם זיי האָבן אים פארשאפט פארלוסטן, ניט געקאָנט אָבער אָפּשטעלן די באָמבע־קלעפּ. די סאָוועטישע באָמבארדירער האָבן איבער די פּאָזיציעס פונעם סוינע זיך ניט באוויזן, וואָס עס האָט אים געגעבן א מעגלעכקיַיט דורכפירן אן איבערגרופירונג און זיך גרייטן צו די אטאקעס. אזוי האָט געדויערט דריַי טעג, ביזן 20 אפּרעל. דאָס איז געווען דער טערמין, וועלכן די דיַיטשיש־פאשי־סטישע קאָמאנדשאפט האָט אָנגעמערקט אף ענדגילטיק צו צעשמע־טערן די קליינע ערד.

באשלאָסן אראָפּווארפן אונדז אין יאם, האָט היטלער געשטעלט אין קאָן אף אָט דעם באצירק פונעם פראָנט אלץ. ס׳האָט זיך גע־שאפן א שווערע לאגע. און דעמלט האָט דער מיליטער־ראט פון דער 18־טער ארמיי, און פראקטיש איך, אָנגעשריבן א בריוו — א ווענ־דונג צו די קליין־ערדלער. דער בריוו איז אוועק איבער די אָקאָפּעס און בלינדאזשן. מענטשן האָבן געשניטן די הענט און זיך צעשריבן אף אים מיט בלוט. איין עקזעמפּליאר האָב איך שפּעטער איבער־געשיקט י. וו. סטאלינען, ער זאָל פארשטיין, וויאזוי עס שלאָגן זיך די שלאכטלײַט.

„דאָס שטיקל ערד הינטער דער שטאָט נאָוואָראָסיִיסק, וואָס מיר האָבן עס אָפּגעשלאָגן באם סוינע, — האָט זיך געזאָגט אינעם בריוו, — האָבן מיר אָנגערופן „קליינע ערד״. האגאם זי איז א קליינע, נאָר זי איז אונדזערע, א סאָוועטישע, זי איז באגאָסן מיט אונדזער שווייס,

מיט אונדזער בלוט, און מיר וועלן זי קיינמאָל ניט און קיין שום סוינע ניט אָפּגעבן... מיר שווערן זיך מיט אונדזערע שלאַכט־פאָנען, אין נאָמען פון אונדזערע פרויען און קינדער, אין נאָמען פון אונדזער ליבן היימלאַנד, מיר שווערן זיך אויסצושטיין אין די קומענדיקע געראַנגלען מיטן סוינע, איבערמאָלן זײַנע קרעפטן און אָפּרייניקן טאַמאַן פון די פאַשיסטישע אויסוואורפן. לאָמיר פאַרוואַנדלען די קליינע ערד אין א גרויסן קייווער פאַר די היטלער־ראָווצעס!"

אין ערשטן טאָג פונעם פאַשיסטישן אָנגריף האָבן מיר באַקומען א קאַטעגאָרישע אָנווייַזונג פון דער סטאַווקע פון דער אויבער־קאָמאַנדשאַפט: מיט באַליביקע מיטלען אײַנהאַלטן דעם פּלאַצדאַרם. זעענדיק אין אים א שליסל צו באַפרײַען דאָס טאַמאַנער האַלבאינדזל, האָט די סטאַווקע אים צוגעגעבן א גרויסע באַדײַטונג און אופמערקזאַם געשפּירט נאָכן גאַנג פון די שלאַכטן.

דעם 18 אַפּרעל איז אין שטאַב פונעם צאָפן־קאַווקאַזער פראָנט, מיט וועלכן עס האָט קאָמאַנדעוועט דער גענעראַל־פּאָלקאָווניק אי. יע. פּעטראָוו, אַרויסגעפלויגן א גרופּע פאָרשטייער פון דער סטאַווקע בעראָש מיטן מאַרשאַל ג. ק. זשוקאָוו. אין דעם זעלבן טאָג זײַנען זיי צוזאַמען מיטן פּאָלקסקאָמיסאַר פונעם מיליטערישן יאַמפּלאָט נ. ג. קוזנעצאָוון און דעם קאָמאַנדיר פון די מיליטערישע לופט־קרעפטן א. א. נאָוויקאָוון געקומען צו פאַרן אינעם שטאַב פון דער 18־טער דעסאַנט־אַרמיי. וועגן דעם האָט מיר מיטגעטיילט איינער פון די שטאַב־פּאָלקאָווניקעס, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אויף דער קליינער ערד, און צוגעגעבן:

— דער מאַרשאַל האָט געוואָלט אײַך זען.

— וואָס איז עס, א באַפעל? — האָב איך געפרעגט.

— א באַפעל אַזאַ האָב איך פון אים ניט באַקומען, — האָט געענטפערט דער פּאָלקאָווניק. — אָבער ער האָט געזאָגט, אז ער וואָלט וועלן מיט אײַך זיך דורכריידן.

אָפּן גערעדט, האָב איך אויך געוואָלט זיך דורכשמועסן: אונדז אַלעמען האָט זייער באַאומרויִקט דער איבערוואָג פון דעם סוינע אין דער לופט. מײַן שטעלונג אין שײַכעס דערמיט האָב איך נאָך אינעם ערשטן טאָג פון די דײַטשישע אַטאַקעס אַרויסגעזאָגט אונדזער הויפּט־קאָמאַנדיר קאָנסטאַנטין ניקאָלײַעוויטש לעסעלידזען. געבעטן און נאָכאַמאָל געבעטן הילף מיצאַד דער אוויִאַציע. אויך מיטן מיטגליד פונעם מיליטער־ראַט סעמיאָן יעפימאָוויטש קאָלאָנינען, צו וועלכן איך האָב שטענדיק זיך באַצויגן מיט אַכטונג, האָב איך וועגן דעם גערעדט. ביידע זײַנען זיי געווען דרייסטע, פּרינציפּיִעלע, דערפאַרענע מענטשן, ביידע זײַנען מאַסקים געווען מיט מיר, און איך

האָב געהאַלטן, אַז זשוקאָוון װעלן זיי װעגן דער לאַגע מיט דער אַוויִאַציע אַוואַדע מיטיילן. און מיר װאָלט געווען בעסער אינעם שווערן מאָמענט ניט פאַרלאָזן דעם פלאַצדאַרם. אַזוי האָב איך געטאָן: כ׳בין געבליבן מיט די שלאַכטלײַט אױף דער קליינער ערד.

ווי עס האָט שפּעטער געשריבן אין זײַנע מעמואַרן ג. ק. זשו־קאָוו: „אַלע אונדז האָט דעמלט באַאומרויִקט איין פראַגע, צי וועלן אויסהאַלטן די סאָוועטישע שלאַכטלײַט די ניסיוינעס, וועלכע זײַנען אויסגעפאַלן אױף זייער גורל אין דעם ניט גלײַכן געראַנגל מיטן סוינע, וואָס האָט טאָג און נאַכט דערלאַנגט קלעפּ פון דער לופט און באַשאָסן מיט דער אַרטילעריע די פאַרטיידיקער פונעם פלאַצדאַרם". ווײַטער האָט דער מאַרשאַל געשריבן, אַז טאַקע וועגן דעם האָט ער געוואָלט וויסן מײַן מיינונג. צי וועלן אויסהאַלטן אונד־זערע שלאַכטלײַט אַזאַ געהענעם כאָטש א טאָג־צוויי, ווײַל די סטאַווקע האָט שוין אָנגענומען ערנסטע מיטלען, קעדיי אונדז צו העלפן.

און ווירקלעך, אין צוויי טעג אַרום האָט דאָס בילד זיך ערנסט געענדערט. איינער נאָכן אַנדערן זײַנען אָנגעקומען דרײַ אוויִאַקאָר־פּוסן פונעם רעזערוו פון דער סטאַווקע. זיי האָבן זיך גלײַך אײַנגע־שלאָסן אין שלאַכט. קוידעמקאָל האָבן די רויטשטערנדיקע פאַרניכט־לער פאַרמאַכט דעם הימל איבער דער קליינער ערד. ס׳האָבן געדיכט זיך א שאָט געטאָן באָמבעס אױף די פײַנטלעכע פּאָזיציעס. איצטער זײַנען די שלאַכטן געגאַנגען גלײַך אױף גלײַך אין דער לופט, און דערנאָך איז די איבערהאַנט איבערגעגאַנגען צו אונדז, אױף וויפל די פליִער האָט זיך אײַנגעגעבן צעבאָמבירן עטלעכע אַעראָדראָמען פונעם קעגנער.

מיר איז שווער איבערצוגעבן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אינעם הימל. וווהין דו זאָלסט ניט א קוק טאָן, זעסטו, ווי אָט איינצלוויַז, אָט רינגענוויַז זײַנען זיך צונויפגעגאַנגען אין געפערלעכסטע פּעט־ליעס אונדזערע און דײַטשישע אעראָפּלאַנען. שוואַרצע שלייפן פון אַעראָפּעשלאָגענע מאַשינעס האָבן, איבערשנײַדנדיק איינע די אַנ־דערע, זיך געצויגן צו דער ערד. פאַר דרײַ טעג שלאַכטן האָבן אונד־זערע פליִער אַראָפּגעקלאַפּט איבער דער קליינער ערד 117 פײַנט־לעכע אעראָפּלאַנען. וועגן אָט די פאַרביטערטע געפעכטן האָט גענוי דערציילט אין זײַן בוך זייער אָנטיילנעמער א. אי. פּאָק־רישקין.

אױף אונדזער פלאַצדאַרם האָט זיך געלייזט דער גורל פון נאָוואָ־ראָסייסק און טאַמאַן, און די דײַטשיש־פאַשיסטישע קאָמאַנדשאַפט האָט געוואָרפן אױף דער פאָדערליניע אַלץ נײַע און נײַע טיילן. אַכט טעג און נעכט האָבן זיך ווי אין א קאָשמאַר געשלאָגן די קליין־ערד־

לער, ביז עס זײַנען ניט אויסגעגאַנגען די קויכעס באַם סוינע, ביז די רעשטן פון די פײַנטלעכע קרעפטן זײַנען ניט אָפּגעגאַנגען אַף די פריערדיקע פּאָזיציעס. דער קולמינאַציע־פּונקט פונעם געפעכט איז אָבער געקומען דעם 20 אַפּרעל 1943, און, ווי עס איז ניט מאָדנע, איז אָט דער טאָג פאַרבונדן בא מיר מיט איינער א לעכערלעכער דערמאָנונג.

דער שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער 225־טער בריגאַדע פון יאַם־פּעכאָטע איז געווען בא אונדז מ. ק. ווידאָוו. געשלאָגן האָט ער זיך גוט, דרייסט, געהאַט א גרויסע ווירקונג אַף די שלאַכטלײַט, און ווען דער קאָמאַנדיר פלעגט אים פאַרוואַרפן, ער זאָל אומזיסט מיט זיך ניט ריזיקירן, פלעגט ער ענטפערן: „איך בין א קאָמיסאַר, און ניט קיין לײמענער גוילעם!" איז אָט, באַנאַכט אַפן 20־טן האָט מי־כאַיל קאַפּיטאָנאָוויטש צונויפגעזאַמלט די פּאָליט־טוער, אונטערגע־צויגן דעם סאַכאַקל פון די שלאַכטן, דערנאָך געפרעגט, צי זיי ווייסן, פאַרוואָס עס שפּאַרן אַזוי מעשוגענערווײַז די פאַשיסטן. ווײַל, האָט ער געענטפערט, בא זיי איז מאָרגן דעם פיורערס געבורטסטאָג. מע וויל מאַכן א סאַך מיט אונדז, קעדיי אים אונטערטראָגן א מאַטאָנע. וואָלט גוט געווען, אַזויאַרום, מיר זאָלן אויך אָפּמערקן די דאָזיקע דאַטע.

קאַלזמאַן מע האָט באַהאַנדלט קאַלערליי פאָרשלאָגן, האָט דער דעמלט נאָך ווייניק באַוווּסטער קינסטלער באַריס פּראָראָקאָוו אָנגע־וואָרפן א צייכענונג, וואָס מע האָט זי גלײַך באַוויליקט. אַף א לײַלעך האָט ער אָנגעמאָלט א כאַזעראַרטיקע פאַרזעעניש, וואָס מאַכט די פּלייטע פון קאַווקאַז. דער כאַזער האָט געהאַט א גאַנץ באַקאַנטע כאָלקע און וואָנצעלעך — די קאַריקאַטור אַף היטלערן האָט זיך באַ־קומען א גרויסאַרטיקע. דעם לײַלעך האָט מען אײַנגעפּאַסט אין א ראַם און אײַנגעשטעלט אין דער נייטראַלער זאָנע, אינעם אָרט, וואָס, ווי מיר האָבן געוווּסט, ווערט די גאַנצע צײַט באַשאָסן, און מיר האָבן אים גוט פאַרפּעסטיקט מיט דרענגלעך.

דעם 20 אַפּרעל אינדערפרי האָבן די היטלעראָווצעס דערזען די דאָזיקע באַגריסונג פון אַלע אַרומיקע בערג, פון אַלע זייערע פּאָזי־ציעס. ווי מע האָט פאַרויסגעזען, האָבן די דײַטשן זיך ניט אַנטשלאָסן צו שיסן אין זייער פיורער. ס'איז דורכגעגאַנגען ניט ווייניק צײַט, ביז זיי האָבן, ווײַזט אויס, זיך מעיאַשעוו געווען, וואָס צו טאָן. ענד־לעך, האָבן די פאַשיסטן אָנגעהויבן פּויזען צו דער ראַם פון דרײַ זײַטן. אָבער דאָס אָרט ווערט דורכגעשאָסן: א העלפט פון זיי איז געפאַלן, און די איבעריקע האָבן זיך אָפּגעטראָגן. אַזוי האָט זיך דרײַ מאָל איבערגעכאַזערט אין אָט דעם טאָג, ביז איבער דער „מאַטאָנע צום געבורטסטאָג" האָט ניט א זעץ געטאָן זייער אַר־טילעריע.

— אַט אזוי! נעריק אים! — האָבן געלאַכט די שלאַכטלײַט.

געלעכטער איז א גרויזאמער קויעך, אַן איידעס פון אָפּטימיזם, א סימען פון געזונטן גײַסט בא די מענטשן. נאָך דעם, ווי עס איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן די אטאקע אף איינעם א באַצירק, בין איך גע־גאנגען איבער דער טראנשיי מיט דאַראָפּייעוון. און ווידעראמאָל האָבן מיר דערהערט א געלעכטער. מיר זײַנען צוגעגאנגען: ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָרט פירט דורך א שמועס א יונגינקער סער־זשאנט־אגיטאטאָר.

— מיר ציִען אונטער א סאכאקל פון דער שלאכט, כאוּוער פּאָל־קאָווניק, — האָט ער מיטגעטײלט.

— און וואָס איז דער סאכאקל?

די שלאַכטלײַט, וועלכע האָבן ארומגערינגלט דעם קוילנוואָרפער, האָבן גענומען אונטערשטופּן דעם סערזשאנט: דערצייל, דערצייל. יענער האָט זיך געהאט פארשעמט, נאָר, דערמונטערט פון די כאווײ־רים, איז ער געוואָרן דרייסטער:

— היטלער האָט זיך באַרימט, אז ער וועט אונדז הײַנט אראָפּ־וואַרפן אין יאם. האָב איך מיט אונדזערן אן אוקראַיִנישן מאָשל שוין געזאָגט, וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן. ער איז געגאנגען אף יאגד, האָט דערשאָסן א בער, אָפּגעשונדן א פוקס, געבראכט אהיים א האָז, האָט די מאמע געקוילעט אן ענטל און אָפּגעקאָכט א קאָמפּאָט, א פּרווו געטאָן — איז ער גאָר ביטער.

צוזאמען מיט די סאָלדאטן האָב איך מיט פארגעניגן געהערט דעם פּריילעכן באָכער. זײַן פּאָשעטער מאָשל האָט באטײַט אין יענעם מאָמענט געוויס מער און האָט געווירקט שטארקער, איידער דער סאמע ערנסטער אנאליז פון מיליטערישע אָפּעראציעס. דאָס איז געווען נאָך מער וויכטיק, ווײַל דער טאָג איז געווען דער שווערסטער פון אלע אנדערע, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אף דער קליינער ערד.

די ערד האָט געברענט, שטיינער האָבן זיך גערויכערט, מעטאל האָט זיך געשמעלצט, בעטאָן האָט זיך געדרויבלט, אָבער מענטשן, געטרײַע דער שוווּע, זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פון אָט דער ערד. ראָ־טעס האָבן אײַנגעהאלטן דעם דרוק פון באטאליאָנען, באטאליאָנען האָבן איבערגעמאָלט פּאָלקן. ס׳האָבן זיך אָנגעגליט די רערן פון די קוילנוואָרפערס, פארוווּנדעטע האָבן, אָפּשטויסנדיק די סאניטארן, זיך געוואָרפן מיט גראנאטעס קעגן די טאנקען, זיך געראנגלט אין האנט־געפעכטן, מיט די פּריקלאַדן און מעסערס. און ס׳האָט זיך געדאכט, עס איז ניטאָ קיין סאָף צו דער שלאכט. דאָרט, ווו אלץ ארום איז באדעקט געוואָרן מיט דערהארגעטע סאָנים, האָבן זיך באוויזן נײַע קייטן, מע האָט זיי פארניכטעט, אָבער ווידער און ווידער זײַנען אנטשטאנען גרוי־גרינע סילועטן. און ניט אומזיסט האָט בײַס איינער

אזא אטאקע אומגעריכט זיך ארויסגעריסן בא א שלאכטמאן פון דער 8־טער גווארדיייִשער שיסער־בריגאדע: „זע נאַר, ווי זיי וואַלטן פון דער ערד געוואקסן!״

די היטלעראָווצעס האָבן געהאט אין יענעם טאָג א היפשן איבער־וואָג אין קויכעס, מיר האָבן געליטן גרויסע פארלוסטן, און ניט איין מאָל איז בא מיר אופגעקומען דער געדאנק: וויפל זשע וועלן פאלן אף אָט דער ערד אונדזערע יאטן און וויפל וועלן זיך ניט אומ־קערן אהיים. די פראגע וועגן ראכמאָנעס אף דער מילכאָמע איז א קאָמפליצירטע פראגע. די מילכאָמע איז א גרויזאמער איניען, און טויטפאלן זײַנען אף איר אומפארמײַדלעך. עמעצן איז דיר א שאָד — איז שיק אָנשטאָט אים אן אנדערן. די מאָראלישע בארעכטיקונג איז דאָ איינע — זײַן אינעם שווערן מאָמענט איניינעם מיט די שלאכט־לײַט, אונטער די זעלבע געפארן. און טאָן אלץ, וואָס דו קאָנסט טאָן, קעדיי זיי אָפּהיטן פון איבעריקער ריזיקע, פארלײַכטערן זייער אויסקומעניש.

צווישן די דאָקומענטן פון די מילכאָמע־יאָרן האָט זיך פארהיט א דירעקטיוו, אונטער וועלכער עס שטייט מײַן כסימע. זי איז גע־שיקט געוואָרן אין אלע פּאָליט־אָרגאנען, יעדן פּאָליט־טוער שפּע־טער, אין סאָף 1943, בייס די שלאכטן הינטער קיִעוו. אָבער דאָס, וואָס עס איז געווען אָנגעשריבן דאָ, איז פאר מיר געווען דער וויכ־טיקסטער איניען אין מעשעך פון דער גאנצער מילכאָמע:

„שטענדיק ווײַזט ארויס זאָרג וועגן אָפּהיטן די קויכעס און דאָס געזונט פון די שלאכטלײַט. דאָס באזאָרגן די סאָלדאטן מיט געקעכץ און אָקרעפּ אָן אן איבערשלאָג דארף זײַן אן אומצעשטערבארער קלאל. מע דארף זיכערן דעם שטרענגסטן קאָנטראָל, אז אלץ, וואָס די מעלוכע טיילט אויס פאר די סאָלדאטן און אָפיצערן, זאָל צו זיי פולשטענדיק דערגיין. מענטשן, גלײַכגילטיקע און אומטעטיקע אין דעם פּראט, דארף מען צוציִען צו שטרענגער פאראנטוואָרטלעכקײַט. אָן אויסנעמלעכע אכטונג דארף געשענקט ווערן דער ארבעט פון די סאניטארישע אנשטאלטן. די פּאָליט־אָפּטיילן פון די פארייניקונ־גען דארפן אויסטיילן ספּעציִעלע מענטשן, וועלכע זאָלן זײַן פאראנטוואָרטלעך פאר דער עוואקואציע פון די פארוווּנדעטע פּר־נעם שלאכטפעלד און פאר באצײַטיק ארויסווײַזן זיי מעדיציִנישע הילף״.

אויך הײַנט, אין א סאך יאָרן ארום נאָך די שלאכטן, מוזן מיר צווישן מערערע איניאָנים שטענדיק געדענקען וועגן יענע, וואָס זײַנען געווען אף דער מילכאָמע. ארומרינגלען זיי מיט זאָרג און אופמערקזאמקײַט, זיי העלפן אין לעבנס־איניאָנים — דאָס איז א מאָראלישע פליכט פון די מאכט־אָרגאנען, פון אלע בירגער, דאָס איז דער געזעץ פון אונדזער לעבן.

5

מאשמאָעס, דער לייענער ווארט פון מיר, איך זאָל דערציילן וועגן דער פארטייזש־פּאָליטישער ארבעט, אָבער, אין טאָך געזאָגט, רייד איך טאקע וועגן איר שוין לאנג. ווײַל די פעסטקײַט פון די שלאכטלײַט אף דער קליינער ערד איז געווען דער סאכאקל פון אָט דער ארבעט. ווײַל דער אײַנגעאָרדנטער שטייגער אפן פלאצדארם, די זאָרג וועגן פארהיטן די קויכעס און דאָס געזונט פון די שלאכטלײַט, די באצײַטנס צוגעשיקטע אוויאַ־קאָרפּוסן, און די פריילעכע שפּאסן אין די רעגעס פון רו, די מעסירעסנעפּעשדיקע געוואגטקײַט בייס די אטאקעס און דאָס, וואָס מענטשן זײַנען ביזן סאָף פארבליבן מענטשן, — דאָס אלץ איז געווען א רעזולטאט פון דער פארטייזש־פּאָליטישער ארבעט. אויסטיילן זי, אזויארום, פון דער אלגעמיינער שילדערונג איז שווער, און מע דארף ניט, אפּאָנעם.

מיט וואָס אויסמעסטן, וויאַזוי אָפּשאצן די טעטיקײַט פון א פּאָליטישן אָנפירער אפן פראָנט? א סנײַפּער האָט פארניכטעט א צענדליק היטלעראָווצעס — קאָוועד און רום אים. די ראָטע האָט אָפּגעשלאָגן אן אטאקע, ניט אָפּגעגעבן די פּאָזיציע — קאָוועד און רום דעם קאָמאנדיר פון דער ראָטע און אירע שלאכטלײַט. די דיוויזיע האָט דורכגעבראָכן דעם סוינעס שוץ־ליניע, באפרײַט א באפעלקערטן פּונקט — דער נאָמען פונעם קאָמאנדיר ווערט אָפּגעמערקט אינעם באפעל פונעם אויבער־הויפּטקאָמאנדיר. אָבער גרויס איז אויך דער פארדינסט פונעם פּאָליט־טוער, וועלכער האָט אידייזש באוואָפנט די שלאכטלײַט, געשטארקט אין זיי דעם גרויסן געפיל פון ליבע צום היימלאנד, צוגעגעבן גלויבן אין זייערע קויכעס, באגײַסטערט אף העלדנטאט.

אן עמעסער פּאָליט־טוער אין דער ארמיי — דאָס איז דער מענטש, ארום וועלכן עס גרופּירן זיך א סאך, ער ווייסט זייער עמעסע שטימונג, די נויטן, האָפענונגען, טרוימען, ער פירט זיי אף מעסירעסנעפּעש, אף העלדנטאט. און אויב נעמען אין אכט, אז דער שלאכט־גײַסט פונעם מיליטער איז שטענדיק אנערקענט געוואָרן אלס וויכטיקסטער פאקטאָר פון דער פעסטקײַט פונעם מיליטער, איז גראָד דעם פּאָליט־טוער פארטרויט געוואָרן דאָס שארפסטע געווער אין די מילכאָמע־יאָרן. דאָס הארץ און די נעשאָמע פונעם שלאכטמאן האָט ער געהארטעוועט, וואָס אָן דעם וואָלטן ניט קיין טאנקען, ניט קיין הארמאטן, ניט קיין אעראָפּלאנען נישט געבראכט אונדז דעם זיג.

אזוי איז געווען אומעטום. און נאָך ביפראט אף די שווערע באַצירקן פון דער מילכאָמע, אף אזעלכע, ווי די קליינע ערד, איז שווער איבערצושאצן די באדײַטונג פון אָט דער ארבעט. די שלאכט־

לײַט האָט אין אײניקע מאָמענטן זיך אויסגעוויזן, אז זײ זײַנען אָפּ־געשניטן פון דער גרויסער ערד, און מע האָט זײ געדאַרפט געבן צו פאַרשטײן, אז זײַן אָפּגעשניטענע באַטײַט ניט זײַן אָפּגעריסענע, אז אָפּגעזונדערטע הײסט ניט פאַרגעסענע. מע האָט געדאַרפט באַ־ווײַזן, אז די מילכאָמע מיטן פאַשיזם ווערט געפירט אף אַלע פראָנטן, אז א קאָלאָסאַלע הילף ווײַזט אונדז ארויס דאָס גאַנצע לאַנד. מע האָט געדאַרפט פאַרבינדן אײנײנעם די נאָרוואָס אָפּגע־שלאָגענע אטאַקע מיט יענעם גרויסן געראַנגל, וועלכן עס פירט דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק.

דאָ האָט מען געדאַרפט ניט קײן מעליצע־רײד, — און קײן זאַלן פאַר רעדעס זײַנען אויך ניט געווען, נאָר אָן אָפּנהאַרציקער, מאַנצבלשער און האַרציקער, וואָלט איך געזאָגט, געשפּרעך. איך האָב אָנטײלגענומען אין דער מערהײַט פּאַרטײ־פאַרזאַמלונגען, וועלכע זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אין די שלאַכט־פאַרײניקונגען און טײלן, און פאַשעט אָפּט געווען מיט די שלאַכטלײַט. געוויינלעך פלעגט מיר זיך אײַנגעבן צו געפינען א געמײנזאַמע שפּראַך מיט די סאָלדאַטן און מאַטראָסן, האַגאַם קײן אויסערגעוויינלעכע מיטלען האָב איך צוליב דעם ניט אָנגעווענדט. צי איז געגאַנגען א רײד וועגן ערנסטע איניאָנים, צי דער שמועס איז געווען אין א שפּאַס, האָב איך זיך באַמיט אופירן זיך פאָשעט, געלאַסן. און ארויסגעזאָגט האָב איך שטענדיק דעם גאַנצן עמעס, ווי ביטער ער זאָל ניט געווען זײַן. איך דאַרף אָפּמערקן, אז עס האָבן זיך געטראָפן צווישן די אָפיצערן אזעלכע, וואָס האָבן זיך געסטאַרעט ארויסשטעלן זיך אַלס א פאַניבראַט. די שלאַכטלײַט פּילן, פאַרשטײט זיך, גלײַך די פאַלש־קײַט פון א געמאַכטער קוצעניו־מוצעניו, און דעמלט פאַרשפּאַר־סטו שוין ווארטן, זײ זאָלן מיט דיר זײַן אָפּנהאַרציק.

די מערהײַט פון אונדזערע פּאָליט־טוער, פּאָליט־אָנפירער, קאָמס־אָרגן, אגיטאַטאָרן האָבן געקאָנט געפינען דעם נײטיקן טאָן, געהאַט אווטאָריטעט בא די סאָלדאַטן, און ס'איז וויכטיק געווען, אז די מענטשן זאָלן וויסן: אין א שווערן מאָמענט וועט יענער, וואָס האָט זײ גערופן זײַן פעסט, פאַרבלײַבן צוזאַמען מיט זײ, גײן מיט געווער אין האַנט פון פאָרנט. אונדזער הויפּט־געווער איז, אזויאַרום, געווען דאָס לײַדנשאַפטלעכע פּאַרטײיִשע וואָרט, א געשטיצטס מיט טאַט — מיט פערזענלעכן בײַשפּיל אין שלאַכט. אָט פאַרוואָס די פּאָליטישע טוער זײַנען געוואָרן די נעשאָמע פון די באַוואָפנטע קרעפטן.

פאַרשטענדליך, זײ האָבן אָנטײלגענומען אין צוגרײטן אָנגריף־אָדער שוץ־אָפּעראַציעס, אָן זײ איז מען זיך ניט באַגאַנגען בײַסן פאַנאַנדעראַרבעטן די פּלענער פון שלאַכט־אָפּעראַציעס. איך, לע־מאָשל, געדענק ניט אזא פאַל, אז דער גענעראַל לעסעלידזע אָדער אַנדערע קאָמאַנדאַרמען, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צוזא־

מען זיך שלאָגן, זאָלן ניט נעמען אין אכט מײַן שטאַנדפּונקט אָדער אויסבעסערונגען, אָפּט גאַנץ װעזנטלעכע. אָבער א באַפעל אַף דער מילכאָמע גיט דער קאָמאַנדיר, דאָס איז זײַן פּרעראָגאַטיװ, און האַגאַם דער פּאָליט־טוער קאָן אויך באַפעלן, דאַרף ער מיט אָט דעם רעכט זיך באַנוצן, לויט מײַן מיינונג, בלויז אין אויסנעמלעכע פאַלן.

איך װעל ברענגען א בײַשפּיל. בײַס איינעם א פּאַרטיי־אַקטיװ, װאָס איז מיר אויסגעקומען דורכצופירן, זײַנען די מענטשן געזעסן רייענװײַז אַף דער ערד. אינמיטן דעם פּאַרטראָג האָט ערגעץ הינטער מיר, ניט זייער װײַט, אופּגעריסן זיך א דײַטשישער סנאַריאַד. מיר האָבן געהערט, װי ער איז געפלויגן. צוגעװוינט צו אַזעלכע זאַכן, האָב איך פאַרגעזעצט רעדן, נאָר אין א מינוט צװיי אַרום האָט זיך אופּגעריסן א צװייטער סנאַריאַד, שוין פון פאָרנט. קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, כאָטש געװוען זײַנען עס מענטשן דערפאַרענע, װעלכע האָבן פאַרשטאַנען, אַז מע האָט אונדז גענומען אין אַן אַרטילערישן „גאָפּל״. דער דריטער סנאַריאַד איז, װי מע פלעגט זאָגן אַפן פראָנט, שוין געװוען אונדזערער. אָט דאָ האָב איך אָפּגעגעבן א באַפעל:

— אופּשטיין! אַף לינקס צום װעלדל דרײַ הונדערט מעטער אין געלאָף — מאַרש!

די אַרבעט האָבן מיר פאַרענדיקט אין אַן אַנדער אָרט. דער דריטער סנאַריאַד האָט זיך אופּגעריסן טאַקע אַפן פּלאַץ, װוּ מיר זײַנען פריִער געװוען. מיר האָבן זיך פון דאָרטן אומגעקערט מיטן פּאָליטרוק װ. טיכאָמיראָװון שװײַגנדיק.

— קיינער האָט זיך אַפילע קיין ריר ניט געטאָן, — האָט ער בלויז געזאָגט. — אָט מענטשן...

װעגן דעם זעלבן האָב איך אויך געטראַכט.

אין אַזעלכע אויסערגעװיינלעכע פאַלן, צי דאָס זאָל זײַן בײַס א שלאַכט אָדער װען ס׳איז א שטילשטאַנד, האָט א פּאָליט־טוער דאָס רעכט און איז באַרופן צו באַפוילן. אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט אָבער דאַרף א באַפעל זײַן פאַר אים אויסגעשלאָסן — בלויז אופּקלערונג און איבערצײַגונג. דערבײַ דאַרף אויך אָט די אַרבעט געפירט װערן מיט סייכל און מיט טאַקט. אויב א מענטש האָט אַפילע דערלאָזט א טאָעס, האָט קיינער ניט קיין רעכט צו באַליידיקן אים מיט א געשריי. מיר איז טיף דערװידער די טעװוע — זאָל זײַן ניט קיין פאַרשפּרייטע, נאָר װאָס האָט זיך נאָך פאַרהיט בא עמעצן אופּצוהייבן דאָס קאָל אַף מענטשן. סײַ א װירטשאַפטלעכער, סײַ א פּאַרטיי־אָנפירער טאָר ניט פאַרגעסן, אַז זײַנע אונטערגעאָרדנטע זײַנען אונטערגעאָרדנט בלויז לויט דער דינסט, און דינען דינען זיי ניט דעם דירעקטאָר אָדער דעם פאַרװאַלטער, נאָר דער זאַך פון דער פּאַרטיי און פון דער מעלוכע. און אין אָט דער הינזיכט זײַנען אַלע

גלײַך. װער עס דערלויבט זיך אָפּװײַכן פֿון אָט דעם פֿעסטן עמעס פֿון אונדזער אָרדענונג, קאָמפּראָמעטירט זיך ענדגילטיק אַליין, פֿאַר־לירט זײַן אױטאָריטעט. אװאדע, דער, װאָס איז באַגאַנגען אַ פֿאַר־ברעכן, דאַרף צוגעצויגן װערן צו פֿאַראַנטװאָרטלעכקײַט: פּאַרטיי־יִשער, אַדמיניסטראַטיװער, ענדלעך, געריכטלעכער — אַ באַליבי־קער. אָבער מע טאָר בעשום־אופֿן ניט אָנרירן די אייגנליבע פֿון מענטשן, דערנידעריקן זייער װירדע.

אַזוי האַלט איך אַצינד, באַ דעם דאָזיקן קלאַל האָב איך זיך גע־האַלטן אין די יאָרן פֿון דער מילכאָמע, אין אָט דעם גײַסט האָב איך זיך באַמיט צו דערציִען דעם אַפּאַראַט פֿונעם פּאָליט־אָפּטייל, מיט װעלכן עס איז מיר אויסגעקומען צו אָנפֿירן. איך קאָן נישט ניט זאָגן, אַז דאָס איז געװען אַ פֿעסטער פֿרײַנטלעכער קאָלעקטיװ פֿון שלאַכט־אָפֿיצערן, װעלכע זײַנען דורכגעגאַנגען די שול פֿון פּאַרטיי־אַרבעט, האָבן געהאַט סײַ דערפֿאַרונג, סײַ קענטעניש, זיך אויסגע־צייכנט מיט איניציִאַטיװ און פּערזענלעכער געװאַגטקײַט, ריזיקירט אין גאַנג פֿון די שלאַכטן מיטן לעבן, אויב דאָס האָט געפֿאָדערט די אומגעבונג. ניט אַלע האָבן זיי דערלעבט צום זיג, אָבער יעדער האָט אויסגעפֿילט זײַן כױװ מיט ערע.

מיט אַ גוטן געפֿיל דערמאָן איך אָט די מענטשן. פֿאַר דער צײַט פֿון דער מילכאָמע האָב איך זיי אַרויסגעטראָגן ניט װייניק דאַנק־באַרקײַטן, אונטערגעשריבן ניט װייניק באַלױנונגס־ליסטעס, אָבער באַשטראָפֿונגען, געדענקט זיך, קיינמאָל ניט. און ניט װײַל איך בין געװען אַ „גוטינקער", פֿאַרקערט, איך האָב זיי גאַרנישט ניט נאָכ־געגעבן, אויב אַפֿילע ס׳איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מעסלעסנװײַז. כ׳האָב פֿאַשעט געװוּסט, אַז איך קאָן זיך גאַנץ פֿעסט פֿאַרלאָזן אַף יעדערן, און זיי האָבן מיך קיינמאָל ניט אונטערגעפֿירט. קעדיי דער לייענער זאָל אָבער זיך פֿאָרשטעלן אונדזערע מענטשן, װעל איך אייניקע אָנרופֿן.

איינער פֿון מײַנע שטעלפֿאַרטרעטערס, שעף פֿון דער אָפּטיילונג פֿון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, איז געװען ס. ס. פּאַכאָמאָװ, אַ רויִקער אין אַ באַליביקער אומגעבונג, אָפֿן ערשטן קוק אַפֿילע אַ פֿאַמעלעכער, פֿלעגט ער װערן ביז גאָר ענערגיש, אַרויסװײַזן אַנט־שיידנקײַט, װען עס האָט געפֿאָדערט די זאַך. ער האָט געקענט גע־פֿינען יענץ איינציק װאָרט, װאָס גראָד אין געגעבענעם מאָמענט איז עס פֿריִער פֿאַר אַלץ נייטיק געװען דעם שלאַכטמאַן. דעריבער האָב איך אים אָפּטער, איידער אַנדערע, צוגעצויגן אַף צוצוגרייטן װענדונגען פֿונעם מיליטער־ראַט און אַנדערע װיכטיקסטע דאָקו־מענטן.

אַ לעקטאָר, פּראָפּאַגאַנדיסט איז געװען דער מאָלעכיינעװודיקער מאַיאָר אַ. אַ. אַרזומאַניאַן, װעלכער האָט פֿאַרמאָגט ניט נאָר אַ

ברייטן וועלט־באַנעם, נאָר אויך א גוטן געפיל פון הומאָר, וואָס עס איז קיינמאָל ניט איבעריק. שוין דעמלט איז געווען צו זען, אז דאָס איז א מענטש אן אויסערגעוויינלעכער. און מיך האָט ניט פארוווּנדערט, נאָר דערפרייט, ווען כ׳האָב נאָך דער מילכאָמע זיך דערוווּסט, אז ארזומאניאַן איז געוואָרן אן אקאַדעמיקער און דערנאָך — א מיטגליד פונעם פרעזידיום פון דער וויסנשאפט־אקאַדעמיע פון פססר.

א גוטער פראָפּאגאַנדיסט, פּונקט ווי ארזומאניאַן, איז געווען אי. פּ. שטשערבאַק, וועלכער איז נאָך פאר דער מילכאָמע געוואָרן א קאנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאפטן. טיפּע קענטענישן האָט פארמאָגט אויך ג. ב. יורקין. אגעוו, קאָן מען אף זײַן בײַשפּיל זען, ווי העלדיש זײַנען געווען די טוער פונעם פּאָליט־אָפּטייל. נאָך בײַס דער נאָוואָראָסיַיסקער אָנגריף־אָפּעראַציע האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם שווארציאַמישן פלאָט אים באַלוינט דירעקט אפן שלאכט־פעלד מיטן אָרדען פון דער רויטער שלאכט־פאָן. און אויב איך בין שוין פארלאָפן פאָרויס, וועל איך צוגעבן, אז פארן אָנטייל אין אָט דער אָפּעראַציע איז אויך אזוי היך אָפּגעשאַצט געוואָרן די ראָליע פון אלע טוער פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער 18־טער ארמיי.

מיר האָבן געהאַט אונדזער ארמיי־צײַטונג „זנאַמיא ראָדיני״ („די פאָן פון היימלאַנד״), וועלכע פלעגט אָפּעראַטיוו זיך אָפּרופן אף אלע געשעענישן פון דער קליינער ערד. מע האָט געוואַרט אף איר אין די אָקאָפּעס און טראַנשייען, זי איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט. מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן אין די רעדאקציאָנעלע „לעטוטשקעס״ (באַראַטונגען), שמועסן מיטן רעדאַקטאָר וו. אי. ווערכאָוסקין און מיט אנדערע מיטארבעטער. איך בין צוגעוווינט צו אכטן זשורנאַליסטן, ווײַל איך האָב געוווּסט: בײַס די שלאכטן האָבן זיי שטענדיק זיך געפונען אין מיליטער, זיי זײַנען געגאַנגען אין דעסאַנטן, האָבן אָנטיילגענומען אין דיווערסיאָנעלע גרופּעס, אינעם פארכאַפּן „צונגען״.

דער אַפּאַראַט פון דער צײַטונג און איר אויטאָרן־אַקטיוו זײַנען געווען שטאַרקע. אכוץ די שטאַטנע מיטארבעטער, אזעלכע, ווי דער קינפּטיקער העלד פון סאָוועטנפארבאַנד, קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „פּראַוודאַ״ ס. באָרזענקאָ, פלעגן בא אונדז ארויסטרעטן דער שרײַבער ב. גאָרבאַטאָוו, דער דיכטער פּ. קאָגאַן.

עס פלעגן קומען צו פאָרן אין אונדזער ארמיי אויך אנדערע באַוווּסטע שרײַבער.

צולעצט, וויל איך זאָגן וועגן דעם, ווי וויכטיק עס איז געווען פאר די סאָלדאַטן א טרעפלעך וואָרט, וואָס עס האָט געזאָגט זייער אייגענער, סאָלדאַטישער פּאָעט, אָדער א צייכענונג אינעם שלאכט־בלעטל. ווײַל דאָס דאָזיקע וואָרט, די דאָזיקע צייכענונג זײַנען גע־

ווען געוועגדט דירעקט צו זיי. איך געדענק, ווי אין א פריזען קאיאַר האָב איך זיך אומגעקערט פון דער פאַדערליניע און דערזען צוויי מיידלעך. זיי האָבן זיך באוויזן פון דער זייט פון יאם. איינע — ניט קיין הויכע, אקוראט ארומגעגארטלט מיטן פאסעק, א געלע־געלע. מיר האָבן זיך באגריסט, און איך בין אוועקגעפאָרן ווייטער. איך האָב צוגעזאָגט מיין קאַמיוגישן געהילף פינף אזייגער אופנעמען די מענטשן, וועלכע מע האָט געדארפט באשטעטיקן אלס קאָמסאָרגן אָנשטאָט די דערהארגעטע. און אָט קומט צו גיין פונקט יענץ געל מיידל מיט א פעקל פאפירן.

— פונוואנען זיינט איר? — פרעג איך זי.

— פונעם באטאליאָן יאמלייט.

— וויאזוי באציען זיי זיך צו אייך?

— גוט.

— באליידיקן ניט?

— ניין, וואָס הייסט!

לאָזט זיך אויס, זי מאָלט. זי האָט גלייך פאנאנדערגעוויקלט אירע שלאכט־בלעטלעך. ווי היינט געדענק איך די צייכענונג און דעם אונטערשריפט: „היי, וואסיע, סע פעלט דיר דרייסטקייט?״.

אז מע זאָל שיקן זי אף דער קליינער ערד, האָט אָט דאָס מיידל, מאריא פעדענקאָ, זיך אליין איינגעבעטן, געווען אינעם דעסאנט פון די ערשטע טעג, ווי נאָר מע האָט זיך ארויסגעזעצט. זי פלעגט ארויסטראָגן פון אונטערן פייער פארוואונדעטע, און אין מינוטן פון שטילשטאנד געלאָפן פון אָקאָפּ צו אָקאָפּ מיט צייטונגען, קאָנווערטן, פאפיר, דורכגעפירט שמועסן, פאַרגעלייענט לידער. אלע קליין־ערדלער האָבן זי געקענט און ליב געהאט, געהאלטן פאר איינעם פון די בעסטע אגיטאטאָרן. דאָס האָט זי צוגעטראכט די שריפט־לעכע צייטונג „פאָלונדרא״, איר איז אפילע געלונגען זי „ארויסצו־געבן״ אין עטלעכע עקזעמפליארן, און די שלאכטלייט פלעגן לייע־נען די דאָזיקע בלעטלעך מיטן גרעסטן אינטערעס. ווען מע האָט זיי באקוקט און געלייענט, פלעגט שטענדיק זיך טראָגן א הילכיי־קער געלעכטער.

שפעטער, בייס די שלאכטן פאר נאָוואָראָסייסק, איז מאריא פאר־וואונדעט געוואָרן, אָבער, א ביסל זיך אונטערגעהיילט, איז זי ווידער אוועק אין די שלאכט־טיילן. איר העלדישקייט איז אָפּגעמערקט געוואָרן מיט דריי שלאכט־אָרדענס. דערנאָך האָט זי זיך אָפּגעבעטן קיין קיעוו, ווען דאָרט איז געגאנגען דער אָנגעשטרענגסטער גע־ראנגל. איינמאָל האָב איך אין א צייטונג (אין דער „פראוודא״ צי „איזוועסטיא״ — כ׳געדענק ניט) זיך אָנגעשטויסן אף איר ארטיקל „ליבע״. מע האָט געקאָנט מיינען, אז דאָס איז עפּעס א סענטימענ־

טאלע זאך. האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ניין — ס'איז געגאנגען א רייד וועגן דעם היימלאנד, וועגן ליבע צום היימלאנד.

לעשעם דעם היימלאנד האָט מאריא פעדענקאָ ניט געשאנעוועט ניט איר יוגנט, ניט אליין דאָס לעבן. אינעם טאָגבוך, וואָס איז שפּעטער פארעפנטלעכט געוואָרן, האָט זי וועגן דער קליינער ערד געשריבן: „דו קריכסט ארויס פון דער זעמליאנקע א קוק טאָן אף דער ווײַסער וועלט, און דאָס הארץ פרייט זיך. אוי, ווי עס ווילט זיך לעבן. און ארום זײַנען די פעלדער צעאקערט פון דער שרעקלעכער מילכאָמע־מאשין. אומעטום זײַנען רויִנען פון הײַזער און פארברוינטע פלעקן פון בלוט אף דער צעקאליעטשעטער, צעקאר־דאשעטער ערד. דו באוויַזסט זיך ניט אָנצוקוויקן מיט דער זון, ווי פלוצעם: „לופטו!״, און ווידער טוסטו א פאל אין דײַן הייל, ווו אין פאָנעם טוט א זעץ מיט פײַכטקײַט, ווו אינעם קאָפּעטש פון די היל־זע־לעמפּ דערקענסטו קוים דײַנע פרײַנט״.

ווי א סאך פון די העלדן, האָט מאריא ניט דערלעבט צו אונד־זערע טעג. דערמאָנענדיק זיך אין אָט דעם פּרעכטיקן מענטשן, טראכט איך וועגן פיל אנדערע טעכטער פון אונדזער היימלאנד, וועלכע האָבן געטיילט מיט די מאנצבלעון אלע שוועריקײַטן פון דער מילכאָמע. פאר מיר איז זייער געשטאלט געוואָרן א פארקערפערונג פון דער הערלעכקײַט פון דער סאָוועטישער פרוי.

6

אָנגריף... נאָך די אפּרעל־שלאכטן האָט מיט דעם דאַזיקן וואָרט געלעבט די גאנצע ארמיי — פונעם סאָלדאט ביזן הויפּט־קאָמאנדיר. א סאך צאָרעס האָבן מיר אלע איבערגעלעבט, ווען מיר האָבן אײַ־בערגעלאָזט דעם סוינע די אייגענע דערפער און שטעט, שטארק איז געווען אונדזער צאָרן קעגן די פארכאפּער בײַס די לאנגע כאדאָ־שים פון באלאגערונג, און ביזן סאָף האָט זיך אָנגעגליט דער הײַ־ליקער דאָרשט צו נעקאָמע.

„ווען זשע?״ — האָבן געפרעגט די סאָלדאטן, קאָמאנדירן, פּאָליט־טוער, ניט צוגעבנדיק דאָס וואָרט „אָנגריף״, ווײַל אויך אָן דעם איז געווען קלאָר, וועגן וואָס עס גייט א רייד. מע האָט אף דעם געקאָנט ענטפערן בלויז מיט איין וואָרט: „אינגיכן״. דעם טאָג און דעם פּלאן פונעם אָנגריף האָט מען געהאלטן בעסאָד־סוידעס. אָבער אז ער גרייט זיך, האָט מען ניט געקאָנט באהאלטן, און מע האָט ניט געדארפט באהאלטן.

די אומגעבונג פאר א מעכטיקן קלאפּ האָט זיך געשאפן אפן סאָ־מע גינסטיקן אויפן. אף אלע פראָנטן איז די איניציאטיוו אריבער־

געגאַנגען צו דער רויטער אַרמיי. די פאַשיסטישע קאָמאַנדשאַפט האָט אָף שטענדיק אָנגעוווירן די פּאָרצוגן, וועלכע זײַנען אַרויסגערופן פונעם אומגעריכטן אָנפאַל און פון דעם איבערוואָג אין מיליטער־טעכניק. אין 1943 האָט דאָס הערײַשע הינטערלאַנד געגעבן פאַרן פראָנט 24 טויזנט טאַנקען און אויטאָמאַטישע קאַנאָנען, 35 טויזנט עראָפּלאַנען, 130 טויזנט האַרמאַטן. מיר האָבן שוין געהאַט אַ מער פאַרפולקומט געווער, איידער דער סוינע, און אין אַ גרעסערער צאָל. בעסאַכאַקל האָט אונדזער אַרמיי, וועלכע האָט געוווּנען זומער דרײַ־און־פערציקסטן אַ ריי גרויסע שלאַכטן, זיך אַרויסגערוקט אָף מײַרעווו אינעם צענטראַלן טייל פונעם פראָנט אָף 300 קילאָמעטער, און בא אונדז אָף דאָרעם — אָף 600 קילאָמעטער.

אין וועלכע אומגעבונגען איז געבוירן געוואָרן די אידיי צו שטורמעווען נאָוואָראָסיִיסק?

נאָכן סטאַלינגראַדער געפעכט האָט היטלער דערפילט, אַז ער קאָן אַרײַנפאַלן נאָך אין אַ גרעסערער אַרומרינגלונג, און האָט מיט אַ באַזונדערער קראַפט זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם דאָרעמדיקן פלאַצדאַרם. ער האָט פאַרשטאַנען: אויב ער פאַרלירט טאַמאַן, וועט ער אומפאַרמײַדלעך פאַרלירן אויך קרים, און דאָס וועט שטעלן אין געפאַר זײַן מיליטער אָף אוקראַיִנע. קעדיי אײַנהאַלטן טאַמאַן, האָבן די פאַשיסטן געשאַפן אַ מעכטיקע שוץ־ליניע. זי האָט זיך געצויגן פונעם שוואַרצן ביזן אַזאָווער יאַם, איז באַשטאַנען פון צוויי פּאַסן, וועלכע זײַנען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מינירטע פעלדער און קעגנטאַנקען־פאַרצוימונגען, מיט וואַלגערשטיינער, דזאָטן און דאָטן, מיט פײַער־פונקטן און געפּאַנצערטע קאָלפּאַקעס.

בישכיינעס מיט אונדז האָט געקעמפט די אַרמיי פון א. א. גרעטשקאָ, ער האָט דער ערשטער דערפילט אָף זיך די דערצאָרנטקײַט פונעם פאַשיסטישן ווידערשטאַנד. גענומען איין סאָפּקע — זיך אָפּגעשטעלט, גענומען נאָך איינע — נאָכאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט. איך געדענק, לעסעלידזע, קאָלאָנין, איך און דער פּאָלקאָווניק זאַרעלוא זײַנען געלעגן אָף אַ בורקע. ס'איז געווען אַן אָפּרו־מאָמענט, מיר האָבן באַהאַנדלט די געשאַפענע לאַגע, און לעסעלידזע האָט געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס? דער שליסל צו פאַרכאַפּן טאַמאַן און קרים איז ניט אָף די דאָזיקע סאָפּקעס, נאָר אינעם אײַנעמען נאָוואָראָסיִיסק. לאָמיר בעטן די סטאַווקע, זי זאָל אונדז צוגעבן נאָך 17—20 טויזנט מענטשן. מירן זיך צוגרייטן און אָנהייבן דעם שטורעם.

אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. לעסעלידזע האָט אָנגעקלונגען קיין מאָסקווע, די סטאַווקע האָט באַוויליקט אונדזער איניציאַטיוו, און מע האָט אונדז געגעבן גלאַדקאָווס דיוויזיע. אָט פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן.

נאָוואָראָסיִיסק איז בא די דײַטשן געווען דער הויפּט־קנופּ פון ווידערשטאנד. אכוץ די מעכטיקע שוץ־ליניעס לענגויס דער פראָנט־ליניע, האָבן זיי געשאפן מערערע שטיצפּונקטן אין דער שטאָט גופא. די גרעסערע ווויִן־הײַזער, די זאוואָדן, דער עלעוואטאָר, דער וואָקזאל זײַנען געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט פײַער־נעסטן, גאנצע קווארטאלן זײַנען געווען איבערגעקרייצט מיט דורכגענג, די גאסן — איבערגעצוימט מיט באריקאדעס. באזונדערס שטארק איז געווען פארפעסטיקט דער האפן.

די דײַטשיש־פאשיסטישע קאָמאנדשאפט האָט געהאלטן, אז זי ווייסט גוט די טאקטיק פונעם סאָוועטישן מיליטער. גרויסע קנופּן פון ווידערשטאנד האָבן מיר אין פראָנט ניט גענומען, נאָר ארומגע־גאנגען. פארפעסטיקט נאָוואָראָסיִיסק, האָבן זיי, אזויארום, אין אָט דעם אָרט אַף א שטורעם ניט געווארט. און זיך אָפּגענארט. די באַ־זונדערקײַט פון אונדזער טאקטיק איז באשטאנען אין איר בייגעוו־דיקײַט. איינע פון די סיבעס, פארוואָס מיר האָבן זיך גענומען פאר־ווירקלעכן דעם דורכרײַס פון דעם סוינעס שוץ־ליניעס גראָד אין נאָוואָראָסיִיסק, איז געווען דער פאקטאָר פון אומגעריכטקײַט.

די 18־טע ארמיי האָט צו אָט דער צײַט אָנגעזאמלט א גרויסע דערפארונג פון דעסאנט־אָפּעראציעס, און מיר האָבן געהאלטן, אז געבן א קלאפּ איבער דער שטאָט קאָן מען פון דרײַ זײַטן, און ניט פון צוויי, ווי עס איז אויסגערעכנט געוואָרן פריִער, — פונעם רעכטן און לינקן ברעג פון דער צעמעסקער בוכטע, דאָס הייסט פון דער קליינער ערד, און פון דער זײַט פון די צעמענט־זאוואַדן, ווי אויך פונעם יאם מיט א גרעסערן דעסאנט, וואָס עס וועט זײַן אינגאנצן אומגעריכט פארן קעגנער. אזא פּלאן איז טאקע אָנגענומען געוואָרן.

עס האָט זיך געגרייט נאָך איין סורפּריז. א גרעסערער דעסאנט דארף, נאטירלעך, דורכגעפירט ווערן מיט גרעסערע שיפן, אָבער נאָך די שיפן האָט זייער אופמערקזאם נאָכגעשפּירט דער סוינע, און ארויסוווארפן א דעסאנט האָבן מיר באשלאָסן אַף קליינע שיפן. אכוץ דעם, האָט מען זיך געגרייט געבן א טאָרפּעדן־קלאפּ איבער דער ברעג־שוץ. פריִער האָט מען קיינמאָל ניט געשאָסן מיט טאָרפּעדעס איבערן ברעג: מע נוצט זיי אויס אין א יאם־שלאכט און בייסן אָנ־גרײַפן אַף שיפן. קעדיי די טאָרפּעדעס זאָלן אָפּטאָן זייער זאך, ווי ס'איז פארטראכט געוואָרן, איז די קאטערניקעס אויסגעקומען גוט א האָרעווע טאָן.

א פּלאן, וואָס אים האָט אנטפּלעקט דער קעגנער, איז, ווי באַ־ווּוסט, אַף האלב פארמישפּעט אַף א דורכפאל. דעריבער איז די ערשטע אופגאבע געווען אָפּהיטן אמשטרענגסטן דעם סאָד. מיר האָבן פארבאָטן א וואָסער־ניט־איז בריוו־אויסטויש, וואָס איז פאר־בונדן מיט דער אָפּעראציע, וועלכע האָט זיך געגרייט. אַף זי פּא־

נאנדערארבעטן איז צוגעצויגן געוואָרן א גאנץ באגרענעצטער קרײַז מענטשן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געגויע אויסשפירונג. קעדיי ניט אנטפלעקן אונדזער פארטראכט, איז זי געגאנגען אף א ברייטן פראָנט. ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אן ארבעט אף דעזינפאָרמירן דעם קעגנער, א ריי געלונגען אויסגעפילטע מאַסמיטלען האָבן אים אײַנגערעדט, אז עס גרייט זיך ווידעראמאָל א דעסאנט אינעם ראיאָן פון יוזשנאיא אָזערייקא.

דער פארטייִיש־פּאָליטישער באזארגונג פון דער אָפּעראציע האָבן מיר אָפּגעגעבן ניט קיין קלענערע באדײַטונג, איידער איר שלאכט־צוגרייטונג. ס'איז באשלאָסן געוואָרן, אז צום אָנהייב פונעם שטורעם זאָלן מיר האָבן אומבאדינגט אין אלע טיילן פולבלוטיקע פארטיי־אָרגאניזאציעס. ארויסגייענדיק דערפון, האָט מען געשיקט די קאָמוניסטן אף די סאמע פאראנטוואָרטלעכע באצירקן פונעם אָנגריף. ס'איז געגאנגען א ספּעציעלער אָפּקלײַב פון מענטשן פאר די דע־סאנט־טיילן. אין זיי זײַנען געווען 60—70 פּראָצענט קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן.

געטראכט האָב איך אויך וועגן דער אמערסטן ראַציאָנעלער פאַנאנדערשטעלונג פון די טוער פונעם פּאָליט־אָפּטייל: יעדער פון זיי איז אפן גאנצן פעריאָד פון דער אָפּעראציע צוגעפעסטיקט געוואָרן צו א באשטימטער מיליטער־טייל. שפּעטער, טרעפנדיק זיך מיט זיי אין די דיוויזיעס און פּאָלקן, האָב איך געזען, אז געקעמפט האָבן זיי מיט גרויס באגײַסטערונג, באווײַזנדיק מיט זייער שלאכט־גײַסט א בײַשפּיל פאר אנדערע. מיר האָבן צוגעצויגן אויך א סאך פּאָליט־טוער פונעם רעזערוו, מיר זאָלן קאָנען בייס די שלאכטן שנעל פאר־בײַטן יענע, וואָס וועלן ארויס פון דער ריי. די פארטאָרגן האָבן געהאט צו צוויי שטעלפארטרעטערס, די קאָמסאָרגן — צו דרײַ. מיר האָבן, אזויארום, זיך דערשלאָגן, אז אין באשטאנד פון אלע טיילן זאָלן שטענדיק זײַן פארטיייִשע און קאָמיוגישע אָנפירער.

ווי עס האָט זיך אויסגעקלאָרט נאָך דער באפרײַונג פון נאָוואָראָסייסק, איז אונדז גוט צוניץ געקומען דאָס, וואָס מיר האָבן פאַנאנדערגעארבעט א „געדענק־בלעטל פארן דעסאנטלער". אין עט־לעכע אבזאצן פונעם ארײַנפיר האָט זיך גערעדט וועגן די דערפאָלגן פון דער רויטער ארמיי אף אלע פראָנטן, וועגן די אכזאָריעסן פון די היטלעראָווצעס, וועגן דעם, אז עס איז געקומען אויך אונדזער צײַט צו געבן א מעכטיקן קלאַפּ איבערן סוינע, אָפּצאָלן אים פאר אלע זײַנע פארברעכנס. דערנאָך זײַנען געגאנגען פּראקטישע אייצעס. קורץ איז אָנגעוויזן געוואָרן, וויאזוי עס דארף זיך פירן א שלאכטמאן אין מאָמענט פון זעצן זיך אף דער שיף, אף דער שיף גופע, בייסן ארויסזעצן זיך און אין דער שלאכט. מיר האָבן גע־שטרעבט באצײַטנס אויסלערנען די מענטשן, וואָס מע דארף טאָן

אין ניט פאַרויסגעזעענע אומגעבונגען. דאָס בלעטל האָט מען אי־בערגעגעבן יעדן דעסאַנטלער.

די אידיי פונעם געדענק־בלעטל האָב איך אַנטליִען בא די שלאַכטלײַט פונעם דאָרעמדיקן פראָנט פון די צײַטן פון בירגער־קריג, מיט וועלכן עס האָט זיך דעמלט זייער אינטערעסירט און אונטערגעשטראָכן באַזונדערס וויכטיקע ערטער וו. אי. לענין. אגעוו, מיט א ריי זאכלאגעס, אף וועלכע עס האָט געלייגט א באַזונדערע אכט וולאַדימיר איליטש, האָבן מיר זיך באַנוצט אין דער גאַנצער פּאַרטייִש־פּאָליטישער אַרבעט. אָט זײַנען, צום בײַשפּיל, שורעס פונעם געדענק־בלעטל:

„כּאַוועֶר קאָמוניסט!‥ דו דאַרפסט אַרײַנטרעטן אין שלאַכט דער ערשטער און אַרויסגיין פון דער שלאַכט דער לעצטער. דו ביסט באַרופן צו דערציִען אפן פראָנט די רויטאַרמייִשע מאַסע. אָבער אין א באַליביקער מינוט דאַרפסטו קאָנען נעמען אין די הענט די ביקס און מיט פּערזענלעכן בײַשפּיל באַווײַזן, אַז א קאָמוניסט קאָן ניט בלויז איידלמוטיק לעבן, נאָר אויך ווירדיק שטאַרבן!”

די טעג און די נעכט בייסן צוגרייטן זיך צום שטורעם דערמאָנען זיך מיר, ווי א צײַט פון דער אָנגעשטרענגטסטער אַרבעט, פון דער שווערסטער אָנלאָדונג. אָבער ווי דאָס האָט זיך אונטערשיידט פון די טעג און נעכט בייס דער באַלאַגערונג אף דער קליינער ערד! די אַרבעט איז געווען ניט קיין שווערע, די אָנלאָדונג האָט געפרייט; יעדע נײַע באַגעגעניש מיט מענטשן האָט צוגעגעבן קויכעס. אין אוואַנגאַרד פונעם דעסאַנט האָט זיך אַרויסגערופן צו גיין דער באַ־זונדערער באַטאַליאָן פון יאַם־פּעכאָטע אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון די העלדן פונעם ערשטן אַרויסזעצן זיך אף דער קליינער ערד וו. א. באָטילעוון און זײַן שטעלפּאַרטרעטער לויטן פּאָליט־אָפּטייל נ. וו. סטאַרשינאָוון. אָט דעם באַטאַליאָן האָט מען פּאַרטרויט די פאָן, קעדיי זי אופהייבן אפן ערשטן הויכן הויז, וואָס מע וועט אויס־קעמפן באם סוינע. ווי א גרויסן קאָוועד האָט געגומען די פאָן דער סטאַרשינא פונעם צווייטן ראַנג דער יונגער קאָמוניסט וולאַדימיר סמאָרזשעווסקי. דער דרייסטער אויסשפּירער, א העלד פון די שלאַכטן פונעם ערשטן דעסאַנט, האָט, א געריכטער פונעם צוטרוי, געגעבן די כאַווײרים א שוווּע: „כ׳וועל ניט פאַרשעמען דעם קאָ־וועד פון יאַמלײַט!”

ענדלעך האָט דער קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי ק. נ. לע־סעלידזע צונויפגעזאַמלט די קאָמאַנדירן, וועמען עס איז פאָרגע־שטאַנען צו פירן דאָס מיליטער אפן שטורעם, און האָט געמאָלדן די צײַט „טש”— די שאָ און די מינוט פונעם שטורעם אין דער נאַכט פונעם 9 אפן 10 סענטיאַבער. דאָ האָט מען ענדגילטיק פאַרפינקט־לעכט די אופגאַבע פון יעדערן, דערנאָך, א האַלבן טאָג נאָך ביזן

אָנהייב פון דער אָפּעראַציע, האָט דער קאָמאַנדיר פונעם צאָפּן־קאַווקאַזער פראָנט אי. יע. פּעטראָוו צונויפגערופן א פאַרבריי־טערטע בעראַטונג פונעם קאָמאַנדירן־באַשטאַנד פון דער אַרמיי און פלאָט, אין וועלכער יעדערער האָט מיטגעטיילט וועגן דער גרייטקייט.

אין אַלע שיסער־טיילן, אין די דעסאַנט־אָטריאַדן און אויף די שיפן זײַנען א שאָ פאַר דעם אָנגריף דורכגעפירט געוואָרן מיטינגען. זייער א סאַך האָט מען געדאַרפט זאָגן די מענטשן, און רעדן ביז דעמלט האָבן מיר ניט געקאָנט. האָט מען, הייסט עס, געדאַרפט אויסקלײַבן די נייטיקסטע ווערטער. איך בין געווען אויף א סאַך מיטינגען. כ׳האָב זיך איבערצײַגט, אַז דעם באַפעל וועגן דעם שטורעם האָבן די סאָל־דאַטן אויפגענומען מיט א קאָלאָסאַלער באַפרידיקונג, איך וואָלט אַפילו געזאָגט, מיט פרייד.

ס׳איז געקומען די צײַט, אויף וועלכער מיר האָבן געוואַרט 255 טעג און נעכט. דער באַאָבאַכטונגס־פּונקט פונעם קאָמאַנדיר איז געווען אויסגעשטאַט אויפן מאַרקאָטכסקן באַרגרוקן. פונדאַנען זעען זיך, ווי אויף דער דלאָניע, די צעמעסקער בוכטע, דער האַפן, א באַדײַטנדיקער טייל פון דער שטאָט.

נאַכט. ביז דעם אָנהייב פון דער אָפּעראַציע איז נאָך פאַרבליבן צײַט, אָבער דאָ זײַנען שוין פאַראַן א סאַך מענטשן. דער קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי, דער שעף פונעם שטאַב גענעראַל נ. אָ. פּאַוולאָווסקי מיט א גרופּע שטאַב־אָפיצערן, דער קאָמאַנדיר פון דער אַרטילעריע גענעראַל ג. ס. קאַריאָפּילי מיט זײַנע געהילפן, די קאָמאַנדירן פון אַנדערע מינים מיליטער. אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט, וועלכע ס׳רײַסט איבער אַלע מאָל א טעלעפאָן־קלונג. די אויסשפּירער האָבן מיטגעטיילט: פונעם קעגנערס זײַט איז ניט צו זען קיין שום באַוועגונג. פון צײַט צו צײַט האָט זיך געהערט אַן איינצלנער שאָס פון א קאַנאָן, ערגעץ־ווו האָט זיך אויפגעריסן א צופעליקער סנאַריאַד — און ווידעראַמאָל שטיל. גערעדט האָט מען, ווער ווייסט פאַרוואָס, שטיל, קימאַט שעפּטשענ־דיק. די אָפיצערן און גענעראַלן האָבן אַלע מאָל געכאַפּט א קוק אויפן זייגער.

און אָט איז די צײַט „טש״ — 2.44. איך האָב געוווּסט, אַז אין אָט דער מינוט וועלן א זעץ טאָן 800 האַרמאַטן־רערן און 227 „קאַטיו־שעס״, ס׳וועלן זיך אויפהייבן אין דער לופט אָנדערהאַלבן הונדערט באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען. כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט, פאַרשטייט זיך, די מעכטיקײַט פונעם קלאַפּ, אָבער דאָס, וואָס איך האָב דערהערט, האָט מיך איבעראַשט. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ערד קערט זיך איבער.

די אַרטילערישע צוגרייטונג האָט געדויערט פופצן מינוט. פאַר

אָט דער צײַט איז ארויסגעשאָסן געוואָרן 35 טויזנט סנאַריאַדן איבער די פרײַער אָנגעמערקטע צילן. עס זײַנען אווּעק אין אָנגריף די יאַם־פּעכאָטינער און שיסער־טיילן פון דער קליינער ערד — ניט אומזיסט האָבן מיר אַזױפיל צײַט אײַנגעהאַלטן אָט דאָס אומשאַצ־באַר שטיקל ברעג־פּאַס. פון דער אַנדערער זײַט האָט זיך אָנגע־הויבן אַן אָנגריף פונעם ראַיאָן פון די צעמענט־זאַוואָדן. אין שלאַכט האָט זיך אײַנגעשלאָסן, ווי מיר האָבן פון פרײַער אָנגעמערקט, דער יאַם־דעסאַנט.

די פײַער־שײַן פון סרייפּעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער שטאָט, האָט באַלויכטן די צעמעסקער בוכטע. איך האָב זיך אײַנגעקוקט אין דער כאַשכעס, אין דער זײַט פון געלענדזשיק, נאָר בלויז לעבן דעם האַפן דערזען די ערשטע גרופּע קאַטערס־„דורכ־רײַסלער", וועלכע האָבן זיך דורכגעטראָגן מיט אַ בליציקער שנעל־קײַט און פאַרניכטעט די פאַרצוימונגען. דאָס איז פאָרגעקומען אין זעקס מינוט אַרום נאָכן אָנהייב פון דער אַרטילערישער צוגרייטונג. ס'האָט זיך באַוויזן אַ באַדינגלעכער סיגנאַל — „דער וועג איז אָפן". אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיט אַ קאָלאָסאַלער שנעלקײַט זיך אַרײַנגעריסן אין דער בוכטע די קאַטערס, וועלכע האָבן געגעבן אַ קלאַפּ איבער דער מײַרעווודיקער און מיזרעכדיקער זאַמד־הייכקײַטן מיט שווערע טאָרפּעדעס. אַן איבעראַשנדיקער קלאַפּ, וואָס האָט צעקאַרדאַשעט די ברעג־פאַרצוימונגען. דער ברעג איז אײַנגעהילט געוואָרן אין רויך, אין שטויב פון צעמענט. דאָס האָט פאַרדעקט פונעם קעגנער די דעסאַנט־קאַטערס, און פּינקטלעך אין פּונקט מי־נוט אַרום, דאָס הייסט אין מאָמענט, ווען די אַרטילערישע צוגריי־טונג האָט זיך פאַרענדיקט, האָט זיך שוין באַטילעווס באַטאַליאָן געשלאָגן אינעם האַפן. אין מעשעך פון אַ האַלבער שאָ האָבן זיך אונטערן שרעקלעכן פײַער פונעם קעגנער ארויסגעזעצט 800 מענטשן, באַוואָפנטע מיט קוילנוואַרפערס אַף רעדער, מיט מינענ־וואַרפערס, מיט קעגנטאַנקען־אווטאָמאַטן.

אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין דער צעמעסקער בוכטע. פון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן קאַטערס, אופהייבנדיק בייסן אויס־קערעווען זיך גאַנצע זײַלן וואַסער, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך צונויפשטויסן. אָבער אַלץ איז געווען אונטער־געאָרדנט אַ פּינקטלעכע אויסרעכענונג. גלײַך נאָך די טאָרפּעדן־קאַטערס זײַנען געגאַנגען קאַנאָנערקעס, וועכטער־קאַטערס, סיי־נערס — יעדע שיף לויט איר מאַרשרוט. איינער נאָכן אַנדערן זײַ־נען אַטאַקירט געוואָרן די האַפנס ליעסנאַיאַ, עלעוואַטאָרנאַיאַ, ניעפטיענאַליוונאַיאַ, אימפּאָרטנאַיאַ. דאָס פײַער פון די אופרײַסן און פון די סרייפּעס האָט גוט באַלויכטן די בוכטע אינעם ראַיאָן פונעם האַפן. דאָס וואַסער האָט מאַמעש געזאָטן.

קימאט איינצײַטיק מיט באַטילעווס באַטאליאָן, וואָס האָט פאַר־כאַפּט דעם האַפן ליעסנאַיאַ, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַפן האַפן צע־מענטנאַיאַ דער 1339־טער שיסער־פּאָלק אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון ס. נ. קאַדאַנטשיק.

דעם גאַנצן פּאָלק האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אַרויסזעצן זיך, אָבער די, וואָס האָבן דערגרייכט דעם ברעג, האָבן אין איין אָטעם זיך געוואָרפן אויף דעם סוינעס פאַרצוימונגען. ביז אינדערפרי האָבן זיי פאַרנומען אַ שטאַרקן אָנשפּאַר־פּונקט — דעם צעמענט־זאַוואָד „פּראָ־לעטאַרי”. אין דער אַנדערער נאַכט האָבן זיך צו זיי פאַרייניקט די איבעריקע טיילן פונעם פּאָלק.

אויפן באָאַבאַכטונגס־פּונקט זײַנען ניט אָנשטילט געוואָרן די טע־לעפאָן־קלונגען. מיט אַלע טיילן איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ זיכערע פאַרבינדונג. מיט וווּנדערלעכער רויִקייט און פעסטקייט האָט אָנ־געפירט מיטן געפעכט דער טאַלאַנטפולער קאָמאַנדאַרם. אין גאַנג פון די שלאַכטן האָט ער אָפּעראַטיוו איבערגרופּירט די טיילן, אַרײַנ־געפירט רעזערוון, אַריבערגעוואָרפן הילף אַהין, ווו עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סאַקאָנע.

אַ צעמישטער אין די ערשטע מינוטן, איז דער סוינע געקומען צו־זיך. עס האָט זיך צערעדט מיט פײַער יעדעס הויז, יעדער קוואַר־טאַל. פעסטגעשטעלט די גרענעצן פונעם פּלאַצדאַרם, וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט, האָבן די היטלעראָווצעס געעפנט איבער אים אַן אַרטי־לעריש פײַער. אָבער אויך אונדזער אַרטילעריע האָט באַגלייט די אָנגרײַפנדיקע טיילן. אונדזערע פליִער האָבן אויספּלאַנירט זייערע אָפּעראַציעס אַזוי, אַז עס זאָל אָן אַן איבעררײַס באַמבירט ווערן די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען פונעם קעגנער. אין הימל האָבן זיך די גאַנצע צײַט געפונען די שטורמאָוויקעס — זיי האָבן געמאַכט צו זעקס־זיבן אַרויספליִען אַ טאָג.

אויף מאָרגן באַנאַכט האָט אינעם ראַיאָן פון דער עלעקטראָסטאַנ־ציע זיך אַרויסגעזעצט דער 1337־טער פּאָלק. מיט אים איז אָנגעקו־מען אויך דער פּאָלקאָווניק וו. א. וורוצקי, דער קאָמאַנדיר פון דער 318־טער שיסער־דיוויזיע. די פאַרבינדונג מיט אים איז אָבער אי־בערגעריסן געוואָרן. איך האָב געזען, ווי דער קאָמאַנדיר איז אויפגערעגט. ניט אַ ראָטע, ניט אַ באַטאליאָן, נאָר קימאַט אַ גאַנצע דיוויזיע, וואָס איז דערבײַ נאָך אַרויסגעפירט געוואָרן אין דער ריכ־טונג פונעם הויפּט־קלאַפּ, האָט ניט געגעבן וועגן זיך צו וויסן.

לעסעלידזע האָט באַפוילן שיקן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אָפיצער אין ראַיאָן פון דער עלעקטראָסטאַנציע, ער זאָל געפינען וורוצקין, זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דער לאַגע און טייקעף מיטיילן. איך האָב אַ קלער געטאָן און פאָרגעלייגט דעם הויפּט־קאָמאַנדיר אָנפאַרטרויען די דאָזיקע זאַך מײַן שטעלפאַרטרעטער פּאַכאָמאָוון. דער קאָמאַנדיר

האָט אים גוט געקענט און איז גלײַך מאסקים געווען, נאָר ער האָט באַפוילן דעם שעף פונעם אָפּעראַטיוון אָפּטייל שיקן מיט אים פונעם אָפּטייל דעם קאַפּיטאַן פּושיצקי.

— נעמט מײַן „ווייליס״, — האָט ער דערבײַ געזאָגט.

זיי איז פאַרגעשטאַנען זיך דורכרײַסן אין דער שטאָט דורך דער פאָדערשטער ליניע, דורך דער זאָנע, וואָס ווערט שטאַרק באַשאָסן, געפינען וורוצקין, מיט א באַהאַוונט אויג אָפּשאַצן, איבערטראַגן די אומגעבונג אויף דער מאַפּע און ווי ווײַט מעגלעך וואָס גיכער זיך אומקערן. צום גליק, האָבןביידע זיך אומגעקערט בעשאָלעם, כאָטש די מאַשין פונעם קאָמאַנדיר, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט אינעם ראַיאָן פון דעם זאַוואָד „אָקטיאַבער״, איז צעבאָמבירט געוואָרן. בײַגעקומען זייער א סאַך שטערונגען, האָבן זיי דורך דער וואַסער־רינווע, וואָס איז געווען דורכגעלייגט לענגויס דער ברעג־ליניע, זיך דערקליבן צו עפּעס א פּלאַץ, ווו פּונקט אַנטקעגן איז געווען די עלעקטראָסטאַנציע און פון רעכטס א לאַנגע געבײַדע, פון וועלכער די פאַשיסטן האָבן אָן אויפהער געשאָסן. צו דער עלעקטראָסטאַנציע איז געבליבן זיבעציק מעטער, אָבער קומען צו איר האָט מען געקאָנט נאָר דורכן אָפענעם פּלאַץ אָדער לענגויס דעם הויז הינטער די קוטשעס קוילן. זיי האָבן גלײַך באַשלאָסן וואָס צו טאָן. פּושיצקי לאָזט זיך פּויזען הינטער די קוילן־בערגלעך, און פּאַכאָמאָוו וואַרפט זיך פלינק אריבער דורכן געפערלעכן באַצירק. ווי ער האָט שפּעטער גאַנץ ערנסט דערקלערט, וואָלט דער בעסטער ספּרינטער אין דער וועלט אים ניט דעריאָגט. ניט געקוקט אויף דער סאַקאָנע, האָבן זיי מיטן זעלבן וועג זיך אומגעקערט צוריק, און ניט מיט איין מאַפּע, נאָר מיט צוויי און מיט מיטיילונגען, וועלכע זאָלן גאַראַנטירן פאַרן מיליטער־ראַט פון דער ארמיי ידיעות וועגן דער לאַגע. זיי האָבן געבראַכט אויך א טרויעריקע ידיעה: דער פּאָלקאָווניק וורוצקי איז געוואָרן שווער קאָנטוזיעט, ער האָט פאַרלאָרן אַן אויג און איז פאַרווונדעט אין דער האַנט. גלײַך זײַנען אָנגענומען געוואָרן מיטלען ארויסצוווײַזן הילף די טיילן פון דער דיוויזיע, וועלכע האָבן פאַמעלעך, נאָר אײַנגעשפּאַרט זיך באַוועגט פאָרויס, אויספילן די פליכטן פונעם קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע איז צײַטווײַליק ארופגעלייגט געוואָרן אויפן שעף פונעם שטאַב.

אין די גאַסן זײַנען געגאַנגען שלאַכטן. אייגע נאָך די אַנדערע זײַנען אָנגעקומען ידיעות: ס׳איז פאַרכאַפּט געוואָרן דער וואָקזאַל, און דאָרט איז אויפגעהויבן געוואָרן א יאָם־פלאַג; ס׳איז פאַרכאַפּט דער „גרויער אָסאָבניאַק״, דאָס „רויטע הויז״; אונדזערע האָבן זיך ארײַנגעריסן אין דער שול; ס׳איז באַפרײַט דער קוואַרטאַל 103... און יעדע גוטע ידיעה איז באַגלייט געוואָרן מיט ביטערע נײַס: דער־הארגעט געוואָרן דער שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער 318־טער

דיוויזיע פּאָדפּאָלקאָווניק א. טיכאָסטופּ... דער אינסטרוקטאָר פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער ארמיי מאיאָר פּ. איסײַעוו... דער אינספּעקטאָר פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער ארמיי מאיאָר א. צעדריק... ניט לאנג צוריק פאר דעם איז אומגעקומען מ. ווידאָוו, שפּעטער איז הינטער אנאפּא אומגעקומען דער שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער 83־טער יאם־בריגאדע ק. לוקין.

איך דערמאָן זיך, מיר זײַנען צוזאמען מיט אים ארײַן אין איינעם פון די רומענישע בלינדאזשן, וועלכע זײַנען געווען אויסגעבויט אפן זאמדיקן ברעג. ס׳איז געווען זייער הייס, און לעסעלידזע, איך, זאַרעלוא, לוקין האָבן געוואָלט א ביסל זײַן אין שאָטן. נאָר אינעם בלינדאזש האָט זיך געהערט עפּעס א שורכען, אן אומופהערלעכער טראסק, זייער א שטילער. איך האָב געזאָגט:

— דאָס איז, אפּאָנעם, א זייגער־מעכאניזם. מע האָט, ווײַזט אויס, אונטערגעלייגט א באָמבע. לאָמיר ארויסגיין פונדאנען.

און מיר האָבן זיך ארויסגעקליבן אף דער לופט, אוועקגעגאנגען פונעם בלינדאזש, צעשפּרייט א בורקע און זיך אוועקגעלייגט. לוקין האָט זיך אויך געלייגט, גאנץ נאָענט לעבן אונדז. ס׳האָבן געסווישטשעט איינצלנע באָמבעס, דער גאנצער ברעג איז געווען אין זאמדיקע בורכאנעלעך. ווען דער געקנאל פון די אופרײַסן האָט זיך פארענדיקט, האָבן מיר זיך אופגעהויבן. איך האָב א רוף געטאָן מײַן כאווער:

— לוקין! לוקין!

ער שווײַגט. מיר זײַנען צוגעגאנגען — ער איז טויט. קיין שום צאראפּינע, גאָרניט. ס׳האָט אים דערהארגעט א לופט־כוואליע.

Неправда, друг не умирает.
Лишь рядом быть перестает.
Он кров с тобой не разделяет,
Из фляги из твоей не пьет...[1]

גוט האָט געזאָגט דער דיכטער. מיטן סייכל האָב איך אלץ פארשטאנען: עס גייט א געראנגל, און קאָרבאָנעס זײַנען אומפארמײַדלעך. דאָס הארץ אָבער האָט ניט געוואָלט פארשטיין, געגנאָיעט מיט אומדערטרעגלעכן ווייטעק. איך האָב אליין געשריבן בריוו די אלמאָנעס, מײַן הײַפּעלע ערד ליגט אין די קוואָרים פון כאווירים, דאָס פײַער פון מײַן אווטאָמאט האָט געקלונגען אינעם זאלפּ פון דעם טרויער־סאליוט. איבערגעגעבענע זין פון דער פארטיי, האָבן

[1] ניט עמעס, א פרײַנט שטארבט ניט. ער איז בלויז ניטאָ לעבן דיר. ער טיילט מיט דיר ניט דעם געלעגער, פון פליאגע דײַנער טרינקט ער ניט. (בוכשטעבלעכע איבערזעצונג).

זיי לעשעם איר גערופן די שלאַכטלײַט אין טויט־געראַנגל. גערופן לעשעם דעם היימלאַנד ניט שאַנעווען דאָס לעבן. און אין שלאַכט האָבן זיי די ערשטע געטאָן דאָס, צו וואָס זיי האָבן גערופן אַנדערע, פירנדיק נאָך זיך די שלאַכטלײַט. זיי האָבן ביזן סאָף אויסגעפּילט לענינס געבאָט — מיטן אייגענעם בײַשפּיל דערוויזן, אַז אַ קאָמוניסט קאָן ניט בלויז איידלמוטיק לעבן, נאָר אויך ווירדיק שטאַרבן.

7

זעקס טעג און זעקס נעכט זײַנען געגאַנגען די שלאַכטן אין נאָוואָראָסיִיסק. איך וועל זיך ניט נעמען איבערעכענען די נומערן פון די טיילן און פאַרייניקונגען, כ׳וועל ניט ברענגען קיין ציפערן — דער שטורעם איז געווען אָפּגעשפּיגלט אין דער מיליטעריש־היסטאָ־רישער ליטעראַטור. ס׳איז וויכטיק אָפּצומערקן אַנדערס: דער אָנ־גרײַף־שוווּנג, דער הייליקער צאָרן פון די שלאַכטלײַט זײַנען געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט שוין גאָרנישט ניט געקאָנט זיי אײַנהאַלטן. אַלע טאָג און אַפילע אַלע שאָ זײַנען מיר געווען איידעס פון סאָל־דאַטישע העלדנטאַטן. כאָטש וועגן איינעם פון זיי דאַרף איך דער־ציילן.

דרײַ מאָל האָט אַ ראָטע יאַם־פּעכאָטינער אָן דערפאָלג אַטאַקירט די פאַשיסטישע פאַרפעסטיקונגען. דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע איוואַנאָוו האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ פרײַוויליקע שטורעם־גרופּע פאַר אַ דורכרײַס. אין איר זײַנען אַרײַן עלף מענטשן בעראָש מיטן פאַרטאָרג פון דער ראָטע וואַליזולין און מיט נאָך פיר קאָמוניסטן. מיט אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ האָבן זיי דורכגעריסן די שוץ פונעם סוינע, און נאָך זיי האָבן זיך אַ ריס געטאָן די שלאַכטלײַט. אין סאָף פון דער גאַס האָט אָבער אַ פײַער פונעם פלאַנג אָפּגעשטעלט זייער באַוועגונג, דעמלט האָט וואַליזולין געזאָגט דעם סטאַרשינאַ דיאַ־טשענקאָ: „ווען עס וועט אַנשוויגן ווערן דער קוילנוואַרפער, הייב אויף די מענטשן אין אָנגריף״, און אַוועקגעפּויזעט. פאַרן סאַמע פענצטער פונעם קעלער, פונוואַנען עס האָט געשאָסן דער קוילנ־וואַרפער, האָט אים געטראָפן אַ קויל. נאָר, אַ פאַרבלוטיקטער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן פענצטער. די פּאָזיציע איז גענומען גע־וואָרן.

סאַלאַכוטדין וואַליזולינען האָב איך גוט געקענט לויט דער קליי־נער ערד, ער איז געווען איינער פון די בעסטע פאַרטאָרגן. אונ־טערשרײַבנדיק אויף אים אַ באַלוינונגס־ליסטע, האָב איך געקלערט וועגן דעם טאָך פון אַזעלכע העלדנטאַטן. דער מענטש האָט געוויס

געוווּסט, אַז ער גייט אַף אַ זיכערן טויט. אָבער ס׳איז אַ ספֿק, צי ער האָט זיך געזאָגט אין יענעם מאָמענט: „באַלד וועל איך באַגיין אַ העלדנטאַט״. ניין, אָט די געוואַגטקייט איז ניט געווען קיין בילדעריש־העלדישע, נאָר אַ קאַרגע אַף ווערטער, אַ בענימעסדיקע, איך וואָלט אַפֿילו געזאָגט אַ באַשיידענע, וועלכע עס האָט באַזונדערס געשעצט, אורטיילנדיק לויטן ראָמאַן „מילכאָמע און פֿרידן״, ל. נ. טאָלסטאָי. און דער העלדנטאַט איז געווען אויך אַזאַ, ווי טאָלסטאָי האָט פֿאַרשטאַנען דאָס דאָזיקע וואָרט: דער מענטש טוט דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן, ניט געקוקט אַף גאָרנישט.

פֿאַרשטייט זיך, דער געפֿיל פֿון שרעק פֿאַרן טויט איז אייגנטימלעך פֿאַר אַ מענטשן, דאָס איז נאַטירלעך. נאָר דער באַשלוס איז אין קריטישן מאָמענט געקומען ווי אַן און פֿאַר זיך, אַ צוגעגרייטער דורך דעם גאַנצן פֿריערדיקן לעבן. איז פֿאַראַן, הייסט עס, אַזאַ מין אויגנבליק, ווען באַם שלאַכטמאַן־פּאַטריאָט פֿאַרטויבט דער באַוווּסטזײַן פֿון זײַן פֿליכט פֿאַרן היימלאַנד סײַ דעם געפֿיל פֿון שרעק, סײַ דעם ווייטעק, סײַ די געדאַנקען וועגן טויט. הייסט עס, אַז עס איז ניט אומבאַוווּסטזיניק אָט דער טאַט — דער העלדנטאַט, נאָר אַן איבערצײַגטקייט אין דער גערעכטיקייט און הערלעכקייט פֿון דער זאַך, פֿאַר וועלכער דער מענטש גיט אָפּ באַוווּסטזיניק זײַן לעבן.

„די איבערצײַגונג אין דער גערעכטיקייט פֿון דער מילכאָמע, — האָט געשריבן וו. אי. לענין אין די יאָרן פֿונעם בירגערקריג, — דער באַוווּסטזײַן פֿון דער נייטיקייט אין מעסירעסנעפֿעש פֿאַרן וווילזײַן פֿון זייערע ברידער הייבט אויף דעם גייסט פֿון די סאָלדאַטן און צווינגט זיי איבערטראָגן אומגעהערטע שוועריקייטן... דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס יעדער אַרבעטער און פּויער, שטעלנדיק זיך אונטערן געווער, ווייסט, פֿאַרוואָס ער גייט, און ער פֿאַרגיסט באַוווּסטזיניק זײַן בלוט לעשעם דעם ניצאָכן פֿון גערעכטיקייט און סאָציאַליזם״.

די דאָזיקע אויסגעצייכנטע לעגינס ווערטער אַנטפּלעקן טיף און פּינקטלעך די קוואַלן פֿון די מאָראַלישע קויכעס פֿונעם פֿאָלק, די קוואַלן פֿונעם אומשטערבלעכן העלדנטאַט פֿון אונדזער פֿאָלק אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע לעשעם דעם ניצאָכן פֿון גערעכטיקייט און סאָציאַליזם.

דעם 16 סענטיאַבער האָט מאָסקווע סאַליוטירט דעם העלדישן מיליטער פֿונעם צאָפֿן־קאַווקאַזער פֿראָנט און פֿונעם שוואַרציאַמישן פֿלאָט. דאָס גרויסע קעגנשטייַן פֿון צוויי קויכעס האָט זיך פֿאַרענדיקט. אַפֿן הוילן באַצירק מיטן קליינינקן יישעוו סטאַניטשקי האָבן אונדזערע שלאַכטלײַט אויסגעהאַלטן אַ זיבנכאָדאָשימדיקע באַלאַגערונג און געזיגט. די היטלעראָווצעס האָבן געהאַלטן אין די הענט אַ גרויסע שטאָט, וועלכע זיי האָבן פֿאַרוואַנדלט אין אַן אומדערגרייכ־

בארער פעסטונג, און מיר האָבן זיי ארויסגעשלײַדערט פאר זעקס טעג.

דאָס היימלאנד האָט הויך אָפּגעשאצט די אומגעהערטע געוואגט־קײַט און העלדישקײַט פון די באפרײַער פון דער שטאָט. נײַנצן פארייניקונגען און טיילן איז צוגעייגנט געוואָרן דער בעקאָוועדי־קער נאָמען נאָוואָראָסײסקער. טויזנטער סאָלדאטן און אָפיצערן זײַ־נען באלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאלן פונעם סאָוועטנ־פארבאנד. צענדליקער שלאכטלײַט, וועלכע זײַנען באגאנגען מערק־ווירדיקע העלדנטאטן, זײַנען באערט געוואָרן מיטן הויכן טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד.

דער נאָוואָראָסײסקער דעסאנט, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענו־מען אלע מינים מיליטער, איז געווען איינער פון די גרעסטע דע־סאנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

די שלאכט פאר נאָוואָראָסײסק איז ארײַן אין דער געשיכטע פון דער פארגאנגענער מילכאָמע אלס איינער פון די בײַשפּילן פון אומגעוואקלטן ווילן פון די סאָוועטישע מענטשן צום זיג, צו סאָל־דאטישער העלדישקײַט און שרעקלאָזיקײַט, אומבאגרענעצבארער איבערגעגעבנקײַט דער לענינישער פארטיי, דעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאנד.

דעם באפעל פונעם אויבער־הויפּטקאָמאנדיר האָב איך געהערט דורך ראַדיאָ אין א האלב־כאָרעווער געבײַדע, ווו עס האָט זיך באַ־זעצט דער שטאָטקאָם פון דער פארטיי. קיין מיטינג פון דער באפעל־קערונג פון דער שטאָט האָט מען ניט אײַנגעאָרדנט: ס׳איז ניט גע־ווען קיין באפעלקערונג. דערנאָך זײַנען מיר אַוועק איבער די גאסן. אויך קיין גאסן זײַנען ניט געווען, כורועס. די גאנצע שטאָט — הויפנס אש. אין איינעם א קעלער האָבן מיר געפונען א באָבעצי מיט א קאַץ — מער קיינעם ניט. איך געדענק, אף אָט דעם אָרט איז געווען אן עלעוואטאָר, דערנעבן דער קלוב פון די יאמלײַט. ערעוו דער באפרײַונג האָבן די פאשיסטן פארכאַפּט אונדזערע מענטשן, צונויפגעטריבן אין אָט דעם אָרט, באגאָסן זיי מיט קעראָסין און פארברענט. א שרעקלעך בילד.

ס׳האָבן געארבעט די סאַפּיאָרן, זיי האָבן אנטשעדיקט און ארויס־געפירט טויזנטער מינעס, פוגאסן, ניט קיין אופגעריסענע באָמבעס און סנאַריאַדן. מע האָט אראָפּגעריסן די אופשריפטן: „יעדער אײַנ־ווינער, וואָס מע וועט געפינען אין שטאָט, וועט דערשאָסן ווערן אפן אָרט״. די פאשיסטן האָבן מוירע געהאט פאר אונדזערע מענטשן... פארן קלוב פון די יאמלײַט איז געווען א קאַרטאָפל־פעלד, דאָ בין איך ארויסגעגאנגען פאָרויס, האָט מיר קאָלאָנין געזאָגט:

— וווּהין קריכסטו?

— דו ביסט א מיטגליד פונעם מיליטער־ראַט, — האָב איך געענט־

פערט, — און איך בין שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל. איך דארף אף צוויי שפּאַן גיין פאָרויס.

נאָכן באפרײַען נאָוואָראָסיִיסק האָט זיך געוואָלט כאָטש א ביסל אָפּעטעמען, אָבער זיך אָפּשטעלן האָבן מיר ניט געקאָנט אפילע אף קיין שאָ. דער דערפאָלגרײַכער שטורעם פון דער שטאָט האָט געעפנט א מעגלעכקײַט אָנצוגרײַפן איבערן גאנצן פלאצדארם. די דײַטשן זײַנען בוכשטעבלעך געלאָפן אונטערן דרוק פון אונדזער מיליטער, מיר האָבן פארכאפט די אזויגערופענע „טשאָרטאָווי וואָראָטא”, און ס'האָט זיך געעפנט א וועג אף אנאפא. די היטלערישע קאָמאנדשאפט איז געצוווּנגען געווען די אָפּעראציע „קרימהילדע” (די פלאנמעסיקע אריבערווארפונג פון מיליטער פונעם טאמאנער האלב־אינדזל) פארבײַטן אף „ברונהילדע” (אן אײַליקע עוואקואציע). אָבער אויך די דאָזיקע מיפּאָלאָגישע דאמע האָט זיי ניט געהאָלפן.

קאַיאָר זײַנען מיר געפאָרן איבערן וועג, און מע האָט אונדז מיטגעטיילט, אז פון פאָרנט שטורמעוועט אונדזער אוויִאציע די דײַטשישע טיילן. אין דער מאשין זײַנען געפאָרן קאָלאָגין, זארעלוא, איך און דער אדיוטאנט קראווטשוק. ווײַזט אויס, עס האָט זיך שוין אויסגעארבעט א געפיל, וואָס ווערט געבוירן בא מענטשן, ווען זיי פאלן ארײַן אונטער א שיסערײַ, און איך האָב אויסגעשריִען:

— כעוורע, באלד וועט מען באָמבירן אונדז, לייגט זיך!

מיר זײַנען ארויסגעשפרונגען, זיך געלייגט באם וועג און טאקע שיר ניט ארײַנגעכאפט פון דער אייגענער אוויִאציע. אָבער די פליִער טאָר מען דאָ, אפּאָנעם, ניט באשולדיקן. אזא איז געווען דער אָנגריף־דראנג, אזוי האָבן מיר זיך דעמלט געריסן פאָרויס.

דעם 21 סענטיאבער 1943 האָבן די טאנקען־ און פעכאָטע־פאַרייניקונגען פון אונדזער ארמיי באפרײַט מיט א מעכטיקן קלאפ די שטאָט און דעם האפן אנאפא — דעם הויפּט־קנופּ פונעם סוינעס ווידערשטאנד אפן וועג קיין קרים. דער דרוק איז געווען אזא בליצשנעלער, אז די אָקופּאנטן האָבן געוואָרפן זייער גאנץ פארמעגן, דאָס גאנצע אָנגעראבעוועטע גוטס און אפילע 16 שיפן מיט נאפט, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט ארויסצופירן אין יאם.

דער אָנגריף־דראנג פון אונדזער מיליטער איז געוואקסן מיט יעדן טאָג. דער ענטוזיִאזם צוזאמען מיט דער דערפארונג, וואָס מיר האָבן באקומען בײַס די שלאכטן, איז געווען א מעכטיקער, אומבאזיגבארער קויעך. מע טאָר אָבער בעשום־אויפן ניט זאָגן, אז דער דערפאָלג האָט זיך געגעבן לײַכט. אונדז זײַנען געווען קעגנגעשטעלט הארטנעקיקע, שטארקע, גוט באוואָפנטע היטלערישע טיילן. שטרעבנדיק צו געווינען צײַט, האָבן זיי פלײַסיק פארפעסטיקט זייערע לעצטע שוץ־ליניעס אף די צוגענג קיין קרים, מיט אײַנגע־

שפּאַרטקייט פון פאַרורטיילטע זיך געקלאַמערט פאַר יעדן באַפעל־קערטן פּונקט, פאַר יעדן הויכפּונקט, און בלויז אין רעזולטאַט פון אַן אומופהערלעכן דרוק פון די אַרמייען פונעם צאָפן־קאַווקאַזער פראָנט, פון די שיפן, פון דער יאַם־פעכאָטע און אַוויאַציע פונעם שוואַרציאַמישן פלאָט און פון דער אַזאָווער פלאָטיליע איז דאָס טאַ־מאַנער האַלב־אינדזל דעם 9 אָקטיאַבער 1943 ענדגילטיק באַפרייט געוואָרן.

אפן ברעג פונעם קערטשער דורכגוס האָבן מיר דערזען אַ בילד, וואָס האָט דערשיטערט מיט דער אַכזאָריעסדיקייט פון די היטלע־ראָווצעס. צוזאַמען מיט אַ גרופּע קאָמאַנדירן האָב איך געקוקט אַף די טראַנספּאָרט־שיפן פונעם קעגנער, וועלכע האָבן זיך דערוויי־טערט אין יאַם, און מע האָט זיי קוים געקאָנט זען אין בינאָקל. איבערשנײַדנדיק זיי דעם וועג, האָבן זיך געטראָגן אונדזערע באָמ־באַרדירער און פאַרניכטלער. נאָר דערגרייכנדיק דעם ציל, האָבן די עראָפּלאַנען זיך אויסגעקערעוועט און זײַנען אַוועקגעגאַנגען. מיר האָבן גאָרנישט ניט געקאָנט פאַרשטיין. דערנאָך האָבן די פּילאָטן מיטגעטיילט: די פּאַלובעס פון די שיפן זײַנען געווען פאַרפולט מיט קינדער און פרויען. די פליִער האָבן ניט געקאָנט אַראָפּוואַרפן די באָמבעס: צוניפגעטריבענע אַף די פּאַלובעס אונטער דער דראָונג פון געווער, האָבן די מענטשן געדינט אַלס אַ שוץ פאַר די פאַשיסטן, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אפן שיפדעק.

פאָרויס איז געווען קרים. פאַרן מיליטער איז איבערגעלייענט געוואָרן דער באַפעל פונעם קאָמאַנדיר פון דעם צאָפן־קאַווקאַזער פראָנט נומ. 51 פאַרן 9 אָקטיאַבער 1943.

„רומפול און באַרימט איז דער שלאַכטוועג פונעם מיליטער פון דער 18־טער אַרמיי, — האָט זיך אין אים געזאָגט. — מיט די העל־דישע שלאַכטן אַף דער קליינער ערד, אין מיסכאַקאָ, אין די בערג הינטער נאָוואָראָסיסק, מיטן דרייסטן און געוואַגטן שטורעם פון דער שטאָט און פונעם האַפן נאָוואָראָסייסק איז דורכגעלייגט דער וועג פון רום פון דער 18־טער אַרמיי. דאָס מיליטער פון דער 18־טער אַרמיי האָט, פאַרכאַפּנדיק די שטעט אַנאַפּאַ, טאַמאַן, די ערשטע אויסגעפילט די שלאַכט־אויפגאַבע פון צעשמעטערן דעם סוינע אפן האַלב־אינדזל טאַמאַן“.

אין דער נאַכט אפן 1 נאָיאַבער 1943 זײַנען אין קערטשער דורכ־גוס אַרויס די דעסאַנט־שיפן מיט די שלאַכטלײַט פון דער 318־טער, איצטער נאָוואָראָסייסקער שיסער־דיוויזיע. אין אַ שטאַרקן שטאָרם האָבן די דעסאַנטלער בײַגעקומען דעם פאַרמינירטן דרײַסיק־קילאָ־מעטערדיקן יאַם־פּאַס און אונטער אַן אומופהערלעכן אַרטילערישן פײַער דערפאָלגרײַך זיך אַרויסגעזעצט אפן קרימער ברעג אין ראַיאָן פונעם פישער־יִישעוו עלטיגען לעבן קערטש.

פארן ארויסזעצן זיך האָט דער פאַרשטייער פון דער סטאַווקע דער מאַרשאַל ס. ק. טימאָשענקאָ געזאָגט, אַז דער דערפאָלג פונעם דעסאַנט פון דער 318־טער דיוויזיע איז אַ גאַראַנטיע צו באַפרייַען קרים. ווי באַוווּסט, האָבן זיך זייַנע ווערטער פולשטענדיק באַרעכ־טיקט.

אָט איז, אייגנטלעך, אַלץ, וואָס עס איז פאַרבונדן בא מיר מיטן באַגריף „קליינע ערד"—אַ זייַטל פון דער גרויסער פאַטערלענדי־שער מילכאָמע. אינגאַנצן איין זייַטל, נאָר אַן אומפאַרגעסלעכס.

לויטן באַפעל פונעם אויבער־הויפּטקאָמאַנדיר האָבן מיר זיך גע־לאָדן אין עשעלאָנען, אָנקומענדיק אין רעשוס פונעם 3־טן אוקראַי־נישן פראָנט. נאָך די שלאַכטן אויף דער קליינער ערד, נאָכן שטורעם פון נאָוואָראָסייסק האָט זיך דאָס אונדז אויסגעוויזן שיר ניט אַלס אָפּרו. אָבער דאָס לעבן אויף דער מילכאָמע האָט אַ טעווע אַלע מאָל זיך צו ענדערן. דער גורל האָט אונדז צוגעגרייט עפּעס אַנדערש.

דעם 6 נאָיאַבער 1943 האָט אונדזער מיליטער באַפרייַט קיִעוו, פאַר צען טעג זיך אַרויסגערוקט אויף מייַרעוו אויף 150 קילאָמעטער און אָפּגעשלאָגן באַם קעגנער אַ סאַך באַפעלקערטע פונקטן, דע־רונטער זשיטאָמיר און פאַסטאָוו. עס זייַנען איבערגעשניטן געוואָרן וויכטיקע קאָמוניקאַציעס, וועלכע האָבן פאַרבונדן די גרופּע אַרמייען „צענטער" און „דאָרעם". די געפאַר פון דער געשאַפענער לאַגע איז פאַרן היטלערישן מיליטער געווען אַ רעאַלע. די דייַטשיש־פאַשי־סטישע קאָמאַנדשאַפט האָט אַריבערגעוואָרפן פרישע קויכעס פון פראַנקרייַך און קאָנצענטרירט דאָרעמדיקער פון זשיטאָמיר און פאַ־סטאָוו אָנדערהאַלבן צענדליק טאַנקען־מאָטאָריזירטע און פעכאָטנע דיוויזיעס. קלאָר איז פאַר אונדז געוואָרן אויך דער היטלערישער פּלאַן—געבן אַ קלאַפּ פון דאָרעם־מייַרעוו, ליקווידירן אונדזער פלאַצדאַרם אויפן רעכטן ברעג פונעם דניעפּער און ווידעראַמאָל פאַר־כאַפּן קיִעוו. די פאַשיסטן האָט זיך אייַנגעגעבן צו פאַרווירקלעכן אַ דורכרייַס און דאָס צווייטע מאָל אייַנעמען זשיטאָמיר.

פאַרמאַכן אָט דעם דורכרייַס, אָפּשטעלן די באַוועגונג פונעם קעג־נער איז באַפוילן געוואָרן אונדזער 18־טער אַרמיי, קאַטוקאָווס טאַנ־קען־אַרמיי און אַנדערע פאַרייניקונגען. אין וועג האָבן מיר פאַרקע־רעוועט אויפן 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט, מיט וועלכן עס האָט קאָמאַנ־דעוועט דער גענעראַל נ. פ. וואַטוטין. דער סוינע איז צו יענער צייַט שוין אַרויס אויפן 74־טן קילאָמעטער פונעם זשיטאָמירער שאָסיי, אויפן וועג צו דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע.

דער עשעלאָן, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען דער מיליטער־ראַט, דער שטאַב פון דער אַרמיי, דער פּאָליט־אָפּטייל, האָט זיך אויסגעלאָזט דער ערשטער. גלייַך נאָך אים זייַנען געגאַנגען די עשעלאָנען מיט די פאַרייניקונגען און טיילן פון דער אַרמיי. מיר

האָבן זיך באַוועגט גיך, אָפּשטעלנדיק זיק בלויז, קעדיי בײַטן די לאָקאָמאָטיוון. באַנאַכט זײַנען מיר דורכגעפאָרן די סטאַנציע באַ־גליי — דאָס איז איינגאַנצן זעקס קילאָמעטער פון דניעפּראָדזער־זשינסק. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָך אויף א סטאַנציע, אויך גאָר נאָענט. אָט האָב איך זיך אומגעקערט אין די היים־ערטער.

כ׳בין ארויסגעגאנגען פונעם וואגאָן, א ווינט האָט געבלאָזן. ס׳איז געווען קאַלט, ארום־און־ארום איז גאָרניט צו זען. איך האָב זיך אײַנגעקוקט אינעם כוישעך, ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אז עס האָט א שמעק געטאָן מיטן רויך פון דער לײַבלעכער „דזערזשינקע” — פונעם זאַוואָד, ווו ס׳האָט געאַרבעט מײַן טאַטע, ווו אויך איך האָב אָנגע־הויבן, געווען א קאָטשעגאַר, דערנאָך אַן אינזשעניער פונעם ענער־געטישן צעך. און ס׳האָט אַזוי א צי געטאָן אהין — כאָטש אויף א טאָג, אויף א שאָ, אויף עטלעכע מינוט. פאַר דעם האָב איך באַקומען א בריוו פון דער מוטער, זי האָט זיך שוין אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע. לויטן בריוו האָט זיך געפילט, אז עס איז איר אויסגעקומען איבער־לעבן א סאַך.

נאָר דער לאָקאָמאָטיוו האָט קורץ א הודע געטאָן, מ׳האָט גע־דאַרפט ארײַנשפּרינגען אין וואגאָן, און אהיים האָב איך אָנגעטראָפן, דערזען מײַנע נאָענטע א סאַך שפּעטער, שוין נאָך דער מילכאָמע...

8

אונדזער עשעלאָן האָט זיך אויסגעלאָדן אויף דער סטאַנציע גאָ־סטאָמעל. דער שטאַב האָט זיך אײַנגעאָרדנט אינעם דאָרף קאָלאָנ־שטשינא.

מיר איז דאָרט אויסגעקומען צו זײַן זעלטן, כ׳בין די גאַנצע צײַט ארומגעפאָרן איבער די נאָענטסטע סטאַנציעס, געהאָלפן וואָס גיכער אָרגאַניזירן דאָס אויסלאָדן פונעם מיליטער, און אין דער ערשטער ריי די ארטילעריע, קעדיי זי קאָנצענטרירן אין די וואַלד־פּאַסן לענגאויס דעם שאָסיי זשיטאָמיר—קיִעוו.

ארום איינס אזייגער באַנאַכט פונעם 11 אויפן 12 דעקאַבער האָט מיר אָנגעקלונגען דער שטעלפאַרטרעטער פון שעף פון דעם אָפּע־ראַטיוון אָפּטייל פונעם ארמיי־שטאַב פּאָדפּאָלקאָווניק נ. א. סאָלאָ־ווייקין: דער סוינע האָט זיך דורכגעריסן אין ראַיאָן פונעם דאָרף סטאַווישטשע. דאָס איז געווען איינגאַנצן עטלעכע קילאָמעטער פון אונדז.

כ׳האָב זיך פארבונדן מיט לעסעלידזען און מיט קאָלאָנינען. דער קאָמאַנדיר האָט שוין אופגעהויבן א שיסער־פּאָלק, עס זײַנען שוין געגאַנגען צו אָט דעם אָרט טאַנקען, נאָר אָנקומען אין ראַיאָן פונעם

דורכרײַס װעלן זײ ניט פריִער, װי אין א שאָ ארום. ביז זײער אָנקום האָבן מיר באשלאָסן צו װארפן אהין קימאט דעם גאנצן אָפיצערן־באשטאנד פונעם שטאב. דאָס דאָזיקע עקסטע מאָסמיטל איז ארויסגערופן געװאָרן דערמיט, װאָס מע האָט בעשום־אופן ניט געטאָרט לאָזן דעם סוינע איבערצושנײַדן און באזאָטלען דעם קיִעװער שאָסײ.

נאָך סאָלאָװײקינס קלונג האָב איך טײקעף באפוילן אופהײבן לויט אן אליארעם די אָפיצערן פונעם פאָליט־אָפטײל. מיטן קאָמאנדיר האָב איך גערעדט אינגאנצן א מינוט דרײַ, און װען כ'האָב אָװעקגעלײגט דאָס טרײַבל, האָב איך מיט באפרידיקונג דערזען: א מענטשן דרײַסיק מיט אװטאָמאטן און גראנאטעס זײַנען שוין געװען אין פולער גרײטקײַט. מיר האָבן באשטימט, װער װוהין עס פאָרט.

איך האָב גענומען מיט זיך דעם אדיוטאנט אי. קראװטשוקן און אײן אװטאָמאטלער. דער געניטער שאָפער האָט באװיזן ארײַנלײגן אין דער מאשין א דרײַ צענדליק גראנאטעס. איבער דער גאנצער גאס האָבן געהודעט די אײַנגעשלאָסענע מאָטאָרן. מיר האָבן זיך געלאָזט אפן קאָמאנדע־פונקט פונעם נאָענטסטן פאָלק. באקומען די בײטיקסטע יעדיִעס, זײַנען מיר אװעק װײַטער. אָנדערהאלבן קילאָמעטער פון דער פאָדערליניע זײַנען מיר געצװוּנגען געװען איבערן שטארקן פײַער פון מינענװארפערס איבערלאָזן די מאשינעס. מיר זײַנען שנעל אװעק אין דער ריכטונג פון דער שיסערײַ און האָבן אינגיכן זיך אָנגעשטויסן אף א טראנשײ. ס'האָבן געקרעכצט די פארװוּנדעטע, עפעס האָט אויסגעשריִען א יונגינקער לײטענאנט. צוגעפאלן צום ברוסטװער, האָבן געשאָסן א צװײ צענדליק אװטאָמאטלער. מיט קורצע איבערײַסן האָט געשטעפט א קוילנװארפער. ס'האָט זיך דערהערט פון דער פינצטערניש א דערשראָקן קאָל:

— מע דארף אָפטרעטן!

— שװײַג, פאכדן! — האָט א געשרײ געטאָן דער לײטענאנט.

אין יענעם מאָמענט האָב איך ניט געװוּסט, װאָס פאר א לאגע עס האָט זיך געשאפן. כ'האָב ניט געװוּסט, אז אָט די צװײטע שוץ־ליניע האָט זיך נאָך דער פאשיסטישער אטאקע פארװאנדלט אין דער ערשטער. ניט געװוּסט, אז דער סוינע האָט באשלאָסן ניט געבן אונדז קײן מעגלעכקײַט זיך צו פארפעסטיקן און האָט שוין נאָכאמאָל אטאקירט. כ'האָב דאָס פארשטאנען, װען איך האָב דערזען, װי אונטערן שיטערן פײַער פון אונדזערע פעכאָטינצעס האָבן זיך, לויפנדיק, אָנגערוקט די פאשיסטן, שיסנדיק פון אװטאָמאטן און לײגנדיק זיך אף דער ערד, װען עס האָט אָנגעהויבן שיסן אונדזער קוילנװארפער.

בארויקט דעם לייטענאנט, האָב איך באפוילן איבערגעבן איבער דער קייט, אז האלטן זיך דאַרף מען בוכשטעבלעך מינוטן: אַף אווטאָמאָבילן איז אהער געשיקט געוואָרן א פעכאָטע־פּאָלק, אַף דער פולער שנעלקייט גייען טאנקען. צו די שלאכטלײַט איז א דערפרייטער אוועקגעלאָפן דער לייטענאנט, אין אן אנדער זײַט האָט זיך מיט דער דאָזיקער ידיעה א וואָרף געטאָן קראַוטשוק. ס׳האָט זיך פארגעדענקט, ווי ער האָט געהאלטן אין איין איבער־כאַזערן:

— דאָס איז דער קאָמיסאר, דער שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל!

ס׳האָט שוין פונלאנג ניט עקזיסטירט אין אונדזער ארמיי דער אינסטיטוט פון קאָמיסארן, שוין פון לאנג האָט מען ניט געהערט אין אונדזער מיליטער אפילע דאָס וואָרט קאָמיסאר, נאָר קראַוו־טשוקן האָט זיך עס אין יענעם מאָמענט אויסגעוויזן ווי דאָס סאמע פּאַסיקע.

פאר דער צײַט פון דער מילכאָמע האָב איך ניט איין מאָל געזען דעם סוינע אזוי נאָענט, אָבער די דאָזיקע באנאכטיקע שלאכט האָט זיך באזונדערס אײַנגעקארבט אין זיקאָרן. בא דער שײַן פון ראקע־טעס זײַנען די היטלעראָווצעס, באהאלטנדיק זיך אין די פאלדן פון דעם בארגיקן רעליעף, איבערגעלאָפן פון איין בערגל צום אנדערן. זיי זײַנען אלץ נעענטער און נעענטער צוגעגאנגען צו אונדז, און אָפּגעהאלטן האָט זיי דעריקער אונדזער קוילנוואַרפער. בייס א נײַעם שפּרונג האָט ער נאָכאמאָל אָנגעהויבן שיסן און איז פּלוצעם אנ־שטילט געוואָרן. איצטער האָט געשאָסן בלויז די שיטערע קייט פון די שלאכטלײַט. די דײַטשן האָבן זיך שוין ניט געלייגט — אונטער־מונטערנדיק זיך מיט אויסגעשרייען און אומופהערלעכן פײַער, זײַ־נען זיי אין גאנצן ווקס געלאָפן צו דער טראנשיי. און אונדזער קוילנוואַרפער האָט געשוויגן. איינער א סאָלדאט האָט אָפּגעשלעפּט אין א זײַט דעם דערהארגעטן קוילנוואַרפלער. ניט פארלירנדיק די טײַערע סעקונדעס, האָב איך זיך א וואָרף געטאָן צום קוילנ־וואַרפער.

די גאנצע וועלט האָט זיך פאר מיר דעמלט פארשמעלערט ביז א שמאָל פּאסיקל ערד, איבער וועלכן עס זײַנען געלאָפן פּאשיסטן. איך געדענק ניט, ווי לאנג דאָס האָט געדויערט. בלויז איין געדאנק האָט באהערשט מײַן גאנצן וועזן: אָפּשטעלן! דאכט זיך, איך האָב ניט געהערט דעם געקנאַל פון דער שלאכט, ניט געהערט דעם ראַש פון די קאָמאנדעס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן ארום מיר. כ׳האָב נאָר באמערקט אין איינעם א מאָמענט, אז עס פאלן אויך יענע סאָנים, אין וועלכע איך האָב ניט געצילט: דאָס האָבן געשאָסן די שלאכט־לײַט, וואָס האָבן באוויזן קומען אונדז צוהילף. צו מײַן האנט, גע־דענק איך, האָט זיך צוגערירט די האנט פון איינעם פון זיי:

— טרעט אָפּ דאָס אָרט דעם קוילנוואָרפלער, כאָווער פּאָלקאָווניק.

איך האָב זיך אומגעקוקט: די טראַנשיי איז געווען פול מיט סאָלדאַטן. זיי האָבן פאַרנומען די פּאָזיציעס — זיכער, גיך, זאַכלעך. און אַזעלכע לײַבלעכע האָבן מיר זיך אויסגעוויזן אָט די אומבאַקאַנטע מענטשן, אַזעלכע נאָענטע! אוואַדע האָבן מיר אָפּגעשטעלט די היטלעראָוצעס. אַרופגעוואָרפן זיך אַף זיי מיט אַ מעכטיקער לאַווינע, האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער אײַנגיכן באַפרײַט זשיטאָמיר און פאַרגעזעצט דעם אָנגריף. וועגן סאָלדאַטישער ברידערלעכקײַט, וועגן שלאַכטישער פרײַנטשאַפט, וועלכע האָבן געהערשט אין אונדזער אַרמיי, און וועגן דעם, וואָס פאַרא פּאַטריאָטן פון זייערע טיילן זײַנען געווען די שלאַכטלײַט, ווילט זיך זאָגן באַזונדער.

אַ באַליביקער געראַנגל און יעדע שלאַכט, אומאָפּהענגיק וווּ זיי זאָלן ניט פאָרקומען, — דאָס איז פײַער, בלוט, טויט. פונדעסטוועגן, ווען דו טראַכסט וועגן די שלאַכטן אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון דניעפּראָפּעטראָווסטשינע ביז פּראָג, קומען ניט־ווילנדיק אויף אין זיקאָרן בילדער, וועלכע שיידן זיך ראַדיקאַל אונטער איינער פונעם אַנדערן. די באַרווענקאָ־לאָזאָוואַיער אָפּעראַציע — און פאַר די אויגן שווימען אויף זינקענדיקע אין שניי מענטשן, וועלכע עס פאַרטראָגט דער אײַז־קאַלטער ווינט. די שלאַכטן אַף דער קליינער ערד — דאָס זידנדיקע פון אופרײַסן וואַסער פון דער צעמעסקער בוכטע, וווּ עס וואַרפט אין אַלע זײַטן די שיפלעך, איבערגעפּולטע מיט מיליטער. און דער סוכומער שאָסיי ביזן סאַמע ברעגלאַנד — דאָס איז שטויב. ער איז געהאַנגען אין דער לופט און האָט אײַנגעהילט די הײַזער, האַרמאַטן, מאַשינעס. ער האָט געדיכט באַדעקט די געוויקסן, בייגנדיק צו דער ערד די צווײַגן. ער האָט זיך אײַנגעגעסן דורך די כאָליעוועס פון די שטיוול ביז די סאַמע פּיאַטעס, דורך די מאַלבושים — ביזן הוילן קערפּער. מיר האָבן אים געשלונגען צוזאַמען מיטן וואַסער און מיט דער שפּײַז און פּאַשעט אַזאַ ווי ער איז.

איבער אָט אַזאַ שטויביקן, אָנגעגליטן פון דער זון וועג בין איך אונטערן געהויל פון סנאַריאַדן געפאָרן אין איינער פון די דיוויזיעס, וואָס האָט זיך געגרייט צו אַ שלאַכט. דער אווטאָמאָביל איז אַרײַן אין אַ געדראַנג פון מאַשינעס. כ׳בין אַרויסגעגאַנגען זוכן אַ זײַטיקן וועג און האָב דערזען, ווי אַפן ראַנד פון שאָסיי אַמפּערן זיך אַ סערזשאַנט מיט אַ סאָלדאַט. לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז אַ טשיקאַווע געשיכטע.

דער סאָלדאַט האָט זיך אומגעקערט פונעם שפּיטאָל מיט אַן אָנווײַזונג צו קומען אין אַ רעזערוו־טייל. אַפן וועג איז ער אומיסטן אָפּגעשטאַנען פון דער גרופּע, אַנטלאָפן. דער סערזשאַנט, וועלכן מע האָט געשיקט נאָך אים, האָט אים דעריאָגט אין אַן אַנדער טייל, וווּ ער האָט געדינט ביז דער פאַרוווּנדונג. דער קאָמאַנדיר פון דער

ראַטע האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אינעם קאָנפליקט און געזאָגט זײַן געוועזענעם שלאַכטמאַן: מע קאָן גאָרנישט ניט מאַכן, גיי מיטן סער־זשאַנט. זײַנען זיי געגאַנגען. און אפן וועג האָט דער סאָלדאַט זיך צעבונטעוועט: כ׳וועל ניט גיין — און שוין, כ׳וועל זיך אומקערן אין מײַן טייל.

— ער האָט געהאַט א באַפעל קומען אין אונדזער פאָלק, — האָט, ענטפערנדיק אף מײַן פראַגע, געזאָגט דער סערזשאַנט. — ער האָט ניט אויסגעפילט דעם באַפעל, געבראָכן די שווּעה. מע וואָלט אים געדאַרפט מישפּטן, און ער שפּאַרט זיך נאָך.

— ניין, ניט געבראָכן, כאַוּוער קאָמאַנדיר, — האָט בעטנדיק געזאָגט דער סאָלדאַט. — כ׳בין דאָך ניט אין הינטערלאַנד אַנטלאָפן, נאָר אין מײַן טייל.

— און ווו איז זי?

— אינעם סאַמע געהענעם איז זי, אף אַן אַטאַקע פון די פריצן וואַרט זי, און זיי, — ער האָט מיט רוגזה א ווונק געטאָן אפן סער־זשאַנט, — הייבן זיך ערשט נאָך אָן צו קראַצן.

טראַכט זיך אײַן. א מענטש קאָן אף א געזעצלעכן אופן ניט גיין אין שלאַכט. אַלנפאַלס, ער האָט באַקומען א קורצן אָפּרו, און ס׳איז נאָך ניט באַוווּסט, ווען ס׳וועט אויסקומען צו גיין. און ער רײַסט זיך אין שלאַכט. וואָס זשע פאַר אַן אויספירן קאָן מען מאַכן פון אָט דעם אפן ערשטן אויגנבליק באַזונדערן פאַקט? דער סאָלדאַט גלייבט זײַנע קאָמאַנדירן און פאָליט־אָנפירער, גלייבט אין זײַנע כאַווײרים, מיט וועלכע ער וועט גיין אין אויסשפּירונג אָדער אין אָנגריף. אַנדערש וואָלט ער ניט געשטרעבט אין זײַן טייל. אַכוץ דעם, האָט ער זיך אויך געפירט אין די שלאַכטן ווירדיק. א פאַכדן וואָלט געזוכט אַן אַנדער טייל, געגאַנגען אַהין, ווו עס זײַנען ניטאָ קיין איידעס פון זײַן קליינמוט. א ניט פלײַסיקער סאָלדאַט, וועלכן די כאַווײרים האָבן ניט ליב, וואָלט אויך זיך ניט געריסן צו זיי.

איז דאָס עפּשער אַן אויסנעמלעכע ראַטע, ווהין עס ציִען זיך מענטשן? ניין. פון ראַנד צו ראַנד אפן גאַנצן סאָוועטיש־דײַטשישן פראָנט, אין אַלע מעדסאַנבאַטן פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון פּסטר האָבן מיר געהערט: איך וויל אין מײַן טייל! זייער ראַטע, פאָלק, דיוויזיע האָבן מענטשן געהאַלטן פאַר אויסנעמלעכע, פאַר די סאַמע בעסטע, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט לײַבלעכע. קומט אויס, אז פון „אויסנעמלעכע״ טיילן איז באַשטאַנען אונדזער גאַנצע אַרמיי.

עס דערמאָנט זיך אַן אַנדער פאַקט, נאָך מער אַן איבעראַשנדי־קער. ס׳איז אויך געגאַנגען אַן אָנגריף, דאָס מיליטער האָט זיך גע־לאָדן אין עשעלאָנען, און איך האָב באַשלאָסן אַרײַנקוקן אין שפּי־טאָל. אין דער ערשטער פּאַלאַטע זײַנען געווען א מענטשן דרײַסיק.

איבערהויפּט שוין געשטאַנען אַף די פיס. איך האָב זיך מיט זיי גע־זעגנט, געזאָגט, אַז מיר גייען ווײַטער שלאָגן די פּאַשיסטן, זאָלן די קראַנקע וואָס גיכער זיך אויסהיילן און אונדז דעריאָגן. אַלע האָבן געענטפערט אין איין קאָל: זיי וועלן אומבאַדינגט דעריאָגן. אין אַ צווייטער פּאַלאַטע זײַנען געלעגן שווער פאַרוווּנדעטע. דער דאָקטער האָט געוואָרנט, אַז דער, וואָס ליגט פון רעכטס, אַ לייטענאַנט, וועט שוין געזונט ניט ווערן. די גאַנץ־גאַנגרענע קאָן מען שוין ניט אָפּ־שטעלן. איך בין צוגעגאַנגען צו אים. שײנע געקרײַזלטע שוואַרצע האָר, שוואַרצע ברעמען, בלויע אויגן אַפן טויט־פיבערדיקן פּאָנעם. כ'האָב געפרעגט, צי ער האָט ניט עפּעס קיין באַקאַשעס אָדער פאַר־לאַנגען.

— פאַראַן, כאַוּוער פּאַלקאָווניק, פאַראַן. אַפּעלירט, מע זאָל מיך, אויב כ'וועל ניט שטאַרבן, ווידער שיקן אין מײַן טייל.

כ'האָב אים געענטפערט ניט באַלד. אײַנהאַלטנדיק די רעגונג, האָב איך געזאָגט, אַז כ'וועל אומבאַדינגט אַפּעלירן, זאָל ער זיך ניט באַאומ־רויִקן. געפרעגט, אין וועלכער טייל איז ער געווען, וויאַזוי ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. שוין געזעגענענדיק זיך, ווען כ'האָב געהאַלטן אין אַוועקגיין, האָב איך דערהערט:

— קומט אויס, איר וועט ניט אַפּעלירן, כאַוּוער פּאַלקאָווניק?

— וואָס הייסט? אומבאַדינגט...

— נאָר איר האָט ניט פאַרשריבן מײַן פאַמיליע־נאָמען.

כ'האָב נאָכאַמאָל ניט געקאָנט אים באַלד ענטפערן. ס'איז געקו־מען צוהילף די קראַנקן־שוועסטער.

— אָט פאַרשרײַב איך, — האָט זי באַוויזן אַ בלעטל פּאַפּיר, — די פאַמיליע, דעם טיטל און דעם נומער פון דער טייל. איר זעט?

איך האָב אַ צי געטאָן די האַנט צום צעטעלע און איבערגעלייענט: „שוין צײַט אַוועקגיין”. גיך באַהאַלטנדיק עס אינעם פּלאַנשעט, האָב איך אַ קוק געטאָן אַפן לייטענאַנט. ער האָט געשמייכלט. אַ קנויל האָט זיך געשטעלט אין האַלדז. פאַר דער צײַט פון דער מילכאָמע האָב איך ניט איין מאָל געהערט אָט די ווערטער: „איך וויל אין מײַן טייל”. אָבער קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן אָט דעם לייטענאַנט מיט זײַן ניטמיליטערישן וואָרט „אַפּעלירט” און דעם שטרײַטנדיקן סאָלדאַט אַף סוכומער שאָסיי.

וואָס פאַר אַ גיבורים פון גײַסט זיי זײַנען, וואָס פאַר אַ באַשיי־דענע, נאָר שטאַרקע ליבשאַפט צום היימלאַנד, וואָס פאַר אַ דאָרשט צו פאַרטיידיקן עס, ניט טראַכטנדיק וועגן דעם אייגענעם לעבן! ס'האָט דערשיטערט אַפילע ניט אַליין די באַקאַשע פונעם סאָלדאַט, נאָר דאָס, וויאַזוי ער זאָגט זי אַרויס. ניט באַרימענדיק זיך מיט זײַן העלדישקײַט, נאָר ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַרעכטיקן, בעטנדיק

וועגן עפּעס גאָר־גאָר פּערזענלעכס, פּריוואַטס, וואָס אים איינעם איז עס נייטיק.

וואָס האָב איך געקענט ענטפערן דעם סאָלדאַט אַפן ראַנד פון יענעם שטויביקן וועג? לויט אַלע סטאַטוטן, לויט די געזעצן פון מיליטערישער דיסציפּלין איז ער געווען שולדיק. אַף דער מילכאָמע קאָן ניט יעדערער אויסקלייַבן פאַר זיך אַליין אַן אָרט פאַר זייַן דינסט. ער קאָן זיך ניט באַפרייַען „לויטן פּערזענלעכן פאַרלאַנג" און איבערגיין אַף אַן אַנדער אָרט. לויט די געזעצן, האָב איך געמוזט אים אָפּשיקן אַף דורכגיין די דינסט אַהין, וווהין ער האָט געהאַט אַן אָנווייַזונג. נאָר איך האָב זיך ניט געייַלט.

— וואָס זשע טאָן מיט אייַך? — האָב איך געפרעגט דעם סאָלדאַט, ניט ווייסנדיק בעעמעס, וואָס פאָרצונעמען.

— שיקט מיך אָפּ אין מייַן טייל, כאַווער קאָמאַנדיר, איך דאַרף דאָרט אַרייַנטרעטן אין דער פּאַרטיי! יענץ מאָל האָב איך ניט באַוויזן, אַרייַנגעפאַלן אין שפּיטאָל, איצטער האָב איך אָנגעגעבן אַ מעלדונג, האָט נאָכאַמאָל דער פאַרשאָלטענער פריץ מיך פאַרטשעפּעט. און באַ זיי, — האָט ער נאָכאַמאָל אַ ווונק געטאָן אַפן סערזשאַנט, — ווייסט מיך דאָך ניט קיינער.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַראָפּגענומען אַלע מייַנע ספּייקעס. כ׳האָב געבעטן דעם אַדיוטאַנט פאַרשרייַבן זייַן פאַמיליע און די נומערן פון ביידע מיליטערישע טיילן. דעם סאָלדאַט האָב איך צוגעזאָגט: ניט שפּעטער ווי מאָרגן וועט זייַן אַ באַפעל וועגן אָפּקאָמאַנדירן אים. און איצטער דאַרף מען גיין מיטן סערזשאַנט — ברעכן דעם באַפעל האָט קיינער ניט קיין רעכט. לויטן באַפעל וועט ער זיך אומקערן צו די זייַניקע. דער סאָלדאַט האָט ניט געקאָנט צוימען זייַן פרייד, און ער האָט זי טאַקע ניט געצוימט. ער האָט זיך אויסגעגלייַכט, מאָלאָדצעוואַטע צוגעלייגט די האַנט צום שטערן:

— דערלויבט גיין?

נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערצייַגסטו זיך, ווי גערעכט איז געווען וו. אי. לענין, אָנווייַזנדיק אַף דער קאָלאָסאַלער באַדייַטונג פון דער פאַרבינדונג מיט די מאַסן, די שמועסן מיט די אַרבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן. וויפל ערנסטע, וויפל מאַסשטאַביקע אויספירן זייַנען געמאַכט געוואָרן אין רעזולטאַט פון די באַגעגענישן און שמועסן מיט שלאַכטלייַט אַפן פּריוואַל, אַף אָפּרו, אַף די שלאַכט־פּאָזיציעס. אַזוי איז געווען אויך נאָך יענער באַגעגעניש אינעם שפּיטאָל און דעם צופעליקן שמועס מיטן סאָלדאַט אַף סוכומער שאָסיי. איך האָב, געווייינלעך, געהאַלטן וואָרט. נאָר אַכוץ דעם איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס: נאָכן אויסשרייַבן פון די שפּיטאָלן זאָל מען ווי ווייַט מעגלעך אָפּשיקן די מענטשן אין זייערע טיילן.

דער 11 פעווראל 1944 איז פאר מיר געווען א ביטערער טאָג. איך האָב אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע דעם שווער־קראנקן קאָמאַנדארם. די מעדיקער האָבן געזאָגט: האָפענונגען זײַנען פאראן ווייניק. אין צען טעג ארום איז קאָנסטאנטין ניקאָלײַעוויטש לעסעלידזע געשטאָרבן.

אפן פראָנט דערקענסטו מענטשן זייער גיך, דאָרט זעט מען גלײַך, וואָס ווער האָט די ווערט. לעסעלידזע איז געווען איינער פון די טאלאנטפולע פּאָלקנפירער, וועלכע האָבן פארקערפּערט די בעסטע שטריכן פון א סאָוועטישן מענטשן. א שטרענגער און אומראכמאָנעסדיקער צו די סאָנים, א גוטער און מילדער מיט די פרײַנט, א יוישערדיקער מענטש, א מענטש, וואָס האָט געהאלטן שטענדיק וואָרט, א מענטש מיט א שארפזיניקן סייכל, א לעבנסלוסטיקער און געוואגטער — אזא איז פארבליבן אין זיקאָרן מײַן שלאכט־פרײַנט און מיטקעמפער קאָנסטאנטין לעסעלידזע.

וועגן דעם, וואָס עס איז געווען ווײַטער, קאָן מען א סאך דערציילן, מע קאָן אָנשרײַבן א גאנצן בוך, ווײַל טויזנטער קילאָמעטער וועגן און לאנגע כאדאָשים מילכאָמע זײַנען נאָך געווען פאָרויס. אָבער הײַנט האָט זיך מיר געוואָלט בלויז אונטערשטרײַכן נאָכאמאָל איינס: דער אָנדענק וועגן דער קליינער ערד, די דערפארונג פון דער קליינער ערד האָבן באגלייט מיך און מײַנע שלאכט־כאוויירים ביזן לעצטן שאָס. צום דראנג, צו דער מעסירעסנעפעשדיקער העלדישקײַט, צום פאטריאָטיזם פון די שלאכטלײַט זײַנען צוגעקומען קאלטבלוטיקײַט, רײַפקײַט, בארעכנטקײַט, דאָס קענען זיך שלאָגן, — און אלץ צוזאמען האָט אונדז געבראכט צום זיג.

מיט שווערע שלאכטן, באפרײַענדיק דערפער און שטעט, זײַנען מיר דורכגעגאנגען די טעריטאָריעס פון קיִעווער, וויניצער, כמעלניצקער, טשערנאָוויצער, לוואָווער און אנדערע געגנטן פון אוקראִינע און זײַנען געקומען צו די קארפּאטן. דאָ האָבן די פאשיסטן, אויסנוצנדיק די נאטירלעכע פארצוימונגען, אויסגעבויט א מעכטיקע שוץ־ליניע „ארפּאד". אָבער עס זײַנען שוין ניט געווען אזעלכע פארצוימונגען, וועלכע ס'זאָל ניט קאָנען בײַקומען די סאָוועטישע ארמיי. אויסנוצנדיק די דערפארונג פון די שלאכטן אין די בערג פון קאווקאז, האָבן מיר פאָרסירט די קארפּאטישע בארג־רוקנס, דורכגעבראָכן די ליניע פונעם סוינעס שוץ, וועלכע האָט זיך אויסגעוויזן ווי א ניט צוטריטלעכע.

איצטער האָבן די פּאָליט־טוער בעעמעס ניט געוווסט פון קיין טעג און פון קיין נעכט. עס זײַנען געגאנגען שלאכטן, און אף קיין איין מינוט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט די פּארטייִש־פּאָליטישע ארבעט אין דעם מיליטער. צוזאמען דערמיט האָט מען געדארפט העלפן די אָרטיקע כאוויירים, די קאָמוניסטן, וועלכע זײַנען אָרויס

פון דער אונטערערד און גענומען אײַנאָרדענען א נײַ לעבן. אײנס נאָכן אנדערן זײַנען פאָרגענומען געוואָרן גרויסע פּאָליטישע מאָסמיטלען: א פּארטײ־קאָנפערענץ, א צוזאמענפאָר פון פּראָפּארײנען, קאָנפערענצן פון דער יוגנט און פון די פרויען. די אטמאָספער פון פרײַהײַט האָט דערוועקט צו פּאָליטישער אקטיווקײַט די גאנצע באַפעלקערונג פון טראנסקארפּאטער אוקראַינע, וועלכע האָט באגעגנט אונדז ווי ברידער־באפרײַער. אומעטום זײַנען געשאפן געוואָרן פאָלקס־קאָמיטעטן, ס׳האָט זיך געגרײט זײער ערשטער צוזאמענפאָר. בײַזײַענדיק דערנאָך אפן צוזאמענפאָר, האָב איך געזען, מיט וואָס פאר א קאָלאָסאלן ענטוזיאזם ס׳איז אָנגענומען געוואָרן דער היסטאָרישער באשלוס וועגן פארײניקן טראנסקארפּאטיע מיטן לײַבלעכן פאָלק.

שווער צו פארגעסן דעם אויסגוס פון פרײד, מיט וועלכן עס האָבן באגעגנט אונדזער מיליטער די פעלקער פון רומעניע, אונגארן, פּוילן, טשעכאָסלאָוואקיע. אין דער באפרײַונג פון אָט די לענדער האָט צוזאמען מיט אנדערע פארײניקונגען אָנטײלגענומען אויך די רומפולע 18־טע דעסאנט־ארמײ. אָט ווו עס האָט געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָל די פּאָליטישע ארבעט. אין מעשעך פון יאָרצענדליקער האָבן די אימפּעריאַליסטן געטריבן רעכילעס אף אונדזער פּארטײ. אין מעשעך פון יאָרצענדליקער האָט מען אײַנגעדלובעט אין די מויכעס פון די פעלקער שרעקלעכע באָבעמײַסעס וועגן אונדזער לעבן, וועגן אונדזערע מענטשן. און אָט איז דער סאָוועטישער מענטש געקומען קײן אײראָפּע ווי א באפרײַער. ס׳איז וויכטיק געווען מיט גאָרנישט ניט פארמינערן די דאָזיקע הויכע הומאנישע מיסיע, און אונדזערע שלאכטלײַט האָבן זי ניט פארמינערט. אומעטום האָט מען אין זײ געזען אומײגננוציקע, פול מיט אײדלמוט, הומאנישע און יוישערדיקע, פארהארטעוועטע דורך דער מילכאָמע מענטשן.

אינעם שווערסטן 1941 האָבן מיר געגלײבט, אז דער זיג וועט קומען. איצט האָבן מיר געוווסט: ס׳זײַנען געבליבן ביזן זיג געצײלטע טעג. מיטן גאנצן גאנג פון די געשעענישן זײַנען מיר געווען צו אים צוגעגרײט. און פונדעסטוועגן, ווען ער איז ענדלעך געקומען, איז די פרײד געווען אן איבעראשנדיקע. קײנער האָט נאָך ניט, לויט מײַן מײנונג, אויסגעדריקט מיט ווערטער די גאנצע טיפקײַט פון דער דאָזיקער פרײד. און איך בין אויך ניט בעקויעך צו דערצײלן וועגן אלץ, וואָס עס האָט איבערגעפולט אונדזערע הערצער דעם 9 מײַ 1945. איך וועל בלויז זאָגן: דער דאָזיקער טאָג איז געוואָרן דער גליקלעכסטער טאָג אין מײַן לעבן.

פאר אונדזער 18־טער דעסאנט־ארמײ איז דער לעצטער טאָג פון דער מילכאָמע געקומען, עמעס, עטוואָס שפּעטער — דעם 12 מײַ.

עס איז שוין אונטערגעשריבן געוואָרן דער אקט וועגן דער פול־שטענדיקער קאפיטוליאציע פונעם פאשיסטישן דײַטשלאנד, און מיר האָבן נאָך אלץ געמוזט דערשלאָגן אף דער טעריטאָריע פון טשעכאָסלאָוואקיע די רעשטן פונעם פײַנט, וועלכער האָט זיך נאָך קעגנגעשטעלט.

כ׳וועל ניט פארגעסן דעם גרויסן פײַערלעכן אקט — דעם פאראד אפן רויטן פלאַץ לעקאָוועד דעם זיג. מיט פרייד און שטאָלץ האָב איך איבערגעלייענט דעם באפעל וועגן דעם, אז אלס קאָמיסאר פו־נעם פאררייניקטן פאָלק פונעם 4־טן אוקראַיִנישן פראָנט ווערט באַ־שטימט דער שעף פון דער פאָליט־פארוואלטונג פונעם פראָנט גע־נעראל ברעזשנעוו. ווי א טײַערע רעליקוויִע היט איך אָפּ נאָך ביז הײַנטיקן טאָג די שווערד, מיט וועלכער איך בין געגאנגען אפן פאַ־ראד צוזאמען מיט דער קאָמאנדשאפט בעראָש פון אונדזער פאררייניקטן פאָלק.

אזוי איז מעקוים געוואָרן אויך מײַן טרוים צו דערגיין צום זיג — דאָס איז געווען דער טרוים פון מיליאָנען סאָוועטישע סאָל־דאטן, וועלכע זײַנען ניט בלויז געשטאנען אף טויט, פארטיידיקנדיק זייער ערד, נאָר אויך מיט ערע דורכגעטראָגן די פאָן פון זיג איבער די שווערע וועגן פון דער מילכאָמע און זי אופגעשטעלט אין בער־לין איבערן רייכסטאַג.

* * *

אונדזער זיג — דאָס איז א דערגרייכטע הויכקײַט אין דער גע־שיכטע פון דער מענטשהײַט. ער האָט באוויזן די הערלעכקײַט פון אונדזער סאָציאַליסטישן היימלאנד, באוויזן די אלמעכטיקײַט פון די קאָמוניסטישע אידייען, געגעבן וווּנדערלעכע מוסטערן פון מעסירעס־נעפעשדיקײַט און העלדישקײַט. דאָס איז ווירקלעך אזוי. אָבער זאָל זײַן שאָלעם, ווײַל ער איז זייער נייטיק פאר די סאָוועטישע מענטשן, ווי אויך פאר אלע ערלעכע מענטשן אף דער ערד.

ביזן לעצטן טאָג האָבן מיר מעקאבער געווען די טרײַע כאוויי־רים, אפן גאנצן וועג האָבן מיר געזען שפורן פון פאשיסטישע אכ־זאָריעסן, באגעגנט ווײנענדיקע מוטערס, אומגעטרייסטע אלמאָנעס, הונגעריקע יעסוימים. און אויב מע וואָלט מיך הײַנט גע־פרעגט, וואָס פאר א הויפט־אויספיר האָב איך געמאכט, דורכ־גייענדיק די מילכאָמע פונעם ערשטן ביזן לעצטן טאָג, וואָלט איך געענטפערט: מער זאָל זי ניט זײַן. קיין מילכאָמע זאָל קיינמאָל ניט זײַן.

גליקלעך איז דער פּאָליטיקער, גליקלעך איז דער מעלוכע־טוער, ווען ער קאָן שטענדיק זאָגן דאָס, וואָס ער טראַכט אינדערעמעסן, טאָן דאָס, וואָס ער האַלט אינדערעמעסן פאַר נייטיק, זיך דערשלאָגן, אַז עס זאָל זײַן דאָס, אין וואָס ער גלייבט אינדערעמעסן. ווען מיר האָבן אַרויסגערוקט די פּראָגראַם פון שאָלעם, אַרויסגעטראָטן אױף אַ סאַך צווישנפעלקערלעכע באַגעגענישן מיט איניציאַטיוון, וועלכע זײַנען געריכטעט צו באַזײַטיקן די געפאַר פון מילכאָמע, האָב איך געטאָן דאָס, זיך דערשלאָגן דערצו, גערעדט וועגן דעם, אין וואָס איך גלייב ווי אַ קאָמוניסט טיף און ביזן סאָף.

דאָס איז, וואַרשײַנלעך, דער הויפּט־אויספיר, וועלכן איך האָב אַרויסגעטראָגן פון דער דערפאַרונג פון דער גרויסער מילכאָמע.

ווידערגעבורט

1

דאָס גראָז האָט שוין באַוויזן דורכצו־שפּראָצן דורכן אײַזן און שטיין־דרויב, פונוויַיטן האָט זיך געהערט די בילערײַ פון פאַרווילדעוועטע הינט, און אַרום זײַנען געווען בלויז כורוועס, און אויף די צווײַגן פון אָפּגעבערענטע ביימער זײַנען געהאַנגען שוואַרצע קראָ־נעסטן. עפּעס ענלעכס איז מיר אויסגעקומען צו זען נאָכן בירגערקריג, נאָר דעמלט האָט אָנ־געוואָרפן אַן אײמע דער טויטער שטילשווײַגן פון די זאַוואָדן, איצט אָבער איז פון זיי בכלל גאָרניט פאַרבליבן.

עס איז געשטאַנען דער הייסער זומער פון 1946. אין יענעם יאָר האָט די פּאַרטיי מיך געשיקט קיין זאַפּאָראָזשיע. צוערשט האָט מען מיך באַופטראָגט באַקאַנען זיך מיט אַלע איניאָנים פון דער געגנט, לייגנדיק אַ באַזונדערע אַכט אויף דער בויונג און דער לאַנדווירט־שאַפט. דער צק פון דער פּאַרטיי האָט מיר אַרויסגעגעבן דעם געהעריקן מאַנדאַט, און איך בין גלײַך טאַקע אַרויסגעפאָרן אין דער געגנט.

איך בין נאָך דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע דעמאָבי־

ליזירט געוואָרן ניט טייקעף און אהער געקומען נאָך אין מײַן מיליטערישער אוניפאָרם. קאיאָר האָב איך זיך אוועקגעלאָזט אף דער בויונג, אָבער דערפאָרן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן בלויז ביזן קאָקסכימישן זאוואָד, פינקטלעכער ביז די רויִנען, וועלכע זײַנען פאַרבליבן פון זײַנע מעכטיקע קאָרפוסן. ווײַטער איז קיין וועג ניט געווען און ס׳איז אויסגעקומען גיין צופוס. געבלאָנקעט האָב איך ביז שפּעט און אומעטום געזען אופגעריסענעם בעטאָן, דרויב פון ציגל, בערג מיסט, א געפלעכט פון צעקאַליעטשעטע באַלקעס. די אויגן האָבן ניט געהאט אף וואָס אָפּצורוען.

עס איז געגאַנגען אין פולן ברען דאָס פאַנאַנדערקלײַבן די אָנוואַלגערונגען, פיל טויזנטער בויער האָבן געאַרבעט אף די אָביעקטן, דערבײַ שיר ניט אף אלע גלײַכצײַטיק. געאַרבעט האָט מען קימאַט אָן מעכאַניזמען, מיט די הוילע הענט — ס׳האָט זיך געדוכט, אז עס וועט קיין סאָף ניט נעמען צו אָט דער אַרבעט. אין וועג האָט מען מיך באַקאַנט מיט מענטשן, שפּעטער האָב איך פיל פון זיי דערקענט און פאַרגעדענקט, נאָר דערווײַל בלויז געהערט זייערע דערקלערונגען און דעריקער געקוקט, ווײַל דאָס וויכטיקסטע איז אזוי אויך געווען קלאָר: די פּרעכטיקע שטאָט פון מעטאַלורגן און ענערגעטיקער איז, פאַקטיש, מער ניטאָ אף אונדזער ערד. אלץ איז אופגעריסן, פאַרברענט, כאָרעוו געוואָרן דורך דער מילכאָמע.

די פאַרמילכאָמעדיקע זאַפּאָראָזשיע האָב איך גוט געקענט. פון דניעפּראָפּעטראָווסק, וווּ איך האָב דעמלט געאַרבעט, איז דאָס געווען גאָר נאָענט, אף א מאַשין — אַרום אָנדערהאַלבן שאָ. עס פלעגט אָפּט אויסקומען פאָרן צו די שכיינים, מיט וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג געפירט א פרײַנטלעכע פאַרמעסטונג. אין זיקאָרן זײַנען פאַרבליבן די שאָטנדיקע סקווערן, די געמיטלעכע פלעצער מיט פאָנטאַנען, די שיינע וווינ־הײַזער, מיט וועלכע די זאַפּאָראָזשיער האָבן שטאָלצירט, זייערע אָפּרו־באַזעס אפן אינדזל כאָרטיצא און דער ברייטער גרינער לעבנין־פּראָספּעקט, וואָס האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער שטאָט ביזן דניעפּער. אין די אָוונטן, ווען איך פלעג געוויינלעך אומקערן זיך אהיים, פלעגן די פּורפּור־רויטע אָפּגלאַנצן שעמערירן אינעם בלויען הימל איבער די דאָמנעס פון „זאַפּאָראָזשסטאַל״, און פאָרויס פלעגן די הונדערטער פײַערן, וועלכע האָבן זיך געשפּיגלט אינעם וואַסער, צייכענען די דוהע פון דער באַרימטער הרעבליע.

דניעפּראָהעס איז ניט פּאָשעט איינע פון די הונדערטער עלעקטראָסטאַנציעס, וועלכע זײַנען אויסגעבויט געוואָרן אין די יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט. הײַנט זײַנען פאַראַן נאָך מעכטיקערע, מער פאַרפולקומטע עלעקטראָסטאַנציעס, אָבער די דאָזיקע, די דניעפּרישע, איז געוואָרן פאַר אונדז א מין סימבאָל פון דער אינדוסטריִעלער

מעכטיקייַט פונעם סאָוועטן־לאַנד. די דאָזיקע הרעבליע, וואָס איז אַלעמען גוט באַקאַנט פון דער קינאָ־כראָניק, פון די פאָטאָגראַפיעס אין די צייַטונגען און זשורנאַלן, פאַרמאָגט עפּעס אַ באַזונדערע שיינקייַט. מע האָט מיר דערציילט, אַז מיט אַ קורצער צייַט צוריק האָט אויף איינער פון די עקסקורסיעס אַ יונג מיידל, אַ סטודענטקע, דאָ איבערגעלאָזט אַזאַ אויפשריפט: „דניעפּראָהעס אויף אונדזער ערד — דאָס איז ווי פּושקין אין דער ליטעראַטור, ווי טשייַקאָווסקי אין דער מוזיק. וועלכע גיגאַנטן עס זאָלן ניט אויפקומען אויף דער וואָלגע, אויף אַנגאַרע, יעניסיי, וועלן זיי מיט זיך ניט פאַרשטעלן די מאַיעסטעטישע גרויסקייַט פונעם פּאַטריאַרך פון דער סאָוועטישער ענערגעטיק”. גוט געזאָגט!

אָבער אין יענעם נאָכמילכאָמע־יאָר איז געווען ביטער און שווער צו זען, סאַראַ שאָדן ס'האָט געליטן דער אוניקאַלער בנין. די היטלעריסטן האָבן אייַנגעמויערט אינעם קערפּער פון דער הרעבליע הונדערט אוויאַבאָמבעס, צו אַ האַלבן טאָן יעדערע, און בלויז דער העראָיזם פון אונדזערע סאַפּיאָרן און אויספּירער האָט זי געראַטעוועט פון פולער פאַרניכטונג. ווען דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט פאָרסירט דעם דניעפּער, האָט מען אויף איינעם פון די אָנשפּאַר־זייַלן פון דער הרעבליע געפונען אַן איבערגעהאַקטן דראָט, וואָס האָט געפירט צום אויפרייַס־מאַטעריאַל, און דערנעבן — דעם קערפּער פון אַ דערהאַרגעטן שלאַכטמאַן. פעסטשטעלן זייַן נאָמען האָט זיך ניט אייַנגעגעבן, און פון דעמלט אָן שטייט באַם דורכגאַנג פון דער הרעבליע אַ דענקמאָל דעם אומבאַוווּסטן העלד.

האַגאַם די פאַשיסטן האָט זיך ניט אייַנגעגעבן אויסצופילן ביזן סאָף זייער באַרבאַרישן פּלאַן, זייַנען אַלע טורבינעס, גענעראַטאָרן, קראַנען אויפגעריסן געוואָרן, פון די זיבן און פערציק צייַטווייַליקע דורכפלוס־סעקציעס זייַנען גאַנץ געבליבן פערצן. עס איז מער ניט געווען קיין וואַסער־רעזערוואַר אויפן דניעפּער. ס'האָבן זיך אַנטבלויזט די אוראַלטע פעלדזן. דער טייַך, וועלכן מיר זייַנען געוווינט געווען צו זען אַ רויִקן, האָט ווידער, ווי אין די אַלטע צייַטן, גע־שוימט באַ די שוועלן. אויף דער בויונג זייַנען דעמלט פּאָפּולער גע־ווען די לידער, וועלכע עס האָט אָנגעשריבן איינער פון די דניע־פּער־בויער:

Бьются волны о серый гранит
Приднепровских седеющих скал.
Этот берег навек сохранит
Славу тех, кто его защищал...[1]

[1] קלאַפּן כוואַליעס אין גרויען גראַניט
פון די גרייַז־גראָווע פעלדזן באַם דניעפּער.
אָט דער ברעג וועט אויף אייביק פאַרהיטן
דעם רום פון די, וואָס האָבן אים באַשיצט... (בוכשטעבלעכע איבערז.)

פאראַן אַף אוקראַיִניש אַ בילדעריש וואָרט, אַ וואָגיקס און אַ פינקטלעכס לויטן זין: перемога — זיג. אַלץ זײַנען בײַגעקומען די סאָוועטישע מענטשן, אַלץ איבערגעליטן, אויסגעהאַלטן און גע־זיגט אין דער שווערסטער פון די מילכאָמעס. איצט איז זיי פאַר־געשטאַנען צו באַזיגן דעם כורבן, אָפּהאַלטן אַ זיג אין דער פרייד־לעכער מי.

אין אָט דעם גאַנצן אומענדלעכן, הייסן, פײַנלעכן טאָג האָב איך, באַקאַנענדיק זיך מיט דער לאַגע, געטראַכט: פון וואָס זאָל מען דאָ אָנהייבן? אַן אײַנדרוק האָט זיך געשאַפן, דאַרף מען זאָגן, אַ גאַנץ טרויעריקער. די פאַשיסטן האָבן אופגעריסן אין דער שטאָט אַלע זיבעציק זאַוואָדן. ווען מע האָט אַף „זאַפּאָראָזשסטאַל" אָנגעהויבן אופשטעלן דאָס געשטעל, וואָס וואָלצוועט שטאָל־בויגנס, האָט מען אַף אַלע קאָלאָנעס פון דער מיטעלער ריי געפונען פאַרשריבענע מיט רויטער פאַרב לאַטײַנישע ליטערס „F" (פונעם דײַטשישן וואָרט „פּאַיער" — פײַער). די רויטע ווײַזערס האָבן באַוויזן, וווהין מע דאַרף פאַרלייגן דעם טאָלואָל.

אַ כורווע איז געוועזן אויך די גאַנצע שטאָט. די מעלוכע־קאָמיסיע האָט אונטערגערעכנט: אין זאַפּאָראָזשיע זײַנען כאָרעוו געוואָרן הע־כער טויזנט גרויסע וווין־הײַזער, פיר און צוואַנציק שפּיטאָלן, פיר און זיבעציק שולן, צוויי אינסטיטוטן, פינף קינאָ־טעאַטערס, צוויי הונדערט נײַן און דרײַסיק מאַגאַזינען. די שטאָט איז פאַרבליבן אָן וואַסער, אָן באַהייצונג, אָן עלעקטרע. אַ ריזיקער שאָדן איז פאַר־שאַפט געוואָרן אויך דער לאַנדווירטשאַפט אַרום זאַפּאָראָזשיע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי האָט מיך געשיקט אין אָט דער געגנט אין אַ קאָמפּליצירטן מאָמענט. אַן ערעך מיט אַ כוי־דעש פריִער ביז מײַן קומען אַהין, דעם 27 יול 1946, האָט אין דער צײַטונג „פּראַוודאַ" זיך באַוויזן אַ קאָרעספּאָנדענץ „פאַרוואָס פאַר־האַלט זיך די אופשטעלונג פון „זאַפּאָראָזשסטאַל"". דער ענטפער איז געווען אַזאַ: „די ניט־אָרגאַניזירטקײַט איז די הויפּט־סיבע. ניטאָ קיין פּראָיעקט פון אָרגאַניזירן און מעכאַניזירן די אַרבעט, ניטאָ פאַקטיש אויך קיין גראַפיק. די אויספילונג פונעם פּלאַן ווערט דיסקאָנטירט ניט אינעם פיזישן פאַרנעם, נאָר אין רובלס. און אַף דעם באָדן צעבליט זיך די אויגנפאַרבלענדעניש..." דערנאָך איז די „פּראַוודאַ" אַרויסגעטראָטן מיט אַ נײַ אַרטיקל אונטערן קעפּל: „דרײַ פאַרטיי־קאָמיטעטן און איין בויונג". אין אים זײַנען קריטיקירט געוואָרן דער ראַיקאָם פון דער פאַרטיי, דער שטאָטקאָם און געגנטקאָם דער־פאַר, וואָס, אַרײַנמישנדיק זיך אָן אַ סאָף אין די איניאָנים פון די בויער, ווײַזן זיי אַרויס ניט קיין גענוגע הילף, און צומאָל אַ ניט־קוואַליפיצירטע. ענדלעך, איז דערשינען אַ באַשלוס פונעם צק פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס) און

א פאַרבונדענער מיט אים באשלוס פונעם צק פון דער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי (באָלשעוויקעס) פון אוקראַינע „וועגן צוגרייטן, אָפּ־קליַיבן און פאַנאַנדערטיילן די אָנפירנדיקע פאַרטייִשע און סאָוועטישע קאַדרען אין דער אוקראַינישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע".

אזא איז געווען די סיטואַציע, און וועגן דעם איז געגאַנגען אַן אָפענער און שאַרפער שמועס אַפן XI פּלענום פונעם זאַפּאָראָזשיער געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעווי־קעס) פון אוקראַינע, אין וועלכן איך האָב נאָך א פּאַרלויפּיקער באַקאַנטשאַפט מיט די בויונגען גענומען אַן אָנטייל. ערעוו דעם פּלע־נום האָט מען מיר אָנגעקלונגען פונעם צק פון דער פּאַרטיי קיין זאַפּאָראָזשיע:

— עס איז אָנגענומען א באַשלוס צו רעקאָמענדירן איַיך אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, פּירט דורך דעם פּלענום.

קיין זאַפּאָראָזשיע איז געקומען א פּאַרוואַלטער מיט אַן אָפּטייל פונעם צק פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָל־שעוויקעס). די צווייטע פראַגע אַפן פּלענום איז געווען אַן אָרגאַני־זאַציאָנעלע: לויט דער רעקאָמענדאַציע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) האָט מען מיך אויסגעוויילט אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון זאַפּאָראָ־זשיער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי. דאָס איז געווען דעם 30 אוי־גוסט 1946.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דערפילט אזוי אָנשוילעך און מאַמאָשעסדיק די פאַראַנטוואָרטלעכקיַיט פאַר דער פּאַרטיי און פאָלק פאַרן צושטאַנד פון די איניאָנים אין א גאַנצער געגנט. מע האָט דערוואַרט פון מיר ניט פּאָשעט אָרנטלעכע אַרבעט, נאָר קענ־טיקע פאַרשריטן, אַנטשיידענע ענדערונגען. מע האָט דערוואַרט, עס זאָל באַניַיט ווערן דער אַרבעטס־סטיל אין דער גאַנצער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, עס זאָלן קאַרדינאַל פאַרגיכערט ווערן די טעמפּן פון דער בויונג אָף א ריי אונטערנעמונגען, און קוידעמקאָל אין „זאַפּאָראָזשסטאַל". איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אז די דאָזיקע אויפגאַבע איז וויכטיק פאַר דער מעלוכע ניט בלויז אין ווירטשאַפט־לעכן, נאָר אויך אין פּאָליטישן זין.

אין וואָס איז דאָ באַשטאַנען דער טאָך? דער געזעץ וועגן דעם פערטן פינפיאָר־פּלאַן (1946—1950), וועלכער איז געווען אָנגענומען אין מאַרט 1946, האָט פאַרויסגעזען דעם ווידערגעבורט פון „זאַפּאָ־ראָזשסטאַל": „אויפשטעלן די פּראָדוקציע פון קאַלטגעוואַלצעוועטע דינע בויגנס אַפן דאָרעם...". סאַכאַקל איין שורע, נאָר פאַר מענטשן פאַרשטאַנדיקע איז דאָס זייער א וואָגיקע שורע. נעמענדיק אָבער איז אכט די קאָמפּליצירטקיַיט פון דער אויפגאַבע, האָט מען דעם דאָזיקן אָביעקט ניט פאַרוואַנדלט אין אַן אָביעקט פון דער ערשטער

רײ. עס איז געגאַנגען אַ רייד, אַז בלויז אויף פּאַנאַנדערצוקלײַבן די אַנוואַלגערונגען וועלן, קאָן זײַן, זיך פֿאָדערן עטלעכע יאָר. עס זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיינונגען, אַז עס וואָלט געווען לײַכטער צו שאַפֿן די פּראָדוקציע אָפּסנײַ, אין אַן אַנדער אָרט. אַזוי האָבן געײַצעט טאָן, לעמאַשל, די ספּעציאַליסטן פֿון דער צווישנפֿעלקערלעכער אָרגאַניזאַציע צו העלפֿן די לענדער, וועלכע האָבן געליטן פֿון דער פֿאַשיסטישער אינוואַזיע (ЮНРА). באַזוכט זאַפּאָראָזשיע, האָבן זיי אָנגעשריבן, אַז אופֿשטעלן „זאַפּאָראָזשסטאַל” האָט ביכלל קיין זין ניט, אויסבויען אַ נײַעם זאַוואָד וועט קאָסטן ביליקער.

איך האָב קיין שום גרונט ניט צו האַלטן די דאָזיקע ספּעציאַליסטן פֿאַר ניט־קאָמפּעטענטע אָדער ניט־געוויסנהאַפֿטיקע מענטשן. זיי האָבן סקרופּולעז אַלץ באַטראַכט, אַלץ קלאָר געמאַכט, אַלץ אויסגעמאָסטן — ווי ווײַט דער זאַוואָד איז רויִנירט, דעם ניוואָ פֿון דער טעכניק, אונדזער דעמלטיקע ענערגעטישע באַוואָפֿנטקײַט, וויפֿל פֿאַרמאָגן מיר הייב־מעכאַניזמען, אַרבעטס־רעסורסן אאַוו. זיי האָבן ניט געקענט אָפּשאַצן „סאַכאַקל בלויז” די לעבנסהאַפֿטיקײַט פֿון אונדזער פֿאָלק, דעם פּאַטריאָטיזם פֿון די סאָוועטישע מענטשן, דעם אָרגאַניזירנדיקן ווילן פֿון דער פּאַרטיי.

דאָס דאָזיקע האָבן ניט גענומען אין אַכט אויך די פּאָליטיקער מעיווער־לעיאַם. ווײַזט אויס, זיי האָבן שטאַרק געוואָלט גלייבן דעם פֿאַשיסטישן גענעראַל שטילפּנאַגעל, וואָס האָט אַזוי ראַפּאָרטירט היטלערן נאָך דעם, ווי מע האָט אים מעשאַלייִער געווען פֿון דעם בײַדניפּער־געביט: „אַ צײַט־אָפּשניט פֿון פֿינף ביז צוואַנציק יאָר — אָט וואָס פֿאַר אַ טערמין רוסלאַנד וועט דאַרפֿן האָבן, קעדיי אופֿשטעלן דאָס רויִנירטע”. אין די סאַמע פֿינצטערע פּראָגנאָזן האָבן געוואָלט גלייבן די אימפּעריאַליסטן פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן, ווײַל צו יענער צײַט האָבן זיי שאַרף געענדערט זייער באַציִונג צום סאָוועטנפֿאַרבאַנד — צו זייער פֿאַרבינדעטן אין דער אַנטיהיטלערישער קאָאַליציע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט די אַמעריקאַנער פּאָליטיקער איז ביכלל שווער האָבן צו טאָן. דער פּרעזידענט פֿראַנקלין רוזוועלט איז געשטאָרבן, און די נײַע אַדמיניסטראַציע, ווען זי האָט פֿאַרנומען דאָס ווײַסע הויז, האָט טייקעף פֿאַרגעסן אַלע פֿריִערדיקע „פֿעסטע” צוזאָגן און „שטאַרקע” אָפּמאַכן. די אַמעריקאַנער, צום בײַשפּיל, האָבן זיך אונטערגענומען אויספֿאַרטיקן פֿאַרן „דניעפּראָגעס” אַ פֿולן קאָמפּלעקט אַגרעגאַטן, נאָר, פֿאַרקויפֿט דרײַ מאַשינעס, האָבן זיי פּלוצעם אָפּגעשטעלט די ליפֿערונגען. זיי האָבן דעם שטאָל־בויגן אַרײַנגעשטעלט אין דער רעשימע פֿון סטראַטעגישע מאַטעריאַלן און פּונקט אַזוי אומגעריכט אים אופֿגעהערט אונדז צו פֿאַרקויפֿן. אָבער אָן דעם דאָזיקן בויגן קאָן מען דאָך ניט

אויסארבעטן ניט קיין אוטאָמאָבילן, ניט קיין טראַקטאָרס. מענטשן פונעם עלטערן דאָר געדענקען מינאסטאם, ווי אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן זײַנען אַף אונדזערע וועגן געגאנגען לאָסטמאַשינעס מיט הילצערנע קאבינעס און מיט פליגלען פון דיקט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די „קאלטע מילכאָמע”. זי האָט געערשט א סאך יאָרן, פאקטיש צוויי יאָרצענדליקער. דאָס איז געווען ניט דער ערשטער און, צום באַדויערן, ניט דער לעצטער פאל, ווען די קאפיטאליסטישע מעלוכעס האָבן, לייגנדיק האָפענונגען אַף אונדזערע שוועריקײַטן, געפּרוווט דיקטירן אונדז זייער ווילן, ארײַנמישן זיך אין אונדזערע אינערלעכע אָנגעלעגנהײַטן. דער כעזשבן איז געווען א פּאָשעטער: סײַווי, הייסט עס, וועט דער סאָוועטנפאַרבאנד בעטן די דאָזיקע מאשינעס, דעם דאָזיקן שטאָל־בויגן, אין ערגעץ וועלן די קאָמוניסטן זיך ניט אהינטאָן, זיי וועלן זיך פארבייגן, פאלן קוירים... איז וואָס, מיר זײַנען אומגעקומען? צוריקגעטראָטן? אָפּגעשטעלט אונדזער גאנג? ניין! די כאכאָמים פון מעיי־ווער־לעיאם האָבן א טאָעס געהאט אין זייער פּאָליטיק, וועגן וואָס עס לוינט צו דערמאָנען הײַנט, אַף וויפל דאָס איז סײַ באלערעוודיק, סײַ אקטועל.

אַן איבעריק מאָל איז באוויזן געוואָרן פאר דער גאנצער וועלט, ווי אומויסשעפּלעך עס זײַנען די רעזערוון פון דער סאָציאליסטישער עקאָנאָמיק, די מעגלעכקײַטן פון אונדזער פּלאַנעווער ווירטשאפט, די גרויסע מעכטיקײַט פונעם לאנד, וואָס קאָן אין פאל פון נייטיקײַט איבערגרופּירן די קויכעס, קאָנצענטרירן זיי אַף די הויפּטריכטונגען.

אין סאכאקל זײַנען די ארבעטן אַף די בויונגען, וועגן וועלכע עס גייט דאָ די רייד, ניט בלויז ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאָר, פארקערט, אוועק אין א שטײַגנדיקן טעמפּ. די טורבינעס און גענעראטאָרן, וועלכע די אמעריקאנער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פארקויפן, האָבן פאר אונדז געמאכט די ארבעטער, אינזשעניערן, קאָנסטרוקטאָרן פון לענינגראד און נאָוואָקראמאטאָרסק. און כאָטש די טערמינען זײַנען געגעבן געוואָרן זייער באגרענעצטע, האָבן זיי ארויסגעגעבן אזעלכע מאשינעס, וועלכע זײַנען געווען מער זיכערע און מער מעכטיקע, איידער די אמעריקאנער.

אין פרילינג פון 1947 האָט דער אפּסנײַ געבוירענער „דניעפּראָהעס” געגעבן דעם ערשטן שטראָם. וואָס שײַעך דער פּראָדוקציע פון שטאָל־בויגן, האָבן די סאָוועטישע מענטשן אופגעטאָן אומעגלעכס — זיי האָבן אופגעשטעלט די סאמע קאָמפּליצירטע פּראָדוקציע סאכאקל אין מעשעך פון איין יאָר. די ערשטע ריי פונעם זאוואָד „זאפּאָראָזשסטאל” אָפּן נאָמען פון סערגאָ אָרדזשאָניקידזע (פינף צעכן, וואָס יעדערער פון זיי איז פאקטיש אליין געווען א

זאוואָד) האָבן מיר געלאָזט אין גאנג אין הארבסט פונעם זעלבן 1947 יאָר.

איך בין גליקלעך, וואָס איך בין געווען אן איידעס און אן אָנ־טיילנעמער פון די דאָזיקע גרויסע אופטועך, וואָס מע האָט מיר אָנ־געטרויט א וויכטיקן באצירק פון דעם נאָכמילכאָמעדיקן ווידערגע־בורט, וואָס איך האָב געארבעט צוזאמען מיט די זאפּאָראָזשצעס אינעם אומפארגעסלעכן יאָר. זייער פיל איז מיר אין יענער צייַט אויסגעקומען איבערצוטראכטן, באגרייַפן, א סאך איז אויסגעקומען צו אויסלערנען זיך. א שול בין איך דאָ דורכגעגאנגען א שווערסטע.

2

ארבעטנדיק איבער די דאָזיקע נאָטיצן, האָב איך געבעטן די טוער פון די פּארטייִשע און סאָוועטישע ארכיוון, זיי זאָלן מיר צו־שיקן אייניקע מאטעריאלן פון יענע יאָרן. באנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייַט, וויל איך באדאנקען זיי פאר דער הילף: א ריי דאָקו־מענטן האָב איך גרינטלעך פארגעסן, און אנדערע האָב איך דערזען צום ערשטן מאָל.

אזעלכע זייַנען, צום בייַשפּיל, די זייַטן פונעם פּראָטאָקאָל, וואָס איז געפירט געוואָרן אף איינער פון די ערשטע זיצונגען פון דער ביוראָ פונעם געגנטקאָם (1946, סענטיאבער). עס געדענקט זיך, די זיצונג האָט געדויערט לאנג. עס האָבן זיך אָנגעזאמלט א סאך איניאָנים, וועלכע מע האָט באדארפט דרינגענדיק לייזן. אָט איז זייער רעשימע, וויַיט ניט קיין פולע:

באריכט פון נאָוואָוואסיליעווסקער ראיקאָם פון דער פּארטיי;

וועגן באוואכן און אָפּהיטן די טוווע אף די פארגרייט־פּונקטן און אין די אונטערנעמונגען פונעם פארגרייטונגס־מיניסטעריום;

וועגן ארייַנפירן נאפט־פּראָדוקטן פארן אראָפּנעם פון דער גע־רעטעניש און פאר די טוווע־פארגרייטונגען אין דער געגנט;

וועגן דעם גאנג פונעם ווינטער־פארזיי און פונעם פריר־אקער אין וואסיליעווסקער און אָסיפּענקאָווער ראיאָנען;

וועגן דער באשטימונג פונעם צק פון דער אלפארבאנדישער קאָ־מוניסטישער פּארטיי (באָלשעוויקעס) און מיניסטאָרן־ראט פון פססר „וועגן די מאָסמיטלען צו ליקווידירן דאָס ברעכן דעם סטאטוט פו־נעם לאנדווירטשאפטלעכן ארטעל אין די קאָלווירטן";

וועגן צוגרייטן און דורכפירן דעם דריטן יאָרטאָג, זינט זאפּאָ־ראָזשיע איז באפרייַט געוואָרן פון די דייַטשיש־פאשיסטישע פאר־כאפּערס...

אין אָט דער שעפע איניאַנים, וועלכע זײַנען מיך גלײַך באַפאַלן און האָבן געוואַרט אַף אַ שנעלער לייזונג, איז לײַכט געווען צו דערטרונקען ווערן. טראַכטנדיק וועגן דעם, בין איך געקומען צום אויספיר: מיט די לויפנדיקע איניאַנים דאַרף מען זיך פאַרנעמען — אין ערגעץ וועסטו פון זיי זיך ניט אַהינטאָן, — נאָר דאָס ערשטע אָרט דאַרפן פאַרנעמען די פראַגן פון ראַדיקאַל פאַרבעסערן די אָר־גאַניזאַטאָרישע און פאַרטיייש־פּאָליטישע אַרבעט.

די ערשטע אײַנדרוקן האָבן מיך ניט אָפּגענאַרט. אַפן בוי־פּלאַץ פון „זאַפּאָראָזשסטאַל" זײַנען געווען זייער אַ סאַך מענטשן (בע־שאַס דעם גרעסטן אופשטײַג פון דער בויונג — זיבן און פערציק טויזנט), און קיין קאָלעקטיוו איז ניט געשאַפן געוואָרן. געאַרבעט האָבן אַרום פערציק בוי־פאַרוואַלטונגען און סוב־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען געווען אונטערגעאָרדנט פאַרשיידענע הויפּט־פאַר־וואַלטונגען פון פאַרשיידענע מיניסטעריומס. עס איז טייקעף אויס־געקומען צונויפשטויסן זיך מיט דער צעשיידטקייט פון אָט די קאָנ־טאָרן, מיט אומענדלעכע שטרײַטן, קעגנזײַטיקע באַשולדיקונגען. אומעטום האָבן זיי די אַרבעטן אָנגעהויבן און אין ערגעץ קיין זאַך ניט פאַרענדיקט. די דיסציפּלין איז געווען אַ נידעריקע, קיין שום קעגנזײַטיקע הילף און מיטאַרבעט. אַנדערש גערעדט, עס איז ניט געווען דאָס אַלץ, וואָס פאַרוואַנדלט אַ מענטשן־מאַסע אין אַן אָר־גאַניזירטן קאָלעקטיוו.

מײַן ערשטע זאָרג איז געווען צו שאַפן אַן אַטמאָספער פון פּינקטלעכער אַרבעט, פון פאַרטיייִשער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. הײַנט וועט קיינער ניט אָנהייבן קיין בויונג אָן אַ גראַפיק, און דעמלט האָבן אייניקע אָנפירער גאַנץ ערנסט געפּרוּווט דערווײַזן, אַז אין אונדזערע באַדינגונגען איז אַ גראַפיק ביכלאַל ניט אָנעמ־באַר. דאָס איז, זעט איר, ניט קיין „נאָרמאַלע" בויונג — מיר קלײַבן פאַנאַנדער אָנוואַלגערונגען, מיר שלעפן אַרויס רערן, באַלקעס, רעלסן, גאַנץ געבליבענע מאַשין־דעטאַלן, אַזאַ מין אַרבעט קאָן מען ניט נאָרמירן.

ס'איז אַרײַן אין דער פּראַקטיק: די מענטשן האָבן געאַרבעט אָן נאָרמעס, די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט האָט מען געמאָסטן אַפן קוק. אַנדערש גערעדט, דעם פּלאַן האָט מען צוגעפּאַסט צו די שמאָלע ערטער, אונטערגעגלײַכט לויט זיי די טעמפּן פון וווּקס, אַרויסגייענ־דיק פון דעם, וואָס מע קאָן באַווײַזן אופטאָן פאַר אַ וואָכטע אָדער פאַר אַ כוידעש, און ניט פון דעם, וואָס מע דאַרף, וואָס עס איז אַבסאָליוט נייטיק אָפּצוטאָן.

אַזעלכע שטימונגען האָט מען געדאַרפט בײַקומען, און אַף איי־נעם פון די פּלענומס פונעם שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי (לויט דער דעמלטיקער אָרדענונג בין איך אייננצײַטיק געווען אויך דער ער־

שטער סעקרעטאר פון שטאַטקאָם) איז אויסגעקומען ספּעציעל צו ריידן וועגן דעם. אורטיילנדיק לויט דער סטענאָגראַם, האָב איך פאַרגעוואָרפן די בויער: „גיט א קוק, אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווען עס גייט דער פאַרזיי, באַקום איך יעדן אָוונט א סוואָדקע, איך קאָן אַרײַנמישן זיך, העלפן, אונטערוואַרפן דעם הינטערשטעליקן ראַיאָן ברענשטאָף, רעזערוו־טיילן. צי דען קאָנען מיר זיך ניט דער־שלאָגן, אז פּונקט אזא קלאָרקײַט זאָל בא אונדז זײַן אויך אפן בוי־פּלאַץ? זאָל דערווײַל זײַן שווער צונויפצושטעלן א גראַפיק פאַר דעם גאַנצן ריזיקן קאָמפּלעקס, אָבער אף די אָביעקטן, וועלכע דאַרפן געלאָזט ווערן אין גאַנג, אף די אַנטשיידנדיקע אָביעקטן איז ער פולשטענדיק נייטיק. אויב עס איז ניטאָ קיין גראַפיק,— האָב איך ווײַטער געזאָגט,— אויב מיר האָבן ניט אין אונדזערע הענט די מיטלען, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען קאָנטראָלירן, פאָדערן, סטימולירן, און אויב נייטיק — אויך באַשטראָפן, איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן אוועלכן־ניט־איז שאַרפן פאַרויסגאַנג פון דער אַר־בעט".

די פּאָזיציע פונעם געגנטקאָם האָבן אַקטיוו אונטערגעהאַלטן סײַ דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל" א. נ. קוזמין, וואָס האָט דאָ געאַרבעט נאָך ביז דער מילכאָמע, סײַ דער נײַער אָנפירער פונעם טרעסט „זאַפּאָראָזשסטראָי" וו. ע. דימשיץ, וועלכער איז אהער געקומען אינגיכן נאָך מיר. מענטשן זײַנען זיי אין אַלץ גע־ווען פאַרשיידענע, נאָר אויסערסט געלונגען דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן.

אַנאַטאָלי ניקאָלײַעוויטש קוזמין, א מענטש פון מיטעלן וווּקס, א פולבלעכער, געטראָגן פּענסנע, האָט, אף וויפל איך געדענק, קיינ־מאָל ניט געהעכערט דאָס קאָל. לויטן אויסזען איז ער געווען א טיפּישער אינזשעניער־אינטעליגענט, און בלויז מיט פיל צײַט שפּע־טער האָב איך זיך דערוווּסט, אז ער שטאַמט פון א מישפּאָכע פּעט־ראָגראַדער פּראָלעטאַריער. אַלץ האָט ער פאַרמאָגט: ערודיציע, סייכל, הויכע אַרבעטספייִקײַט. ער האָט געהאַט אן אומבאַשטרײַט־באַרן אויטאָריטעט אין די פּראָדוציר־איניאָנים. אָבער מער פאַר אַלץ האָט זיך מיר פאַרגעדענקט זײַן רויִקײַט. עפּעס איז ניט אין אָרדענונג, עס ווערט אָראָפּגעריסן דער פּלאַן — אַנאַטאָלי ניקאָלײַע־וויטש איז אויסערלעך רויִק. עס זײַנען אוועק דערפאָלגן, מיטינ־גען — ער איז ווידער רויִק. א געזעצטער, א זאַכלעכער מענטש.

אפן זאַוואָד איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן א שווערע צײַט. אין אויגוסט 1941 האָט דאָס פאַשיסטישע מיליטער, וואָס איז אַרויס אפן רעכטן ברעג פונעם דניעפּער, אָנגעהויבן באַשיסן די שטאָט. פינף און פערציק מעסלעס האָט אונדזער אַרמיי הערויִש אײַנגע־האַלטן דעם לינקן ברעג, און פאַר דער דאָזיקער צײַט איז בלויז

פון „זאַפּאָראָזשסטאַל״ ארויסגעפירט געוואָרן ניַין טויזנט זעקס הונדערט וואַגאָנעס ווערטפולסטע אויסשטאַטונג. דאָס איז געווען א העלדנטאַט: אונטער ארטילערישע באַשיסונגען, אונטער באָמבאַרדירונגען האָבן מענטשן דעמאָנטירט די שווערסטע ווערקשטעלן, געפּאַקט מאַשין־קנופּן, געלאָדן זיי אף פּלאַטפאָרמעס, מאַרקירט, צונויפגעשטעלט מאָנטאַזש־סכעמעס. דאָס אַלץ אונטערן קאָנטראָל פון א. נ. קוזמין. דעם זאַוואָד האָט ער פאַרלאָזן, ווי א קאַפּיטאַן פאַרלאָזט זיַין שיף, — דער לעצטער, בוכשטעבלעך מיט א האַלבער שאָ פריִער, איידער אף דער טעריטאָריע האָבן זיך אריַינגעריסן די היטלעריסטן.

און שוין אין א האַלב יאָר ארום האָט א גרופּע זאַפּאָראָזשיער וואַלצער געאַרבעט אין נאָוואָסיבירסק אפן ווערקשטעל, וואָס וואַלצעוועט דינע בויגנס. דער עלעקטרישער קאַבעל, וועלכן מ׳עט האָט באַוויזן ארויסציִען פון די אונטערערדישע טונעלן (מער פון ניַין הונדערט קילאָמעטער) האָט געהאָלפן צו קאָמפּלעקטירן צענדליקער שוץ־זאַוואָדן אפן מיזרעך פונעם לאַנד. אָבער דער גרונט־טייל פון דער אויסשטאַטונג פון „זאַפּאָראָזשסטאַל״ איז אָנגעקומען אף דער מאַגניטקע, וווּ עס איז זייער שנעל אויסגעבויט געוואָרן א צעך אף צו וואַלצעווען מיטעלע בויגנס, וועלכער האָט געגעבן דעם לאַנד פּאַנצער־מאַטעריאַל פון הויך־לעגירטן שטאָל.

לויטן כאַראַקטער איז דימשיץ דער פולער הייפעך פון קוזמינען: אין די אָפּשאַצונגען פלעגט ער צײַטנווײַז זיַין קאַטעגאָריש, אָבער אויך אויסגעצייכנט געוווּסט די סטראַטעגיע פון דער זאַך און איז געווען, קאָן מען זאָגן, א מײַסטער פון טאַקטישער אָנפירונג. ער האָט ליב געהאַט דרייסטע אינזשעניערישע באַשלוסן, געקאָנט אונטערהאַלטן א נאָוואַטאָר און אָפּשטעלן א פּלאַפּלער. די בויער זײַנען ביכלאַל א ספּעציפישער אוילעם: אף זייערע פּלאַניאָרקעס פלעגן זיך הערן אַמאָל ווײַט ניט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע אויסדרוקן. און, איך וויל ניט דורכלאָזן, — דער וויַיכער און גוטהאַרציקער קוזמין האָט אויך אין אַזאַ אומגעבונג געקענט פּרינציפּיִעל און פעסט פאַרטיידיקן זיַין פּאָזיציע.

צווישן די בויער און עקספּלואַטאַציע־טוער איז געוויינלעך קיין איַינפאַרשטענדעניש ניטאָ, נאָר קוזמין און דימשיץ האָבן שטענדיק געפונען א געמיינזאַמע שפּראַך, און קיין קאָנפליקטן צווישן זיי געדענק איך ניט. דער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי האָט שטענדיק געווירקט אף זייערע באַציִונגען. אין דער פראַגע וועגן דעם גראַפיק זײַנען ביידע פון די ערשטע טעג אָן מאַסקים געווען מיט מיר, און אין סאַכאַקל איז ער איַינגעפירט געוואָרן. דער שטרענגער מעסלעס־גראַפיק האָט געבונדן אין איין גאַנצעס די אַרבעט, וועלכע עס האָבן געפירט פאַרשיידענע פאַרוואַלטונגען, ער האָט געהאָלפן קאָנ־

טראָלירן די פעסטע טערמינען פון לאָזן אין גאנג די אָביעקטן. דאָס איז געווען אונדזער געמיינזאמער זיג.

די זאָרגזאם צונויפגעשטעלטע גראפיקעס זײַנען דערנאָך פארמערט געוואָרן אין דרוקערײַ אין דער פאָרם פון קליינע ביכעלעך. אזעלכע ביכעלעך זײַנען געווען ניט בלויז בא דער נאטשאלסטווע פון דער בויונג, נאָר אויך בא די מײַסטערס, פראָראבן, בא די פארטייִשע, פראָפארייִשע, קאָמיוגישע טוער, בא די זשורנאליסטן, וועלכע פלעגן קומען אפן בוי־פלאץ. זיי האָבן מיטגעהאָלפן דער עפנטלעכקײַט, וואָס עס איז פאר דער אויסבילדונג פון א קאָלעקטיוו אויך נייטיק. איין זאך איז, ווען א מענטש וואָזגעט זיך אף זײַן באצירק, ניט וויסנדיק, וואָס ארום אים טוט זיך, און גאָר א צווייטע זאך איז, ווען ער איז אין קורס פון אלץ, וואָס אף דער בויונג קומט פאָר, ער ווייסט זײַן אָרט אין דער אלגעמיינער ריי.

פארשטייט זיך אָבער, אז אײַנפירן א גראפיק איז בלויז א האלבע ארבעט. מע האָט געדארפט זיך דערשלאָגן צו א טאָגטעגלעכן קאָנטראָל, וויאזוי דער גראפיק ווערט אויסגעפילט, צו א ברייטער און, ווידעראמאָל, עפנטלעכער באריכט־אָפגעבונג. די בויער האָבן געלייזט אויך די דאָזיקע אופגאבע, שאפנדיק אן אפאראט פון דיספעטשער־אמט. הויפט־דיספעטשער איז געוואָרן גריגאָרי לובענעץ, דער איצטיקער מיניסטער פון בויען אונטערנעמונגען פון דער שווערער אינדוסטריע אין דער אוקראַיִנישער סאָוועטן־רעפובליק (ביכלאל איז אף אונדזערע זאוואָדן און בויונגען אויסגעוואקסן א היפש ביסל גוטע פארטייִשע און ווירטשאפטלעכע אָנפירער). דעמלט איז ער נאָך געווען א יונגער קרעפטיקער יאט, ער איז געזעסן אין דער ארומרינגלונג פון א צענדליק טעלעפאָנען און האָט באוויזן א קונץ צו זען אלץ, געדענקען אלץ, אומעטום באווײַזן, און צו 17.00, ווען עס פלעגט פאָרקומען דער טעגלעכער דיספעטשערישער ראפאָרט, האָט ער געקאָנט ענטפערן אף יעטווידער אופגעקומענער פראגע. עס האָט גענומען א סאָך צו די פוסטע קריגערײַען, צום פארופן זיך אף דעם, אז מע האָט עפעס ניט באוויזן צו באזאָרגן, עפעס ניט געבראכט צו פירן — די ציפערן זײַנען שטענדיק געווען פינקטלעכע.

מיר איז געפעלן געווען בײַצוזײַן אף די באראטונגען פון די בויער: די אָפעראטיוקעס פלעגן בא זיי דורכגעפירט ווערן בעעמעס אָפעראטיוו, די „פינפמינוטקעס" פלעגן זיך ניט פארציִען אף צוויי שאָ. זעלבסטפארשטענדלעך, אָנגעקומען איז דאָס אלץ ניט לײַכט, מע האָט געדארפט בײַקומען די אינערציע, קעמפן קעגן דער פסיכאָלאָגיע פון „נישקאָשע, ווי־ניט־איז", אָבער צוביסלעכווײַז האָט זיך אָנגעהויבן אײַנשטעלן אן אָרדענונג, די בויונג איז ארײַן

אין ריטם, און אויב עס פלעגן זיך טרעפן מיספארשטייענישן, פלעגן זיי געלייזט ווערן אָן פארשלעפעניש.

איך געדענק, אין אָנהייב מײַ 1947 האָבן מיר אין קליינעם זאל פון געגנטקאָם דורכגעפירט א פארזאמלונג פונעם פארטייזש־ווירטשאפטלעכן אקטיוו פון „זאפּאַראָזשסטראַי". דעם באריכט וועגן דער ארבעט האָט געהאלטן דימשיץ, ארויסגעטראָטן איז אויך קוזמין, וועלכער האָט מיט סקרופּולעזע פּראָטים איבערגערעכנט די פאָדערונגען צו די בויער, עס האָבן גענומען ווערטער די ארבעטער. מיר איז אויסגעקומען צו שליסן די פארזאמלונג, און איך האָב באטאָנט, אז מע דארף קאָנצענטרירן די קרעפטן אף די אָביעקטן, וועלכע מע לאָזט אין גאנג, — דעמלט זײַנען דאָס געווען די טערמאָעלעקטראָצענטראל און דער דאַמבע־אויוון:

— א סיטואציע האָט זיך געשאפן זייער ניט קיין געוויינלעכע. אפילע בא דער רײַכסטער דערפארונג דארפט איר אנערקענען, אז מיט אזעלכע בוי־טעמפּן, מיט אזעלכע מאסשטאבן טרעפט איר זיך דאָס ערשטע מאָל. און דער טערמין פון לאָזן אין גאנג איז פאר אונדז אלעמען אן אומבאדינגטער. ווען מע זאָל ניט קאָנצענטרירן די קרעפטן אף די אָביעקטן, וועלכע ווערן געלאָזט אין גאנג, ניט שאפן, אויב מע מעג זיך אזוי אויסדריקן, קיין שלאָג־פּויסט, וועלן מיר אין די טערמינען זיך ניט ארײַנלייגן. אף אייניקע באצירקן, באזונדערס אף אזא וויכטיקן אָביעקט, ווי די דאַמבע, האָבן מיר דערוויַיל געקלאפּט, ווי מע זאָגט עס, ניט מיטן פּויסט, נאָר מיט א צעעפנטער דלאָניע. און דאָס איז ניט קיין שטארקער קלאפּ.

מיר אלע האָבן אין יענעם יאָר זיך געלערנט און דעם דאָזיקן מעטאָד — צונויפקלײַבן די קרעפטן אין א פּויסט — גענומען דערנאָך אף באוואָפענונג. אים האָט באמערקט און אָפּגעשאצט דאָס גאנצע לאנד. די אופשטעלונג פון „זאפּאַראָזשסטאל" און „דניעפּראָגעס" איז אנערקענט געוואָרן אלס קלאסישער מוסטער פון קאָנצענטרירן די קרעפטן און מיטלען אף די שלאָג־באצירקן פון דער אלפאָלקישער בויונג. שפּעטער האָבן טאקע אזוי זיך געפירט א סאך אונדזערע גרויסע בויונגען. אזוי זײַנען געבויט געוואָרן די סופּערמעכטיקע דאָמנע נומ. 9 אין קריוואָי ראָג און דער ווערקשטעל „3600" אין זשדאנאָוו, דער וואָלגער אווטאָזאוואָד און „קאַמאז"; די דאָזיקע דערפארונג נוצן אויך הײַנט אויס די נאפט־ און גאז־ארבעטער פון טיומען, די בויער פון דער בײַקאל־אמורער מאַגיסטראל.

אויסנוצנדיק די געלעגנהײַט, וואָלט איך געוואָלט באטאָנען די סאמע ענגע קעגנזײַטיקע פארבינדונג צווישן דעם נעכטיקן טאָג פונעם לאנד, צווישן דעם וועג, וועלכן מיר זײַנען דורכגעגאנגען, און די נײַע אופגאבן. פון יאָר צו יאָר וואקסט דער שווונג פון

אונדזערע פלענער, דער מאסשטאב און די קאָמפּליצירטקייט פון די פּראָבלעמען, און לייזן זיי קומט אויס אַף א נײַעם ניוואָ, אַף א נײַעם אויפן. דערבײַ אָבער איז נייטיק צו נעמען אין אכט די רײַכסטע פּראַקטיק פון בויען דעם סאָציאַליזם, די היסטאָרישע דערפארונג פון דער פּארטיי און פון די פּאַלקסמאסן.

איצט, לעמאָשל, האָבן מיר פאר זיך א פּראָגראם פון א באזונדערער וויכטיקער באַדײַטונג — באהערשן אַף א קאָמפּלעקס־אויפן די ערד־טיפענישן און אנטוויקלען די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון מײַרעוו־סיביר. דאָס איז בעעמעס א גרויסע בויונג פון אונדזער צײַט, א בויונג, וואָס שטײַגט איבער לויט איר פארנעם, לויט דער גרייס פון די קאפּיטאַל־אינוועסטיציעס, לויט דער קאָמפּליצירטקײַט פון די טעכנישע אויפגאבן און טראנספּאָרט־אויפגאבן אלץ, וואָס מיר האָבן געהאט אין די פריִערדיקע יאָרן און פינפיאָרן. דערפאר איז נאָך וויכטיקער, נעמענדיק אין אכט די אָנגעזאמלטע דערפארונג, ניט דערלאָזן דאָ קיין צעשפּליטערונג פון די קויכעס. אלץ קאטעגאָרישער שטעלט זיך די אויפגאבע, מע זאָל באצײַטנס קאָנצענטרירן די רעסורסן אַף די הויפּט־ריכטונגען, ריכטיק באשטימען די פּריִאָריטעטן, דאָס הייסט דעם סיידער פון לייזן די פּראָבלעמען אין העסקעם מיט זייער באַדײַטונג פאר דער פאָלקסווירטשאפט.

קענען אנטפלעקן יענע קאָנקרעטע רינגען, ווו ס'איז מעגלעך מיט מינימאלע הוצאָעס באקומען דעם גרעסטן און שנעלן עפעקט, קענען צוגיין צום לייזן א באליביקע אויפגאבע פונעם שטאנדפּונקט פון די ענדגילטיקע רעזולטאטן — גראָד אין דעם באשטייט די קונסט פון פּלאנירונג און פון ווירטשאפטלעכער אָנפירונג ביכלאַל.

מיט איין וואָרט, אויב ריידן מיט דער לעניניסטער שפּראך, האָט פאר אונדז, ווי פריִער, דאָס אויסטיילן יענע רינגען, וואָס באם אָנכאפּן זיך פאר זיי קאָנען מיר ארויסשלעפּן די גאנצע קייט, אן אנטשיידנדיקע באַדײַטונג. און צום ערשטן מאָל האָב איך דאָס אָנגעהויבן ווי געהעריק צו פארשטיין און באנעמען אפן סמאך פון דער אייגענער דערפארונג אינעם אָנגעשטרענגטן און שלאכטפולן יאָר פון דער זאפּאָראָזשיער בויונג.

3

פון אירע ערשטע טעג איז, אויסער דער אָרגאניזאטאָרישער ארבעט, אויסגעקומען צו שענקען, ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, גרויס אויפמערקזאמקײַט דער פּארטייִש־פּאָליטישער ארבעט. די דאָזיקע פראגן זײַנען פאקטיש געלייזט געוואָרן איינצײַטיק. די קאָמפּליצירטקײַט איז באשטאנען דערין, וואָס, צום אונטערשייד פון די

איינגעשטעלטע קאָלעקטיוון, איז בא אונדז דעמלט אַלץ געווען אין באַוועגונג. מע האָט געדאַרפט לייזן די פראַגן וועגן ווינונגען, לעבנסשטייגער, באַדינונגס־ספער. אַלע טאָג זײַנען דאָך אויף דער בויונג געקומען צו פאָרן הונדערטער מענטשן — דעמאָביליזירטע קריגסלײַט, מאָנטאַזשניקעס פון אַנדערע געגנטן, אונדזערע מעטאַ־לורגן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון סיביר, פון אוראַל, די אָרטיקע אײַנוווינער, וועלכע זײַנען פאַרטריבן געוואָרן קיין דײַטש־לאַנד, די יוגנט פון די אַרומיקע קאָלווירטן. די מענטשן האָבן זיך געשטעלט אויפן פאַרטיי־דיסקאָנט. און שוין אין גאַנג פון די אַרבעטן האָט מען געדאַרפט זיך צוקוקן, וואָס איז דער אָדער אַנדערער די ווערט.

פון די בעסטע מענטשן פון דער בויונג זײַנען געוואַקסן די פּאַר־טיי־רייען. אין „זאַפּאָראָזשסטראָי" האָבן מיר אין דער ערשטער העלפט פון 1947 אָנגענומען אין די רייען פון דער אַלפאַרבאַנדי־שער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס) קימאַט צוויי מאָל מער אַרבעטער, איידער פאַרן גאַנצן יאָר 1946, צווישן זיי איז גע־ווען, אַשטייגער, דער מאָנטאַזשניק איוואַן רומיאַנצעוו, וועמענס נאָמען עס האָבן אין יענע יאָרן אַלע געוווּסט. אַזוי־אַרום איז קרעפ־טיקער געוואָרן דער שלאַכט־קערן פונעם פּילטויזנטקעפּיקן קאָלעק־טיוו, און עס איז וויכטיק געווען צו דערמאָנען די מענטשן, אַז אַ סעקרעטאַר פון אַ פּאַרטיי־קאָמיטעט איז קוידעמקאָל אַ פּאָ־ליטישער אָנפירער, און יעדער קאָמוניסט איז אַ פּאָליטישער שלאַכטמאַן.

אויף איינעם פון די פּלענומס פון געגנטקאָם איז מיר אויסגעקומען צו קריטיקירן דעם סעקרעטאַר פון נאָוואָוואָסיליעווסקער ראַיקאָם פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס) פון אוקראַיִנע. אַ טוער איז ער אין אַלגעמיין געווען אַ גוטער, אַן איניציאַטיווער, נאָר ער האָט זיך צופיל פאַרכאַפּט מיטווירטשאַפטלעכע איניאַנים, איבערן קאָפּ געווען אין זיי פאַרטאָן. איך האָב דעמלט געזאָגט, אַז אַ סעקרעטאַר פון אַ ראַיקאָם איז קוידעמקאָל אַן אָנגעזעענער פּאָ־ליטישער טוער, אַ פּאָרשטייער פונעם צק פון אונדזער פאַרטיי אין אַ גרויסן אַדמיניסטראַטיוון ראַיאָן. די אַרויסטרעטונגען פון אייניקע סעקרעטאַרן אונדזערע זײַנען אָבער מער ענלעך אויף פּאָרטראָגן פון ווירטשאַפטלעכע טוער — פּילסט ניט אין זיי די פּאָליטישע ליניע. אָט האָט דער נאָוואָוואָסיליעווסקער סעקרעטאַר גוט גערעדט וועגן טראַקטאָרן און אָקסן, נאָר ווי ער איז דערגאַנגען צו דער פאַרטיי־אַרבעט, האָט ער באַלד זיך פאַרהאַקט. אַזוי טויג ניט! אין דער פּאַרטיי־אַרבעט איז נייטיק פריִער פאַר אַלץ אַ פּאָליטישער אַנאַליז פון דער סיטואַציע. דעמלט וועסטו אויך אין די ווירטשאַפטלעכע איניאַנים וויסן, פון וועלכער זײַט צוטרעטן.

אין די טעג, ווען עס זײַנען געבליבן הינטערשטעליק די בויער פון „זאַפּאָראָזשסטאַל", ווען עס האָט איבערגעלעבט גרויסע שווע־ריקײַטן דער „דניעפּראָסטראָי", האָב איך די גאַנצע צײַט געהערט: גיט צעמענט, ווערט די אַרבעט אָוועקגיין ווי עס באַדאַרף צו זײַן. אַ סאַך מענטשן האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק פֿונעם מאַנגל אין מאַטעריאַלן. אַ מאַנגל איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז געווען אויך קלאָר: מענטשן האָבן זיך אָפּגעוווינט צו טראַכטן וועגן די אייגענע פֿעלערן. הינטער דער האָווערײַ, שטרײַטן, זאָרגן פֿון דער געגעבענער מינוט איז אָפּגע־רוקט געוואָרן אין אַ זײַט די פּערספּעקטיוו, פֿאַרלוירן געגאַנגען דער איקער. בלעטערנדיק איצט די סטענאָגראַמעס פֿון די פּלענומס, קאָנ־פֿערענצן, פֿאַרזאַמלונגען פֿונעם אַקטיוו, זע איך, ווי אָפט איז מיר דעמלט אויסגעקומען צו ריידן גראָד וועגן דעם.

— צעמענט איז, אָן שום ספק, נייטיק. אָן אים וועסטו ניט פּאַרמישן קיין בעטאָן. אָבער ס׳איז פֿיל וויכטיקער, אַז דער מענטש, וואָס פֿאַרלייגט בעטאָן אין דער הרעבליע, זאָל פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דאַרף מען דעם דאָזיקן בעטאָן אײַנלייגן און אײַנפּרעסן אָף אַ הייך פֿון פֿערציק מעטער, ווען עס ברענט אַ פֿראָסט פֿון צוואַנציק גראַד. די היטלעריסטן האָבן געהאַט אַ סאַך טעכניק און אַלץ, וואָס עס איז נייטיק צו דער שלאַכט. און דאָך האָבן מיר געזיגט, דערפֿאַר, וואָס סײַ מיר, סײַ די סאָלדאַטן, וועלכע מיר האָבן געפֿירט אין שלאַכט, האָבן טיף פֿאַרשטאַנען, לעשעם וואָס מיר שטורעמען דעם סוינעס באַפֿעסטיקונגען, וועלכע האָבן געשפּיגן מיט פֿײַער און טויט. אָט פֿאַרוואָס די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זײַנען מחויב צו שטעלן אין צענטער פֿון זייער טעטיקײַט די אויפֿגאַבן פֿון דערציִען דעם מענטשן. דעמלט, דאַרף מען דאָ זאָגן, וועט זיך אָן ספק גיכער באַוויזן סײַ צעמענט, סײַ אַלדאָס איבעריקע, און אונדזערע אינזשע־נירן וועלן אָוועקגיין אַ סאַך שנעלער.

די מילחמה פֿלעגן מיר אין די רעדעס דערמאָנען ניט זעלטן. און ניט בלויז דערפֿאַר, ווײַל די פֿראָנט־מוסטערן זײַנען דעמלט גע־ווען באַזונדערס נאָענט און פֿאַרשטענדלעך, נאָר אויך דערפֿאַר, ווײַל די גאַנצע אומגעבונג האָט אין יענעם יאָר דערמאָנט אַ שלאַכט־סיטואַציע — די בויונגען זײַנען געווען שלאַכטפֿעלדער. איך גע־דענק גוט מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט די דניעפּערבויער. אינגיכן נאָך דעם, ווי איך בין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, איז לויטן באַ־שלוס פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) געשאַפֿן געוואָרן דער דניעפּראָ־סטראָיעווער ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט פֿאַראייניקט די קאָמוניסטן פֿון דער ריזיקער בויונג. די ערשטע קאָנפֿערענץ זייערע איז דורכגעגאַנגען זאַכלעך, עס זײַנען אַרויסגעטראָטן אַר־

בעטער, אינזשעניערן, שעפן פון די אמטן, עס זײַנען אופגעהויבן געוואָרן שארפע טעכנישע פראָבלעמען, מע האָט גערעדט וועגן די אומאָרדענונגען, עס האָבן ניט געפעלט קיין קעגנזײַטיקע פאָרווורפן. איך בין געזעסן באם פרעזידיום־טיש, אופמערקזאם געהערט, עפּעס וואָס פארשריבן אין בלאָקנאָט. דערנאָך האָב איך געבעטן א וואָרט.

עס קאָן זײַן, אז אייניקע האָבן זיך גערעכט, אז דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם וועט גלײַך פעסטשטעלן, ווער פון די רעדנער איז גערעכט, און ווער איז שולדיק, נאָר איך האָב באוווסטזיניק ניט גענומען זיך מישן אין די שטרײַטן. איך האָב געהאלטן: אף דער ערשטער באגעגעניש וואָלט דאָס געווען פריצײַטיק. איך האָב געזאָגט, אז וועגן דער טעכניק פון הידראָבויונג וועל איך ביכלאל ניט ריידן — אין די דאָזיקע איניאָנים וועלן זיי זיך פאנאנדערקלײַבן אויך אָן מיר. נוצלעכער וועט זײַן, אויב מיר וועלן איצט קאָנצענט־רירן די אופמערקזאמקײַט אף דער אָרגאניזאטאָרישער און פאָלי־טישער ארבעט. איך האָב באשלאָסן אָנצוהייבן פון דרײַ גרונט־פראגן: די דיסציפלין אף דער בויונג, קריטיק און זעלבסטקריטיק, די אנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער פארמעסטונג.

„ווי האלט בא אונדז מיט דער פארמעסטונג? איך וועל זאָגן אָפן: זייער שלעכט. אין דער צײַט פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, באזונדערס אף די אנטשיידנדיקע עטאפן אירע, ווען עס פלעגט געשטעלט ווערן פארן מיליטער א שווערע אופגאבע, איז די אָנ־שוילעכע אגיטאציע אויסגענוצט געוואָרן אויסערגעווײנלעך אקטיוו. כאָטש עס האָבן אויסגעפעלט מאטעריאלן, ווארשטאטן און אלדאָס אנדערע. לעמאָשל, ווען מע האָט זיך געגרייט צו אײַנעמען קיעוו. דאָס מיליטער איז דיסלאָצירט געווען אין די וועלדער, עס איז אָבער ניט געווען קיין אָרט, ווו עס זאָלן זיך ניט ווארפן אין די אויגן פלאקאטן און לאָזונגען. איר האָט געקאָנט זען א בוים מיט א שניט אף דער קאָרע, ווו עס איז געווען אָנגעשריבן „דאיאָש קיעוו!” אף א שטיק דיקט — אן אופשריפט: „שלאכטמאן, מאָרגן וועסטו זײַן אין קיעוו!” מיט אזעלכע קורצע רופן, אָנגעשריבן אף די טאנקען, פורן, אווטאָמאשינעס — ווו נאָר ס'איז געווען מעגלעך — זײַנען מיר גע־גאנגען קיין בערלין, באפרײַט פראָג. און הײַנט בין איך געווען אף דער סטאנציע, אף דער הרעבליע און האָב אזוינס גאָרנישט ניט געזען: ניט קיין לאָזונגען, ניט קיין רוף, קיין איין פאמיליע פון אן אוואנגארדיסט, קיין איין ציפער — פאר וואָס און ווו מיר קעמפן. אָט אזוי האלט עס מיט דער אָנשוילעכקײַט פון דער פארמעסטונג.

א פארטיי־קאָמיטעט, — איז ווײַטער געזאָגט געוואָרן, — דארף קענען אלע שלאָגלערס פון מי. און ניט בלויז קענען. מיט דער הילף פון די אגיטאטאָרן און פראָפּאגאנדיסטן איבערגעבן אלע בויער זייערע דערגרייכונגען און, וואָס עס איז באזונדערס וויכטיק, זייערע

מעטאָדן. אַף וויפל פּראָצענט האָט די אָדער יענע בריגאַדע אויסגעפּילט דעם פּלאַן, דאַרף גלײַך אַף מאָרגן ווערן באַוווּסט דורך דער פּרעסע, דורך ראַדיאָ, מיט דער הילף פֿון פֿלוגבלעטלעך. מיר זײַנען מעכוייעוו אויסצונוצן דעם גאַנצן אַרסענאַל מיטלען, וועלכע די פּאַרטיי האָט אָנגעזאַמלט. און אויב דער פּאַרטיי־קאָמיטעט וועט זיך דערשלאָגן עפֿעקטיוויקײַט פֿון דער פּאַרמעסטונג, מאַכן זי פּאַר אַן עמעס מאַסעווער, וועט „דניעפּראָהעס” געלאָזט ווערן אין גאַנג צום טערמין. אויב אָבער דער פּאַרטקאָם באַקאַנט זיך בלויז מיט דער סוואָדקע פֿונעם פּלאַן־אָפּטייל, — איז דאָס ניט קיין אָנפֿירונג מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרמעסטונג...

א שטים פון זאל: בא אונדז אָבער אורטיילט מען שטענדיק בלויז לויט דער סוואָדקע!

— דאַרף מען, הייסט עס, מאַכן דערצו אַ סאָף. די פּאַרמעסטונג איז דירעקט אָפּהענגיק פֿונעם ניוואָ פֿון דער אינערלעך־פּאַרטייִשער אַרבעט. יעדער פֿון אונדז ווייסט: ווען די פּאַרטיי וויל לייזן עפּעס אַ קאָמפּליצירטע פֿראַגע, פֿאַרשטאַרקט זי די אינערלעך־פּאַרטייִשע אַרבעט. אויב אַף דער בויונג וועט זײַן אַ שטרענגע פּאַרטיי־דיסציפּלין, וועלן מיר אײַנפֿירן אַן אָרדענונג, און די גאַנצע אַרבעט וועט גיין בעסער, ווײַל עס איז ניטאָ אַזאַ באַפֿעל, וואָס זאָל פּאַר אַ קאָמוניסט זײַן שטאַרקער פֿונעם באַפֿעל פֿון דער פּאַרטיי...”

לייענענדיק הײַנט די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען, באַמערקסטו אײַניקע איבערכאַזערונגען, אָבער אינגאַנצן גענומען וואָלט איך די דאָזיקע פּאָזיציע אויך איצט באַוויליקט און אונטערגעהאַלטן. ווײַל די ליניע, די פּאָליטישע ליניע, שטעלט זיך אײַן ערשט דעמלט, ווען טאָג נאָך טאָג, כוידעש נאָך כוידעש קעמפּסטו פֿאַר דעם געשטעלטן ציל, אַנטוויקלסט דײַנע אידייען, זאָגסט זיך ניט אָפּ פֿון דײַנע ווערטער, פֿאַרגעסט ניט דײַנע אייגענע באַשלוסן. אָט איז נאָך אַ סטענאָגראַם. דער שמועס קומט פֿאָר שוין אין אַן אַנדער אַודיטאָריע, אָבער די טעמע איז די זעלבע:

„...איך מוז אויך אָפּמערקן, כאַווײרים, אַז די אָנשווילעכע אַגיטאַציע שפּיגלט בא אײַך לאַכלוטן ניט אָפּ דעם גאַנג און דעם שווונג פֿון דער בויונג. אַלגעמיינע אויפֿרופֿן, זיי האָבן דאָך נאָך קיינעם ניט געהאָלפֿן. „זאַפּאָראָזשסטאַל” — דאָס איז דער פּערל פֿון דאָרעם!” אַ שיינער פּלאַקאַט? יאָ, אַ שיינער. אַ ריכטיקער? אַוודע, אַ ריכטיקער. נאָר וואָס גיט ער, וווּהין צילט ער? אונדז זײַנען נייטיק קאָנקרעטע רופֿן צו מײַסים, עס זײַנען נייטיק פּלאַקאַטן, ווו עס זאָלן זײַן ציפֿערן, דאַטעס, נעמען פֿון אינזשעניערן — נאָוואַטאָרן, סטאַכאַנאָווצעס, אַרבעטער פֿון די פֿירנדיקע פּראָפֿעסיעס. דערבײַ ניט איינע און די זעלבע, אַזוי צו זאָגן, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אַף שטענדיק באַשטעטיקטע, נאָר אַלץ נײַע און נײַע, — יענע, וועלכע

האָבן זיך הײַנט אַרויסגעריסן אין דער פֿאַרמעסטונג פֿאָרויס. מיר דאַרפֿן װײַזן דעם פֿאָלק די דאָזיקע פּרעכטיקע קאָהאָרטע האָרע־פּאַשניקעס פֿון „זאַפּאָראָזשסטראָי"!"

סײַ די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט, סײַ די פּאָליטישע האָבן געפֿירט צו איין ציל. דער געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי האָט געקעמפֿט דערפֿאַר, אַז די מענטשן־מאַסע זאָל װערן אַ קאָלעקטיװ, אינעם קאָלעקטיװ זאָלן אױסװאַקסן אָנפֿירער, קאָנטיקע, הערלעכע מענטשן. און אַזעלכע מענטשן זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, אױסגעװאַקסן אַ סאַך. איך האָב זיי געקענט, ניט בלויז געהערט װעגן זיי. באַזוכנדיק די בױונגען, האָב איך געשמועסט מיט זיי דירעקט דאָרט, װוּ זיי האָבן געאַרבעט. אין אַזאַ סיטואַציע, פּונקט װי אין אַ שלאַכט־טראַנשיי, קאָן מען אַמבעסטן דערקענען אַ מענטשן.

אָט איז איינער אַ מערקווירדיקער גורל. יעדעס מאָל, װען ס'פֿלעגט מיר אױסקומען באַזוכן דעם „דניעפּראָסטראָי", האָב איך נאָך פֿונװײַטן דערהערט די קלינגענדיקע שטימען פֿון די מיידלעך, װעלכע פֿלעגן דערלאַנגען בעטאָן אינעם קערפּער פֿון דער הרעבליע. ביז די ברעמען אײַנגעקוטעט אין טיכלעך, באַשאָטן מיט צעמענט־שטויב, אין היץ, צי אין קעלט, פֿלעגן זיי קיינמאָל ניט פֿאַרלירן די מונטערקייט. פֿרעגסט בא זיי, װי גייען די געשעפֿטן, קומט שטענדיק אַ קלינגענדיקער ענטפֿער: „גוט!" דאָס איז געװען די בריגאַדע פֿון אַניאַ לאָשקאַריאָװאַ, װעלכע איז געװען פֿאַרשריבן אינעם ערן־בוך פֿון דער רעפּובליק. אַף איינער פֿון די פֿאַרזאַמלונגען פֿונעם אַקטיװ, אין װעלכער עס האָבן אָנטיילגענומען שלאָגבריגאַדעס, קאָמיוגישע־ און פֿראָנט־בריגאַדעס, זײַנען צו מיר אינעם איבערײַס צוגעגאַנגען אױסגעפּוצטע מיידלעך, אַז איך האָב אַפֿילע ניט גלײַך דערקענט מײַנע אַלטע באַקאַנטע.

— און איר זײַנט דאָך אויך אַ פֿראָנט־בריגאַדע?

— געװען אַ פֿראָנט־בריגאַדע.

— ניין, אַניאַ. איך בין ניט מאַסקים. עס װעט זיך באַלד אָנהייבן דער אײַזגאַנג. מע דאַרף גוטן בעטאָן, פֿון אײַך איז אָפּהענגיק די קװאַליטעט פֿון דער אַרבעט פֿון אַלע בריגאַדעס. אײַער פֿראָנט איז נאָך פֿאָרויס.

געאַרבעט האָבן די מיידלעך גוט. בײַס דער פֿײַערונג פֿונעם דרײַסיקסטן אָקטיאַבער־יאָרטאָג האָב איך זיי דערזען צװישן די דעמאָנסטראַנטן און אױסגעשריִען אין מיקראָפֿאָן: „אַ גרוס דער בריגאַדע פֿון אַניאַ לאָשקאַריאָװאַ!". זיי האָבן זיך אומגעקוקט, זיך צעשמייכלט...

און אינגיכן איז מיר געװאָרן באַװוּסט, אַז אַניאַ איז שװער קראַנק. עס האָט זיך געלאָזט פֿילן די הונגעריקע קינדהײַט אין די מילכאָמע־יאָרן — בא איר האָט זיך צעשפּילט דער שװינדזוכט.

אוואדע האָבן מיר געטאָן אַלץ, אַז אַניאַ זאָל ווערן געזונט, מיר האָבן איר פאַרגעלייגט אַן אַנדער אַרבעט, נאָר זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט: „איך קאָן ניט אָן דער בויונג און אָן די מיידלעך".

פאַר דער אופשטעלונג פון „דניעפּראָהעס" האָט אַניאַ לאָשקאַריאָווא באַקומען אַ לענין־אָרדען. און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין מאָלדאַוויע, האָבן זיך אונדזערע וועגן ווידער איבערגעקרייצט: זי איז געזונט געוואָרן און האָט צוזאַמען מיטן מאַן געבויט די דובאָסאַרער הידראָעלעקטראָסטאַנציע. איך בין איבערצײַגט: אויסגעהיילט זי האָבן ניט בלויז די רעפּועס און די דאַרעמדיקע סאַנאַטאָריעס. אַניאַ האָט זיך אַליין געראַטעוועט דערמיט, וואָס זי האָט אײַנגעהיט די מונטערקײַט, ניט געוואָרפן די אַרבעט, זיך ניט פאַרשלאָסן אין זיך, געלעבט מיט אַ פולבלוטיק לעבן. ניט לאַנג צוריק האָט מען מיר דערציילט: אַנאַ סטעפּאַנאָוונאַ האָט דערצויגן פיר געזונטע יאַטן און אַרבעט אַלס קאָמענדאַנט פון אַן אַרבעטער־צוזאַמענוווינונג. איך מיין, אַז זי איז אַ גוטע דערציִערן פאַר דער יוגנט.

אויף אַ צווייטן בוי־פּלאַץ האָב איך זיך באַקאַנט מיטן רערן־מאָנטאַזשניק איוואַן רומיאַנצעוו. דאָס איז געווען אַ יונגער, גרוי־אויגיקער שיינער יאַט, אַ שאַרפזיניקער, אַ כאַכעם, אַן עמעסער מײַסטער פון זײַן פאַך. אַן אַרבעטער איז ער געוואָרן, מעגלעך, צו פרי. דער פאָטער איז אומגעקומען אויפן פראָנט, האָט ער באַשלאָסן העלפן דער מוטער. נאָר דאָס, וואָס ער האָט זיך ניט אויסגעלערנט אין שול, האָט ער דערגרייכט אַדאַנק זײַן וויסנגיריקײַט, דערפאַרונג און טאַלאַנט. איוואַן האָט געבויט גרויסע אונטערנעמונגען אין יאַראָסלאַוול, גאָרקי, טשירטשיק, און באַ אונדז האָט ער געאַרבעט אין „זאַפּאָראָזשסטראַי". דאָס האָט ער טאַקע פאָרגעלייגט דעם נײַעם אין יענער צײַט מעטאָד פון מאָנטירן גרויסע בלאָקן.

— מיר מאָנטירן די רערן אויף דער ערד, — האָט ער דערקלערט, — מיר פּראַוועווען אויס, מאַכן די ריכטאָווקע, מאָנטירן אין רינגען. אַזוי אַרבעטן איז לײַכטער, באַקוועמער און, פאַרשטייט זיך, גיכער. מיט אַ הייב־קראַן אָדער אַ לעביאָדקע הייבן מיר אויף אַ פאַרטיקן קנופּ אינדערהייך. עס בלײַבט איבער בלויז צו פאַרייניקן אים אין איין גאַנצעס. אָן קיין שום קונצן!

— און דאָס איז ניט ריזיקאַליש? צי איז דאָס ניט געפערלעך פאַר די מענטשן?

ער האָט זיך צעשמייכלט:

— בייס מע קוקט אויף דעם, זעט עס אויס שרעקלעך, אָבער די העכנט טוען. באַאומרויִקט זיך אָבער ניט, לעאָניד איליטש, מיר האָבן אַלץ פאָרויס אויסגערעכנט, אינזשעניערן האָבן דאָס קאָנטראָלירט.

רער־לייטונגען זײַנען אין דער מעטאַלורגיע פאַראַן אַ סאַך. זיי פאַרבינדן אַלע צעכן, פלעכטן זיך איבער אין אַלע ריכטונגען — דאָס איז געווען אַן אָנגעשטרענגטער אַרבעטס־באַצירק. איך האָב געוויצעט די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי־ביוראָ פון דער מאָנטאַזש־פאַרוואַלטונג, זיי זאָלן בעטן רומיאַנצעוון אַרויסטרעטן אויף אַן אָפֿע־נער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג. אַ באַריכט וועגן דער פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעדרוקט אונדזער צײַטונג „סטראָיטעל״, דערנאָך האָט די „פּראַוו־דאַ״ פאַרעפֿנטלעכט אַ גרויס אַרטיקל „איוואַן רומיאַנצעווס דערפֿאַ־רונג — אויף אַלע בויונגען״, און דער מעטאָד האָט ברייט זיך פאַר־שפּרייט איבערן לאַנד.

שפּעטער האָט איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש געאַרבעט אויף דער בויונג פונעם פּאַלאַץ פון קולטור און וויסנשאַפֿט אין וואַרשע, גע־האָלפֿן מאָנטירן דעם בכילײַער מעטאַלורגישן קאָמבינאַט אין אינ־דיע...

אַזעלכע באַגעגענישן זײַנען געווען אַ סאַך. אַלע וועסטו ניט איבערעכענען, און זאָלן זיך ניט באַליידיקן די כאַווערים, וועלכע איך האָב דאָ ניט געקאָנט אָנרופֿן. איך האָב זיי ניט פאַרגעסן.

4

ביכלאַל, ווען איך באַמערקן, אַז ניט אַרויסלאָזן פון זיכּאָרן מענטשן, באַזונדערס גוטע, איז פאַר אַ פּאַרטיי־טוער סײַ אַ מענטש־לעכער כויוו, סײַ אַ פּראָפֿעסיאָנעלע פליכט. אַ פאַרבינדונג מיט זיי איז שטענדיק נייטיק. זי באַרײַכערט דעם פּאַרטיי־טוער, פאַר־שטאַרקט זײַן פאַרבינדונג מיטן לעבן, העלפֿט אים, ווי מע זאָגט, צו דערוויסן זיך פון די ערשטע קוועלן די געדאַנקען, אינטערעסן, באַדערפֿענישן פון די מענטשן. ענדלעך, איז פּאַשעט אַ פאַרגעניגן צו אַנטדעקן פאַר זיך אַ גוטן מענטשן — אַן אַרבעטער, אַ קאָלווירט־ניק, אַ בויער, אַן אַגראָנאָם, אַ קינסטלער, אַ זשורנאַליסט, אַ גע־לערנטן. איך האָב קיינמאָל ניט געקאַרגט דערויף קיין צײַט, און, צום גליק, העלפֿט אין דעם מיט דער עצעם כאַראַקטער פון דער פּאַרטייִשער און פּאָליטישער אַרבעט.

אויף איינער פון די זיצונגען פון דער ביוראָ אין זאַפּאָראָזשיע האָבן מיר צעטיילט די פליכטן צווישן די סעקרעטאַרן פונעם געגנט־קאָם. איך וועל אָנרופֿן יענע פליכטן, וועלכע זײַנען אַרויסגעפֿאַלן אויף מײַן כיילעק: די אַלגעמיינע אָנפֿירונג מיט דער געגנט, צוגרייטן די פֿראַגן אויף דער ביוראָ, לאַנדווירטשאַפֿט, פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַ־ציע, אָנפֿירן מיט דער אַרבעט פון געגנטפּלאַן, פון געגנטקאָם פו־נעם קאָמיוג, פון די פאַרוואַלטונגען פון מיניסטעריום פון מעלוכע־

זיכערהײַט, מיניסטעריִום פון אינערן־איניאָנים, די פּראָקוראטור, די קאדרען־פראגן. און אין אָט דער גאנצער ארבעט איז דער איקער — די מענטשן, דער איקער — פארשטיין זיי און זײַן פארשטענדלעך פאר זיי.

אין דער ארבעט פון אן ערשטן סעקרעטאר זײַנען ניטאָ קיין צווייטראנגיקע איניאָנים. לאָמיר זאָגן, דער אופנעם פון דער באַפעלקערונג — צי קאָן מען דאָס האלטן פאר א ניט וויכטיקן איניען? ניט לאנג צוריק איז אין דער צענטראלער טעלעוויזיע ארויסגעטראָטן אן אלטער עקסקאוואטאָרשטשיק פון „זאפּאָראָזשסטאל" און האָט דערציילט וועגן אזא עפּיזאָד: זײַן פרוי האָט פארלאָרן אלע פּראָדוקטן־קארטלעך. פיר מענטשן זײַנען קימאט אף א כוידעש צײַט פארבליבן אָן ברויט. און אָט, דערציילט דער ארבעטער, איז ער אוועק אף אן אופנעם צום ערשטן סעקרעטאר פון געגנטקאָם, און יענער האָט פאראָרדנט צו העלפן. איך אליין האָב שוין לאנג פארגעסן אָט דעם פאל, און דער מענטש געדענקט. פאר אים איז דאָס דעמלט געווען לעבנסוויכטיק.

די געשיכטע מיט די ברויט־קארטלעך איז א סימבאָלישער עפּיזאָד. הינטער אים שטייען די קאָלאָסאלע שוועריקײַטן, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט. נאָכן מילכאָמע־כורבן האָט געקאָסט אומגעהייערע מי אראָפּצונעמען די טוווע פון די פעלדער, אָפּהיטן די דאָזיקע טוווע, שיר ניט אפּסנײַ אנטוויקלען די פיצוכט אף די רויִנירטע, פארברענטע פערמעס. עס האָט געקאָסט ריזיקע אָנשטרענגונגען אײַנצורעגולירן די דערנערונג אין די ארבעטער־גאָרקיכן, באזאָרגן מיט פּראָדוקטן די קינדער־אנשטאלטן און די שפּיטאָלן, וועלכע מע האָט דערצו נאָך געמוזט בויען אפּסנײַ. גוואלדיק שווער איז געווען צו באזאָרגן צענדליקער טויזנטער מענטשן מיט וווינונגען. „מיר קאָנען ניט לאָזן אין גאנג א זאוואָד, ניט האָבנדיק קיין דירעס", — האָט קוזמין איבערגעכאזערט שיר ניט אף יעדער פארזאמלונג, און ער איז געווען, פארשטייט זיך, גערעכט. פארלויפנדיק פאָרויס, וועל איך זאָגן, אז גראָד „זאפּאָראָזשסטראָי" האָט אינעם פעריִאָד פון אופשטעלן די שטאָט אײַנגעגלידערט דעם שנעלן שטראָם־מעטאָד, פארקירצנדיק אין דרײַ מאָל די געוויינלעכע טערמינען פון בויען הײַזער. און דעמלט זײַנען דאָך די געבײַדעס ניט געווען קיין טיפּיזירטע, ווי איצט, אופשטעלן איז אויסגעקומען די הײַזער־סקעלעטן — פארשיידענע און פארשיידנארטיק רויִנירטע. אין 1947 זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן פינף און פופציק טויזנט קוואדראט־מעטער וווינונגען — פאר יענע צײַטן א גוואלדיקע דערגרייכונג...

ביז איצט איז געגאנגען א רייד דעריקער וועגן „דניעפּראָהעס" און „זאפּאָראָזשסטאל", אָבער דאָס באטײַט קלאל ניט, אז אין שטאָט

און אין דער געגנט זײַנען ניט געווען קיין אנדערע אָביעקטן, וועל־
כע האָבן געפאָדערט קעסיידערדיקע אופמערקזאַמקייט. עס איז אופ־
געשטעלט געוואָרן, לאָמיר זאָגן, דער קאָמביין־זאַוואָד „קאָמונאר".
צופרשט האָט ער אין די נאָך האלב כאָרעווע צעכן ארויסגעלאָזט
שנײַד־ און קאָפּנע־מאַשינעס, געהאָלפן די קאָלווירטן צו רעמאָנ־
טירן די גאַנץ געבליבענע קאָמבײַנען, געמאַכט פאַר זיי כעדערס,
און דאָס איז געווען פאַר אונדז זייער וויכטיק. אין האַרבסט 1946
האָט די ביוראָ פון געגנטקאָם געפאָדערט צו פאַרגיכערן דעם ארויס־
לאָז פון אַ נײַער מאַשין, דערצו אַ מער פולקומע. אין פרילינג 1947
איז אויף דער ביוראָ געגאַנגען אַ רייד וועגן אַ סעריע־פּראָדוקציע
פון די קאָמבײַנען „C-6", און אויפן אַקטיאַבער־פּלענום פון געגנט־
קאָם איז שוין אָפּגעמערקט געוואָרן, אַז זייער ארויסלאָז איז אינעם
דריטן קוואַרטאַל אויסגעוואַקסן לעגאַבע דעם צווייטן אין 3,3 מאָל.

אז מע גיט אַ קוק אויף צוריק, אַז מע דערמאָנט זיך, וואָס עס איז
אָפּגעטאָן געוואָרן, שעפּן מיר געוויינלעך פון דער דאָזיקער דער־
פאַרונג דאָס, וואָס עס טויג הײַנט און וועט נוצלעך זײַן אין דער
צוקונפט. אין דער שווערער, אָנגעשטרענגטער צײַט האָב איך פון
דער אייגענער פּראַקטיק זיך איבערצײַגט אין דער ריכטיקייט פו־
נעם מעטאָד, וועלכער איז בײַ אונדז געוואָרן אַ טראַדיציאָנעלער:
די ביוראָ פונעם געגנטקאָם פלעגט שטענדיק, אײַנגעשפּאַרט, קאַ־
טעגאָריש זיך אומקערן צו די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. אויב די
אופגאַבע איז שוין געשטעלט געוואָרן, דאַרף מען איר לייזונג דער־
פירן ביזן סאָף! מיט דער צײַט בין איך פעסטער געוואָרן אין דער
דאָזיקער פּאָזיציע: דאָס העכערן די אָרגאַניזירטקייט, דיסציפּלין
און פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז ניט אָפּצוטיילן פונעם קאָנטראָל, ווי־
אַזוי עס ווערן אויסגעפילט די באַשלוסן. ווען אונדזערע ווירט־
שאַפטלעכע אָנפירער וואָלטן פולשטענדיק אויסגעפילט אַלע באַ־
שלוסן, וועלכע זיי אליין האָבן אָנגענומען, וואָלט וועגן אַ סאַך כעס־
רוינעס שוין לאַנג קיין רייד ניט געווען.

אין אַ געוויסער צײַט איז אין זאַפּאָראָזשיע זייער שאַרף גע־
שטאַנען די פּראָבלעם פון אָרטיקע בוי־מאַטעריאַלן — פון זיי זײַנען
אָפּהענגיק געווען סײַ „דניעפּראָסטראָי", סײַ „זאַפּאָראָזשסטראָי",
סײַ דער זעלבער „קאָמונאר", סײַ די וווינונגס־בויונג אין דער גאַנ־
צער געגנט. ווי עס פירט זיך, האָב איך געהערט, אַז מע פּאַרופט
זיך אויף אָביעקטיווע שוועריקייטן, עס זײַנען געווען קאָלעריי ביור־
אָקראַטישע ענטפערס און טערוצים, עס האָט זיך געדאַכט, אַז מע
קאָן שוין גאָרנישט ניט טאָן, אָבער אין מאַרט 1947 האָבן מיר באַ־
האַנדלט אויף דער ביוראָ די זעלבע פּראַגע, אין מײַ האָבן מיר זיך
צו איר אומגעקערט, ניט פאַרגעסן וועגן דעם טאָגטעגלעכן קאָנ־
טראָל, און זינט דער צווייטער העלפט פונעם יאָר איז פון אונדזערע

פראַקטאַקאַלן פאַרשווונדן דאָס וואָרט „ציגל". די פּראָבלעם איז גע־לייזט געוואָרן.

עס איז אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך אויך מיט אַזעלכע פראַגן, וועלכע זײַנען ניט פאַרבונדן מיט דער ווירטשאַפט, מיט די שטייגער־פּראָבלעמען, אָבער וועלכע זײַנען אויך געווען וויכטיק, ווײַל זיי האָבן אָנגערירט מענטשלעכע גורלען. די זיכערהייט־אָרגאַנען האָבן געפירט אַן אַרבעט צו אָפּזוכן און דעמאַסקירן די פאַררעטער, וועלכע האָבן געהאָלפן די פאַשיסטן, די פּאָליצײַען, די הענקער און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַלע לעכער. זיי האָבן ניט געדאַרפט אויסמײַדן די שטראָף. די דאָזיקע אַרבעט האָט מען אָבער געדאַרפט טאָן מיט דער העכסטער אויפמערקזאַמקייט און פאַרזיכטיקייט, קעדיי ניט באַליידיקן מיט כשאַד אָרנטלעכע מענטשן. דער פּאַרטייִישער אָנטייל אין אַזאַ איניען איז געווען אָבליגאַטאָריש. מיר איז אויסגעקומען ספּעציעל צו באַטאָנען, אַז מע טאָר ניט כווישעד זײַן אין פאַראַט יעדן איינעם, וואָס איז ניט לויט זײַן ווילן פאַרבליבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע.

פון דער צווייטער זײַט, איז קעדײַ אָפּצומערקן, אַז די נאָכמיל־כאָמע־צײַט האָט געפאָדערט אַ באַזונדערע וואַכזאַמקייט. קיין וואָך איז ניט אַריבער אָן די פאַרשיידענע ЧП (אויסעראָרדנטלעכע געשעענישן), עס פלעגן זיך נאָך אַפילו באַווײַזן באַוואָפנטע באַנדעס. עס איז אויסגעקומען צו הערן אַ שיסערײַ אין די נאַכט־שאָען. איך בין אַ סאַך אַרומגעפאָרן איבער די וועגן, אָפט באַנאַכט, איינער אַליין, זעצנדיק זיך אַליין צום רודער פונעם אויטאָמאָביל. און עס וואָלט געווען אַ פאַרדראָס: דורכגייענדיק די גאַנצע מילכאָמע, אָנטרעפן אויף אַ נאַרישער קויל. דעם עמעס געזאָגט אָבער, איז קיין צײַט ניט געווען צו טראַכטן וועגן פּערזענלעכער זיכערהײַט, עס האָט באַאומרויִקט עפּעס אַנדערס — מע האָט געדאַרפט זיכערן די געפּאַרלאַזיקייט, דאָס רויִקע לעבן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אין פעוראַל 1947 איז דער ביוראָ פון געגנטקאָם אויסגעקומען אָנצונעמען אַ ספּעציעלע באַשטימונג וועגן די מיטלען צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן פאַרברעכערישקייט. עס געדענקט זיך, ס'איז געווען געזאָגט, אַז מיר זײַנען מעכויעוו צו וואַרפן אויף אָט דעם פראָנט די קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, פאַרשטאַרקן די אָרגאַנען פון אָפּהיטן די אָרדענונג, אָפּרייניקן זיי פון ניט שטאַנדהאַפּטיקע מענטשן: „אויב ער איז באַגאַנגען אַן אַמאָראַלישן אַקט — פאַרבײַט דעם דאָזיקן מענטשן! זאָל בעסער בלײַבן אַ ליידיק אָרט. דעמלט וועלן, לעכאָלהאַפּאָכעס, אַלע זען, אַז דאָס אָרט איז ליידיק, אַז מע דאַרף שיקן אַהין אַ שטאַרקן טוער. אָדער נעמט זיך ערנסט, מיטן גאַנצן קאָלעקטיוו פאַר זײַן איבערדערציִונג".

זייער וויכטיק איז געווען די ארבעט פון דער מיליציע. פארשיי־דענע מענטשן פלעגן קומען קיין זאפּאָראָזשיע, און אין שטאָט איז פינצטער, אָן לאמטערנס, אָן טראנספּאָרט, און איך געדענק א מאָ־מענט, ווען רויבערײַען און כוליגאנישע פאלן האָבן ערנסט גע־שטערט אוועקצושטעלן די ארבעט אין דער דריטער וואכטע. מע האָט געמוזט העכערן דעם אויטאָריטעט פון דער מיליציע, פאר־פעסטיקן זי, און זי איז דאָך געווען (עס געדענקט זיך אויך אזא דעטאל) מאמעש קרוע־בלוע. אף איינער פון די זיצונגען האָב איך געזאָגט: „מיר דארפן די מיליציאָנערן קוידעמקאָל אָנטאָן, מע זאָל פונווײַטן זען — עס גייט דער היטער פון געזעצלעכקײַט און אָר־דענונג".

מע קאָן אָנרופן א סאך אנדערע זאכן, קלוימערשט ניט קיין גרויסע אין פארגלײַך מיט די פּראָבלעמען פון די גיגאנטישע בויונ־גען. נאָר דאָס אלץ איז — לעבן און אף אלץ האָט מען געדארפט געפינען צײַט און ריכטיקע באשלוסן. פארשטייט זיך, מיר וואָלט זיך קיינמאָל ניט אײַנגעגעבן, ווי מע זאָגט, ארויסצושלעפּן דעם דאָזיקן וואָגן, ווען די אָנלאָדונג וואָלט ניט צעטיילט געוואָרן צווישן די אנדערע סעקרעטארן פונעם געגנטקאָם, ווען אין אָט דער ארבעט וואָלטן זיך ניט אָנגעשלאָסן אלע אָפּטיילן און דער אפּאראט פונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער פארטיי, ווען, ענדלעך, דער גרעס־טער טייל פון אָט די פראגן וואָלט פראקטיש ניט געלייזט געוואָרן אין די סאָוועטישע און ווירטשאפטלעכע אָרגאנען. און דאָ וויל איך באטאָנען איין וויכטיקן שטריך פון א פארטייִישן אָנפירער: ער דארף קענען ניט פארבײַטן אנדערע טוער, נאָר געפינען מיטכאַ־ווייִרים, טרויען זיי, טיילן מיט זיי די זאָרגן און די ארבעט, אָנעמען פאראנטוואָרטלעכע באשלוסן קאָלעקטיוו.

אין זאפּאָראָזשיע האָט זיך דער אוילעם אונטערגעקליבן אין גרונט א שטארקער, א באהאוונטער, א זאכלעכער. איך וויל זאָגן, אז דער צווייטער סעקרעטאר פון געגנטקאָם איז געווען אנדריי פּאוולאָוויטש קירילענקאָ. סעקרעטארן פון געגנטלעכן קאָמיטעט זײַנען געווען ג. וו. יעגיוטין, פּ. ס. רעזניק, אלס צווייטער סעקרע־טאר פון שטאָטקאָם פון דער פארטיי האָט געארבעט נ. פּ. מאָזסיי־ענקאָ. אזויארום האָב איך געהאט אף וועמען אָנצושפּארן זיך...

אָנגעהויבן פון פרילינג 1947, פלעג איך שיר ניט איבער א טאָג קומען אפן „זאפּאָראָזשסטראָי", און זומער האָב איך אפילע ארי־בערגעטראָגן אהין מײַן ארבעטס־קאבינעט. צווישן דער טערמאָ־עלעקטראָצענטראל, וואָס האָט זיך געבויט, און דער דאָמבע נומ. 3 איז געווען א סובסטאנציע, וואָס א העלפט פון איר איז גאנץ גע־בליבן נאָכן אופרײַס. דאָ האָט מען פאר מיר געפונען א צימער, אוועקגעשטעלט דאָרט א שרײַבטיש, א טעלעפאָן, א פּאָר שטולן און

א בעט, אפן פאל, אויב איך וועל בלײַבן אף דער באנאכטיקער וואכטע. אזעלכע פאלן זײַנען געוואָרן אלץ מער.

עס איז אויסגעקומען צו פארנעמען זיך פראקטיש מיט אלע פראגן פון דער בויונג. די צײַט איז געווען א שווערע, און יעדער טאָג האָט געשטעלט פאר אונדז א נײַע פראָבלעם. מיר האָבן אָנגענומען, געדענק איך, א באשלוס אריבערצוגיין אף ארבעט אין צוויי וואכטעס. דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקײַט צו פארגיכערן די בויונג, אויספילן דעם פלאן. פארשטייט זיך אָבער, אז אָן באלײַכטונג קאָן מען אין אָוונט ניט ארבעטן. קריגן אָבער אין דער געגנט עלעקטרישע לעמפעלעך איז פראקטיש געווען אוממעגלעך. האָב איך באשלאָסן צו ווענדן זיך מיט א בריוו אין צק אלקפ(ב) צום כאווער זשדאנאָוו. איך האָב דערקלערט די לאגע און געבעטן העלפן צושיקן דרײַ טויזנט לעמפעלעך. עס זײַנען אוועק ניט מער ווי דרײַ טעג, און מיר האָבן באקומען ניט בלויז א פאָזיטיוון ענטפער, נאָר אויך לעמפעלעך. עס איז געוואָרן מעגלעך צו אָרגאניזירן א צווייטע וואכטע, פארלײַכטערן די מי פון א סאך מענטשן. דאָס רעדט וועגן דעם, מיט וואָס פאר א גרויסער אופמערקזאמקײַט האָט זיך באצויגן דער צק צו יעדער, אפילע קליינער, באקאָשע, וועלכע האָט געהאט א שײַכעס צום אופשטעלן דעם אינדוסטריעלן גיגאנט.

פון דער בויונג פלעגט אָבער צומאָל אויסקומען זיך אָפּוועדן. בײַ דעם פארזיי, געדענק איך, האָב איך זיך אומגעקערט פון בערדיאנסק, געאײַלט, גענעכטיקט אין פעלד אין א פאראיאָריקער קאָפּנע און ארום זיבן אזייגער אינדערפרי פארפאָרן אין פּאָלאָגער ראיאָן. שמועסנדיק מיטן סעקרעטאר פון ראיקאָם שערסטיוקן, האָב איך געפרעגט, ווי גייט דער פארזיי, ווי האלט עס מיט דער טעכניק, און ער, זע איך, קנייטשט זיך עפּעס.

— וואָס איז, אלעקסאנדער סאוויטש? רייד אָפן, וואָס איז בא דיר געשען?

— בא מיר איז אלץ אין אָרדענונג... די ראדיאָ האָט איר אינדערפרי געהערט?

— ניין, וואָס איז?

— אין „פראוודא", פארשטייט איר, האָט מען אינעם לייטארטיקל אונדז שטארק קריטיקירט פאר דעם נידעריקן טעמפּ פון אופשטעלן „זאפּאָראָזשסטאל". די פּאָרמולירונגען זײַנען זייער שארפע.

מיר האָבן א ווײַלע געשוויגן.

— אזוי...— זאָג איך.— הייסט עס, סטאלין וועט קלינגען. מע דארף פאָרן.

באנאכט האָט מיר טאקע געקלונגען י. וו. סטאלין, און דער שמועס איז געווען אן ערנסטער. דאָס, וואָס מיר האָבן באוויזן צו דערשלאָגן זיך און וואָס מע האָט נאָך ערשט ניט לאנג געהאלטן

פאר א דערפאָלג, איז מיטאמאָל געוואָרן שיר ניט א דורכפאַל. עס האָבן זיך געענדערט די אומשטענדן — ניט בא אונדז אין דער געגנט, נאָר אין לאנד און אין דער וועלט. די טערמינען פון לאָזן אין גאנג דעם גאנצן קאָמפּלעקס, וועלכער האָט געדארפט פּראָדוצירן דעם שטאָל־בויגן, האָט מען אונדז אריבערגעטראָגן אפן נאָענטסטן הארבסט, די טעמפּן פון דער בויונג האָט מען באפוילן צו פאַרסירן. איך האָב שוין געזאָגט, אז דאָס איז געווען פארבונדן מיטן „קאלטן קריג״.

דעם 16 מארט 1947 איז ארויס די באשטימונג פונעם מיניסטאָרן־ראט פון פּסםר וועגן די נײַע טערמינען, גלײַך נאָך איר נאָך איינע — וועגן פארגיכערן דעם מאָנטאזש פון דער אויסשטאטונג, און דעם 8 אפּרעל האָט דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פּארטיי (באָלשעוויקעס) אָנגענומען א באשטימונג וועגן דער ארבעט פונעם פארטקאָם פון דער בויונג, דאָס הייסט וועגן איר פארטייִש־פּאָליטישער באזאָרגונג. דרײַ מאָל אין מעשעך פון איין כוידעש האָבן די העכסטע פארטייִשע און מעלוכישע אָרגאנען פון לאנד זיך אומגעקערט צו אונדזערע איניאָנים.

די באשטימונג פון צק האָט שארף קריטיקירט דעם פארטיי־קאָמיטעט פון „זאפּאָראָזשסטראָי״ דערפאר, וואָס אין די קאָמפּליצירטע באדינגונגען איז ער ניט געשטאנען אף דער הייך פון דער לאגע. און כאָטש איך בין אפּאנעמעסן צוגעטראָטן צו דער ארבעט ערשט צום סאָף יאָר, כאָטש איך האָב געקאָנט זאָגן, אז מײַן שולד איז דאָ ניטאָ, האָב איך די גאנצע לאסט פון דער פאראנטוואָרטלעכקײַט געדארפט נעמען אף מײַנע אקסלען. דאָס איז נאָך איין שטריך אין דער ארבעט פון אן ערשטן סעקרעטאר פון געגנטקאָם: אלס אן אָנפירער, אלס א קאָמוניסט, קאָן ער זיך ניט אָפּריידן דערמיט, אז ער, זעט איר, איז בא עפּעס א געשעעניש ניט בײַגעווען, עפּעס־וואָס ניט געוווּסט, און אז פאר עפּעס־וואָס זײַנען פאראנטוואָרטלעך אנדערע כאווײרים. זינט יענער שאָ, ווען ער האָט אָנגענומען די אָנפירונג מיט דער געגנטלעכער פארטיי־אָרגאניזאציע, איז דער ערשטער סעקרעטאר פאראנטוואָרטלעך פאר אלץ.

אפן דריטן טאָג נאָכן פארעפנטלעכן די באשטימונג פון צענטראל־קאָמיטעט איז דורכגעפירט געוואָרן א פארטיי־פארזאמלונג פון „זאפּאָראָזשסטראָי״. דער שמועס איז געווען אן אָפענער, ניט קיין אָנגענעמער, א שארפער. אין מײַן ארויסטרעטונג האָב איך נאָך א קריטישן אנאליז פון דער לאגע אף דער בויונג גענוי גערעדט אויך וועגן די כעסרוינעס אין דער ארבעט פונעם שטאָטקאָם און געגנטקאָם פון קפּ(ב)או.

דעם 28 אפּרעל האָבן מיר די פראַגע וועגן דער באַשטימונג פֿונעם צעך אלקפּ(ב) ארויסגעטראָגן אויף דער זיצונג פֿונעם פּלענום פֿון זאפּאַראָזשיער שטאָטקאָם פֿון דער פּאַרטיי. די בויער און די עקספּלואַטאַציע־טוער זײַנען געקומען צום פּלענום שוין מיט אָנ־מערקונגען וועגן די נײַע פּלענער, מיט אַ גראַפֿיק, און דער שמועס איז געווען אַ קאָנקרעטער. קוזמין, לעמאַשל, האָט געבראַכט אזא כעזשבן: אויב גיין אויפֿן ניוואָ פֿון דעם, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין מאַרט, וועט אויף לאָזן אין גאַנג דעם דאָמנע־אויוון זיך פֿאָדערן פֿיר כאָדאָשים, אויף לאָזן אין גאַנג דעם סליאַבינג — נאָך פֿיר, און פֿאַרן צעך פֿון קאַלטער וואַלצונג — מער פֿון אַכט כאָ־דאָשים.

— מע טאָר זיך ניט באַרויִקן, וואָס דער מאַרט־פּלאַן איז אויס־געפֿילט, — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר פֿונעם זאַוואָד. — אַפֿילע אין פֿאַרגלײַך מיט אַפּרעל דאַרפֿן די טעמפּן, יעדנפֿאַלס, אין צוויי מאָל פֿאַרגרעסערט ווערן.

מע האָט געמוזט היפּש העכערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט.

— אויף דער בויונג, — האָט זיך דעמלט גערעדט אויפֿן פּלענום פֿון שטאָטקאָם, — מיִען זיך הײַנט דרײַסיק טויזנט אַרבעטער. און פֿונ־דעסטוועגן פֿילן די באַצירקן אַ מאַנגל אין מענטשן. ווען אונדז וואָלט זיך אײַנגעגעבן צו העכערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט אויף צוואַנציק פּראָצענט, וואָלט עס זײַן געגליכן צו די זעקס טויזנט מענטשן, וועלכע פֿעלן אויס אויף דער בויונג!

עס איז געקומען די צײַט, ווען דער כעזשבן איז בײַ אונדז אוועק ניט אויף יאָרן, נאָר אויף כאָדאָשים און אַפֿילע אויף טעג. פֿאַר אַלעמען איז געוואָרן קלאָר: מיר זײַנען מעכוייעוו אַרויסגיין אין אונדזערע פּלענער ניט פֿון דעם, וואָס מע „קאָן”, נאָר פֿון דעם, וואָס מע „דאַרף”. ווען עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז יעדן מעסלעס וועט אויסקומען אויסצופֿילן די בוי־ און מאָנטאַזש־אַרבעטן אויף אַ מיליאָן רובל, האָט דער זאַל געגנומען רוישן. אַ סאַך האָבן נאָך געצווייפֿלט אין זייערע קויכעס. (אַגעוו, איז דער דאָזיקער רעזולטאַט שוין דערגרייכט געוואָרן צום סאָף מײַ, און אין האַרבסט, ווען עס זײַנען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די וואַלץ־צעכן, איז דער באַטרעף פֿון דער אַרבעט, וואָס איז אויסגעפֿילט געוואָרן פֿאַר אַ מעסלעס, דער־גאַנגען ביז צוויי מיליאָן).

איך בין אַרויסגעטראָטן צום סאָף פֿון דער זיצונג. איך האָב גע־רעדט דעריקער וועגן דעם, אַז אויף דער בויונג מוז מען שאַפֿן אַ סיטואַציע פֿון שלאַכט־מאָבילקייט, פֿון אַלגעמיינער אונטערגעצויגנ־קייט, שפּאָרעוודיקייט און זעלבסטדיסציפּלין. גראָד דאָס איז איצט געוואָרן דער איקער, דער טאָך, פֿון דעם איז אָפּהענגיק אַלץ. בײַ מיר האָט צו דער דאָזיקער צײַט זיך אָנגעזאַמלט היפּש באַאָבאַכ־

טונגען, קעדיי אָנשוילעך באַווײַזן אונדזערע בלויזן און מעגלעכ־קייטן.

איך האָב דערמאָנט דעם פאַל, ווען אינעם גרויסן צעך האָט מען אָנגעגלאָזט אַלע פענצטער און דעם „פענצטערדיקן" טייל פונעם דאַך, אָבער אינגיכן האָט מען בישכיינעס דורכגעפירט אַן אופרײַס. פון די שויבן איז קיין זייכער ניט געבליבן. הייסט עס, אַז די אַר־בעטער אַגיטירן מיר ווען עקאָנאָמיע, און אַליין ברעכן מיר די שויבן. אַזוי אַרבעטן טויג ניט! פאַר אומווירטשאַפטלעכקײַט דאַרף דער פּאַרטקאָם פון „זאַפּאַראָזשסטראַי" אופמאָנען בא די אָנפירער־קאָמוניסטן, ניט שוינענדיק קיינעם. דאָס איז באַטאָנט געוואָרן אַפן אַנטשיידנדיקסטן אויפן. אָבער דאָ האָב איך געהאַלטן פאַר נייטיק צוצוגעבן:

— ווען מיר טוען גאָרנישט, ווען מיר זײַנען מויכל פאַר אומ־פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, איז דאָס זייער געפערלעך. איך וויל אָבער ניט רופן דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט צו אויסשליסן ווענען־ניט־איז פון דער פּאַרטיי אָדער, ווי מע זאָגט עס, אָנשיטן א זאַק מיט אויסריידן. דאָס איז אויך ניט קיין מעטאָד.

עס איז וויכטיק געווען צו וואָרענען די כאַווײרים, זיי זאָלן זיך ניט וואַרפן אין א צווייטער עקסטרעמקײַט...

5

באַלד פון די ערשטע טעג האָבן מיר געקעמפט פאַר א זאָרגזא־מער באַציִונג צו די קאַדרען, געהאַלטן טײַער די אַטמאָספער פון פּאַרטייִשער גוטווילקײַט, וואָס האָט זיך שוין אײַנגעשטעלט אין אונדזער אָרגאַניזאַציע. איך בין ביכלאַל קיינמאָל ניט געווען קיין אָנהענגער פון גראָבן, ליאַרעמדיקן, אָדער, ווי מע רופט אים נאָך, „עמאָציאָנעלן" מעטאָד פון אָנפירונג. אויב דער מענטש איז אָנגע־שראָקן, וועט ער אַף זיך קיין פאַראַנטוואָרטלעכקײַט ניט נעמען. און אונדז איז נייטיק געווען ניט צו פענטען, נאָר, פאַרקערט, אונטער־האַלטן די סאַמע ברייטע איניציאַטיוו. אין יענע אָנגעשטרענגטע באַדינגונגען וואָלטן מיר אָן נאָוואַטאָרישקײַט, אָן אַקטיווע זוכענישן צו גאָרנישט זיך דערשלאָגן. אייגנטלעך, איז אין רויִקע באַדינגונ־גען ביכלאַל ניטאָ וואָס צו טומלען.

איך וועל ברענגען אַזא בײַשפּיל. אַפן מאָנטאַזש האָט בא אונדז געאַרבעט דער טורעם־קראַן 151־БК, א מעכטיקער פאַר יענע צײַטן. צוליב פאַרגיכערן די אַרבעט האָט מען אים איבערגעלאָדן, און דער קראַן איז אומגעפאַלן, קאַליע געוואָרן. ווען מע האָט מיט־געטיילט וועגן דער אַוואַריע, בין איך באַלד געקומען אַפן פּלאַץ, און דאָרט — א געשריי, א טומל, דער קראַן־מאַשיניסט שטייט א

בלאָסער, מע האָט שוין באַוויזן צו קומען פֿון „קאַטלאַנאַדזאָר״ און אַפֿילע פֿון די אויספֿאָרשונגס־אָרגאַנען. רויִק איז געבליבן, דוכט זיך, בלויז קוזמין.

— קיין קאָרבאָנעס זײַנען ניטאָ? — פֿרעג איך בא אים.

— ניטאָ, — ענטפֿערט ער. — אומגעפֿאַלן מער ווי געלונגען. ווען מע וואָלט מאַכן אַ ספּעציִעלע אויסרעכענונג, וואָלט מען אויך דעמלט אין אונדזער ענגשאַפֿט אים בעסער ניט אָוועקגעלייגט.

מע האָט אָנגעהויבן זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן: בעעמעס, דער קראַן איז אומגעפֿאַלן אַף אַ פֿרײַען באַצירק, האָט קיינעם ניט דערהאַר־געט, גאָרנישט ניט צעבראָכן. אָבער איך הער שוין אַ היסטעריקע: „שעדיקערײַ! מישפּעטן דעם מאַשיניסט! דעם פּראָראַב מישפּעטן!״ איך וויל, מע זאָל מיך ריכטיק פֿאַרשטיין: איך בין דערפֿאַר, מע זאָל שטרענג און, דעריקער, אומבאַדינגט באַשטראָפֿן די עמעסע אויס־וווּרפֿן און פֿאַרברעכער, ווען עמעצנס שולד עס איז פֿולשטענדיק דער־וויזן. אָבער דאָ האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז קיין שום בייזוויליק־קײַט איז ניט געווען. ס'איז געווען נאָר אומפֿאָרזיכטיקײַט, האָב איך געפֿאָדערט, מע זאָל ענדערן דעם טאָן. צוליב וואָס שאַפֿן אַן אַט־מאָספֿער פֿון נערוועזקײַט און שרעק? אַדעראַבע, אַפּעלירנדיק צום געפֿיל פֿון פֿאַרדראָס, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך אָט דעם אומגליק, דאַרף מען סטימולירן די מענטשן, זיי זאָלן זוכן אַ שנעלן, אַ מער סייכלדיקן אויסוועג פֿון דער לאַגע.

און אַן אויסוועג איז געפֿונען געוואָרן, די בויער האָבן אויסגע־נוצט די סיסטעם פֿון וואַנטאָווע דעריקעס, דער מאָנטאַזש איז גע־פֿירט געוואָרן ווײַטער און איז אַפֿילע ניט אַרויס פֿונעם גראַפֿיק. וואָס וואָלט געגעבן דער בויונג, דער זאַך, וועלכער מיר דינען, ווען מע באַשטראָפֿט שטרענג די מענטשן? נו, לאָמיר זאָגן, דער דאָזי־קער בײַשפּיל וואָלט אָנגעשראָקן די אַנדערע קראַן־מאַשיניסטן, די אַנדערע פּראָראַבן. אָבער ווען אונדזערע שלאָגלער און אינזשע־ניערן־נאָוואַטאָרן זאָלן אָנהייבן אַרבעטן „פֿונדאַנען ביז דאָרטן״, האַלטנדיק זיך בא אַלע פּאַראַגראַפֿן פֿון דער אינסטרוקציע, וואָלט אַפֿילע ניט געווען וואָס צו טראַכטן וועגן אויספֿילן די האַרבסטע טערמינען פֿון דער בויונג.

קיין וויסנשאַפֿט וועגן אופֿשטעלן כורוועס האָט ניט עקזיסטירט, קיין לערנביכער, וועלכע זאָלן לערנען, ווי אופֿצוהייבן פֿון אַש די פֿאַרברענטע, צעבראָכענע, אופֿגעריסענע אײַנריכטונגען, זײַנען ניט געווען. אַלץ צום ערשטן מאָל, אַלץ אַפּסנײַ. די אופֿגאַבע אַליין איז געווען אַ דרייסטע, און ס'איז וויכטיק געווען ניט אָוועקהאַרגענען דעם גײַסט פֿון נאָוואַטאָרישקײַט, מע האָט געדאַרפֿט סטימולירן די דרייסטקײַט בא אַלעמען — בא די אַרבעטער, אינזשעניערן, פּאַרטיי־טוער. אין יענעם הייסן, אין דירעקטן און אַלעגאָרישן זין, זומער

האָבן די מענטשן אַף אַלע באַצירקן פֿון דער שלאָג־בוירונג געבראַכן די געווײַנלעכע נאַרמעס און, בעמיילע, געגאַנגען אַף אַ ריזיקע. דאָס איז אָבער געווען אַ באַרעכנטע און באַטראַכטע ריזיקע, וואָס האָט זיך געשטיצט אַף קענטעניש, אַף דערפֿאַרונג, פּינקטלעכער אויסרעכענונג.

עס איז נייטיק געווען, לעמאַשל, אַראָפּנעמען פֿון דער אײַזנבאַן־פּלאַטפֿאָרם דעם לאַפּעט פֿונעם וואַלץ־געשטעל, וועלכער וועגט צוויי און אכציק טאָן. און דער קראַן אַפֿן בויגן־וואַלצער קאָן אויפֿהייבן דרײַסיק טאָן. לויט אַלע אינסטרוקציעס האָט זיך געפֿאָדערט אַ מעכטיקערע טעכניק, און די בריגאַדע האָט געקאָנט פֿראָסט־פּאָשעט אָפּזאָגן זיך פֿון דער אַרבעט. געפֿינט, זײַט מוחל, דעם נייטיקן קראַן, ברענגט אים אַפֿן אָרט, מיר וועלן צוואַרטן. די מענטשן האָבן אָבער געהאַנדלט אַנדערש.

דער אַלטער מײַסטער פֿון טאַקעלאַזש־אַרבעטן אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש טשעפּיגאַ, אַ שווײַגער, אַפּילע אַ כמורנער לויטן אויסזען, איז אַרומגעגאַנגען די פּלאַטפֿאָרם פֿון אַלע זײַטן, באַטראַכט דעם זייער שווערן לאַפּעט, דערנאָך — דעם פֿונדאַמענט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פֿאַר אים. עפּעס האָט ער אויסגערעכנט אַליין, דערנאָך איז ער געזעסן מיט דער בריגאַדע, מיט די אינזשעניערן, קאָנטראָלירט די אויסרעכענונג, און אין רעזולטאַט איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ קונץ, וואָס האָט באַ אונדז געטראָגן אַ נאָמען „צירק־נומער". צווישן דער פּלאַטפֿאָרם און דעם פֿונדאַמענט האָט מען אויסגעבויט אַ בריק פֿון שפּאַלעס. דערנאָך האָט מען דעם לאַפּעט צוגעטשעפּעט פֿאַר דעם אייבערשטן טייל, און לויט טשעפּיגעס קאָמאַנדע האָט דער קראַן (דער זעלבער, וואָס קאָן אויפֿהייבן בלויז דרײַסיק טאָן) אַריבערגעטראָגן דעם דאָזיקן טייל אַפֿן בריק. דערנאָך האָט מען צוגעטשעפּעט דעם צווייטן עק און צוגעפֿירט צום פֿונדאַמענט. אָט אַזוי האָט מען צוביסלעכווײַז אַוועקגעשטעלט דעם לאַפּעט אין דער נייטיקער לאַגע. די קונץ איז באַשטאַנען דערין, וואָס די גאַנצע צײַט איז די גרונט־שווערקײַט פֿון דער מאַסע אויסגעקומען אַפֿן פֿעסטן אָנשפּאַר. און דאָס איז טאַקע בעעמעס געווען אַ קונץ, באַזירט אַף אײַנפּאַלערישקײַט, דערפֿינדערישקײַט און פּינקטלעכער אויסרעכענונג פֿון אַ טאַלאַנטפֿולן אַרבעטס־מענטש.

פּונקט אַזוי האָט ער געקאָנטעוועט דערנאָך דעם לאַפּעט פֿון דער שער פֿונעם וואַלץ־געשטעל, וואָס וועגט שוין הונדערט מיט דרײַסיק טאָן. די צײַט־נאָרמע איז דערבײַ פֿאַרקירצט געוואָרן אין נײַנציק מאָל! אַן ענלעכער עפּיזאָד איז געווען אויך באַם אויפֿשטעלן די טערמאָעלעקטראָצענטראַל, ווען מע האָט דעם שווערן באַראַבאַן פֿונעם קעסל אויפֿגעהויבן אַף אַ גרויסער הייך. דאָס איז אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. קיין נייטיקע קראַנען זײַנען דאָ אויך ניט גע־

ווען, נאָר איינער פון די אינזשעניערן האָט פאַרגעלייגט א קאָמ־בינירטן אופהייב מיט דער הילף פון א קליינמעכטיקער קראַן־פייל און מיט די פערמעס פונעם ביניען גופע. די ספּעציאַליסטן פון „סאַיוזפּראָממאָנטאַזש״ האָבן געמאַכט א ליארעם. ווען זיי זיינען אָבער געקומען אינעם קעסל־זאל, איז דער באַראַבאַן שוין געווען איינגעשטעלט. אָנשטאָט עטלעכע טעג האָט די ארבעט פאַרנומען צוויי און דרייסיק מינוט.

איינמאָל בין איך צוגעגאַנגען צו א גרופּע מאָנטאַזשניקעס, וועלכע זיינען געקומען צו פאָרן פון סטאַלינגראַד: „א גוטמאָרגן, כאַוויירים גוואַרדייערן!״ איך האָב זיי אַזוי אָנגערופן ניט בלויז דער־פאַר, ווייל א סאך פון זיי האָבן נאָך ניט אויסגעטאָן די סאָלדאַטישע גימנאַסטיאָרקעס, נאָר אויך דערפאַר, ווייל די מאָנטאַזשניקעס זיינען בא אונדז געווען דער שלוס־רונג, פון זיי איז אָפּהענגיק געווען דער ענדגילטיקער טערמין און, ווי מע זאָגט עס, אָפּטרעטן איז שוין זיי ניט געווען ווּהין. איך האָב געפרעגט גוויינלעך, וואָס הערט זיך נייס אפן באַצירק, און זיי לאַכן. ווען זיי האָבן דערציילט, וואָס בא זיי האָט געטראָפן, האָב איך זיך אויך צעלאַכט.

דער עפּיזאָד איז געווען א קאָמישער. צו זיי איז אריינגעפאַלן א צייכענונג מיט א קאַטעגאָרישער רעזאָליוציע: „אוואַריע־צושטאַנד! מאַכן נאָך היינט. ליוושיץ״. נו, האָבן די מאָנטאַזשניקעס א קוק געטאָן און האָבן זיך דערשראָקן: לויט די שטרענגסטע נאָרמעס האָט די ארבעט געדאַרפט דויערן א טאָג דריי. עס האָט ניט געפעלט קיין שאַרף וואָרט, נאָר קיין ברייטע איז ניטאָ. זיי האָבן זיך א נעם געטאָן מיט סייכל און אַלץ מאָנטירט אינעם זעלבן טאָג. דאָ לויפט צו זיי צו א מיידל פון דער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ: „ווו איז די צייכענונג?״ לאָזט זיך אויס, אז די רעזאָליוציע פונעם כאַווער ליוושיץ, דעם שעף פונעם ענערגעטישן סעקטאָר פון „גיפּראָמעז״, האָט ניט געהאַט קיין שום שייכעס צו די מאָנטאַזשניקעס. ער האָט געבעטן בלויז, מע זאָל מאַכן א קאָפּיע פון דער צייכענונג.

בוכשטעבלעך אף אַלע באַצירקן האָבן די מענטשן געאַרבעט מיט מעסירעסנעפעש, טאַלאַנטפול, דרייסט. עס פלעגט טרעפן, אז זיי גייען ניט אהיים, ביז זיי וועלן ניט אויספילן די פאַרגעבונג, צו עט־לעכע טעג פלעגן זיי פאַרבלייבן אף דער בויונג — שלאָפן ערגעץ אין שאָטן א דריי־פיר שאָ און ווידער צו דער ארבעט. עס איז גע־שאַפן געוואָרן די אַטמאָספער, פאַר וועלכער דער געגנטקאָם האָט געקעמפט פון סאַמע אָנהייב, די אַטמאָספער פון אַלגעמיינעם אופ־שטייג, פון ריזיקער צילגעווענדטקייט, גרענעצלאָזן גלויבן אין די אייגענע קויכעס. איך האָב דערפילט: אף דער בויונג איז אָנגעקומען אן אנטשיידענער איבערבראָך, איצט וועלן מיר גיין פאָרויס און פאָרויס. עס איז אויסגעוואַקסן אן ארבעטס־גוואַרדיע, וועלכע וועט

זיך ספּראָווען מיט די סאַמע דרייסטע פּלענער אין סאַמע געפּרע־
סטע טערמינען. עס איז וויכטיק געווען ניט צו פאַרלירן דעם טעמפּ,
ווי אפן פראָנט נעמען א פעסטונג נאָך א פעסטונג...

די רעזולטאטן פון דער ארבעט פון די זאַפּאָראָזשצעס האָבן זיך
גענומען פילן אפן אלגעמיינעם ארבעטס־פראָנט. „אזוי ווי אין פּע־
ריאָד פון די ערשטע פינפיאָרן, — האָט געשריבן די „פּראַוודאַ“, —
האָט דאָס גאַנצע לאַנד געבויט דעם „מאַגניטסטראָי“ און „קוזנעצק־
סטראָי“, אזוי דאַרף אויך איצט דאָס וואָרט „זאַפּאָראָזשסטראָי“ זײַן
דער פּאַראָל פון שלאַכט־ארבעט ניט בלויז פאַר די בויער, נאָר אויך
פאַר יענע אלע, פון וועמען עס איז אָפּהענגיק די שנעלע אויפ־
שטעלונג פונעם זאַפּאָראָזשיער מעטאַלורגישן זאַוואָד“.

צווישן דער גרויסער צאָל מיטלען צו באַגײַסטערן די מענטשן
האָט אין יענעם זומער אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָליע די פּרעסע,
דאָס הערלעכע באָלשעוויסטישע וואָרט. געקומען אף דער ארבעט
קיין זאַפּאָראָזשיע, בין איך גלײַך באַשטאַנען דערויף, מע זאָל פאַר־
גרעסערן דעם טיראַזש פון די געגנטלעכע צײַטונגען. און כאָטש קיין
פּאַפּיר האָט אין לאַנד ניט געקלעקט, איז דער צק אלקפּ(ב) געגאַנ־
גען אונדז אַנטקעגן. מיר האָבן זיך דערשלאָגן אויך דערצו, מע זאָל
ראַדיאָפיצירן די ארבעטער־ישוּווים. דערנאָך האָבן די טוער פונעם
אַפּאַראַט זיך געכידעשט, וואָס צום ערשטן מאָל אין זייער פּראַקטיק
שטעלט דער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם אף דער ביוראָ
דעם באַריכט פון דער רעדאַקציע פון דער זאַפּאָראָזשבויערישער
פילטיראַזשקע „סטראָיטעל“. אינעם באַשלוס פון דער ביוראָ איז
פאַרשריבן געוואָרן: „דער פּאַרטקאָם דערשאַצט ניט די קאָלאָסאַלע
אָרגאַניזירנדיקע ראָליע פון דער צײַטונג אינעם פאַרשטאַרקן די
אידעאָלאָגישע ארבעט צווישן די מאַסן, נוצט זי ניט אויס אלס א
טריבונע...“

אין דער סאַמע הייסער צײַט האָבן אפן בוי־פּלאַץ געאַרבעט די
אַרויספאָר־רעדאַקציעס פון די צײַטונגען „פּראַוודאַ“, „ראַדיאַנסקאַ
אוקראַינאַ“, „באָלשעוויק זאַפּאָראָזשיאַ“. דעם פאַרוואַלטער מיטן אָפּ־
טייל פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אין אונדזער געגנטלעכער צײַ־
טונג אַנדריי קליוּנעַנקאָ האָב איך געקענט פונעם פראָנט, מיר זײַנען
צוזאַמען דורכגעגאַנגען פון קאַווקאַז ביז פּראָג. ער איז געווען א
דרייסטער פּאָלק־קאָמיסאַר, און א זשורנאַליסט איז ער געוואָרן א
דרייסטער — אינעם צײַטונגס־וועזן איז די דאָזיקע קוואַליטעט אויך
נייטיק. איך געדענק אויך דעם רעדאַקטאָר פון דער אַרויספאָר־רע־
דאַקציע פון „באָלשעוויק זאַפּאָראָזשיאַ“ וולאַדימיר רעפּינען. א
דאַרלעכער, א הויכער, אין ברילן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט
זײַן אויסערגעוויינלעכער קענטשאַפט אַרײַנדרינגען אין יעדער
קלייניקײַט, ער האָט געקענט דער ערשטער דערוויסן זיך די נײַס

פון דער בויונג און זיי זײַנען טייקעף — דורך דער צײַטונג, דורך פלוגבלעטלעך — געוואָרן באַוווּסט אַלעמען.

פלוגבלעטלעך וועגן באַזונדערס וויכטיקע געשעענישן האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסלאָזן רעגולער. די קאָמיוגיסטן פלעגן זיי אַראָפּוואַרפן אין שטאָט פון די לאַסטמאַשינעס, צומאָל אויך פונעם קליינינקן עראָפּלאַן „ПО-2“. אָט איז דער טעקסט פון איינעם אַזאַ פלוגבלעטל, געווידמעט דעם זייער טײַערן פאַר אונדז זיג:

„בליץ־טעלעגראַם. היימלאַנד, נעם אָן אונדזער ראַפּאָרט:

פאַראָן
זאַפּאָראָזשיער
טשוהון!

הײַנט האָבן די דאַמנע־אַרבעטער אַרויסגעגעבן די ערשטע פּראָדוקציע פון נאָכמילכאָמעדיקן טשוהון. זאַפּאָראָזשבויער! דו זעסט די פּרוכט פון דײַן מעסירעסנעפּעשדיקער מי צום ווילזײַן און צום רום פונעם באַליבטן היימלאַנד.

דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק באַגריסט דעם ווידערגעבורט פון דער העכסטמעכטיקער דאַמנע און פון דער טערמאָעלעקטראָצענטראַל פון „זאַפּאָראָזשסטאַל“, וועלכע זײַנען ווי אויפגעשטאַנען טכיאַס־האַמייסים, — ווײַל עס ווייסט, צו וואָס פאַר אַ קורבן עס האָבן זיי דערפירט די פאַשיסטישע ראָצכים.

דאָס גאַנצע לאַנד רופט אָן הײַנט מיט דאַנקבאַרקײַט דײַן נאָמען — זאַפּאָראָזשבויער!

פאָרויס, צו נײַע זיגן!“

איך בין אָבער פאַרלאָפן פאָרויס: ביז אָט דער פײַערונג האָט מען, ווי מע זאָגט, נאָך געדאַרפט דערלעבן. פלוגבלעטלעך זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויך שאַרף־קריטישע — מיט די פאַמיליעס פון יענע, וועלכע האָבן פאַרהאַלטן די בויונג. איך וועל ברענגען אַזאַ, דוכט זיך, אומבאַדײַטנדיקן בײַשפּיל. עמעצער האָט איבערגעלאָזט אויפן וועג אַ סליאַב[1]. דאָס האָט געשטערט צו אַרבעטן. און אָט האָט אויף דעם דאָזיקן סליאַב זיך באַוויזן אויף מאָרגן אינדערפרי אַזאַ אויפשריפט: „מײַסטער פון פּראָליאָט[2]! נעמט אַוועק דעם סליאַב — ער שטערט צו אַרבעטן. דער טערמין — 5 אַזייגער“. און אַ כסימע. און וואָס מיינט איר — מע האָט אָפּגעראַמט, אָפּגערייניקט! מע דאַרף זאָגן, אַז דאָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג.

גוט האָט „געאַרבעט“ אויך די פון פאַרשיידענע מינים אָנשוילעכע אַגיטאַציע. דו גייסט איבערן פּלאַץ, און אומעטום ציפערן, דאַ־

---

[1] אַ שטאָלענע פּליטע, וואָס דינט אַלס פורעם אויף צו וואַלצעווען שטאָלבויגנס. (איבערז.).

[2] פּראָליאָט — די לענג פון דער צעך־ליניע. (איבערז.).

טעס: לאָזן אין גאנג דעם סליאבינג צו אזא און אזא דאטע, דעם געשטעל פון קאלטן וואלץ — צו אזא און אזא, עס זײַנען פארבליבן 30 טעג, דערנאָך 15... 10... 5 טעג. ווי עס האלט אָף דער בויונג, האָט געוווסט די גאנצע שטאָט, אָף די מיטינגען פלעגן מיר אײַנ־לאדן אלע אײַנוווינער, די בויער פלעגן קומען מיט די געזינדן.

— וואָס איז דאָס, — האָט געקאָנט פרעגן עמעצנס א יונגע פרוי, — אנדערע ליבט מען, און וועגן דיר קיין וואָרט ניט?

אָדער א פראגע פון א קינד:

— פארוואָס, טאטע, אפלאָדירט מען דעם פעטער פיאָטער און דיר ניט?

דאָס איז טאקע אן עמעסע, לעבעדיקע מאסן־ארבעט, און איר עפעקטיווקייט איז זייער שטארק. עס איז א גרויסער טאָעס צו מיינען, אז קלוימערשט בלויז מאטעריעלע סטימולן זײַנען נייטיק דעם מענטשן. ניין, דעם סאָוועטישן מענטשן איז נייטיק זייער א סאך — דער באוווסטזײַן פון זײַן שײַכעס צו דער גרויסער זאך, די שטרעבונג צו באווײַזן זיך אין דער ארבעט, דער שטאָלץ מיט זײַן מײַסטערשאפט, די אכטונג פון כאוויירים, קאָוועד.

אָבער אָט די אלע מאָראלישע באדערפענישן דארף מען, פאר־שטייט זיך, דערציִען. און דאָ האָבן די אומעטום בײַוועזנדע זשור־נאליסטן זייער גוט אונדז געהאָלפן. פאָרגעשריטענע דערפארונג, דער הערלעכער גורל פון א מענטשן, עמעצנס א רעקאָרד, שלאכט־אופטועז אף עפעס א באצירק — דאָס אלץ איז אָפּעראטיוו באלויכטן געוואָרן אין די צײַטונגען. דער זשורנאליסט איז געווען א פולבאר־רעכטיקטער אָנטיילנעמער אין דער בויונג.

איך געדענק, כ'האָב געראטן די מיטארבעטער פון די ארויספאָר־רעדאקציעס אומבאדינגט אָנטיילנעמען אינעם באזוכן די אָביעקטן, וועלכע ווערן געלאָזט אין גאנג, און אזעלכע באזוכן האָבן מיר צוזא־מען מיט די אָנפירער פונעם זאוואָד און פון דער בויונג דורכגע־פירט אלע טאָג. דאָ זײַנען שטענדיק אופגעקומען אינטערעסאנטע פראגן, עס האָבן זיך פארבונדן נוצלעכע געשפרעכן, עס זײַנען גע־וואָרן באקאנט נײַע העלדן פון דער בויונג. פון דער פרעסע האָבן מיר דערוואַרט ניט בלויז לויב־געזאנגען, נאָר אויך א שארפע קריי־טיק.

אגעוו, וועל איך באמערקן, אז מיר האָבן זיך באמיט צו אויסהיטן די בויער, די מאָנטאזשניקעס, עקספּלואטאציע־טוער אויך פון איבע־ריקע ארויסרופן אין פארשיידענע אינסטאנציעס. „די גאנצע ארבעט טראָגט אריבער אף די אָביעקטן, — פלעג איך אָפט זאָגן צו מײַנע כאוויירים. — אויב עס איז פאראן אן איניען, פאָרט ארויס אפן בוי־פלאץ". און אף וויפל זיי האָבן געזען: אליין דער ערשטער סעקרע־טאר פון געגנטקאָם טוט גראָד אזוי, איז דאָס אינגיכן געוואָרן א

געוווינהייט בא אלע סעקרעטארן, פּאַרוואַלטערס מיט די אַפּטיילן, אינסטרוקטאָרן פון ראַיאָנישן, שטאָטישן און געגנטלעכן קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי. און דאָס איז פאר זיי אליין געווען זייער נוצלעך.

6

די ארבעט איז געפירט געוואָרן מיט א וואקסנדיקן טעמפּ, די בויונג האָט געפאָדערט מאָביליזירן אלע מעגלעכקייטן, די נאָוואטאָרישע ארבעטס־מעטאָדן, פּראָגרעסיווע טעכנישע לייזונגען, דרייסטקייט און איינפאלערישקייט. איך האָב באמערקט: אונדזערע קאָלעגן, פארשטייענדיק די גרויסקייט פון דער אויפגאַבע, האָבן שטענדיק אויסגעזוכט נייע און אָריגינעלע אידייען. אָט זיינען צוויי ביישפּילן פון פיל, וועלכע האָבן זיך פארהיט אין זיקאָרן.

די דאַמבע נומ. 3, וועלכע מע האָט אופגעשטעלט די ערשטע, איז געווען די איינציקע, וואָס איז געבליבן גאַנץ נאָכן אופּרייס. זי האָט זיך אָבער אָפּגעזעצט, אָנגעבויגן זיך אין א זייט, מאמעש ווי דער פּיזאנער טורעם, פון ענדגילטיקן פאלן האָט זי אָפּגעהאלטן בלויז די שיכטע, וואָס איז געבליבן העגנען אינווייניק. אן אויסוועג, האָט זיך געדוכט, איז פאראן איינער: דעמאָנטירן דעם גיגאנטישן אויוון און דערנאָך אים שטעלן אפסניי. אָבער די טוער פון דער פּארוואלטונג „סטאַלקאָנסטרוקציא“, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער סאמע דערפארענער מאָנטאַזשניק מ. נ. טשודאָן, זיינען אוועק מיט אן אנדער וועג. עס איז באשלאָסן געוואָרן אויסגלייכן די דאַמבע, וואָס אזוינס האָט קיינער און קיינמאָל נאָך ניט געטאָן. דער הויפּט־אינזשעניער פון דער פּאַרוואלטונג א. וו. שעגאַל, וואָס האָט פאנאנדערגעארבעט דעם דאָזיקן פּראָיעקט, האָט מיר געזאָגט אזוי:

— די סיטואציע צווינגט אונדז צו דערגאנצן די באוווּסטע מעטאָדן פון דער בוי־קונסט מיט עלעמענטן פון „היילונגס־כירורגיע“.

אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן האָבן די מאָנטאַזשניקעס באזייטיקט דעם „קאַזיאָל“ (דעם פארגליווערטן טשוהון), אונטערגעפירט אונטער דער דאַמבע ניין הידראַוולישע דאָמקראַטן מיט א מעכטיקייט פון הונדערט ביז צוויי הונדערט טאָן, דערנאָך צעשניטן דעם „קאָזשוך“ פונעם אויוון און געגומען אים אופהייבן. ארום זיינען געשטאנען פארגליווערט הונדערטער בויער. א סאך זיינען פארבליבן נאָך דער וואכטע, מידע, ניט אויסגעשלאָפענע, נאָר אלע האָבן אָנגעשטרענגט געוואַרט, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן. איך בין אויך פארבליבן. אין דעם דאָזיקן טאָג האָב איך געהאט אויך אנדערע איניאָנים, נאָר, פּונקט ווי אלע, האָב איך אוועקגיין ניט געקאָנט.

דער גיגאנטישער אויוון האָט קוים באמערקבאר א ציטער געטאָן און האָט לאנגזאם גענומען זיך דערנעענטערן צום ווערטיקאל. פינף מיט א האלבער שאָ האָט געדויערט דאָס אופהייבן, און קיינער האָט ניט פארלאָזט דעם פלאץ. איך בין אויך געשטאנען ביזן סאָף, ביז מע האָט דעם שפאלט, וואָס האָט זיך געשאפן, ניט ארומגעשמאָלצן פון ביידע זייטן מיט שטאָלענע ווענטלעך. די זאך איז אָפגעטאָן געוואָרן. אָנשטאָט צוויי כאדאָשים — פינף מיט א האלבער שאָ! דערמיט איז איינגעשפאָרט געוואָרן דער מעלוכע מער פון א מיליאָן רובל. פאר דער דרייסטער לייזונג זיינען מיכאיל ניקאָלייעוויטש טשודאָן און אייזיק וואָלפאָוויטש שעגאל באערט געוואָרן מיט דער מעלוכע־פרעמיע.

א לאורעאט פון דער מעלוכע־פרעמיע איז געוואָרן אויך דער שעף פון דער פארוואלטונג פון „סטאלמאָנטאזש" מארק איוואנאָוויטש נעדוזשקאָ, א מענטש פון גרויסן טאלאנט און דרייסטקייט. ער איז געווען מיין לאנדסמאן, פון דניעפראָפעטראָווטשטשינע. געבוירן געוואָרן אין דער מישפאָכע פון אן אָרעמפויער. אפן זאוואָד איז ער געווען א שלאָסער, א שווייסער, דערנאָך געוואָרן א מאָנטאזשניק. אין די פינפציקער האָט ער שוין אָנגעפירט מיטן מאָנטאזש אף די בויונגען פון אוראל און סיביר, בייס דער מילכאָמע געפירט די ארבעט פון דורכלייגן א בענזינלייטונג צום באלאגערטן לענינגראד. די רערן האָט מען מאָנטירט אפן אייז פון דער לאדאָגער אָזערע, און דערנאָך אראָפגעלאָזט זיי אפן דעק, באזאָרגנדיק אזוי־ארום דעם לענינגראדער פראָנט מיט ברענשטאָף. בייס א באשיסונג איז מארק איוואנאָוויטש אראָפגעפאלן אינעם אייז־קאלטן וואסער פון דער לאדאָגע און זינט דעמלט געווען שווער קראנק. נאָר געארבעט האָט ער ביזן סאָף פון זיין לעבן.

אין זאפאָראָזשיע האָט מען זיין פארוואלטונג באופטראגט אופצושטעלן די וואלץ־צעכן — די זעלבע, וועלכע די פאשיסטן האָבן כאָרעוו געמאכט מיט א באזונדער גרויזאמער פונקטועלקייט (איך האָב שוין גערעדט וועגן די רויטע ליטערס „F" אף די קאָלאָנעס). מארק איוואנאָוויטש האָט זיך פאנאנדערגעקליבן אין אָט דעם אָנוואלגער פון שטאָלברוך און פאָרגעלייגט אופהייבן די צעכן־ליניעס אין זייער פולער גאנצקייט. דער געדאנק האָט איבערראשט מיט זיין דרייסטקייט און נייקייט. נעדוזשקאָ האָט דעם צעך, וואָס דארף אופגעשטעלט ווערן, צעטיילט אף ריזיקע בלאָקן: יעדער בלאָק האָט אנטהאלטן ביז צוואנציק קאָלאָנעס און זיין וואָג האָט באטראָפן ניט ווייניקער פון טויזנט טאָן. דערנאָך האָט ער אָפגעטיילט איין בלאָק פונעם צווייטן, צעשניידנדיק זיי מיט אווטאָגען און עס זיינען אוועק אין גאנג די טעלעסקאָפישע שטאטיוון — די הייב־מעכאניזמען, וועלכע נעדוזשקאָ האָט קאָנסטרויִרט צוזאמען מיטן הויפט־אינזשעניר פון זיין פאר־

וואלטונג גריגאָרי וואסיליעוויטש פעטרענקאָ. ווי אָנכאַפּנדיק דעם צעך פאַרן דאַך, האָבן זיי געצויגן אַרופצו גאַנצע באַצירקן פון דער צעך־ליניע, צוביסלעכווײַז האָבן די צעקאַליעטשעטע קאָלאָנעס זיך אויסגעגלײַכט, די באַלקנס און די באַלקעס האָבן פאַרנומען זייער געזעצלעך אָרט. א סאַך דעטאַלן איז, פאַרשטייט זיך, געווען אומעג־לעך אופצושטעלן, האָט מען זיי באַזײַטיקט און אַף אייניקע קאָנ־סטרוקציעס אַרופגעלייגט נעט און לאַטעס, — דאָס איז געווען אַלץ די זעלבע „היילונגס־כירורגיע״.

אין סאַכאַקל האָט די אַרבעט אַפן סאַמע קאָמפּליצירטן באַצירק זיך אײַנגעגעבן צו פאַרגיכערן וויי ניקסטנס אַף א יאָר צײַט. עס זײַנען גערעאַטעוועט געוואָרן ניט ווייניק זייער טײַערע קאָנסטרוקציעס, וועלכע מע האָט זיך געקליבן אָפּצוגעבן אין מעטאַלברוך. אָט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די וויסנשאַפט פון אומקערן ווידער צום לעבן כאָרעווע זאַוואָדן, וועלכע זײַנען אונדז דעמלט געווען העכסט נייטיק, כאָטש בעסער וואָלט געווען קיינמאָל און אין ערגעץ מער מיט איר זיך ניט באַנוצן.

מיר האָבן אופגעשטעלט דאָס טעכנאָלאָגישע קייטעלע פון דער ערשטער ריי פון „זאַפּאַראָזשסטאַל״, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון יענע רינגען, וועלכע האָבן זיך געפּאָדערט אַף פּראָדוצירן דעם שטאָל־בויגן. די טערמאָעלעקטראָצענטראַל און די לופטגעבלעז־אַג־רעגאַטן האָבן געדאַרפט געבן געבלעז פאַר דעם דאָמנע־אויוון, די דאָמנע וועט, אויסאַרבעטנדיק טשוהון, געבן אויך הייסן גאַז, וואָס איז נייטיק פאַר די וואַלץ־צעכן. באַגרענעצן זיך אָבער בלויז דער־מיט האָבן מיר ניט געקאָנט, און גלײַכצײַטיק האָבן זיך געפירט אַר־בעטן אַף אומקערן צום לעבן די גאַנצע אונטערנעמונג — די אײַזנ־באַן־נעץ, די וואַסער־באַזאָרגונג, ענערגיע־באַזאָרגונג, די געהילף־אונטערנעמונגען און אַזוי ווײַטער. די דערפאַרונג, וואָס איז אָנגע־זאַמלט געוואָרן דורך דער שלאָג־בויונג, איז געווען זייער א ווערט־פולע, און עס איז וויכטיק געווען אין קיין פאַל זי ניט פאַרלירן, ניט פאַרגעסן, אַלזײַטיק אויסנוצן אַף די אַנדערע אָביעקטן. דער זאַ־פּאָראָזשיער שטאָטקאָם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעווי־קעס) פון אוקראַיִנע האָט אָנגענומען א ספּעציעלע באַשטימונג „וועגן דערלערנען און פאַרשפּרייטן די פאָרגעשריטענע אַרבעטס־מעטאָדן פון די נאָוואַטאָרן פון „זאַפּאָראָזשסטראָי״. מיט א קורצער צײַט צוריק, איידער מע האָט אָנגעצונדן דעם דאָמנע־אויוון, האָבן מיר דורכגעפירט א פּאַרטייִש־ווירטשאַפטלעכן אַקטיוו. מער פון אַלץ האָב איך, נאַטירלעך, גערעדט אַפן אַקטיוו וועגן די אַקטועלע אופ־גאַבן ערעוו דעם לאָזן אין גאַנג דעם אויוון, אָבער עס איז געזאָגט געוואָרן אויך וועגן דער פּערספּעקטיוו:

— מיר האָבן געקענט צוזאַמען מיט אײַך פאַר א קורצן פּעריאָד

א קערעווע טאָן די אופמערקזאמקײַט פון די ווירטשאפטלעכע אָנפירער און פון די קאָמוניסטן צו דער אופגאבע פון אויספילן די מעלוכע־פלענער. מע דארף אָבער קוקן ברייטער. איך וואָלט וועלן, אז די פראקטיק פון „זאפאָראָזשסטראָי“, וואָס איז די סאמע כאראקטעריסטישע פון שטאנדפונקט פון דער פארטייִשער אָנפירונג מיט דער זאך, זאָל ווערן א בײַשפיל פאר אונדזער גאנצער פארטיי־אָרגאניזאציע, פאר אלע אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען.

דאָס גאנצע לאנד האָט צו יענער צײַט געהאָלפן אופבויען אונדזער זאוואָד. באנאנד מיטן בוי־פלאץ זײַנען געשטאנען פאלאטקעס מיט אופשריפטן: „גאָרקי“, „ריגע“, „טאשקענט“, „באקו“, „ווײַטער מיזרעך“ — אין זיי האָבן געלעבט בוי־בריגאדעס. אונדזערע באשטעלונגען האָבן אויסגעפילט העכער צוויי הונדערט זאוואָדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זיבעציק שטעט. פון גאָרקי זײַנען געגאנגען לאסטמאשינעס, ארכאנגעלסק האָט געליפערט שפאלעס, יאראָסלאָוול — עלעקטראָמאָטאָרן, באקו און גראָזני — ביטום און אנדערע נאפט־פראָדוקטן. ווערקשטעלן זײַנען צו אונדז אָנגעקומען פון מאָסקווע, רעלסן — פון קוזנעצק, געהילץ — פון ווײַסרוסלאנד, מעטאל־קאָנסטרוקציעס — פון די זאוואָדן פון דניעפראָפעטראָווסקער געגנט, דערונטער פון מײַן לײַבלעכער דזערזשינקע. אפילע פראָיעקטן פון אופשטעלן די צעכן האָבן פאר אונדז געגרייט קיִעוו, כארקאָוו, דניעפראָפעטראָווסק, ראָסטאָוו־אפן־דאָן, לענינגראד, מאָסקווע, כאָטש אין זאפאָראָזשיע האָט זיך שוין באוויזן אן אייגענער פיליִאל פון „גיפראָמעז“.

און דאָ ווילט זיך דערמאָנען מיט א גוט וואָרט איינע א באשיידענע פרוי — דעם אינזשעניער פון „זאפאָראָזשסטאל“ יע. ס. שערעמעט. צי קאָן א סאך אופטאָן איין מענטש? א סאך, אויב ער איז איבערגעגעבן דער זאך און געדענקט זײַן פליכט. אין די פינצטערע טעג פונעם צוריקטריט, ווען די היטלעריסטן האָבן באשאָסן די שטאָט, האָט זי צונויפגעזאמלט, ארויסגעפירט, דערנאָך אָפגעהיט און ענדלעך אומגעקערט אפן זאוואָד אלע קאלקעס און צייכענונגען. א סאך טויזנטער בויגנס. און ווי שטארק זיי זײַנען צוניץ געקומען! עס איז אָנגעקומען אויסשטאטונג — סײַ די צוריקגעקערטע פון עוואקואציע, סײַ די אפסנײַ ארויסגעלאָזטע פאר אונדז, — די אלטע צייכענונגען האָבן געהאָלפן די פראָיעקטירער און מאָנטאזשניקעס צו שפאָרן טײַערע צײַט. עס איז כאראקטעריסטיש, אז די קאָנסטרוקטאָרן און די ארבעטער האָבן באוויזן א קונץ צו מאָדערניזירן און פארבעסערן אפילע די אלטע מאשינעס. צום בײַשפיל, דער סליאבינג, וועלכן עס האָבן מאָנטירט בא אונדז די קראמאטאָרצעס, איז פארבליבן דער זעלבער, וואָס איז געוועזן ביז דער מילכאָמע, אָבער די מעכטיקײַט פון אָט דעם פרעס־ווערקשטעל, וואָס האָט גע־

געבן אין א יאָר 1.200.000 טאָן מעטאַל־גוס, איז אויסגעוואקסן ביז 2.000.000 טאָן.

די אלפארבאנדישע סאָציאַליסטישע פארמעסטונג האָט אין יענעם יאָר זיך אָנגעהויבן לויט דער איניציאַטיוו פונעם קאָלעקטיוו פון „זאפּאָראָזשסטראָי". זייער פּאָפּולער איז דעמלט געווען די באַפליגלטע פראַזע, אז אינעם שלאָגלערישן יאָר זײַנען אף א שלאָגלערישער בויונג פאראן ניט 365 טעג, נאָר 365 מעסלעס. איך געדענק, ווי אונדז האָט דערפרייט די מיטיילונג פון די לענינגראַדער: זיי האָבן ניט בלויז אליין פריִער פונעם אָנגעמערקטן טערמין אָפּגעשיקט אונדז די זייער נייטיקע אפּאַראַטור, נאָר גערופן אלע עלעקטראָטעכנישע אונטערנעמונגען פון לאַנד אויסצופילן די זאפּאָראָזשיער באשטעלונגען פאַרן טערמין. באַלד האָבן מיר צוגעשיקט אן ענטפער־טעלעגראַם:

„לענינגראַד. דעם געגנטקאָם פון דער פּארטיי כאַווער פּאָפּקאָוו, דעם זאַוואָד „עלעקטראָאַפּאַראַט" כאַווער קאַמענסקי, דעם סנאַבטשעֶרמעט כאַווער ספּעקטאָראָוו:

באַקומען אײַער מיטיילונג, אז עס איז ארויסגעשיקט פאַרן טערמין די הויכוואָלטיקע אפּאַראַטור. די לאַגע מיטן עלעקטראָמאָנטאַזש האָט זיך שאַרף פאַרבעסערט. דאָס גיט א מעגלעכקײַט אויסצופילן צום טערמין די עלעקטרישע מאָנטאַזש־אַרבעטן אף א ריי אָביעקטן, וועלכע ווערן געלאָזט אין גאַנג. מיר דאַנקען דעם זאַוואָד־קאָלעקטיוו פאַר דעם פאַרטערמיניקן אָפּשיקן.

סעקרעטאַר פון זאפּאָראָזשיער געגנטקאָם פון קפּ(ב)או
ל. ברעזשנעוו.

דירעקטאָר פונעם זאַוואָד „זאפּאָראָזשסטאַל"
א. קוזמין."

אף דער לעצטער פאַרזאַמלונג פונעם אַקטיוו ערעוו דעם לאָזן אין גאַנג, וועגן וועלכער איך האָב שוין גערעדט, איז אופגעקומען די פראַגע וועגן „קליינע אַרבעטן". די אָנפירער פון א סאַך באַצירקן האָבן מיט שטאָלץ ראַפּאָרטירט, אז עס זײַנען פאַרענדיקט די גרעסטע לויטן פּלאַנען אַרבעטן, און די פאַרבליבענע, קלוימערשט אומבאַדײַטנדיקע, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון כעזשבן. אָבער ביזן פאַרענדיקן אָט די „אומבאַדײַטנדיקע" אַרבעטן האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן לאָזן אין גאַנג די אונטערנעמונג, מע האָט געדאַרפט זיכערן אן עמעסע אָרדענונג אף דער בויונג, אן עכטע פּלאַן־דיסציפּלין, און אָט וואָס עס איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן:

„כאַווער קוזמין, די סומע פון קליינע אַרבעטן איז אַמאָל וויכטיקער פון יענע, וואָס האָבן א גרויסן פאַרנעם. און באַ אונדז ענדיקן זיך דאָך שוין די טערמינען פון אלע אַרבעטן.

כאַוו. ברעזשנעוו. גוט, וואָס איר האָט אופגעהויבן די דאָזיקע פראגע, מע וואָלט באדארפט שטרענגער זאָגן: די בויער דארפן נאָך איבערלאָזן דעם זאוואָד דרײַ וואָכן אף אויספּרווון די מעכאניזמען. דעם 10 מײַ פלי איך ארויס אף דער פּאָליטביוראָ מיט א פּאָרטראָג וועגן דעם גאנג פון דער בויונג, און אײַער דערקלערונג איז מיר זייער וויכטיק...״

איך וואָלט וועלן באטאָנען: ניט בא די בויער, ניט באם געגנטקאָם, ניט בא מיר פּערזענלעך איז אפילע קיין געדאנק ניט אופגעקומען, אז מיר קאָנען אראָפּרײַסן די אָנגעמערקטע טערמינען, בעטן אָפּצולייגן דעם טערמין פון לאָזן אין גאנג, שטעלן די פראגע וועגן „קאָרעקטירן״ די פּלאן־פארגעבונג. דער פּלאן איז דער הויפּט־אינסטרומענט פון רעאליזירן די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער פּארטיי. אים קאָן מען און מע דארף באהאנדלען אין דער סטאדיע פון פּאנאנדערארבעטונג. ווען דער פּלאן איז שוין אָבער באשטעטיקט און האָט באקומען די קראפט פון א געזעץ פון אונדזער מעלוכע, פארבלײַבט איין פליכט — אויספילן אים, דערבײַ אויספילן בלויז צום טערמין, מיט די קלענסטע הויצאָעס און מיט די בעסטע צײַגערס.

פארשטייט זיך, אז א בויונג פון אזא מאסשטאב וואָלטן מיר ניט געקאָנט אופהייבן אָן דער אקטיוופטער און עפעקטיווסטער הילף פונעם צק אלקפ(ב) און מיניסטאָרן־ראט פון פססר. מע האָט בא אונדז שטרענג געמאָנט, אָבער אויך אָפּעראטיוו געהאָלפן, אויב עס איז נייטיק געווען. גענוג צו זאָגן, אז עס זײַנען געווען טעג, ווען אפן בוי־פּלאץ פלעגן אין איין און דער זעלבער צײַט צונויפקומען זיך פינף מיניסטאָרן, וועלכע זײַנען געקומען פון מאָסקווע. דעם „זאפּאָראָזשסטאל״ האָבן געדארפט העלפן און עס האָבן געהאָלפן די מיניסטעריומס פון דער אווטאָמאָביל־ און אוויאציע־אינדוסטריע, די מיניסטעריומס פון באוואָפענונג, פון מאשינבויונג פארן טראנספּאָרט, פון דער קוילן־אינדוסטריע, נאפט־אינדוסטריע.

אָפטער פון אנדערע פלעגן קומען צו פאָרן דער מיניסטער פון בויען אונטערנעמונגען פון דער שווערער אינדוסטריע פון פססר פ. א. יודין און דער מיניסטער פון דער שווארצער מעטאלורגיע פון פססר אי. פ. טעוואָסיאן. מיט איוואן פיאָדאָראָוויטשן האָבן מיר זיך באקאנט אפן פראָנט, אין די טעג, ווען עס זײַנען באפרײַט געוואָרן די אינדוסטריעלע צענטרען פון דאָרעם. ער האָט דעמלט נאָך גערעדט וועגן דעם ווידערגעבורט פון די דאָמנעס, מארטענעס, וואלקצעכן. איצט, קומענדיק צו אונדז, פלעגט איוואן פיאָדאָראָוויטש אומבאדינגט זיך באטייליקן אין די אינדערפרייִקע קאָנטראָל־באזוכן און לייזן אפן אָרט די אופקומענדיקע פּראָבלעמען. דאָס איז

געווען א גרויסער אַנפירער, אַן אויטאָריטעטער, וואָס ווייסט זײַן זאַך.

די טעג זײַנען געלאָפן, די צײַט איז געוואָרן אַלץ אָנגעשטרענג־טער, די מענטשן האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, און, אינגאַנצן גענומען, געדענקט זיך מיר די דאָזיקע צײַט אַלס א קלאָרע און פריידיקע. ס'איז אָנגעקומען קיין זאַפּאָראָזשיע דער ערשטער מאַר־שרוט קריוואָראָגער ארץ — דאָס איז געווען א טריומף. די דאַמבע האָט מען געשטעלט טריקענען — א פרייד. מע האָט אָנגעהויבן אויס־פּרוּוון די לופטגעבלעז־אַגרעגאַטן פון דער טערמאָעלעקטראָצענט־ראַל, עס האָבן גענומען פויזען איבער דער שיפּוּעדיקער בריק די ערשטע שמעלצונגען מיט שיכטע — ווידער זײַנען דאָס געווען גע־שעענישן, פולע מיט א באַזונדערער באַדײַטונג פאַר יעדן אָנטייל־נעמער פון דער בויונג.

פון מאָסקווע איז געקומען א מעלוכע־קאָמיסיע בעראָש מיטן באַוווּסטן מעטאַלורג, וויצע־פּרעזידענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדע־מיע פון פססר איוואַן פּאַוולאָוויטש באַרדין, וועלכער איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פון דניעפּראָדזערזשינסק. געוויינלעך אָן אײַנגעהאַל־טענער אין פאָרמולירונגען, האָט ער פאַרשריבן אינעם אופנעם־אַקט פון דער ערשטער ריי פונעם זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל": „די בויער און מאָנטאַזשניקעס האָבן דאָ אָפּגעטאָן אַזעלכע גרויסע אַרבעטן, וועלכע האָבן צו זיך קיין גלײַכן נישט ניט לויטן פאַרנעם, ניט לויטן לייזן די טעכנישע אויפגאַבן".

ענדלעך, איז געקומען דער לאַנגדערוואַרטער מערקווירדיקער טאָג. צום לעצטן מאָל האָט מען דורכקאָנטראָלירט, צי אַלץ איז גרייט, און ס'איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער באַפעל: „אויפבלאָזן די דאָמנע". דער גאַזאָווּשטשיק האָט א דריי געטאָן דעם שיבער פון הייסער בלעזונג, דער אָבערמײַסטער איז געלאָפן מיט אַן אָנגעצונ־דענעם פאַקעל צו דער טשוהון־עפענונג, דער אויוון האָט גענומען הודען, און אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אַפן הויפּט־קאָרפּוס פון דער טערמאָעלעקטראָצענטראַל מיט דער גאַנצער קראַפט זיך צע־רעוועט דער הודאָק, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס צווייטע געבורט פון „זאַפּאָראָזשסטאַל". דערהערט אים, זײַנען אין שטאָט אַלע אַרויס־געלאָפן אַפן גאַס, אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן זיך געהאַלדזט, גע־וויינט פון פרייד. און מיט א טאָג שפּעטער, דעם 30 יון 1947, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער אַזוי טײַערער פאַר אונדז אַלעמען זאַפּאָ־ראָזשיער טשוהון.

איך געדענק דעם דאָזיקן טאָג מיט אַלע פּראָטים. דער אויוון האָט רעגלמעסיק געהודעט,ריידן איז אויסגעקומען מיט אַן אָנשטרענ־גונג, אָבער דאָס איז געווען א הודעניש, וואָס איז געוויינלעך פאַר יעדן מעטאַלורג, און מיך האָט זי אויך געפרייט, ווײַל טיף אין האַרצן

האָב איך זיך נאָך אַלץ געפילט אַלס אַ מעטאַלורג. דער זויערשטאָף־מעסער האָט דורכגעבערענט די עפענונג, און עס האָט זיך באַוויזן אַ דין שטרעמל צעשמאָלצענער ביז ווײַס מעטאַל. צעשיטנדיק אַף זײַן וועג שטערנס, האָט דאָס שטרעמל אָנגענומען זיך מיט קראַפט און איז געוואָרן אַ פֿליסיקער טשוהון־טײַך. ציטערנדיקע כוואַליעלעך זײַנען געלאָפן איבער אָט דעם טײַך, און מיר אַלע זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען, געקוקט, ווי דער קאָווש פילט זיך אָן צום ערשטן מאָל. איך געדענק, ווי איך מיט באַרדינען האָבן לאַנג געדריקט איינער דעם אַנדערן די הענט און איבערגעקושט אַלע מײַסטערס פונעם שמעלץ־אויוון.

דאָ אַפן אָרט, אינעם הויף פון זאַוואָד, איז פאָרגעקומען אַ מיטינג, אַף וועלכן עס האָבן זיך פאַרזאַמלט מער פון זעכצן טויזנט מענטשן. איך האָב באַגריסט די בויער, מאָנטאַזשניקעס, מעטאַלורגן מיטן גרויסן פּראָדוצירישן זיג און זיי גערופן ניט צו פאַרקלענערן די טעמפּן — פאַרענדיקן דעם יאָר־פּלאַן און לאָזן אין גאַנג די וואַלץ־צעכן צום גרויסן יובילײ פון לאַנד — צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם גרויסן אָקטיאַבער.

יאָ, דאָס איז געווען מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק... אין סאָף יול האָבן מיר אַפן סליאַבינג דורכגעוואַלצעוועט די ערשטע גוס־שטיקער. דעם 30 אַווגוסט האָט די רעגירונגס־קאָמיסיע אָנגענומען דעם צעך פון הייסער וואַלצונג, און דעם 28 סענטיאַבער איז בא אונדז פאָרגעקומען דער הויפּט־מיטינג פון „לאָזן אין גאַנג" — אין צעך פון קאַלטער באַאַרבעטונג פון די בויגנס. דירעקט אַנטקעגן דער טריבונע איז געשטאַנען אַ לאָקאָמאָטיוו, באַפּוצט מיט בלומען, הינטער אים — פּלאַטפאָרמעס מיט פאַרטיקער פּראָדוקציע, וועלכע מיר האָבן געשיקט דעם מאָסקווער אווטאָזאַוואָד. אַף איינער פון די פּלאַטפאָרמעס איז געווען צוגעפעסטיקט אַ פּלאַקאַט: „נעם, היימלאַנד, דעם זאַפּאָראָזשיער שטאָל־בויגן!"

די זאַפּאָראָזשיער האָבן געהאַלטן וואָרט, און דאָס לאַנד האָט אָפּגעשאַצט זייער העלדנטאַט לויט די פאַרדינסטן. צוואַנציק טויזנט אָנטיילנעמער פון דער בויונג האָבן באַקומען דעם מעדאַל „פאַר אופשטעלן די אונטערנעמונגען פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע". עס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די אוקאַזן פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר וועגן באַלוינען די פאָרגעשריטענע קאָלעקטיוון. דער טרעסט „זאַפּאָראָזשסטראָי" און דער זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל" זײַנען באַערט געוואָרן מיט דער העכסטער באַלוינונג פונעם היימלאַנד — מיטן לענין־אָרדען. דעם לענין־אָרדען האָבן באַקומען אַ סאַך אַרבעטער, אינזשעניערן, קאָמאַנדירן פון דער פּראָדוקציע, פּאַרטיי־טוער. צווישן זיי זײַנען געווען אויך יענע, וועלכע זײַנען דערמאָנט געוואָרן אין אָט די נאָטיצן, — אי. אַ. רומיאַנ־

צעוו, מ. נ. טשודאַן, א. וו. שעגאַל, מ. אי. נעדאָזשקאָ, וו. ע. דימשיץ, א. נ. קוזמין, אין דער רעשימע איז געווען אויך מײַן פאַמיליע. דאָס איז געווען זייער א טײַערע באַלוינונג — מײַן ערשטער לענין־אָרדען.

אין נאָיאַבער 1947 האָט אין זאַפּאָראָזשיע אָנגעהויבן אַרבעטן דער קאָקס־כימישער זאַוואָד, וואָס איז אָפּגעהויבן געוואָרן פון די רויִנעס — די דאָמנע־אַרבעטער האָבן איצט געהאַט א זיכער הינטערלאַנד. אָבער אויף דער דאָזיקער פײַערונג איז מיר שוין ניט אויסגעקומען בײַצוזײַן: לויטן באַשלוס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלקפּ(ב) האָט מען מיך געשיקט אין דער דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט.

פון זאַפּאָראָזשיע בין איך אַוועקגעפאָרן מיטן באַוווּסטזײַן פון אַן אויסגעפילטן חוב. אָט וואָס פאַר אַן אויסטויש מיט רעפּליקעס עס איז פאָרגעקומען אויפן XIX פּלענום פון זאַפּאָראָזשער געגנטקאָם פון קפּ(ב)או — דעם לעצטן, אין וועלכן איך האָב דאָ גענומען אַן אָנטייל. צוערשט האָט מען גערעדט פאַרשיידענע גוטע ווערטער וועגן מײַן אַרבעט, וועלכע איך וועל דאָ ניט ברענגען, דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פיאָטער סאַוועליעוויטש רעזניק, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט די פראַגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. די אויגן זײַנען בא אים געווען כיטרע צונויפגעזשמורעטע. איך וועל ברענגען אַלץ אזוי, ווי עס איז פאַרשריבן געווען אין דער סטענאָגראַם.

„כאַוו. רעזניק. נו, מײַלע, ווען מיר איצט פאַרמעסטן זיך מיטן כאַוו. ברעזשנעוו, און אונדזער געגנט געפינט זיך, אַגעוו, אין אַן אויפשטײַג, א פונדאַמענט איז פאַרלייגט געוואָרן ניט קיין שלעכטער. ערשטנס, האָבן מיר האיאָר אָנשטאָט 500 טויזנט העקטאַר פאַרזייט 600 טויזנט. די ווינטער־קולטורן געפינען זיך אין בעסטן צושטאַנד. ווײַטער האָבן מיר אויפגעהויבן פריר־אַקער, דעם מעלוכעפּלאַן האָבן מיר אָפּגעליפערט, איצט ליפערן מיר א צוגאָבלעכן פּלאַן. דעם כאַוו. ברעזשנעוו וועט אויסקומען שאַפן אין דניעפּראָפּעטראָווסק פּונקט אַזאַ אָנשטרענגונג, ווי ער האָט געשאַפן אין זאַפּאָראָזשיע, און איך קאָן פאַרזיכערן, אַז אים וועט אויסקומען שווערלעך. (א געלעכטער אין זאַל.)

כאַוו. ברעזשנעוו. מע דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין דער דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט זײַנען שטאַרקע באָלשעוויקעס.

כאַוו. רעזניק. נעמט אָבער אין אַכט, אַז ס'איז אויך איצט שטאַרק פאַרלאָזט די אַרבעט! (געלעכטער.)

כאַוו. ברעזשנעוו. א דאַנק, כאַווײרים! וואָס איז שײַך דער פאַרמעסטונג, וועט זי טראָגן א געזונטן, באָלשעוויסטישן כאַראַקטער...”

7

אלזאָ, א נײַ ארבעטס־אָרט...

פארשטייט זיך, אז אין מעשעך פון די אלע יאָרן האָב איך ניט פארלוירן די פארבינדונג מיטן קאנט, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן. ארבעטנדיק אין זאפּאָראָזשיע, האָב איך בא יעדער געלעגנהײַט באזוכט די מוטער, די קרויווים, געווען אף מײַן זאוואָד, געפאָרן וועגן איניאָנים אינעם שכייניש געגנטלעכן צענטער, ווו איך פלעג, נאטירלעך, ארײַנגיין אין געגנטקאָם, זיך געטראָפן מיט די פריערדיקע כאוויירים לויט דער ארבעט. און אָט בין איך איצט ווידער אין דער היים און שוין אף לאנג. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אלס ערשטער סעקרעטאר פון געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער פּארטיי. און מיט די פריערדיקע מײַנע כאוויירים דערמאָנען מיר שוין ניט בלויז די פארגאנגענע צײַט, מיר ריידן וועגן דעם, וואָס מיר וועלן טאָן מאָרגן.

דניעפּראָפּעטראָווסקשטשינע איז ביז דער מילכאָמע געווען בארימט מיט איר מעטאלורגיע, מיט די צענדליקער שאכטעס פון אײַזנארץ און מארגאנעץ, מיט די רײַכע גערעטעניש פון ווייץ און קוקורוזע, מיט דער הויכער פּראָדוקטיווקײַט פון דער פיצוכט. דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע אף אוקראינע לאנדווירטשאפטלעכע און אינדוסטריעלע געגנטן, און כאָטש איך האָב זי ניט שלעכט דערלערנט אין די ביזמילכאָמע־יאָרן, האָב איך איצט באדארפט אפסנײַ, דערצו שנעל ארײַנגיין אין קורס פון די איניאָנים, פאנאנדערקלײַבן זיך אין די שוועריקײַטן, באגרײַפן די נאָענטסטע אופגאבן, אָנמערקן די פּערספּעקטיוון.

דער כורבן איז אויך דאָ געווען א שרעקלעכער. אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן די היטלעריסטן אופגעריסן און פארברענט הונדערט זיבעציק זאוואָדן, זעקס הונדערט זיבן און פופציק גרויסע ווינ־הײַזער, אכט און צוואנציק שפּיטאָלן. זיי האָבן אראָפּגענומען און ארויסגעפירט קיין דײַטשלאנד אכט און זעכציק קילאָמעטער טראמווײַ־ליניעס און העכער הונדערט קילאָמעטער מעשענע קאָנטאקט־דראָטן. כאָרעוו געמאכט דעם אָפּערע־ און באלעט־טעאטער, דעם קינסטלערישן מוזיי, דעם אוניווערסיטעט, קימאט אלע שולן און אלע אינסטיטוטן, די וואָקזאלן און אײַזנבאן־בריקן. דעם פּרעכטיקן פּאלאץ פון די מעטאלורגן האָבן די פאשיסטן פארוואנדלט אין א פערדשטאל: די ליכטיקע זאלן האָבן זיי איבערגעצאמט און געמאכט פון זיי סטאָילעס, דעם מאָלערישן פּארקעט פארוואלגערט מיט פערדישער צויע.

די פאשיסטן האָבן געפּרווט אָרגאניזירן אין דעם קאנט די פּראָדוקציע פון מעטאל. עס זײַנען געקומען צו פליִען פאָרשטייער פון

די פירמעס „שטאלווערקע־בראונשווייג", „פּאַש", „פּערייניגטע אליר־
מיניומווערקע", „יונקערס". זיי האָבן געוואָלט אופשטעלן דעם זאַ־
פּאָראָזשיער אליומיני־זאַוואָד, „דניעפּראָספּעצסטאל", „זאַפּאָראָזש־
סטאל", נאָר די דיווערסיעס פון די אונטערערדלער און דער ווידער־
שטאנד פון אונדזערע ארבעטער האָבן געמאכט צונישט אלע זייערע
פּלענער. עמעס, אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן די אָקופּאנטן יאָ אָר־
גאניזירט איין פּראָדוקציע: נאָך די פּילצאָליקע און אומגעלונגענע
פּרווון צו לאָזן אין גאנג די מארטענעס און דאָמנעס האָבן זיי אין
מעטאלורגישן זאַוואָד אף פּעטראָווסקיס נאָמען געעפנט א... מאר־
מעלאד־פאבריק...

איך געדענק ווי איצט דעם פריידיקן טאָג, ווען עס זיינען באַ־
פרייט געוואָרן די היימישע פאר מיר ערטער — דניעפּראָפּעטראָווסק
און דניעפּראָדזערזשינסק. אונדזער שטאב האָט זיך געפונען אפן
טאמאנער האלב־אינדזל. מיר זיינען דאָ דיסלאָצירט געווען אף דער
טעריטאָריע פון א געוועזענעם פּיציכטלערישן סאָווירט. די ווירט־
שאפטלעכע ביניאָנים פונעם סאָווירט זיינען פאר אונדז געוואָרן
אייגנארטיקע פּאלאטקעס. באנאכט דעם 25 אָקטיאבער 1943 איז
געקומען צו לויפן צו מיר דער גענעראל זארעלוא, אופגעוועקט:

— סארא פרייד — מע האָט באפרייט דניעפּראָפּעטראָווסק! אונד־
זער מיליטער האָט מיט שטורעם איינגענומען סיי דניעפּראָפּעט־
ראָווסק, סיי דניעפּראָדזערזשינסק! מאָסקווע סאליוטירט!

צו יענער צייט האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט צו די זיג־סאַ־
ליוטן, אָבער דער דאָזיקער סאליוט איז געווען פאר מיר א באזונ־
דערער.

זייענדיק נאָך אפן פראָנט, האָב איך זיך שטענדיק אינטערעסירט,
ווי האלט עס אף דניעפּראָפּעטראָווטשינע נאָך דעם, ווי עס זיינען
פארטריבן געוואָרן די אָקופּאנטן. שוין אפן דריטן טאָג, דעם 28 אָק־
טיאבער 1943, האָבן די ארבעטער־פּעטראָווצעס געלאָזט אין גאנג
איינע פון די טורבינעס פון דער טערמאָעלעקטראָצענטראל און גע־
געבן דער שטאָט עלעקטרישע ענערגיע, און זומער 1944 האָבן זיי
געלאָזט אין גאנג דעם ערשטן מארטען־אויוון. אין מיין לייבלעכער
דזערזשינקע האָט מיך גערירט ביז טרערן א באשיידענער דענקמאָל
אינעם סקווער בא דעם דורכגאנג אפן זאַוואָד. אפן פּאָסטאמענט איז
געלעגן א גוס־שטיק שטאָל. מער גאָרנישט. דער אופשריפט האָט
מיטגעטיילט:

„דער ערשטער גוס־שטיק שטאָל, וואָס איז אָפּגעגאָסן געוואָרן
אפן מארטען־אויוון נומ. 5 דעם 21 נאָיאבער 1943, אפן 26־טן טאָג
נאָכן פארטרייבן די דייטשישע אָקופּאנטן פון דער שטאָט דניעפּראָ־
דזערזשינסק. שמעלצונג נומ. 5—1. שטאָלקאָכער פּ. אי. מאקלעס
און ג. א. פּאנקראטענקאָ".

מע האָט מיר דערציילט, אַז פראַנץ יאָסיפּאָוויטש מאַקלעס און גאַרדיי אַנטיפּאָוויטש פּאַנקראַטענקאָ האָבן ניט בלויז אויסגעשמאָלצן דעם דאָזיקן ערשטן שטאָל, זיי האָבן אַליין פאַנאַנדערגענומען די ווענטלעך און דעם געוועלב פונעם כּאַרעוון אויוון, אַרויסגעדלובעט דעם צונויפגעבאַקטן „קאָזיאָל״ (פאַרגליווערטן מעטאַל), אַליין אויפגעשטעלט דעם מאַרטען. ביידע זײַנען זיי שוין געווען זקיינים, ביידע אָנטיילגענומען אויך אינעם בירגערקריג, ביידע געווען אַרטילעריסטן אויף אַ פּאַנצערצוג, וואָס איז אויסגעניטעוועט געוואָרן אויף אונדזער זאַוואָד אינעם ווינטער 1919. און ביידע האָבן מיט זיך פאַרקערפערט די אַרבעטסלײַט, וועגן וועלכע וולאַדימיר איליטש לענין האָט געזאָגט אינעם זעלבן 1919:

„די ערשטע פּראָדוקטיווע קראַפט פון דער גאַנצער מענטשהײַט איז דער אַרבעטער, דער האָרעפּאַשניק. אויב ער וועט בלײַבן לעבן, וועלן מיר אַלץ ראַטעווען און אויפשטעלן״.

נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז דער דאָזיקער געדאַנק באַשטעטיקט געוואָרן אויסערגעוויינלעך בוילעט. און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָלט איך וועלן אַרויסזאָגן איינעם אַ געדאַנק. אין דער וועלט זײַנען קעגנגעשטעלט אין קאַמף צוויי סאָציאַלע סיסטעמען. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, ווען לענין האָט נאָך געלעבט, סע דויערט הײַנט, און עס זײַנען אומפאַרמײַדלעך די פאַרגלײַכן — ווער וויפל האָט אויסגעשמאָלצן שטאָל, אַרויסבאַקומען נאַפט, פּראָדוצירט עלעקטרישע ענערגיע, ברויט, בוימוואָל. צו די דאָזיקע כעזשבוינעס קומען מיר אָן, עס פירן זיי אויך אונדזערע אידעאָלאָגישע קעגנער. זײַענדיק געצוווּנגען צו אָנערקענען, אַז אין אַ סאַך הינזיכטן האָט דער סאָוועטנפאַרבאַנד דעריאָגט, לעמאָשל, די פּשאַ און אין אַ ריי וויכטיקסטע עקאָנאָמישע צײַגערס אַפילע ווײַט אַריבערגעיאָגט, שטעלן זיי אָבער די גאַנצע צײַט אַרויס יענע צײַגערס פון דער עקאָנאָמיק, אין וועלכע די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע האָט נאָך דערווײַל ניט אָפּגעטראָטן דאָס ערשטע אָרט.

דערבײַ פאַרשווײַגן זיי זאָרגזאַם, פּרווון זיך אויסבאַהאַלטן פון זייערע לייענער און צוהערער יענע היסטאָרישע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר און זיי זײַנען געווען. אין אָט דעם, לויט זייערע ווערטער „אָרנטלעכן״ פאַרמעסט האָט, אַגעוו, איין צאַד, וואָס איז אָפּגעצאַמט דורכן אָקעאַן פון פײַנטלעכע אינוואַזיעס, אָנגעלעבט פאַרמעגנס פון יעדער מילכאָמע, און דער צווייטער צאַד איז אויסגעשטאַנען קעסיידערדיקע פּראָוואָקאַציעס, געטראָגן אויף זיך די שווערסטע לאַסט פון די מילכאָמעס און כורבוינעס, איז אין פיל געביטן געווען געצוווּנגען אָנצוהייבן שיר ניט אַלץ פון אָנהייב. אַזוי איז געווען סײַ אין זאַפּאָראָזשיער געגנט, סײַ אין דניעפּראָפּעטראָווסקער — דאָס האָב איך געזען מיט די אייגענע אויגן. אַזוי איז געווען

אינעם גאנצן לאנד: די צווייטע וועלט־מילכאָמע האָט פארניכטעט א דריטכיילעק פון אונדזערע נאַציאָנאַלע רײַכטימער.

ניט ווילנדיק טראכסטו וועגן דעם, וואָס מיר וואָלטן אופגעטאָן, אַף ווי ווײַט מיר וואָלטן אוועק פאָרויס סײַ אין דער סאָציאַלער, סײַ אין דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, ווען מע וואָלט אונדז ניט געשטערט, ניט געשטעלט קיין שטעקנס אין די רעדער, ניט אָפּגע־ריסן פון דער פרידלעכער ארבעט, ניט געצווּונגען מיטן באוואָפּע־נונגס־געיעג צו פאטערן פיל קויכעס און מיטלען אַף דער לאנדשוץ. און וואָס פאר א קראפט פארמאָגט די סאָוועטישע אָרדענונג, אונד־זער פאָלק, אויב, ניט געקוקט אַף אלע שטערונגען און מעכיצעס, האָבן מיר זיך דערשלאָגן צום העכסטן ניווע פון דער עקאָנאָמיק, וויסנשאפט, קולטור, מיט וועלכע מיר זײַנען געקומען צום זעכ־ציקיאָריקן אָקטיאבער־יובילײַ!

...סאכאקל א יאָר מיט דרײַ כאדאָשים איז מיר אויסגעקומען צו ארבעטן אין זאפּאָראָזשיע, נאָר קיין דניעפּראָפּעטראָווסק בין איך שוין אריבער מיט א באשטימטער דערפארונג. דאָ האָב איך אויך אָנגעהויבן פון ארומפאָרן איבער די זאוואָדן און קאָלווירטן, אָפּט געווען אַף די בויונגען, אראָפּגעלאָזט זיך אין די שאכטעס, זיך באַ־מיט צו זײַן וואָס מער פארבונדן מיט מענטשן. דער כאראקטער פון דער פארטיי־ארבעט איז א סאך מענטשן באקאנט, דעריי־בער וועל איך זאָגן וועגן עפּעס אנדערס, וועגן דעם עצעם סטיל פון אָט דער ארבעט. צו יענער צײַט האָבן די ארבעטס־דערפארונג, די מילכאָמע, דער פארקער מיט מענטשן, ווי אויך דאָס, וואָס כ׳האָב געלייענט און וועגן וואָס כ׳האָב געטראכט, שוין געוויס באשטימט מײַן ארבעטס־ און לעבנס־סטיל. אין פּרינציפּ דארף באַ אלע אונד־זערע אָנפירער זײַן איין סטיל — א לענינישער, א פּארטיײַשער, אין אלגעמיין איז דאָס טאקע אזוי. דערבײַ אָבער קאָן יעדערער האָבן זײַנע אייגנארטיקײַטן. באַ דער גאנצער געמיינזאמקײַט פון די אופּ־גאבן, פונעם פליכטן־קרײַז, באַ דער גאנצער מאָס פאראנטוואָרט־לעכקײַט פון די ערשטע סעקרעטארן פון די געגנטקאָמען ווײַזן זיך אומבאדינגט ארויס די כאראקטער־שטריכן פונעם מענטשן אַף אָט דער ארבעט.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז מיר אויסגעקומען צו פארבײַטן א מענטשן, וועמען איך האָב געקענט נאָך ביז דער מילכאָמע: פּ. א. נײַדיאָנאָוו איז דעמלט געווען פאָרזיצער פון געגנט־אויספּיר־קאָם. א פּראָנטאָוויק, אן אקטיווער ענערגישער אָנפירער, א טיף ערלעכער מענטש און מײַנער א גוטער כאווער — איך געדענק וועגן אים א סאך גוטס. אין זײַן ארבעט זײַנען אָבער געווען אויך כעס־רוינעס, די איניאָנים אין דער געגנט זײַנען געווען ניט קיין פויגל־דיקע, און געענדיקט האָט זיך אַלץ דערמיט, וואָס דער צענטראל־

קאָמיטעט פון דער אלקפּ(ב) האָט געשטעלט די פראגע וועגן בײַטן די אָנפירונג.

מײַן לעבנס־דערפארונג איז צוניץ געקומען אויך דאָ, אין דניע־פּראָפּעטראָווסק. איך געדענק די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט די די־רעקטאָרן פון די גרעסטע זאַוואָדן. עס איז געגאַנגען דער שניט, איך האָב געפרעגט בא פּ. יע. גאנזינען, דעם פּארוואלטער מיטן לאנד־ווירטשאפטלעכן אָפּטייל פון געגנטקאָם: ווי האלט בא אונדז מיטן טראַנספּאָרט? דער ענטפער איז געווען אזא, ווי איך האָב זיך גע־ריכט: שלעכט. און די שטאָטישע מאשינעס? האָט ער געענטפערט, אז אן אָנווײַזונג די זאַוואָדן — וויפל ווער עס דאַרף צושיקן לאסט־מאשינעס — איז געגעבן, נאָר די דירעקטאָרן ציִען, נארן אָפּ, און אויב אפילע זיי גיבן, איז די סאמע ערגסטע.

אין אָט דעם איניען איז געווען א פּעלערהאפטע סיסטעם: פון אויבן — ציפערן, גענומענע פון באלקן, פון אונטן — דריידלעך פון מענטשן, וועלכע דארפן אויך אויספילן זייער זאַוואָד־פּלאן. דערבײַ האָבן יענע, וועלכע פאָדערן, און יענע, וועלכע ענטפערן, אויסגע־צייכנט געוווּסט, אז אויב עס זײַנען פארשריבן, לאָמיר זאָגן, פער־ציק מאשינעס, ריכט מען זיך ניט מער ווי אף צוואנציק, — דאָס האָט זיך איבערגעכאזערט אלע יאָר. איך האָב זיך געזעצט צום טעלעפאָן און געבעטן, מע זאָל מיך פאַרבינדן מיטן דירעקטאָר פון ניקאָפּאָלער רערן־זאַוואָד נ. א. טיכאָנאָוו. זיך באגריסט, זיך פאָר־געשטעלט, דערנאָך געזאָגט:

— איך וועל אומבאדינגט, ניקאָלײַ אלעקסאנדראָוויטש, קומען צו פאָרן צו אײַך, נאָר שפּעטער. איצט אָבער העלפט, זײַט אזוי גוט, — עס איז רײַף געוואָרן אן אויסגעצייכנטע טווּע־גערעטעניש. איך ווייס, אז איר זײַט א גוטער דירעקטאָר, איך ווייס, אז בא אײַך איז א גוטער זאַוואָד. אויב איר וועט קאָנען העלפן דעם שניט, וועלן מיר אײַך זײַן זייער דאנקבאר. אָבער איך בעט די בעסטע שאָפערן, גוטע מאשינעס.

— פּופּצן וועל איך קאָנען אויסטיילן, — האָט ער געזאָגט.

— גיט א טראכט, האלט זיך אן אייצע מיט מענטשן. עס איז א שאָד, אויב מיר וועלן פארלירן ברויט...

אומגעפּער דאָס זעלבע האָב איך גערעדט מיט די אנדערע די־רעקטאָרן. די צאָל לאסטמאשינעס, וואָס איז באשטימט געוואָרן לויט דער ראזוויאָרסטקע, האָבן זיי צום שניט ניט צוגעשטעלט, נאָר בא־קומען האָבן מיר בעעמעס גוטע מאשינעס און שיר ניט אין צוויי מאָל מער איידער אין די פריִערדיקע יאָרן. און דאָס האָט מען גע־קאָנט זיך דערשלאָגן סאכאקל בלויז אדאנק א רויִקן מענטשלעכן געשפּרעך.

צו יענער צײַט האָב איך שוין גרינטלעך פאַרשטאַנען, אַז אַפילע פאַנאַנדערגייענדיק זיך מיט עמעצן אין אַ פּרינציפּיעלער פראַגע, דאַרף מען זיך סטאַרען מענטשלעך ניט באַאוולען דעם טוער, ניט פאַרטרײַבן אים אין אַ ווינקל און ניט דערנידעריקן. מע קאָן זאָגן: „איר האַקט אַ טשײַניק!" — און מע קאָן, אויב דער מענטש רעדט מיט האַרץ, זאָגן: „אַ דאַנק פאַר דער אײַצע, מיר וועלן אַ טראַכט טאָן. און וואָס, אויב מע זאָל אַ פּרוּוו טאָן אַזוי?"... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אײַנהאַלטן די עמאָציעס, אַז אויף דעם פּאָסטן, אויף וועלכן די פּאַרטיי האָט מיך אַרויסגערוקט, האָב איך ניט קיין רעכט אויף אַן אומבאַטראַכט וואָרט. ווען איך פלעג צונויפרופן די מענטשן אויף אַ באַראַטונג, האָב איך בעסעמעס זיך געײַלט מיט זיי, געגעבן יעדערן אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג און זיך ניט געײַלט מיט מײַנער. עס זײַנען דאָך אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע כאַווייִרים — זיי כאַפּן אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער „נאַטשאַלסטווע", און פאַרטיק, קיין אַנדער מיינונג ווילסטו שוין ניט הערן.

אַן אָנפירער שטייט שטענדיק בײַ אַלעמען פאַר די אויגן און טאָר ניט דעריבער אַרויסווײַזן קיין פאַרלוירנקייט, שוואַכקייט. וואָס עס זאָל ניט זײַן אויף דער נעשאָמע, מוז ער זײַן רויִק, מונטער און האַלטן די נערוון אין אַ צוים, קעדיי אויך די מענטשן זאָלן באַקומען פון אים אַן אָנלאָדונג פון זיכערקייט. צומאָל דערשאַצן מיר ניט די ראָליע פון הומאָר, אָבער זייער אָפט קאָן מען אויך מיט אַ וויץ העלפן דער זאַך.

אַלס וויכטיקן הייבער אינעם אופשטײַג פון דער לאַנדווירטשאַפט, אינעם קאַמף פאַר ברויט האָבן מיר דעמלט געהאַלטן די שעף־הילף פון די זאַוואָדן פאַר די קאָלווירטן. באַזונדערס וויכטיק זײַנען געווען געדעקטע טויקן, און מע וואָלט, נאַטירלעך, געקאָנט ווידער אָנהייבן פון ראַזוויאָרסטקע, באַפעלן, שטראָפן, נאָר איך בין זיך באַגאַנגען אַנדערש. איינמאָל זײַנען זיך צונויפגעקומען אין געגנטקאָם די דירעקטאָרן פּ. נ. באַלאַקין, נ. ר. פּאַפּאָוו, אי. אי. קאַראַבאָוו, פּ. וו. סאַווקין און אַנד. דער געשפּרעך איז געגאַנגען וועגן די זאַוואָדישע איניאַנים, און מיטאַמאָל האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— אָט האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז פּיאָטער וואַסיליעוויטש האָט אויסגעדריקט זײַן ווילן צו אויסשטאַטן צוואַנציק געדעקטע טויקן.

סאַווקין, דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד אויף לעגינס נאָמען, שפּעטער אַ העלד פון סאָציאַליסטישער מי, האָט זיך שיִער ניט דערוואָרגן:

— ניין, לעאָניד איליטש, קיין צוואַנציק וועל איך ניט אַרויסציִען. נײַן — עפּשער יאָ.

— נו, מײלע, אָפּגערעדט! און װאָס װעט זאָגן איליא איװאנאָ־װיטש?

דערנאָך האָבן מיר אַלע געלאַכט, אָבער דער איניען האָט זיך א רוק געטאָן פון אָרט. אָדער א צװײטער פּאַל. זומער, אין די גרױסע היצן, האָב איך אײַנגעלאַדן צו זיך דעם פּאַרזיצער פון געגנטפּלאַן און דעם פּאַרװאַלטער מיטן אָפּטײל פון דער אַרטיקער אינדוסטריע פון געגנטקאָם. מיר האָבן געשמועסט װעגן די אָרדנטלעכע איניאָ־נים, און װי דערעכאַגעװ האָב איך א פרעג געטאָן:

— עס װאָלט ניט געשאַדט אױסטרינקען א גלעזל ברױט־קװאַס, האַ?

— אװאַדע גוט, — האָבן בײדע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אין דער געגנט ארבעט מען אים אױס?

— נײן... דערװײַל.

האָב איך אָנגעקװעטשט די קנאָפּקע, און, װי עס איז געװען אָפּ־גערעדט, האָט מען אין קאַבינעט ארײַנגעטראָגן א קריגל קװאַס, װאָס אײנע פון די מיטארבעטערנס האָט געבראַכט פון דער הײם.

— זײַט זיך מעכאַבעד...

מיטן געגנטפּלאַן האָט פּאַרװאַלטעט ג. מ. דריוטשענקאָ, מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער, מיט װעמען מיר האָבן געדינט נאָך אין טראַנסבײַקאַל אין אײן טאַנקען־ראָטע. ער האָט גלײַך פאַרשטאַנען, װאָס איך בין דאָ אױסן.

— נו, גריגאָרי, — פרעג איך, — גוטער קװאַס?

— מירן זיך פאַרנעמען, — ענטפערט ער. — הײַנט נאָך װעלן מיר צונױפרופן די מענטשן.

— װי זשע שעמט איר זיך ניט? — זאָג איך. — אױב דאָ בא אונדז איז הײס, װי זשע איז איצט בא די מאַרטענער, בא די דאָמ־נע־אױװנס? מיט װאָס זאָל דער ארבעטער שטילן דעם דאָרשט? װער זשע, אױב ניט דער געגנטפּלאַן, די אָרטיקע אינדוסטריע האָבן געדאַרפט װעגן דעם א טראַכט טאָן? װען װעט איר דאָס טאָן? טערמינען!

עס איז דערגאַנגען: אין דעם זעלבן זומער האָט אין שטאָט זיך באַװיזן קװאַס.

מענטשן זײַנען פאַראַן פאַרשײדענע און רײדן מיט זײ דאַרף מען אױך פאַרשײדן. אָבער אַן אַנדערשמאָל איז אױך שװײַגן — שײן גערעדט. אַפּן פּעטראָװסקי־זאַװאָד איז געװען א שװערע לאַגע מיטן לאָזן אין גאַנג דעם צעך פון רעלסן־באַלקעס. די טערמינען האָבן שױן געהאַלטן באַם ענדיקן זיך, און דאָרט — ארבעטן, ניט דער־פירטע ביזן סאָף, שטרײַטן צװישן די פּראָיעקטירער, בױער, סובלי־פעראַנטן — ס'איז אױסגעקומען צונױפרופן זײ אין געגנטקאָם פון דער פּאַרטײ. די אינערלעכע רײַסערײַען זײַנען פאַרגעזעצט געװאָרן

אויך דאָ — דעריקער זײַנען אַלע אָנגעפאַלן אַפן זאַוואָד, וועלכער פאַרהאַלט, זעט איר, מיטן אָנעמען די אַרבעט. דעמלט האָט זיך אופגעהויבן דער שעף פונעם צעך פון רעלסן־באַלקעס און גענומען פאַרבייגן די פינגער: דאָרט זײַנען די באַלטן ניט פאַרשרויפט, דאָרט א דעטאַל ניט אַפן אָרט, דאָרט די עלעקטריק ניט אָפּרעגולירט — ער קאָן ניט אונטערשרײַבן דעם אַקט, אַף דעם דאָזיקן געשטעל דאַרף ער דאָך אַרבעטן.

אַלע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט. און, ווי עס פירט זיך, האָט מען געוואַרט אַף דער רעזומע פונעם ערשטן סעקרעטאַר, עפּשער אויך אַף א גאַב, נאָר איך האָב בלויז געפרעגט:

— כאַווײרים, אַלעמען איז קלאָר, וואָס מע דאַרף טאָן?

— קלאָר, — ענטפערט מען.

— איז גייט און טוט.

אָט איז דאָס גאַנצע שלוסוואָרט. איך האָב דערזען, אַז די מענטשן, ווען זיי האָבן זיך נאָך געגרייט צו דער באַראַטונג, האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין זייערע אומקאָאָרדינירטקײַטן, דער־פילט זייער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. עס איז וויכטיק געווען צו געבן זיי צו פילן, אַז דער געגנטלעכער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי שפּירט נאָך דעם דאָזיקן וויכטיקן אָביעקט און גלייבט, אַז זיי וועלן מיט דער אופגאַבע זיך ספּראַווען. און אַזוי איז דאָס געווען.

8

זייער פיל אופמערקזאַמקײַט האָט דער דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטקאָם געשענקט דער פראַגע וועגן צוקלײַבן, פאַנאַנדערשטעלן און דערציִען די קאַדרען. די דאָזיקע פראַגע איז דעמלט געשטאַנען מיט א באַזונדערער שאַרפקײַט: טויזנטער פּאַרטייִשע און סאָוועט־טישע טוער זײַנען אומגעקומען אַף די פראָנטן, אין די פּאַרטיזאַני־שע אָטריאַדן, אין דער אונטערערד. די מענטשן, וועלכע זײַנען גע־קומען זיי פאַרבײַטן, האָט נאָך געפעלט דערפאַרונג, קענטעניש. „די פראַגע וועגן דער אָנפירונג — דאָס איז א פראַגע וועגן קאַד־רען" — אָט דאָס איז דער פּרינציפּ, באַ וועלכן מיר האָבן זיך גע־האַלטן, אוועקשטעלנדיק די אַרבעט. די ביוראָ פון געגנטקאָם האָט אָפּט באַהאַנדלט די פּאָליטישע און זאַכלעכע אייגנשאַפטן פון די קאָמוניסטן, וועלכע ווערן אַרויסגערוקט אַף אָנפירנדיקע פּאָסטנס, געפּאָדערט, מע זאָל דרייסטער אַרויסרוקן ענערגישע, פייִקע מענטשן, און אינגאַנצן גענומען האָבן מיר, ווי די צײַט האָט באַ־וויזן, קיין טאָעס אין זיי ניט געהאַט.

עס פלעגן זיך טרעפן, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געוויסנהאַפטע טוער, אָנפירער, וועלכע זײַנען „פאַרזײַערט" געוואָרן, מענטשן „מיט לעכערדיקע נעשאָמעס" (אויסדרוקן פון די דעמלטיקע סטענאָגראַמעס) — צו זיי זײַנען מיר געווען אומקאָמפּראָמיסלעך. אין דעקאַבער 1947 איז אין לאַנד דורכגעגאַנגען די געלט־רעפאָרם, און עס האָבן זיך געפונען טוער, וועלכע האָבן, אויסנוצנדיק זייער אַמטלאַגע און וויסנדיק פאָרויס די טויש־באַדינגונגען, זיך א וואָרף געטאָן אַרײַנטראָגן געלט אין די שפּאָרקאַסעס, קעדיי דערוף געווינען. איך בין באַשטאַנען דערויף, מע זאָל זיי אויסשליסן פון דער פּאַרטיי. פּונקט אַזוי האָב איך זיך דערשלאָגן, מע זאָל אַראָפּנעמען פון די פּאָסטנס (אָן „אײַנאָרדענען" אַף אַנדערע, אויך אָנפירנדיקע פּאָסטנס) די מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעוואַלגערט די אַרבעט איבער זייער אומפייִקייט, באַגרענעצטקייט. אויס מענטשלעכקייט איז אַף אייניקע געווען אויך א ראַכמאָנעס, מע טאָר אָבער ניט זײַן קיין גוטער אַפן מעלוכישן כעזשבן.

און יענע, וועלכע האָבן דערוויזן, אַז זיי קענען אַרבעטן, וועמען דער געגנטלעכער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט געטרויט, האָבן געדאַרפט פילן דעם דאָזיקן צוטרוי. מיטן אַלגעמיינעם אָפּטייל פון געגנטקאָם האָט בא אונדז פאַרוואַלטעט יע. נ. מאַליאַרעווסקי, מיט וועמען איך בין געווען באַקאַנט נאָך ביז דער מילכאָמע און מיט וועמען איך האָב זיך געטראָפן אַפן פראָנט. „אויב דו דאַרפסט עפּעס, גיי אַרײַן, ווען דו ווילסט", — האָב איך אים געזאָגט, ווען איך בין געקומען קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. און ווירקלעך, איך פלעג אים שטענדיק אויסהערן, אונטערהאַלטן, העלפן, ווען מע דאַרף, מיט אַן אייצע. איך זע — די אַרבעט קען ער. הייסט עס, אַז מע דאַרף אים געבן איניציאַטיוו אינעם אויספילן יענע אויפגאַבן, וועלכע זײַנען פאַר אים אַוועקגעשטעלט.

באַווײַזנדיק א סאַך טוער, אַז איך טרוי זיי, און טאַקע איבערגעבנדיק זיי די לייזונג פון דער מערהײַט לויפנדיקע פראַגן, האָב איך באַקומען פרײַע צײַט צו מאַכן אַן אַנאַליז פון דער סיטואַציע, באַטראַכטן די פּערספּעקטיווע פּראָבלעמען, שטעלן פּרינציפּיעלע אויפגאַבן. די ערשטע פון אָט די אויפגאַבן איז פעסט דערלערנט געוואָרן נאָך אין זאַפּאָראָזשיע — דערשלאָגן זיך א קענטיקע פאַרבעסערונג סײַ פון דער אָרגאַניזאַטאָרישער, סײַ פון דער פּאַרטייִשפּאָליטישער אַרבעט. אַף דער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין פעוורואַל 1948 איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן:

— די אויפגאַבע באַשטייט דערין, אַז מע זאָל ריכטיק צונויפפּאָרן די פּאַרטייִשע אַרבעט מיט דער ווירטשאַפטלעכער אָנפירונג. דאָס איז — קונסט. און אָט די קונסט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט דאַרף מען זיך לערנען...

איך דארף זאָגן, אז מיר אליין איז אויך אויסגעקומען די גאנצע צײַט צו לערנען זיך. און דאָס איז, פארשטייט זיך, נייטיק אלעמען — די סיטואציע ענדערט זיך די גאנצע צײַט, עס קומען אויף נײַע פּראָבלעמען. א פּאַרטיי־אָנפירער, אויב ער וויל ניט בלײַבן הינטערשטעליק, דארף דאָס גאנצע לעבן זיך לערנען.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָב איך געטראָפן דעם אָרדנטלעכן עטאַפּ פון דער אופשטעלונג: די זאַוואָדן האָבן שוין אָנגעהויבן געבן פּראָדוקציע. און כאָטש א סאך צעכן זייערע זײַנען נאָך געווען כאָרעוו, כאָטש א סאך שאכטעס זײַנען נאָך געווען פארטרונקען, האָט די אינדוסטריע זיך געשטעלט אף די פיס. איצט האָט מען געדארפט אונטערציִען די וווינונגס־בויונג, די קולטור, דעם שטייגער. קעדיי עס זאָל קלאָר ווערן די שארפקײַט פון דער פראגע, וועל איך ברענגען א טייל פון אן ארויסטרעטונג אף דער X שטאָטישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין דניעפּראָדזערזשינסק:

„איך זע אין זאל א סאך מײַנע כאַווײרים, געוועזענע מיטשילער, וועלכע ארבעטן איצט אלס שעפן פון צעכן, שעפן פון וואכטעס, — די כ׳כ לעווינאָוו, אָלייניק, גרעטשקין און אנדערע. זיי און אײַך אלעמען וויל איך אָפן זאָגן, אז מיט דער וווינונגס־בויונג האָבן דער געגנטלעכער קאָמיטעט און דער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי זיך פארנומען ניט גענוגנדיק. צו וואס איז דערגאנגען די זאך, אויב עס קומט אויס מיטיילן אף דער קאָנפערענץ, אז דער וווינונגס־פּלאן איז אויסגעפילט סאכאקל אף 11 פּראָצענט.

א שטים פון זאל: אף 7 פּראָצענט!

— אפילע אף 7. דאָס איז דאָך א ביזאָיען! מיר ריידן, אז מע דארף פארפעסטיקן די ארבעטער, און מיר דולדן אזא לאַגע. דער נײַ־אויסגעוויילטער באשטאנד פון שטאָטקאָם און געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי דארף מאכן דערצו א סאָף. די מענטשן האָבן זיך גענוג אָנגעמאטערט אין די מילכאָמע־יאָרן, איבערגעלעבט גרויסע שוועריקײַטן צוליב אונדזער זיג, און איצט האָבן זיי רעכט צו פאָדערן, מע זאָל פארבעסערן די שטייגער־באדינגונגען. מיר, באָלשעוויקעס, האָבן געגעבן א געוויסן וועקסל דעם פאָלק, אז מיר וועלן העכערן דעם מאטעריעלן ניוואָ און קולטור־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע. מיר זײַנען מעכויעוו צו דעקן דעם ארויסגעגעבענעם וועקסל!“

די קאָמפּליצירטקײַט פון דער סיטואציע איז באשטאנען דערין, וואס די אָרטיקע סאָוועטן האָבן נאָך געהאט ווייניק געלט, די גרונט־מיטלען האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די זאַוואָד־דירעקטאָרן, און בויען שטעט האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז, פאקטיש, ניט געווען קיין צענטער, דער קארל מארקס־פּראָספּעקט איז נאָך געלעגן אין רוּינען, און אין די פאָרשטעט האָבן זיך געבויט פּרימיטיווע ארבעטער־יִישווים. מע האָט אפילע צוגעטראכט

אן אייגנארטיקע טעאָריע, אַז די שעפּן פון די צעכן — פונעם דאָמ־נע־צעך, שטאָל־שמעלצונג, וואַלצונג — זײַנען, מאַלט אײַך, מעכּויעוו צו ווינען באַם זאַוואָד. דעמלט איז דאָך נאָך קיין טעלעפאָן ניט געווען, קיין טראַמוויַע, קיין מאַשינעס, אין בעסטן פאַל — אַ בעדאַרקע מיט אַ פערד. (איך געדענק, איינער פון די אָנפירער האָט אויף דער פראַגע, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט אויף דער פּלאַניאָרקע, געענטפערט מיט אַ באַס: „קיין מאַשין האָב איך ניט, און די שקאַפע האָב איך געשטעלט אויף פּראָפילאַקטיק".)

מע האָט געדאַרפט צווינגען די זאַוואָדן צו בויען ניט קיין ביליקע צײַטווײַליקע הײַזקעס, נאָר וויל־אײַנגעאָרדנטע הײַזער, און ניט אין עק שטאָט, נאָר אין צענטער. שמועסנדיק פרײַנטלעך מיט די דירעקטאָרן, האָב איך זיי דערוויזן: זייער אַמטלעכע בוי־פּאָליטיק גיט בלויז אַן איליוזיע פון שפּאָרן מיטלען, פריִער אָדער שפּעטער וועט זיך דאָס ענדיקן מיט העזייקעס. אויף דער ביוראָ פון געגנטקאָם איז שוין געגאַנגען אַן אָפיציעלער געשפּרעך וועגן דעם, אַז מיר זײַנען מעכּויעוו צו פאַרבויען די הויפּט־מאַגיסטראַלן פון שטאָט, אוועקשטעלן אויף זיי שיינע הײַזער, באַזעצן זיי מיט די בעסטע פּראָדוציר־אַרבעטער, מיט אינוואַלידן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, מיט די מישפּאָכעס פון די אומגעקומענע, זיי זאָלן אָפּאַנעמעסן דערפילן די זאָרג פון דער פּאַרטיי און רעגירונג וועגן פאַרבעסערן זייער לעבן. אָבער די אַרבעט איז געגאַנגען לאַנגזאַם.

אין סאָף מײַ 1948 בין איך ווידעראַמאָל אויסגעפאָרן די גאַנצע געגנט, געווען אין ניקאָפּאָל, פּאַוולאָגראַד, קריוואָי ראָג, נאָוואָמאָסקאָווסק, מאַרגאַנעץ, איך האָב אַ סאַך געזען, און, פאַרפעסטיקנדיק זיך אין מײַנע פאַרטראַכטן, האָב איך צונויפגערופן די דירעקטאָרן פון די גרויסע זאַוואָדן און אָפן געזאָגט, אַז קיין קוסטאַרשטשינע וועט דער געגנטקאָם מער ניט דולדן, די שטאָט דאַרף זײַן אַ שטאָט — עס איז געקומען דערויף די צײַט. די דירעקטאָרן האָבן זיך געהאַלטן פאַרזיכטיק, זיי האָבן גערעדט, אַז זיי זײַנען דערפאַר מיטן גאַנצן האַרצן, נאָר קיין מיטלען זײַנען ניטאָ, און קיין גוטע פּראָיעקטן זײַנען אויך ניטאָ, די בוי־באַזע איז אַ שוואַכע און נאָך פאַרשיידנס, וואָס עס ווערט גערעדט אין ענלעכע פאַלן.

— איך האָב אַ פאָרשלאָג, — האָב איך געזאָגט צום סאָף. — לאָמיר אַלע צוזאַמען אַ קוק טאָן אויף אַ גוט אָרגאַניזירטער שנעל־בויונג. מיר וועלן באַשליסן, וואָס מע קאָן איבערנעמען. ווײַט פאָרן וועט ניט אויסקומען. מאַסקים?

— מאַסקים, — ענטפערט מען.

— לאָמיר טאַקע ניט אָפּלייגן. פאַרזאַמלען זיך מאָרגן באַ דער געבײַדע פון געגנטקאָם זיבן נאָל־נאָל.

און זיבן אינדערפרי האָבן מיר זיך אוועקגעלאָזט איינע נאָך די אנדערע אָף עטלעכע מאשינעס — דירעקטאָרן, אָנפירער פון בוי־טרעסטן, טוער פון שטאָטקאָם און געגנט־אויספירקאָם. איך געדענק, דער טאָג איז געווען א כמורנער. מיר זײַנען פארבײַגעפאָרן מאנ־דריקאָווקע — איינע פון די סלאָבאָדקעס מיט הײַזקעס, וועלכע האָבן זיך געקלעפּט צום בארג־שיפּוי, — און זיך געלאָזט אָף דאָרעם אי־בער א צעקלאַפּטן וועג. קימאט אפן גאנצן מעהאלעך איז ער געווען פוסט, קיין פארבײַגייער האָבן מיר קימאט ניט געטראָפן, מאשי־נעס — קיין איינע ניט. די ביימער פוןביידע זײַטן זײַנען געווען פארברענט, די פעלדער צעגראָבן מיט אָקאָפּעס, בלויז ערגעץ־ווו האָבן געארבעט טראקטאָרן אָדער טראָפּיינע שלעפּ־מאשינעס. אָט אזוי זײַנען מיר געפאָרן א שאָ צוויי. דערנאָך זײַנען מיר ארוף אָף א בערגל, און פון אונטן האָט זיך געעפנט די פּאנאָראם פון „דניע־פּראָהעס”. הינטער איר איז אין א קעסל־טאָל געלעגן א גרויסע ווײַסע שטאָט. ס׳האָט פונקט זיך באוויזן די זון, וועלכע האָט א שפּיל געטאָן אין די פענצטער, די הײַזער האָבן אויסגעזען הויכע, ליכטיקע... א וואָרעם געפיל האָט מיך ארומגעכאַפּט: איך בין גע־פאָרן קיין זאפּאָראָזשיע ווי א פּאָרשטייער פון דער שכײַנישער געגנט, נאָר אין דער זעלבער צײַט בין איך דאָ געווען אן אייגע־נער מענטש.

ניט אומזיסט זאָגט מען, אז בעסער איז איין מאָל זען, איידער הונדערט מאָל הערן. מײַנע עקסקורסאנטן האָבן געזען דעם אס־פאלטבעטאָן, וועגן וועלכן איך האָב זיי ניט איין מאָל דערציילט. זיי האָבן זיך פארינטערעסירט מיט די קאבעל־קראנען, וועלכע די זאפּאָראָזשצעס האָבן שוין געניצט. מיט א באזונדער אופמערקזאמ־קײַט האָבן זיי געקוקט, ווי מע לייגט אײַן לויטן „מעטאָד פון דורכ־שטעכן” די וואסערלייטונג. די הידראווילישע דאָמקראטן האָבן ארײַנ־געקוועטשט אין גרונט 800־מילימעטערדיקע רערן, און אזויארום איז פאר אונדזערע אויגן דורכגעגאנגען שיר ניט א גאנצער קוואר־טאל. עס זײַנען, פארשטייט זיך, געווען א סאך פראגן — וועגן די טערמינען, וועגן דעם קאָסט, ארבעטס־פּראָדוקטיווקײַט, וועגן בוי־מאטעריאַלן. דערנאָך האָבן מיר געגעסן מיטיק אין דער ארבעטער־גאָרקיך און שפּעט באנאכט זיך אומגעקערט אהיים. אָף צוריקוועגס איז אויסגעקלאָרט געוואָרן, אז צוויי דירעקטאָרן — פונעם זאוואָד אָף באבושקינס נאָמען און פונעם זאוואָד אָף ליבקנעכטס נאָמען — האָבן שוין אויסגעקוקט די פּאסיקע פּילשטאָקיקע הײַזער און אפילע זיך צונויפגערעדט וועגן אויסנוצן א צווייט מאָל די פּראָיעקטן... און אין א האלב יאָר ארום זײַנען אפן הויפּט־פּראָספּעקט אויסגע־וואקסן אָט די הײַזער־קראסאוועצעס, וועלכע האָבן געגעבן א שטויס צו פארבויען דעם צענטער. דער אָנהייב איז געמאכט געוואָרן!

אינטערעסאנטער פון אלץ, עפּשער, איז געווען דער גורל פון דער ברעג־גאס. איצט איז עס דאָס שענסטע אָרט אין שטאָט, און דעמלט האָבן די פּאַשיסטן איבערגעלאָזט פון איר בלויז כורוועס. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אָט די ברעג־גאס אָן אָפּגעבויטע. אָבער די ווירטשאַפטלער, ווען זיי זײַנען ארײַנגעדרונגען אין די פריידיקע פּערספּעקטיוון, האָבן בלויז געשאָקלט מיט די קעפּ: „ווער וועט דערלעבן צו זען אזא פּראַכט?" און קימאַט אלע האָבן דערלעבט! גאָר גיך האָט דער אוילעם זיך געכאַפּט, אז באזעצן זיך אפן ברעג איז גאָר ניט שלעכט — דער דניעפּער איז א דניעפּער, — האָט מען זיך א וואָרף געטאָן בעטן באצירקן, נאָר עס איז שוין געווען שפּעט — דער אויספּירקאָם פון שטאָטסאָוועט האָט זיי שוין צעטיילט אף פאַרבויען.

פאַרשטייט זיך, אין די שווערע נאָכמילכאָמע־יאָרן האָט דאָס לאַנד געוואָרפן די גרונט־קויכעס און מיטלען אף אופלעבן די אינדוסטריע, די לאַנדווירטשאַפט — דאָס איז געווען געזעצמעסיק און ריכטיק. צומאָל אָבער האָבן אונטערן צודעק פון אָט דעם ריכטיקן לאָזונג זיך אויסבאהאלטן ניטרירעוודיקײַט, אומווירטשאַפטלעכקײַט, פּאָשעט ניט קענען ארבעטן. אָבער די הינטערשטעליקײַט אין פּראַט פון וווינונגען, טראַנספּאָרט, שטייגער, קולטור האָט אומבאַדינגט געווירקט אף דער ארבעטס־פּראָדוקטיוקײַט און, דאָס הייסט, אויך אפן וווקס פון דער פּראָדוקציע.

דער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי האָט געפּאָדערט בא די אָנפירער — פּאַרטייִשע, סאָוועטישע, ווירטשאַפטלעכע — איניציִאַטיוו. איינמאָל האָב איך א זאָג געטאָן די סעקרעטארן פון דניעפּראָפּעטראָווסקער שטאָטקאָם פון דער קפּ(ב)או ק. ק. טאראסאָוון, פּ. פּ. כראַפּונאָוון און דעם פּאָרזיצער פון שטאָט־אויספּירקאָם נ. יע. גאַווריִלענקאָן:

— נעמט א גרויס רענצל און פאָרט קיין מאָסקווע. אומבאַדינגט אף אן אופנעם צו די מיניסטאָרן. דערציילט זיי וועגן די כורבוינעס, באווײַזט זיי פאָטאָגראַפיעס. זאָלן זיי געבן מיטלען פאַרן בעשוטפּעסדיקן בויען א וואסערלייטונג־טורעם, דעם טראַמווײַ, די קינדערגערטנער, וווינונגען. זאָגט, אז דאָס איז נייטיק טאקע פאַר זייערע ארבעטער. גייט ארײַן אנטשיידן, פּאָדערט פעסט. איר זײַט קאָמוניסטן, און א קאָמוניסט דאַרף זײַן דרייסט.

עס איז אויסגעקומען אזוי צו טאָן, און דאָס האָט געגעבן גוטע רעזולטאטן. די זאוואָדן האָבן אָפּגעגאָסן טשוהונענע שטאכעטן פאַר די סקווערן, געשטעלט לאַמטערנס, סלופּעס פאַר די טראַמווײַ־ליניעס, טויזנטער ארבעטער און אָנגעשטעלטע זײַנען ארויס אף ארבעטס־זונטיקן — פאַנאַנדערגענומען די אָנוואַלגערונגען, געפלאַנצט בלומען און ביימער. דעמלט זײַנען פאַרלייגט געוואָרן דער טשקא־

לאָוו־פּארק און דער שעוטשענקאָ־פּארק — די שענסטע אין שטאָט. א גרויסע פרייד איז געווען פאר די קינדער דאָס עפענען די קינדערשע אײַזנבאַן. דערנאָך האָבן מיר באקומען אין אלפארבאנדישן צענטראלן ראט פון די פּראָפארייַנען געלט אף אופשטעלן דעם פּאלאץ פון די קאטערינע־צײַטן. עס איז באשלאָסן געוואָרן איבערגעבן אים די סטודענטן, און יעדער סטודענט פון א הויכשול האָט אָפּגעארבעט צו 50 שאָ אף דער בויונג. אָט אזוי איז געבוירן געוואָרן בא אונדז א קולטור־פּאלאץ פאר די סטודענטן — א פּרעכטיקער ארכיטעקטור־דענקמאָל און דער פּאָפּולערסטער יוגנט־קלוב אין דניעפּראָפּעטראָווסק.

נאָר אָט וואָס מע דארף דאָ צוגעבן. פאָדערנדיק איניציאטיוו פון די מענטשן, דארף זיי דער פּארטיי־אָנפירער אין קאָמפּליצירטע מאָמענטן נעמען אונטער דער שוץ, אופנעמען דעם קלאַפּ אף זיך. אזוי איז געווען, לעמאָשל, מיטן דירעקטאָר פונעם ניקאָפּאָלער רערן־זאוואָד נ. א. טיכאָנאָוו. וועגן דעם שטייגער פון די ארבעטער האָט ער זיך געזאָרגט, קאָן מען זאָגן, בעסער פון אנדערע, און בא אים אפן זאוואָד איז די ארבעט געגאנגען ניט שלעכט. (דאָס איז, אגעוו, געזעצמעסיק: ווו עס איז ניטאָ קיין זאָרג וועגן די מענטשן, דאָרט איז ניטאָ וואָס צו ווארטן אף גוטער ארבעט). אונטערהאלטנדיק די ליניע פונעם געגנטקאָם פון דער פּארטיי, האָט טיכאָנאָוו געעפנט א סטאציאָנאר פאר קראנקע ארבעטער, אָרגאניזירט א גוטע „אָרס"[1]־גאָרקיך, אָנגעהויבן אופשטעלן דעם וועג, וועלכן די פּאשיסטן האָבן כאָרעוו געמאכט, ער האָט איינער פון די ערשטע אין דער געגנט אָפּגערעמאָנטירט דעם זאוואָד־קלוב. נאָר אפן רעמאָנט האָט מען אים אויסגעטיילט, גערעכנט זיך, זיבן הונדערט טויזנט רובל, און אויסגעבן איז אויסגעקומען שיר ניט אין דרײַ מאָל מער. דאָ איז אראָפּגעקומען צו אונדז טעוואָסיאן, מיר זײַנען געפאָרן זאלבעדריט, און איוואן פּיאָדאָראָוויטש האָט געזידלט דעם דירעקטאָר:

— ווער ביסטו, ראָקפעלער? דערוף האָבן מיר דיר געגעבן געלט?

דערווײַל האָט די מאשין זיך אָפּגעשטעלט, מיר זײַנען ארויס און דערזען פאר זיך דעם ראכוועסדיקן, ריינעם, שיינעם ביניען פונעם קלוב.

— יאָ־יאָ, — האָב איך געזאָגט, ווי אונטערהאלטנדיק דעם מיניסטער, — אָט אזא מין „דאטשקע" האָט ער אויסגעבויט פּערזענלעך פאר זיך!

טעוואָסיאן האָט א כמיקע געטאָן, מיר זײַנען אוועקגעפאָרן ווײַ־

---

[1] „אָרס" — отдел рабочего снабжения — אָפּטייל פון ארבעטער־באזאָרגונג (איבערז.)

טער, פאַרקערעוועט אַפן נײַעם וועג, און דאָ איז ער ווידער געוואָרן אופגעבראכט.

— וואָס זאָל מען מיט דיר טאָן? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום דירעקטאָר. — מע האָט מיר שוין פון פינאַנץ־מיניסטעריום גע־קלונגען, זיי ווייסן וועגן אָט דעם וועג.

— און דער געגנטקאָם ווייסט, — האָב איך געזאָגט, — אָן אים וואָלט ניט געווען קיין נאכט־וואכטע. ס'איז דאָך ניט פאַר זיך, איוואַן פיאָדאָראָוויטש, ניט פאַר דער פּערזענלעכער קעשענע. איר ווילט, וועלן מיר אָט דעם וועג פאַרענדיקן ווי אַ פאָלקס־בויונג?

אזוי האָבן מיר דערנאָך טאקע געטאָן, און פון די פּאָרוווּרפן האָבן מיר דעם גוטן דירעקטאָר אויסגעהיט. און דאָס איז געוואָרן באַוווּסט אין דער געגנט, אזעלכע זאכן ווערן גיך פאַרשפּרייט און ברענגען, פאַרשטייט זיך, נוצן, רופן זיך אָפּ אין אנדערע ערטער.

9

קענען די זאך — אָט דאָס איז דער שאַרפשטיין, אַף וועלכן עס ווערט אויסגעפּרווּוט דיווירקלעכע פּרײַז פונעם מענטשן, און ווער עס קען ניט די זאך, זיצט ניט אַף זײַן אָרט, יענער וועט פּרײַער אָדער שפּעטער פּרווון פאַרפולן זײַנע בלויזן מיט פעלשונגען און אנדערע קונצן. ווי זאָגט זיך עס באַם מעשאָלים־שרײַבער קרי־לאָוו?.. „אָבער אין הארצן וועט דער כוינעף שטענדיק אָפּזוכן אַ ווינקל".

— איר לייגט פאַר אן איניען, — פלעג איך געוויינלעך זאָגן אזעלכע מענטשן. — מיר דאַרפן ניט קיין לויב־געזאנגען און קיין כניפע. ניט צוליב דעם האָבן מיר אײַך אײַנגעלאַדן אין געגנטקאָם.

און דאָס לעצטע, אויב ריידן וועגן דעם ארבעט־סטיל, וועגן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט מענטשן: איך האָב פאַרשטאַנען, אז מע דאַרף זיך ניט פּרווון איבערמאכן זיי אַפן אייגענעם שטייגער. קיין גוטס קומט פון דעם, אלס קלאַל, ניט ארויס. אַ פּאַרטיי־אָנפי־רער דאַרף אופנעמען כאווײרים לויט דער ארבעט אלס אזעלכע, ווי זיי זײַנען, אומבאַדינגט וויסן זייערע שוואַכקײַטן, אָבער זען און ריכטן צום נוצן פון דער זאך די שטאַרקע זײַטן. עס קומט אַפן זיקאָרן אזא בײַשפּיל.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן זיך באַ מיר ניט מיטאַמאָל אײַנ־געשטעלט די באַציִונגען מיטן דירעקטאָר פונעם גרעסטן אין דער געגנט מעטאַלורגישן זאַוואָד אַף פּעטראָווסקיס נאָמען איליאַ איוואַ־נאָוויטש קאָראָבאָוו. ער איז געווען אַ פאָרשטייער פון אַ באַרימטער ארבעטער־דינאַסטיע, זײַן פאָטער האָט געארבעט אלס אָבער־מײַס־

טער אין מאקייעווקע, די ברידער זײַנען אויך געווען דאָמנע־אַרבע־טער, און, ווי איך מיין, אויך די זין און איצט אפילע די אייניקלעך זעצן פאָר די טראַדיציע. די מישפּאָכע קאַראַבאָוו האָט געקענט סטאַלין, זי איז געווען באַוווסט אין לאַנד, און אַלץ וואָלט געווען נישקאָשע, נאָר, ווי אויסדריקן זיך ווייכער, אַ מענטש פלעגט צו־מאָל פאַרלירן דאָס געפיל פון רעאַליטעט, פאַרשײַסן די נאָז.

וואָס זשע? איך האָב געפירט מײַן ליניע, קעסיידער געהאַלטן זיך מיט די קאַראַבאָווס רויק, אָפט געווען אפן זאַוואָד, זיך באַגעגנט מיטן קאָלעקטיוו, געשמועסט מיט די אַרבעטער, אונטערגעהאַלטן די איניציאַטיוו פון די שטאָלקאָכער פון אָט דער אונטערנעמונג — פון נעווטשאַסן, סאָצקאָ, דעם מײַסטער פונעם שמעלץ־אויוון טראָ־פימאָוו און אַנד. איך האָב געוווסט אויך קאַראַבאָווס שטאַרקע זײַט: אַ דאָמנע־אַרבעטער איז ער טאַקע ווירקלעך געווען אַן ערשטראַנ־גיקער. און כאָטש פון מענטשלעכן שטאַנדפונקט האָט מיך, איך וועל ניט אויסבאַהאַלטן, זײַן פאַריסנקײַט אַ ביסל אופגעבראַכט, האָט מען דערויף קיין אַכט ניט געדאַרפט לייגן, ווײַל אַן אַרבעטס־מענטש איז ער געווען אַ גוטער, און דאָס האָט באַשטימט אַלץ.

אין סאָף 1949 האָט אָף אוקראַיִנע זיך געשאַפן אַן אָנגעשטרענג־טע לאַגע מיט הייצוואַרג און עלעקטרישער ענערגיע. דער פּעט־ראָווסקי־זאַוואָד, ווי פיל אַנדערע, איז געזעסן אָף אַ הונגער־ראַ־ציאָן, דער פּלאַן איז געווען אונטער אַ געפאַר. און קאָלזמאַן די די־רעקטאָרן האָבן געזוכט הילף לויט זייערע קאַנאַלן, האָבן מיר אין געגנטקאָם אַנאַליזירט די סיטואַציע און פעסטגעשטעלט, אַז ניט ווייניק הייצוואַרג ווערט אַרויסגעוואָרפן אין דער אַטמאָספער אַלס קאָלאָשניק־גאַז. דאָס האָבן אַלע געוווסט. נאָר איבעראַשט האָט די סאַכאַקל־ציפער: די פאַרלוסטן זײַנען געווען גלײַך צו אַ האַלבן מי־ליאָן טאָן קוילן. איך האָב צונויפגערופן די דירעקטאָרן: אָט איז דער אויסוועג! אַלע דאַרפן פאַרייניקן די אָנשטרענגונגען, געפינען און דורכוואַלצעווען מעטאַל פאַר די רערן (פון די אָנוואַלגערונגען, פו־נעם מעטאַל, וואָס אַנטשפּרעכט ניט דער קאָנדיציע, פון דער פּראָ־דוקציע העכער דעם פּלאַן) און דורכלייגן גאַזלייטונגען. איך דאַרף אַנערקענען, אַז קאַראַבאָוו האָט איינער פון די ערשטע זיך אָנגע־כאַפּט פאַר דער דאָזיקער אידיי, אַ סאַך געטאָן, און מיר האָבן זי גאַנץ גיך פאַרווירקלעכט אין לעבן.

דערנאָך האָט זיך געלאָזט פילן קאַראַבאָווס אײַנגעשפּאַרטער כאַראַקטער, פונעם זאַוואָד זײַנען אַוועק אָנקלאָגעס אין צק אַלקפּ(ב). עס איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַראָפּנעמען אים פונעם דירעקטאָר־פּאָסט. און דאָ האָב איך אַנטשיידן דערווידערט, כאָטש, איך כאַזער איבער, אונדזערע פּערזענלעכע באַציִונגען וואָלטן ווינטשנסווערט געמעגט זײַן אַ סאַך בעסערע.

— איך האַלט, אַז כּאַוועך קאָראָבאָוו איז ניט קיין פאַרפאַלענער אָנפירער, — האָב איך געזאָגט אַף דער ביוראָ פונעם געגנטקאָם. — יאָ, עס זײַנען געווען פעלערן, עס זײַנען געווען אומנאָרמאַלקײַטן און מע האָט אים ריכטיק אָנגעוויזן אַף זיי. איך בין אָבער איבער־צײַגט, אַז פאַר אָט דעם מענטשן לוינט נאָך צו קעמפן.

די זאַך האָט זיך באַגרענעצט מיט אַן אויסרייד, און דאָס האָט געבראַכט נוצן. איליאַ איוואַנאָוויטש האָט אָנגעפירט מיטן זאַוואָד נאָך אַ ריי יאָרן, אַ סאַך געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער דאָמנע־פּראָדוקציע אין גאַנצן לאַנד, ער איז געוואָרן אַ דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן, אַ לאַורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע, אַ העלד פון סאָציִאַליסטישער מי. הייסט עס, אַז איך האָב קיין טאָעס ניט געהאַט, ווען איך האָב זיך אָנגענומען פאַר אים.

אַן ענלעכער פאַל איז געווען אויך אין זאַפּאָראָזשיע. מיטן „דניעפּראָסטראָי” האָט אָנגעפירט דער באַוווּסטער הידראָבויער פיאָדאָר געאָרגיעוויטש לאָגינאָוו. דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, אַ געבוירענער טאַלאַנט. אַן אַרבעטער איז ער געוואָרן צו עלף יאָר. עס איז אים אויסגעקומען זיך שלאָגן קעגן די קאָלטשאַקאָווצעס, דעניקינצעס און, נאָך זײַענדיק אַ יינגל, איז ער אויסגעוואַקסן ביז אַ געהילף פונעם פּאָלק־קאָמאַנדיר. דערנאָך האָט ער פאַרענדיקט אַן אינסטיטוט און געאַרבעט אַלס דעסיאַטניק אַפן ערשטן „דניע־פּראָסטראָי”, אַלס פּראָראַב אַפן באָקסאַן און אַף די מיטלוואָלגער הידראָעלעקטראָסטאַנציעס, אַלס שעף פון דער בויונג אַפן טשיר־טשיק. דאָס איז געווען אַ קאָלאָריטפולער מענטש — אַ ריזיקער ווּקס, אַן אַנטשיידענער, מיט אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. אַלץ פלעגט ער נעמען אַף זיך, באַמערקונגען לעגאַבע זיך פון קיינעם ניט געקאָנט דולדן.

דער פּרינציפּ פון איינפּערזאָניקייט אינעם פאַרוואַלטן איז נוצ־לעך, אַף אַ בויונג פון אַזאַ מאַסשטאַב איז ער אַפילע נייטיק, עס איז אָבער שלעכט, ווען דער „איינפּערזאָניקער” הערט אויף אויפצו־נעמען קריטיק. לאָגינאָוו איז געווען גראָב מיט מענטשן, ניט אײַנ־געהאַלטן, אַ קײַסן און, וויסנדיק אָט די כעסרוינעס זײַנע, האָט ער אַפילע פאַרפירט צייל־ביינדלעך. „איך וועל איבערקלײַבן ביינדלעכ־ווײַז, — האָט ער מיר דערקלערט, — און אָט אַזוי וועל איך זיך באַ־רויִקן”. צווישן מיר מיט אים פלעגן טרעפן ערנסטע צוזאַמענשטויסן, און מיר, דעמלט נאָך אַ יונגן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, איז גע־ווען מיט אָט דעם מענטשן ניט לײַכט.

די ערשטע אַגרעגאַטן פון „דניעפּראָהעס” האָבן געאַרבעט, אָבער מיטן לאָזן אין גאַנג די איבעריקע האָט זיך פאַרצויגן, און געענדיקט האָט זיך דאָס דערמיט, וואָס עס איז דערשינען אַ באַשטימונג פונעם צק קפּ(ב)אַ וועגן די בלויזן אַף דער בויונג. לאָגינאָוו, וואָס איז

געווען צוגעווױנט, מע זאָל אים לױבן סײַ אין דער פּרעסע, סײַ מינדלעך, האָט געשיקט א טעלעגראַם אין צק, אַז ער איז מיט אָט דער באַשטימונג אַנטשיידן ניט מאַסקים. דעם 1 נאָיאַבער 1947 איז פֿאָרגעקומען א פּאַרטײ־פֿאַרזאַמלונג פֿונעם קאָלעקטיוו פֿון „דניעפּראָסטראָי", אױף וועלכער האַלטן דעם פּאַרטראָג האָט מען באַופֿטראָגט מיך.

און ווידעראַמאָל, ריידנדיק געגנוי וועגן די בלויזן, איבערצײַגנדיק די מענטשן, אַז די פֿעלערן זײַנען לאַכלוטן ניט קיין אויסגעטראַכטע, זיי זײַנען בעעמעס דערלאָזט געוואָרן, האָב איך זיך ניט געגומען, ווי מע זאָגט, דערטרינקען דעם מענטשן, נאָר, פֿאַרקערט, זיך באַמיט ווײַזן אים א ווירדיקן אויסוועג פֿון דער לאַגע. איך האָב ספּעציעל באַטאָנט, אַז דער געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטײ שאַצט לאָגינאָוון אַלס א טוער, האַלט פֿאַר וויכטיק, וואָס גראָד ער פֿירט אָן מיט אָט דער ריזיקער בויונג, און אויסגעדריקט די זיכערקײַט, אַז פֿיאָדאָר געאָרגיעוויטש, אויב ער וועט מאַכן אויספֿירן פֿון דער קריטיק, וועט זיכערן דאָס לאָזן אַמגיכסטן אין גאַנג די סטאַנציע אױף דער פֿולער מעכטיקײַט. איך האָב בעעמעס געזען און געשאַצט די שטאַרקע זײַטן פֿון אָט דעם מענטשן — גרויסע קענטעניש, קאָלאָסאַלע דערפֿאַרונג, פֿעסטער ווילן, איבערגעגעבנקײַט דער זאַך.

— באַ דער גאַנצער אַכטונג צו לאָגינאָווס אַמט, צו זײַן פֿאַרטײַישקײַט, סטאַזש, — האָב איך געזאָגט צום שלוס, — באַ דער גאַנצער, אָן ספֿק, נייטיקײַט אונטערצוהאַלטן זײַן אויטאָריטעט אַלס אָן אָנפֿירער, באַ דער גרייטקײַט צו העלפֿן אים, האַלט איך, אַז מיר דאַרפֿן מיט דער גאַנצער אומדערבאַרעמדיקײַט און בײַזן סאָף קריטיקירן זײַנע כעסרוינעס, ניט מאַכן קיינע האַנאָכעס ניט לאָגינאָוון — דעם שעף פֿון דער בויונג, ניט לאָגינאָוון — דעם קאָמוניסט. באַ אַזא שטעלונג פֿון דער פֿראַגע קאָנען מיר העלפֿן סײַ דער בויונג, סײַ לאָגינאָוון. אַן אַנדער שטעלונג פֿון דער פֿראַגע איז ניט אונדזערע, און מיר זײַנען מעכויעוו אַנטשיידן זי אָפּצוּוואַרפֿן!

אויב א מענטש קען די זאַך, איז געטרײַ דער זאַך, אויב ער קעמפֿט פֿאַר אַלעמענס וווילזײַן, דאַרף מען אים אונטערהאַלטן. דאָ איז דער ציל איינער: פֿאַריכטן, קאָרעגירן, דערצײַען דעם טוער, אָבער ניט אײַנברעכן אים. דער איקער איז — אויפֿדעקן און אויסנוצן פֿאַר דער זאַך זײַנע גוטע זײַטן.

די פֿראַגע וועגן קריטיק און זעלבסטקריטיק איז אַזוי ערנסט, אַז איך האַלט פֿאַר נוצלעך ספּעציעל צו אָפּשטעלן זיך אױף איר. ניט צופֿעליק איז אין אונדזער נײַער קאָנסטיטוציע, אינעם אַרטיקל 49, פֿאַרשריבן, אַז יעדער בירגער פֿון פּסר האָט רעכט אַרײַנצוטראָגן אין די מעלוכע־אָרגאַנען און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס פֿאַרשלאָגן וועגן פֿאַרבעסערן זייער טעטיקײַט, קריטיקירן די בלויזן אין

דער ארבעט. און עס ווערט באַטאָנט, אַז רוידעפן פאַר קריטיק איז פאַרבאָטן.

דאָס דאָזיקע ארטיקל פונעם גרונט־געזעץ האַלט איך פאַר פּרינ־ציפּיעל וויכטיק. אויב היינט קעמפן מיר פאַר אַ הויכער, איך וואָלט געזאָגט, העכסטער אָרגאַניזירטקייט, מיר ווילן פאַרשטאַרקן די דיס־ציפּלין אויף יעדן ניוואָ — די ארבעטס־דיסציפּלין, די טעכנאָלאָגישע דיסציפּלין, די פּלאַן־דיסציפּלין — איז אונדז נייטיק אַ פאַרינטערע־סירטער, אופמערקזאַמער, קריטישער קוק אויפן צושטאַנד פון די איניאַנים. ער וועט העלפן צו זיכערן דעם נייטיקן דערצו געזעל־שאַפטלעך־פּאָליטישן קלימאַט. אַ קלימאַט, וואָס זאָל געבוירן דעם פאַרלאַנג צו ארבעטן עפעקטיווער, פּראָדוקטיווער, בעסער, וואָס זאָל שאַפן אַ סיטואַציע פון אומטאָלעראַנץ צו פּראָגולשטשיקעס און ליידיקגייער, צו יעדן פאַקט פון נאַכלעסיקייט און אומווירטשאַפט־לעכקייט, פון אויגן־פאַרבלענדעניש און צושרייבן פאַלשע ציפערן.

אויסהיטן און אָנפירער פון קריטיק הייסט — אים אומברענגען. יענער, וואָס הערט אויף אופנעמען קריטיק, איז פאַרלאָרן פאַר דער זאַך. אויב מע זאָל איצט אופמישן די סטענאָגראַמעס פון די פּלע־נומס, קאָנפערענצן, אַקטיוון פון יענע יאָרן, וועגן וועלכע דאָ גייט די רייד, וועט איר ניט געפינען אַזאַ, ווו עס זאָל ניט זיין קיין קרי־טיק. זי איז געווען בײַ אונדז סײַ אַ זאַכלעכע, סײַ אַן איבערצײַגעווו־דיקע, סײַ אַ קאָנסטרוקטיווע. קעדיי ניט ריידן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, וועל איך ברענגען עטלעכע בײַשפּילן.

אָט איז אַ קורצער דיאַלאָג, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1947 אויפן XVI פּלענום פון זאַפּאָראָזשיער געגנטקאָם פון דער קפּ(ב)או. אין די דעבאַטן איז אַרויסגעטראָטן א. מ. זשאַלילאָ, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פונעם זאַוואָד אויף קיראָווס נאָמען, און ער האָט זיך דערלויבט אַזאַ פּאַסאַזש, אַז עס איז מיר אויסגעקומען זיך אַרײַנמישן.

„כאַוו. זשאַלילאָ: ...צום באַדויערן, זײַנען אויף אונדזער זאַ־וואָד פאַראַן אויך אַנדערע כאַווײַרים, וועלכע קריטיקירן צופיל. אָט, לעמאָשל, דער שעף פונעם מעכאַנישן אָפּטייל כאַוו. זײַצעוו...

כאַוו. ברעזשנעוו. און איר וואָס, דריקט אונטער די קריטיק?

כאַוו. זשאַלילאָ. ניין. זיי דאַרפן אָבער אויך זײַן זעלבסט־קריטיש.

כאַוו. ברעזשנעוו. איר ווילט, הייסט עס, זיי זאָלן נאָר זיך קריטיקירן, און אויב אײַך, טאָר מען ניט. (אַ טומל אין זאַל.)

כאַוו. זשאַלילאָ. קריטיק און זעלבסטקריטיק איז אָן שום סאָ־פעק אַ גוטע זאַך, מע טאָר אָבער ניט קריטיקירן, קעדיי אונטעררײַסן דעם אווטאָריטעט פון דער אָנפירונג.

כאוו. ב ר ע ז ש נ ע ו. עס איז פונדעסטוועגן א ביסעלע ניט קלאָר, נעפּלהאפּט.

כאוו. ז ש א ל י ל אָ. איך זאָג, אז אייניקע כאוויירים פּארשטייען ניט גענוגנדיק די פּארטיי־דיסציפּלין און די פּארטיי־עטיק. מע דארף אליין ארבעטן און ניט טרײַבן קיין רעכילעס.

כאוו. ב ר ע ז ש נ ע ו. נו, אויב עס האָבן זיך פאַרפירט רעכי־לעסטרײַבער, דארף מען וועגן דעם ריידן אפן פּלענום? אומעטום זײַנען פאראן רעכילעסטרײַבער, און אף אײַער זאוואָד זײַנען זיי אוודע אומבאדינגט פאראן. (א געלעכטער אין זאל.)

כאוו. ז ש א ל י ל אָ. יאָ, אן אויסערסט שמאָל אָרט איז בא אונדז אפן זאוואָד.

כאוו. ב ר ע ז ש נ ע ו. אף וויפל איך האָב פארשטאנען, איז דאָס שמאָלסטע אָרט אף אײַער זאוואָד די קריטיק. מוירע האָבן פאר איר איז ניטאָ וואָס, ווײַל זי זעט פּאָרויס אויך אכטונג צום מענטשן!"

צו אזעלכע, וואָס האמעווען די קריטיק, איז די באציִונג פון געגנטקאָם געווען א גאנץ קלאָרע, און אויסגעדריקט געוואָרן איז זי אָפן, אָן דריידלעך, ניט געקוקט אף פּערזאָנען. פון דער צווייטער זײַט, האָב איך באם לייענען די דאָזיקע סטענאָגראמעס דערזען: גאנץ אָפט, קריטיקירנדיק פון דער טריבונע א מענטשן, פלעג איך באלד אָפן אָרט באטאָנען, געהאלטן פאר נייטיק צוצוגעבן, אז אלס טוער שאַץ איך אים. זאָגן וועגן דעם איז צומאָל נייטיק.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז דער גרעסטער אינדוסטריִעלער ראיאָן געווען לעניניִשער, און ערשטער סעקרעטאר פון ראַי־קאָם איז געווען דאָרט געאָרגי פּעטראָוויטש קוצאָוו. אן אינזשע־ניער־מעטאלורג פון פּעטראָווקע, האָט ער געארבעט ענערגיש, זאכ־לעך, נאָר אף איינעם פון די פּלענומס פון שטאָטקאָם פון דער פּאר־טיי, אף וועלכן ער איז ארויסגעטראָטן מיט א באריכט, איז מיר אויסגעקומען צו קריטיקירן אים שארף.

— איך וויל זיך אָפּשטעלן אפן פאָרטראָג פונעם כאוועך קוצאָוו. איך וואָלט ניט געוואָלט אײַך באליידיקן, כאוועך קוצאָוו, נאָר איך קאָן נישט ניט ארויסזאָגן מײַן מיינונג אפן פּלענום פון שטאָטקאָם. איך האלט, אז דער פאָרטראָג איז געווען א פּארעוועך. ער האָט דאָך קיינעם אבסאָליוט ניט אָנגערירט, ניט אופגעדעקט קיין כעס־רוינעס אין דער ארבעט פון ראיקאָם פון דער פּארטיי, קיין איין זאוואָד־דירעקטאָר אָדער סעקרעטאר פון א פּארטיי־אָרגאניזאציע האָט איר ניט אָנגערופן, און די גאנצע אופמערקזאמקײַט האָט איר קאָנצענטרירט אף די רויטע ווינקלען. איך שטעל זיך ניט פאָר, וויִאזוי האָט מען געקאָנט דערמיט ארויסטרעטן. אז מע רופט מיך ארויס אף א פּלענום פון צק — זאָל זײַן וועגן א פראגע פון דער אינדוסטריע אָדער לאנדווירטשאפט, צי פּארטייִש־מאסאָווער אר־

בעט, — פאַטער איך עטלעכע טעג, קעדיי וואָס טיפער באַזיניקן דעם צושטאַנד פון די איניאַנים אין שטאַט און אין דער געגנט. דער צענטראַל־קאָמיטעט אינטערעסירט זיך, וויאַזוי שאַצט אָפּ די ביוראָ פונעם געגנטקאָם דעם צושטאַנד פון די איניאַנים אַפן אָרט. און בא אונדז קומט אַפן פּלענום פון שטאַטקאָם פון דער פּאַרטיי אפילע אַזא דורכקאָנטראָלירטער, זאַכלעכער טוער, ווי דער כאַווער קאָ־צאָוו, דער סעקרעטאַר פון א ראַיקאָם אינעם גרעסטן זאַוואָדישן ראַיאָן, און האַלט ניט פאַר נייטיק צוצוגרייטן זיך ווי גע־העריק.

ווי דאָס טרעפט ניט זעלטן אין אַזעלכע פאַלן, איז קוצאָוו גע־שטאַנען בייס דעם איבערײַס אָפּגעזונדערט פונעם אוילעם, אויסגע־זען האָט ער ניט פריילעך, דאָס פּאָנעם פאַרוואָלקנט. באַמערקט דאָס, בין איך צו אים צוגעגאַנגען:

— פײַן האָב איך דיר ארײַנגעזאָגט?

— שוין איינמאָל... איך ווינטש דאָס קיינעם ניט.

— אָבער דאָך אויך דיך אונטערגעהאַלטן!

איך געדענק ניט, וועגן וואָס איך האָב נאָך גערעדט מיט אים, נאָר דאָ איז וויכטיק געווען געבן צו פאַרשטיין די מענטשן, אַז אונדזערע באַציִונגען האָבן זיך ניט געענדערט: יאָ, די קריטיק איז געווען א גאַנץ שאַרפע, אָבער אָט שטייען מיר דאָך און פירן א פרײַנטלעכן שמועס — ווי מיר זײַנען געווען כאַווירים, זײַנען מיר אַזעלכע פאַרבליבן.

10

דערמאָנענדיק זיך מײַן ארבעט אין יענע יאָרן, איבערקלײַבנדיק אין זיקאָרן א סאַך באַגעגענישן מיט מענטשן, זע איך, אַז איך האָב געשאַצט אין זיי קוידעמקאָל די אײַנגעשפּאַרטקײַט, זעלבשטענדי־קײַט פונעם געדאַנק, קאָמפּעטענטקײַט, דאָס פאַרשאַרפטע געפיל פאַר נײַעם, דאָס קענען באַצײַטנס באַמערקן און אונטערהאַלטן די איניציאַטיוו און די שאַפונג פון די מאַסן. איך דאַרף באַמערקן, אַז אויך הײַנט זײַנען די דאָזיקע אייגנשאַפטן, דער דאָזיקער, אויב איר ווילט, טעטיקײַט־סטיל נייטיק מער פאַר אַלץ. עס איז וויכטיק ביזן סאָף אויסלעבן פון דער פּראַקטיק אין דער ווירטשאַפטלעכער אָנ־פירונג די איבערסטראַכירונג און פאַרשלעפעניש, די אומנייטיקע ווענדונגען אין די העכערשטייענדיקע אינסטאַנצן וועגן אומבאַדײַטנ־דיקע פראַגן, די שטרעבונג אַרויסצודרייען זיך פון פאַראַנטוואָרט־לעכקײַט, אריבערלייגן זי אַף פרעמדע אַקסלען. ליידער, קומט אויס צו טרעפן זיך דערמיט.

אין מײַן פּראַקטיק האָב איך זיך באמית צו אונטערהאַלטן די דענקענדיקע, דרייסטע, פאָרגעשריטענע מענטשן. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס וועט דעקן די הוצאָות אין הונדערט מאָל מער. אַ געוויסע צײַט, לעמאָשל, איז אינעם גאַנצן דניעפּער־קאַנט געווען אַ שמאָל אָרט די פּוטעראַוועקע פון די דאַמנע־אויוונס[1]. זיך דערוווּסט, אַז די אַרבעטער פון אי. פּ. קאַרפּאַטשאָווס בריגאַדע, וועלכע אַרבעטן אויף די פײַערשטאַנדהאַפטיקע מאַטעריאַלן, שטײַגן קעסיידער איבער די נאָרמעס, בין איך אַוועק צו זיי. געטראָפן די אַרבעטער אויפן דעק פונעם האָרן פון דער דאַמנע. מיר האָבן זיך געזעצט, פאַררייכערט, זיך צערעדט.

— אויוונס לייגן מיר אויס פאַרשיידענע, — האָט אויספירלעך געגומען דערציילן קאַרפּאַטשאָוו. — מאַרטען־אויוונס, באַוואַרע־מונגס־אויוונס, אויף צו פאַרהאַרטעוועווען, ברען־אויוונס. אַ סאַך אַזעלכע זײַנען פאַראַן אין דער אינדוסטריע, און קימאַט אַלע דאַרף מען זיי פּוטערירן. דאָס זײַנען נאָך ניט די סאַמע קאָמפּליצירטע.

— און דאַמנעס אַליין האָט איר וויפל אויסגעלייגט, איוואַן פּיאָדאָראָוויטש?

אים איז אויסגעקומען צו פאַרבייגן די פינגער, אַזויפיל זײַנען זיי געווען אין קושווע, ניזשני טאַגיל, קוזנעצק, זאַפּאָראָזשיע... איך וועל אַגעוו באַמערקן, אַז אַזעלכע געשפּרעכן דאַרף מען פירן ניט געײַלט, מאַכן זיי כאַפּ־לאַפּ טאָר מען ניט. נו, ס׳הייסט, איך האָב קיין צײַט ניט, דערלאַנגט גיכער, נעענטער צום איניען! און אויב עס האָט זיך אײַנגעגעבן געווינלעך צו געפינען מיט די אַרבעטער אָדער קאָלווירטניקעס אַ געמיינזאַמע שפּראַך, איז דאָס, אַפּאָנעם, דערפאַר, ווײַל זיי האָבן געזען — דער אינטערעס צו זייערע איניאָנים איז בא מיר ניט קיין געמאַכטער, און איך פלעג בעעמעס האָנאָע האָבן פון אַזעלכע באַגעגענישן.

מיט די זעלבע פּראָטים האָט קאַרפּאַטשאָוו דערציילט, ווי עס איז אָרגאַניזירט די אַרבעט, וועגן דער פּראָגרעסיוו־פּרעמיאַלער סיסטעם, וועלכע איז בא זיי אָנגענומען, וועגן די פאַרדינסטן פון דער בריגאַדע (די סומעס זײַנען, פאַרשטייט זיך, אָנגערופן געוואָרן לויטן אַלטן פּרײַזן־מאַסשטאַב).

— אָט נעכטן, — זאָגט ער, — האָב איך פאַרדינט פאַר אַ וואַכטע הונדערט פיר און פופציק רובל. די נאָרמע איז נײַן און זעכציק ציגל, און איך האָב אויסגעלייגט צוויי הונדערט מיט פיר.

— אין דרײַ מאָל איבערגעשטיגן!

---

[1] באַדעקן זיי פון אינווייניק מיט אַ פײַערשטאַנדהאַפטיקן מאַטעריאַל (איבערז.).

— קימאט, — האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דער בריגאַדיר. — מע קאָן אָבער אויך מער. טיכאָנאָוו האָט בא אונדז געגעבן דרײַ הונדערט מיט פופציק פּראָצענט.

— און די קוואַליטעט? — האָב איך פאַרגעבן א פראגע. — איר האָט דאָך אויסגעלייגט לעשטשאַד[1], די פאָדערונגען זײַנען דאָ די שטרענגסטע.

די ארבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט: זיי האָבן פארשטאנען, אז זיי האָבן צו טאָן ניט מיט קיין פּראָפאַן. אויסלייגן לעשטשאַד האָט זיך פון שטענדיק אָן גערעכנט ניט בלויז פאַר א שווערער מעלאָכע, נאָר אויך פאַר א קונציקער. די נאָט צווישן די ציגל טאָר ניט זײַן מער פון א האַלבן מילימעטער. נאָך יעדן ארבעטער, וואָס איז באַשעפטיקט מיטן פײַערשטאַנדהאַפטיקן מאַטעריאַל, גייט א קאָנטראָליאָר און קאָנטראָלירט די נעט מיט א ספּעציעלן זאָנד. גראָד אין דעם אָרט וועט זיך דאָך אָנזאַמלען דער צעשמאָלצענער מעטאַל.

— פּינקטלעכקײַט אינעם דאָזירן דאָס געמיש, — האָט געזאָגט קאַרפּאַטשאָוו, — דאָס איז דער הויפּט־סאָד. א געמיש נוצט מען בא אונדז א שיטערן, מיט א קעלמע וועסטו אים ניט אוועקלייגן. יעדן ציגל מוז מען באַנעצן פון דרײַ זײַטן. א סאָך טונקען אים טאַקע דרײַ מאָל. און מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַגיין זיך מיט איין באַוועגונג.

ווען מע דרינגט ארײַן אין טאָך פון די דערגרייכונגען פון די קונציקע באַלמעלאָכעס, באַמיט מען זיך, נאַטירלעך, צו טאָן אַלץ, אז זייערע „סוידעס״ זאָלן ווערן אויס סוידעס. אינגיכן האָבן די אינזשעניערן פון „סאָיוזטעפּלאָסטראָי״ לויט מײַן פאָדערונג גע־האָלפן אי. פּ. קאַרפּאַטשאָוון צו באַשרײַבן די מעטאָדן פון זײַן אר־בעט, און זיי זײַנען געוואָרן דאָס אייגנס פון א סאָך בריגאַ־דעס — סײַ אין זאַפּאָראָזשיער געגנט, סײַ אין דניעפּראָפּעטראָוו־סקער.

אזעלכע באַגעגענישן זײַנען געווען א סאָך. ווען איך פלעג זיך שוין ארויסרײַסן אף א זאַוואָד אָדער בויונג, בין איך דאָרט פאַר־בליבן אף לאַנג און געדעדט מיט די מענטשן, ווי מע זאָגט עס, ניט פאַרבײַלויפנדיק. איך געדענק, ווי אף דער שאַכטע „גיגאַנט״ האָב איך זיך אָנגעטאָן אין א שאַכטיאָרישער ראָבע, אוועק איבער די שטרעקעס, זיך פאַרגעסן און אָפּגעוועזן מיט די שאַכטיאָרן א שאָ פינף אָדער זעקס. נאָכדעם איז לײַכטער צו פאַרשטיין די שטימונ־גען, די אָנפראַגן, פּלענער פון די מענטשן.

---

[1] לעשטשאַד — דער פּאָד (די דעק) אין א דאָמנע־אויוון (איבערז.).

אפן זאוואַד אַף פּעטראָוזסקיס נאָמען, דעם גרעסטן אין דער געגנט, אַף דער באַרימטער פּעטראָוזקע, פלעג איך זײַן באַזונדערס אָפט. עס פלעגט טרעפן, אַז אין דער זאוואָד־פאַרוואַלטונג האָט מען שוין געוואַרט אפן ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, געגרייט זיך צו זײַן קומען. נאָר איך פלעג גיין ניט אַהין, וווּהין מע האָט מיך אײַנגעלאַדן, ווו מע פלעגט אפילע דאָס סטעזשקעלע אויסקערן, נאָר פאַרקערעווען, לאָמיר זאָגן, צום אויוון, ווו אָרדענונג איז געווען גראָד ווייניקער. עס האָט געהאָלפן די דערפאַרונג פון א מעטאַ־לורג: אין דער יוגנט בין איך אליין דורכגעגאַנגען אַף אזא זאוואָד שיר ניט אלע שטופעס — פון א קאָטשעגאַר ביז אַן אינזשע־ניער.

געהאָלפן האָט דאָס אויך אינעם פאַרקער מיט די אַרבעטער. א שמועס געטאָן מיט איין בריגאַדע, מיט א צווייטער, זיך געטראָפן מיט די מײַסטערס פון די דאָמנעס, מיט די שטאָלקאָכערס, מיט די וואַלצערס, מיט זיי טאָקע געגעסן מיטיק אין דער זאוואָדישער גאַר־קיך. און וואָס זיי וואָלטן ניט געזאָגט אין אַן אָפיציעלער אומגע־בונג, לייגן זיי דאָ אויס אלץ מיט דער גאַנצער אָפנקײַט. דערנאָך פלעג איך זיך געוויינלעך פאַרשפּאַרן אין עפּעס א קאַבינעט אַף א האַלבער שעה, אַף א שעה, אָנמערקן טעזיסן, און אין אָוונט בין איך גרייט געווען אפן פאַרטיי־אַקטיוו ניט בלויז שטעלן אַלגעמיינע אויפגאַבן, נאָר פאַרבינדן זיי מיט די קאָנקרעטע אומשטענדן אין דער געגעבענער אונטערנעמונג:

— לאָמיר, כאַווײרים, ריידן מיט אַן אָפן האַרץ. איך האָב אײַך אַרויסגעזאָגט אלץ, וואָס איך טראַכט, איצט רעדט איר אויך, ווי אַרבעטער ריידן, אָפן. ווי זאָלן מיר פאַרבעסערן די זאַך? וואָס שטערט? ווו זײַנען אונדזערע רעזערוון?

די קריטיק אין אזעלכע פאַלן איז געווען ניט קיין פּוסטע, נאָר א זאַכלעכע, הייסט עס, א קאָנסטרוקטיווע.

די לייענער קאָנען שטעלן א געזעצלעכע פראַגע: עס איז לײַכט געווען, זעט איר, צו דערציִען אַנדערע, און ווי פלעגט דער אווטאָר אַליין אויפנעמען קריטיק? איך וועל ענטפערן ערלעך: איך פלעג אויפנעמען שווער, אָבער אַנדערש קאָן דאָס, מיסטאָמע, ניט זײַן, קריטיק איז ניט קיין שאָקאָלאַד, מע זאָל זי ליב האָבן, בלויז א לײַכטזיניקער, א פּוסטער מענטש קאָן הערן פאַרוואורפן, צושמייכ־לען און באַלד אפן אָרט אַרויסוואַרפן אלץ פון קאָפּ. איינמאָל איז מיר אויסגעקומען ספּעציעל צו באַרירן אָט די טעמע אַף א געגנט־לעכער קאָמיוגישער קאָנפערענץ אין דניעפּראָפּעטראָווסק (אין פעוורואַל 1948). איך ווייס, מע האָט דעמלט גערעדט, אַז צווישן אונדז איז ניטאָ אזא מענטש, וואָס זאָל זאָגן: איך קאָן ניט עסן קיין פרישטיק, אויב קיינער האָט מיך ניט א קריטיקיר געטאָן. די קרי־

טיק אָבער רופט ארויס בא עמעטע באַלשעוויקעס איינגעשפּארט־קייט, פון אומצופרידנקייט ווערט געבוירן דרייסטקייט, א שטרע־בונג צו ארבעטן בעסער.

אין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו הערן פארשיידענע באמער־קונגען, און ווי שווער עס פלעגט צומאָל ניט זיין, פלעג איך זיך באמיען צו אויסגעפינען אין זיי דעם ראַציאָנעלן קערן, מאכן ערנ־סטע אויספירן, וואָס פלעגט סאָפּקאָלסאָף ברענגען נוצן סיי מיר אליין, סיי דער זאך. אָבער די קריטיק פון אויבן נעמען אלע אָן, אזוי אָדער אנדערש, א סאך קאָמפּליצירטער האלט עס מיט דער קריטיק פון אונטן. עס טרעפט, דו הערסט א בייזן רעדנער און כאפסט זיך אפילע אליין, אז ער איז דיר דערווידער: „סארא שלאק דאָס איז, אונטער אלץ גראָבט ער זיך אונטער!" אָבער אוועקלייגנ־דיק די האנט אפן הארצן, קאָן איך זאָגן: עס איז ניט געווען קיין איין פאל, איך זאָל נאָך אזעלכע ארויסטרעטונגען בענעגייע מיר ענדערן מיין באציונג צום מענטשן. שטענדיק פלעגט עס בלייבן אָן פאָלגן.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן זיך מיר באזונדערס פארגעדענקט די קריטישע רעדעס פונעם סעקרעטאר פון אָקטיאבערישן ראַיקאָם פון דער פּארטיי ניקאָליי ראָמאנאָוויטש מיראָנאָוו. דאָס איז געווען אַן אָריגינעלער מענטש, א דרייסטער, ער איז פריינוויליק אוועק אפן פראָנט פונעם פינפטן קורס פון אוניווערסיטעט, אויסגעצייכנט זיך געשלאָגן, שווער פארוואונדעט געוואָרן, נאָר פארבליבן א פריילעכער יאט, א גוטער ספּאָרטסמען. בא אונדז האָט ער געארבעט אין א גרויסן ראַיאָן פון הויכשולן און, לאָמיר זאָגן, די אופשטעלונג פונעם סטודענטן־פּאלאץ איז געווען זיין איניציאַטיוו. איז אָט, מיראָנאָוס ארויסטרעטונגען אף אונדזערע קאָנפערענצן האָבן אויך זיך אויס־געצייכנט מיט דרייסטקייט, שארפקייט אינעם שטעלן די פּראָבלע־מען. און אויב ער האָט גערעדט וועגן די בלויזן אין דער ארבעט פונעם שטאָטקאָם אָדער געגנטקאָם פון דער פּארטיי, האָט ער ניט געפּראוועט קיין דיפּלאָמאטישע שטיק, ניט געזוכט קיין ארומגע־טאָקטע אויסדרוקן, נאָר אָנגערופן די נעמען פון די קאָנקרעטע טוער, דערונטער אויך מיין נאָמען.

וואָס קאָן מען דאָ זאָגן? איך האָב געהערט אזעלכע ארויסטרע־טונגען, און מיר האָט געדוכט, אז ניט אין אלץ זיינען זיי יושער־דיקע, איך אליין האָב דאָך אויך פונעם ערשטן טאָג אָן געשטעלט די דאָזיקע פראגן, געקעמפט פאר דעם, וואָס די רעדנער פאָדערן. אָבער, האָב איך געטראכט, אויב זיי ריידן יאָ וועגן דעם, הייסט עס, אז איך האָב זיך נאָך ניט דערשלאָגן. פון א זייט זעט מען בעסער. דערצו איז מיר געווען קלאָר, אז מיראָנאָוו וויל אויסבעסערן די זאך, לעבט פאר איר איבער, בלויז דערמיט ווערט דיקטירט זיין

קריטיק, און דעריבער איז מײַן באַציִונג צו אים פאַרבליבן ניט בלויז פּאַשעט א גוטע, נאָר, איך וואָלט געזאָגט, א פרײַנטלעכע — סײַ אין דניעפּראָפּעטראָווסק, סײַ שפּעטער אין מאָסקווע, ווען ני־קאָלײַ ראָמאַנאָוויטש איז אַריבער אַף אַרבעט אינעם אַפּאַראַט פון צק קפּסס — סאַמע ביז זײַן טראַגישן אומקום אין אַן אַוויִאַציע־קאַ־טאַסטראָפע.

איצט וועל איך באַווײַזן (לויט א סטענאָגראַם), וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אינעם ענטפער אַף דער קריטיק, לאָמיר זאָגן, אַף דער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין 1948:

„כאַוו. ב ר ע ז ש נ ע וו: איך האָב אופמערקזאַם אויסגעהערט אַלע אַרויסטרעטונגען און איך וועל קיין טאָעס ניט האָבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז די קריטיק האָט דעם אָדער אַנדערן מיטאַרבעטער, דעם אָדער יענעם טוער פון אונדזער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פאַרשאַפן געוויסע אומאָנגענעמלעכקײַטן. איך מוז זאָגן, אַז אין א סאַך פאַלן האָב איך אָט די קריטיק אופגענומען אַף מײַן אַדרעס און אויך איבערגעלעבט, מיר דאַרפן אָבער פון דער דאָזיקער קריטיק מאַכן פאַר זיך אויספירן. באַ אונדז, באַ באָלשעוויקעס, דאַרף אָט די אומצופרידנקײַט, אָט דער אינערלעכער אומרו, פון זײַן זײַט, אַרויס־רופן איניציִאַטיוו, ענערגיע אין דער אַרבעט, א פאַרלאַנג צו פאַ־ריכטן וואָס גיכער די בלויזן, וועלכע זײַנען קריטיקירט געוואָרן. איך פאַרזענלעך מאַך פאַר זיך בלויז אַזאַ אויספיר".

מע דאַרף ניט מיינען, אַז דער שלאַל קריטישע באַמערקונגען ריידן וועגן דעם שלעכטן צושטאַנד פון די איניאָנים. די פאַרהעל־טעניש איז גראָד א פאַרקערטע: וואָס מער עס איז פאַראַן אָפענע, דירעקטע קריטיק, אַלץ בעסער גייען די איניאָנים. די האָרעפּאַשני־קעס פון דניעפּראָפּעטראָווסקינע האָבן מיט דערפאָלג פאַרענ־דיקט דעם פערטן פינפיאָר־פּלאַן פון אופשטעלן און אַנטוויקלען די פּאָלקסווירטשאַפט. די פאַרזיי־שעטעכן אין אונדזער געגנט זײַנען געוואָרן גרעסערע איידער די פאַרמילכאָמעדיקע. פּעטראָווקע, דזערזשינקע און א סאַך אַנדערע זאַוואָדן האָבן אויך איבערגעשטיגן דעם פאַרמילכאָמעדיקן פּראָדוציר־ניוואָ. די שאַכטעס פון קריוואָ־ראָזשיע און ניקאָפּאָל זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן און האָבן באַ־זאָרגט מיט אַרץ די מעטאַלורגיע פונעם דאָרעם און פונעם צענטער פון לאַנד. די וווּנדן, וועלכע די שווערסטע פון די מילכאָמעס האָט פאַרשאַפט דעם בײַדניעפּער־קאַנט, זײַנען פאַרהיילט גע־וואָרן.

דעם עטאַפּ פונעם ווידערגעבורט פון דער פּאָלקסווירטשאַפט האָבן מיר, קאָן מען האַלטן, פאַרענדיקט צום יאָר 1950. צו די איני־יאָנים פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, וועלכע זײַנען לאַכ־לוטן ניט געוואָרן ווינציקער, זײַנען צוגעקומען נײַע אינטערעסאַנ־

טע איניאָנים. איך געדענק, ווי ביז אַזייגער צוויי באַנאַכט זײַנען געזעסן באַ מיר די אַקטיאָרן פונעם טעאַטער אַף שעווטשענקאָס נאָמען. זיי האָבן דערקלערט, פאַרוואָס עס איז ניטאָ קיין קלאַסיק אין זייער רעפּערטואַר, זיך געקלאָגט, אַז עס איז זייער שווער מיט דעקאָראַציעס, עס פעלן אויס קאָסטיומען, און אין אַלץ איז אויסגעקומען אַרײַנצודרינגען, אַרויסוויַזן זיי הילף. אין 1949 זײַנען באַ אונדז דורכגעפירט געוואָרן אַלפאַרבאַנדישע פאַרמעסטונגען פון וואַסער־ספּאָרט, דײַגעס אַרום זיי זײַנען אויך געווען אַ סאַך, נאָר אַזעלכע זאָרגן, וואָלט איך געזאָגט, האָבן ניט אויסגעמאַטערט, פאַרקערט, זיי האָבן געפרייט. הייסט עס, ס'איז געקומען פאַר זיי די צײַט, און מענטשן ציִען זיך צו קולטור, קונסט, ספּאָרט, — דאָס איז אויך אַ באַווײַז פונעם ווידערגעבורט. ווען עס פלעגן זיך אויסגעבן פרײַע שאָען, פלעג איך צומאָל אַליין צופאָרן אַפן סטאַדיאָן. אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן אַרויסגערופן די מאַטשן פון די לאַנגאָניקע קאָנקורענטן, די פוטבאָל־קאָמאַנדעס פון זאַפּאָראָזשיע און דניעפּראָפּעטראָווסק — „מעטאַלורג" און „סטאַל". און, דעם עמעס געזאָגט, פלעג איך באַגלײַך „קרענקען" פאַר ביידע.

אין מײַן קאַבינעט פלעגן אַלץ אָפטער זיך באַווײַזן אַרכיטעקטאָרן מיט זייערע פּראָיעקטן, קינסטלער מיט עסקיזן פון דער אויספורעמונג, רעזשיסערן פון אַמאַטאָרן־קונסט, רעקטאָרן פון הויכשולן, ספּאָרט־מײַסטערס, געלערנטע, פּעדאַגאָגן, דאָקטוירים. איך וועל צוגעבן צו דעם, אַז אין יענער צײַט האָב איך זיך באַגעגנט מיטן אָנגעזעענסטן אָנפירער פון די טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמוניסטן קלעמענט גאָטוואַלד. עטלעכע שאָ האָבן מיר פאַרבראַכט אין אַ כאַווערישער אַטמאָספער, ער האָט זיך מיט מיר געטיילט מיט די פּלענער פון אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע טשעכאָסלאָוואַקיע, איך האָב גערעדט וועגן פאַרטיפערן די פרײַנטשאַפט צווישן אונדזערע פעלקער, דערמאָנט, ווי איך האָב זיך באַטייליקט אינעם באַפרײַען פּראָג.

הײַנט גייען אַזעלכע באַגעגענישן — מיט די פרײַנט פון די סאָציאַליסטישע לענדער, מיט די געסט פון די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער, מיט די פאָרשטייער פון די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס — אַלץ ברייטער אַרײַן אין דער פּראַקטיק פון די אָנפירער פון די געגנטלעכע פּאַרטיי־קאָמיטעטן, און זיי אַליין פאָרן אַלץ אָפטער אַרויס קיין אויסלאַנד, און דאָס מאַכט זייער אַרבעט נאָך וויכטיקער פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן לאַנד. פון דער אייגענער דערפאַרונג האָב איך פאַרשטאַנען, ווי פיל עס איז אָפּהענגיק פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון אַ געגנטקאָם, סאַראַ קאָמפּליצירטער, שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער, וואָלט איך געזאָגט, פּאָסטן דאָס איז אין אונדזער פּאַרטיי.

* * *

באטראכטנדיק מײַן װעג, דערמאָנענדיק זיך די יאָרן, װעלכע זײַנען אײנגאנצן אָפּגעגעבן דעם בײַדניעפּער־געביט, קאָן איך זאָגן, אז איך בין דעמלט צום צװײטן מאָל געװאָרן א קאָרעװ מיטן װוּנ־דערלעכן קאנט פון מעכטיקע אונטערנעמונגען און בליִענדיקע פעל־דער. עס איז פריידיק, װאָס מיר איז אױסגעקומען צו ארבעטן צו־זאמען מיט די ארבעטער, קאָלװירטניקעס, בױער, אינזשעניערן, אגראָנאָמען, געלערנטע פון דער דאָזיקער געבענטשטער ערד.

„װוּ איך בין געבױרן געװאָרן, דאָרטן האָב איך געטױגט” — זאָגט א רוסיש שפּריכװאָרט. הײַנט איז עס, קאָן מען זאָגן, פאַרעל־טערט. הונדערטער טױזנטער, מיליאָנען סאָװעטישע פּאטריאָטן פאָרן אװעק לױטן רוף פון דער פּארטײ פון זײער שװעל, קעדײ נעמען אן אקטיװן אָנטײל אינעם איבערגעשטאלטן דאָס לאנד, אינעם בױען דעם קאָמוניזם. און צװײ מאָל א לײַבלעכע, א באזונדערס טײַערע װערט פאר זײ די ערד, מיט װעלכער זײ האָבן איבערגעלעבט די שװעריקײַטן און די גרױסע ניצחונעס, אױף װעלכער זײ האָבן גע־ארבעט, צו װעלכער זײ האָבן, װי מע זאָגט, צוגעלײגט זײערע הענט.

און איך אױך, װען מיר קומט אױס צו זײַן אין די הײם־ערטער, קװיק איך זיך ניט פּאָשעט מיט דער שײנקײַט פון די דניעפּער־ברעגן, נאָר איך דערמאָן זיך: אָט דער װעג איז דורכגעלײגט גע־װאָרן נאָך אין מײַן צײַט, און אָט דער קולטור־פּאלאַץ איז געבױט געװאָרן, װען איך בין דאָרט געװען, און אָט די זאװאָדן, עלעקטראָ־סטאנציעס, שאכטעס, און אָט די שטאָטישע גאסן און די קאָלװיר־טישע דערפער — אין זײ איז פאראן א קײלעך פון מײַן מי, פון מײַנע מאכשאָװעס, פון מײַנע אומרוען, שלאָפלאָזע נעכט...

בעלונא

1

אז עס איז פאראן ברויט — וועט אויך זײַן א ליד... ניט אומזיסט זאָגט מען אזוי. ברויט איז שטענדיק געווען דער וויכ־טיקסטער פּראָדוקט, די מאָס פון אלע ווערטן. אויך אין אונדזער טקופע פון גרויסע וויסנשאפטלעך־טעכ־נישע דערגרייכונגען איז ברויט דער ערשטער לעבנס־יעסאָד פון די פעלקער. די מענטשן האָבן זיך ארויסגעריסן אין קאָסמאָס, זיי באַ־צווינגען די טײַכן, יאמען, אָקעאנען, זיי באקומען ארויס נאפט און גאז אין די ערד־טיפענישן, זיי האָבן באהערשט די ענערגיע פונעם אטאָם, אָבער ברויט בלײַבט ברויט.

א באזונדערע, ציטעריקע, הייליקע באציִונג צו ברויט איז אייגנ־טימלעך פאר די בירגער פונעם לאנד, ווו זאנגען זײַנען ארופגע־טראָגן אפן מעלוכע־הערב. איך קאָן זאָגן, אז נאָך פון יונגערהייט איז דאָס באוווסט אויך מיר.

פונעם פאָטערס צאד — אן ארבעטער, פונעם זיידנס — א פויער, האָב איך זיך אויסגעפּרווט אף דער ארבעט סײַ אין זאוואָד, סײַ

אין דאָרף. אָנגעהויבן האָב איך אַלס ארבעטער, אָבער אין די יאָרן פון כורבן, ווען מע האָט דעם זאוואָד אָפּגעשטעלט אף לאַנג, איז אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט אַקערן, זייען, אַראָפּנעמען די גערעטעניש, און איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס הייסט עס — כאַווען ברויט מיט די אייגענע הענט. איך בין געוואָרן אַן ערד־אײַנאָרדע־נער, געאַרבעט אין די קורסקער דערפער, אין ווײַסרוסלאַנד, אף אוראַל, און אויך שפּעטער, ווען איך בין ווידער געוואָרן א מעטאַ־לורג, האָט די צײַט אליין ניט געלאָזט פאַרגעסן וועגן ברויט. צו־זאַמען מיט אַנדערע קאָמוניסטן פלעג איך ארויספאָרן אין די דער־פער, זיך געשלאָגן מיט די באַלעגופים אף די סכאָדקעס, אָרגאַני־זירט די ערשטע קאָלווירטן.

מע קאָן זאָגן: סאַכאַקל פיר יאָר זײַנען פולשטענדיק אָפּגעגעבן געוואָרן דעם דאָרף אין אָנהייב פון מײַן ארבעטס־טעטיקײַט. מע קאָן אָבער זאָגן אַנדערש: גאַנצע פיר יאָר. אַלס ערד־אײַנאָרדענער האָב איך אָנגעהויבן ארבעטן אין סאַמע אָנהייב פון דער קאָלעקטי־וויזאַציע, און אפן זאַוואָד האָב איך זיך אומגעקערט, ווען זי איז שוין געווען אין גרונט פאַרענדיקט. די דאָזיקע יאָרן — פון 1927 ביזן 1931 — זײַנען געגליכן צו אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פונעם לאַנד. אויסטיילנדיק ערד־כאַלאָקים פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטעלן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר פאַרנעמען זיך ניט פּאָשעט מיט פאַרניכטן די מעזשעס, נאָר מיר העלפן דער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פונעם דאָרף, מיר פאַסעווען איבער דעם גאַנצן טויזנט־יאָריקן סיידער פונעם פויערשן לעבן.

איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, ווײַל מיר איז נאָענט געוואָרן די שטאָט און דאָס דאָרף, דער זאַוואָד און דאָס פעלד, די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפט. אין זאַפּאָראָזשיע, וועגן דעם האָב איך שוין געשריבן, איז אויסגעקומען צו ווענדן די גרונט־אופמערקזאַמ־קײַט אף אופצושטעלן די אינדוסטריע, אָבער אומדערמידלעכע זאָרגן האָבן געפאָדערט אויך די קאָלווירטישע איניאַנים. אין דניעפּראָ־פּעטראָווסק האָבן די שטאָט און דאָס דאָרף פאַרנומען אין דער אַר־בעט אומגעפער א גלײַכע צײַט. אין מאָלדאַוויע איז אפן ערשטן אָרט געשטאַנען די לאַנדווירטשאַפט, אָבער אויך די אינדוסטריע, וואָס זי איז דאָרט פּראַקטיש געשאַפן געוואָרן אפסנײַ, האָט ניט געלאָזט פאַרגעסן וועגן זיך. אָט אַזוי זײַנען די דאָזיקע זאָרגן געגאַנגען באַנאַנד, פּונקט ווי צוויי פּאַראַלעלע ליניעס, וועלכע קאָ־נען זיך ניט איבערקרייצן, אָבער פאַר מיר האָבן זיי זיך יאָ איבער־געקרייצט.

אויך הײַנט ווערן אף מײַן ארבעטס־טיש אין קרעמל רעגולער אוועקגעלייגט סוואָדקעס וועגן דעם גאַנג פונעם פרילינג־פּאַרזיי, וועגן דעם צושטאַנד פון די פּאַרזייען, וועגן די טעמפּן פונעם שניט.

לויט דער אלטער געוווינהייַט קלינג איך אליין אין פֿארשיידענע זאָנעס פֿונעם לאנד, און ווען איך הער די כאוויירים פֿון קובאן, פֿון בייַדניעפּראָוויע, מאָלדאוויע, בייַוואָלגע, סיביר, פֿיל איך שוין לויט די שטימען, וואָס פֿאר א טוווע איז בא זיי. אויב, לאָמיר זאָגן, אף דער צעלינא זייַנען ביזן 15 יון ניט געגאנגען קיין רעגנס, ווייס איך, אז מע וועט מוזן אראָפּווארפֿן פֿון דער גערעטעניש עטלעכע צענטנער. אויב עס וועט קיין רעגן ניט זייַן ביזן סאָף כוידעש — ווארף אראָפּ נאָך... אין אזעלכע רעגעס קוקסטו דורכן פֿענצטער אף מאָסקווע, און עס שטייען פֿאר די אויגן די גרענעצלאָזע צעלינא־פֿעלדער, די פֿארזאָרגטע פּענעמער פֿון די קאָמבייַנערס, אגראָנאָמען, ראיקאָמאָווצעס, און, געפֿינענדיק זיך ווייַט פֿון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זייַנען מיר טייַער, פֿיל איך זיך ווידער באנאנד מיט זיי.

די צעלינא איז פֿעסט אריַין אין מייַן לעבן. און אָנגעהויבן האָט זיך אלץ אין א פּראָסטיקן מאָסקוווער טאָג פֿון 1954, אין סאָף יאנוואר, ווען מע האָט מיך ארויסגערופֿן אין צענטראל־קאָמיטעט פֿון קפּסס. די עצעם פּראָבלעם איז געווען באקאנט, וועגן דער צעלינא האָב איך אין יענעם טאָג זיך דערוווסט ניט צום ערשטן מאָל, און א נייַס איז געווען דאָס, וואָס די מאסן־אופֿאקערונג פֿון דער צעלינא וויל מען אָנטרויען גראָד מיר. אָנהייבן זי אין קאזאכסטאָן דארף מען אין דעם נאָענטסטן פֿרילינג, די טערמינען זייַנען די סאמע געפּרעסטע, די ארבעט וועט זייַן א שווערע — דאָס האָט מען זיך ניט געקליבן אויסבאהאלטן. מע האָט נאָר צוגעגעבן, אז אין געגעבענעם מאָמענט איז ניטאָ קיין מער פֿאראנטוואָרטלעכע פּארטיי־אופֿגאבע, איידער די דאָזיקע. דער צענטראל־קאָמיטעט האלט פֿאר נייטיק צו שיקן אהין מיך מיט פּאָנאָמארענקאָן.

דער טאָך באשטייט אין דעם, האָב איך דערהערט, וואָס די אינזשעניאָנים אין דער רעפּובליק גייען ניט וואזשנע. די דאָרטיקע אָנפֿירונג ארבעט אפֿן אלטן שטייגער, די נייַע אופֿגאבן וועלן, ווי ס׳איז צו זען, זייַן ניט פֿאר אירע קויכעס. אין צוזאמענהאנג מיטן אופֿאקערן די צעלינא איז נייטיק אן אנדער שטופּע אינעם פֿארשטיין דאָס אלץ, וואָס אונדז שטייט פֿאָר אָפּצוטאָן אין די דאָזיקע ראכוועסדיקע סטעפּעס.

דאָס וויכטיקסטע, וואָס מע האָט אונדז אָנפֿארטרויט, איז — זיכערן די אופֿאקערונג פֿון דער צעלינא. אן ארבעט שטייט פֿאָר, האָב איך געוווּסט, אן אויסערסט שווערע. און קוידעמקאָל דארף מען געפֿינען די ריכטיקע לייזונג, ווי צו אָרגאניזירן די אויספֿילונג פֿון אזא וויכטיקער אופֿגאבע. עס האָט זיך געהאנדלט ניט בלויז וועגן דעם אופֿשטייַג פֿון דער טוווע־ווירטשאפֿט פֿון איין רעפּובליק, נאָר

וועגן א קארדינאלער לייזונג פון דער טוווּע־פּראָבלעם אין די מאָס־שטאבן פונעם גאנצן סאָוועטנפארבאנד.

שוין אין הארבסט האָבן מיר אף דער צעלינא געדארפט באקו־מען ברויט! אומבאדינגט אינעם האַיאָריקן הארבסט!

אלזאָ, מײַן לעבן האָט ווידער, שוין צום וויפלטן מאָל, זיך שארף א קער געטאָן.

דעם 30 יאנוואר 1954 איז פאָרגעקומען א זיצונג פון פרעזי־דיום פונעם צענטראל־קאָמיטעט, וועלכע האָט באהאנדלט די לאגע אין קאזאכסטאן און די אופגאבן, וואָס זײַנען פארבונדן מיטן אופ־אקערן די צעלינא. אין א פּאָר טעג ארום בין איך ארויסגעפלויגן קיין אלמא־אטא.

אין יענער צײַט האָב איך ניט געטראכט, אז אין יאָרן ארום וועל איך דערפילן א נויטווענדיקײַט צו דערציילן וועגן אָט דעם אומ־פארגעסלעכן פּאר מיר לעבנס־פּעריאָד. ניט מוירע האָבנדיק זיך איבערצוכאזערן, וועל איך זאָגן, אז אויך אף דער צעלינא האָב איך קיינע פארנאָטירונגען אָדער טאָגביכער, ווי פריִער, ניט גע־פירט. ס׳איז ניט געלעגן אין קאָפּ, אָבער כאראָטע האָבן דערוף, מיין איך, לוינט ניט. איך דערמאָן זיך וו. אי. לענינס נאָכוואָרט צום בוך „מעלוכע און רעוואָליוציע״. אין אָט דעם נאָכוואָרט שרײַבט ער, וויאזוי ער האָט אָנגעהויבן גרייטן נאָך איין קאפּיטל, נאָר קיין צײַט האָט ניט געקלעקט — עס האָט געשטערט דער ערעוו פונעם אָקטיאבער. „מיט אזא „שטערונג״ מעג מען זיך בלויז פרייען, — באמערקט מיט הומאָר וולאדימיר איליטש, — ס׳איז אָנגענעמער און נוצלעכער די „דערפארונג פון דער רעוואָליוציע״ דורכצומאכן, איידער שרײַבן וועגן איר״.

אף דער צעלינא האָבן מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן פאָרגע־זעצט צו מאכן די דערפארונג פון דער רעוואָליוציע, זיי האָבן פאר־מערט אין די נײַע היסטאָרישע באדינגונגען אירע דעראָבערונגען, געשאפן די לעבעדיקע דערפארונג פון דער זיגרײַכער בויונג פונעם אנטוויקלטן סאָציאליזם. דעריבער זײַנען אף שטענדיק פארבליבן אין מײַן זיקאָרן אויך די טײַערע יאָרן, וועלכע זײַנען אינגאנצן אָפּגעגעבן געוואָרן דער דאָזיקער ערד.

אין אלמא־אטא איז מיר אויסגעקומען זײַן צום ערשטן מאָל. נאָר איך האָב מיט עפּעס זייער א ווארעם געפיל באטראכט די שטאָט. זי איז שוין פון לאנג געווען פאר מיר נאָענט, איך האָב זי הינטער די אויגן ליב געהאט פונקט אזוי, ווי קאמענסקאָיע, דניעפּ־ראָפּעטראָווסק אָדער זאפּאָראָזשיע.

מיר האָט, ווי א סאך פראָנטאָוויקעס, ניט באלד זיך אײַנגעגעבן צו געפינען דעם אדרעס, לויט וועלכן עס זײַנען עוואקויִרט געוואָרן אין הינטערלאנד מײַנע נאָענטע. אכט לאנגע, אומרויִקע כאדאָשים

זײַנען אוועק ביז יענער צײַט, ווען צו מיר איז דערגאַנגען אַפֿן פּראָנט דער ערשטער בריוו פֿון דער פּרוי מיטן צוריק־אַדרעס: אַלמאַ־אַטאַ, קאַרל־מאַרקס־גאַס, הויז 95. פֿון אָט דעם בריוו האָב איך זיך דערוווּסט די פֿאַמיליע פֿון די מענטשן, וועלכע האָבן געגעבן באַ זיך אַ היים מײַן געזינד — בײַבוסינאָוו טורסון טאַראַבאַיעוויטש און זײַן פּרוי רוקיאַ יאַרולאָוונאַ. איך האָב געפֿונען זייער הײַזקע, וואָס איז געווען ענלעך אַף טויזנטער אַנדערע אין דער דעמלטיקער, קימאַט דורכויס איינשטאָקיקער אַלמאַ־אַטאַ. די פּרוי האָט געשריבן בײַס דער מילכאָמע, אַז זומער האָט דאָס הויז געבאָדן זיך אינעם גרינס פֿון די ביימער און הינטערן פֿענצטער האָט שטיל געפּליסטערט דער אַריק. איצט אָבער איז געווען פֿעוורואַל, דער אַריק איז געווען פֿוסט און פֿון די ביימער, נאַקעטע, נאַסע פֿון דער זיך דערנעענטערנדיקער אָדליגע, האָבן גערונען טראָפּנס וואַסער. ס׳האָבן עפּעס מיטאַמאָל שאַרף, קימאַט אָנשוילעך זיך דערמאָנט אַ סאַך מילכאָמע־טעג. אַרײַנגיין? מע דאַרף זאָגן אַ דאַנק דעם גוטן קאַזאַכישן געזינד, אַ בוק טאָן זיך צו די ווענט, וווּ עס האָבן אָנשטאָט פֿיר מענטשן פֿרײַנטלעך געלעבט אין יענע שווערע יאָרן זיבן. נאָר איך האָב באַשלאָסן צוּוואַרטן אַף דער פּרוי און, אויב עס וועט זיך אײַנגעבן, אַרײַנגיין אַהער צוזאַמען.

איך בין אוועק ווײַטער איבער די גאַסן, וויסנדיק, אַז דאָס איז דאָס בעסטע מיטל צו באַקומען דעם ערשטן אײַנדרוק וועגן דער שטאָט, ווו עס שטייט פֿאַר צו לעבן און אַרבעטן. געכאַפּט אַ קוק אַפֿן מאַרק, וואָס קאָן אַ סאַך זאָגן אַ דערפֿאַרענעם אויג. דאָס איז דאָך אַן אייגנאַרטיקער באַראָמעטער פֿונעם ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון יעטווידן אָרט, דער שפּיגל פֿון די מינהאָגים, טראַדיציעס פֿון זײַן באַפֿעלקערונג. דער אַלמאַ־אַטאַער מאַרק, אַ טומלדיקער, פֿול מיט מענטשן, אַ בונטער, האָט מיר געגעבן ניט ווייניק באַלערעוודיקע ידיעות. דער גאַנצער קאָלאָריטער אָנבליק פֿון דער שטאָט איז מיר געווען צום האַרצן.

עפּעס האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז לעבן אין איר איז אויסגעקומען אַף פֿאַרשיידענע אַדרעסן. צוערשט האָבן מיר זיך באַזעצט הינטער דער שטאָט, אין אַן אָפּרו־הויז, אַ קילאָמעטער פֿינף פֿונעם איצט באַרימטן גליטש־פֿעלד „מעדעאָ״ (דעמלט איז עס נאָך ניט געווען). זייער אַ שיין אָרט. סעדער, שטעגלעך, אַ ריינע לופֿט, אַ רוישיק טײַכל, וואָס לויפֿט פֿון די בערג. און די נאָענטע בערג גופֿע זײַנען טונקל פֿון דער בלאָווקײַט, שעמערירן מיט די שניי־שפּיצן. ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל געקומען קיין קאַזאַכסטאַן, אין סענטיאַבער 1976, האָב איך אַרײַנגעקוקט אין אָט דעם אָפּרו־הויז, באַשלאָסן צו געפֿינען מײַן צימער. כ׳האָב זיך אָן קוווענקלעניש אופֿגעהויבן אַפֿן צווייטן שטאָק, אָפּגעזוכט די באַקענטע טיר און גענומען דערציילן די מיט־

גייער, אז אַט בא דעם פענצטער איז געשטאַנען דאָס ארבעטס־טישל, און בא דער זײַט — א דיוואַן...

— ניין, לעאַניד איליטש, — האָט א שמייכל געטאָן די שוועסטער־באַלעבאָסטע, — איר האָט זיך טויע געוועזן אף גאנצע צוויי טירן.

דער דאָזיקער פאַל רעדט נישט אזוי וועגן דער ניט־פּאַרפּולקומט־קײַט פונעם מענטשלעכן זיקאָרן, ווי וועגן דער שנעלקײַט פון די ענדערונגען. ניט בלויז דאָס אָפּרו־הויז, א שטאַרק איבערגעבויטס, — די גאַנצע הײַנטיקע אלמא־אטא איז לאַכלוטן ניט ענלעך אף דער פריִערדיקער. איצט איז דאָס א ריזיקע, הײַנטצײַטיקע שטאָט, מיט קימאַט א מיליאָניקער באַפעלקערונג, א שיינע און אייגנאַרטיקע. זי בויט זיך מיט א פּאַרנעם, לויט א גוט דורכגעטראַכטן פּלאַן און, כ׳וואָלט געזאָגט, מיט ליבשאַפט. דאָ וועסטו ניט זען קיין אומעטיקע, איינאַרטיקע קוואַרטאַלן, די אַרכיטעקטור פון די נײַ־בויונגען איז אָריגינעל, קיין איין גרויסער בנין כאַזערט ניט איבער א צווייטן.

יעדעס מאָל, ווען איך קום אהער צו פליִען, זאָג איך צו מײַנע אַלטע פרײַנט: „אָט בין איך ווידער געקומען צו אײַך ווי צו נאָענ־טע מענטשן!" ווען קיין אלמא־אטא האָט זיך אריבערגעקליבן מײַן געזינד, האָבן מיר זיך באַזעצט אין א הילצערן שטיבל פון פויערשן טיפּ טאַקע דאָרט, אינעם „קליינעם באַרג־שפּאַלט". דאָס הויז איז שוין איצט ניטאָ. דערנאָך זײַנען מיר אריבערגעפאָרן אין צענטער, אף דער דזשאַמבול־גאַס, אין אן עקספּערימענטאַלן בנין פון זאַמד־פּליטעס. זיי זײַנען, ווײַזט אויס, געווען ניט איבעריקס פעסט — דער בנין האָט זיך ניט פאַרהיט. ניטאָ אויך דאָס שטיבל, וווּ מײַן גע־זינד האָט באַקומען א היים אין די מילכאָמע־יאָרן, — אף יענעם אָרט פליסן הײַנט פריילעכע שטראָמען פון א גרויסן פאָנטאַן. און בלויז איין הויז, אפן ראָג פון די גאַסן פורמאַנאָוו און קורמאַנגאַזי, איז גאַנץ ביז איצט. דאָרט איז אויסגעקומען צו וווינען אין די לעצטע כאַדאָשים פון דער ארבעט אין אלמא־אטא.

דעמלט אָבער, אין אָנהייב פעווראַל 1954, ווען איך האָב קוים באַוויזן ארומקוקן זיך אפן נײַעם אָרט, האָב איך געדאַרפט בײַזײַן אפן פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון קאַזאַכסטאַן. איך דאַרף זאָגן, אז וועגן דער לאַגע אין דער רעפּור־בליק האָבן פיל אָראַטאָרן גערעדט זעלבסטקריטיש און שאַרף. איך און פּ. ק. פּאָנאָמאַרענקאָ האָבן אופמערקזאַם געהערט, אליין ניט ארויסגעטראָטן. ווען עס איז געקומען דער מאָמענט פון די וואַלן, האָט דער פאָרשטייער פון צק קפּסס מיטגעטיילט די אָנטיילנעמער פונעם פּלענום, אז דער פּרעזידיום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט רע־קאָמענדירט אויסצווויילן אלס ערשטן סעקרעטאַר פּאָנאָמאַרענקאָן און אלס צווייטן — ברעזשנעוון.

געארבעט האָבן מיר מיט פּ. ק. פּאָנאָמארענקאָ האנט בא האנט, קעמפנדיק פאר איין ציל, דײַגעס און ארבעט האָבן געקלעקט פארביידן. וואָס שײַעך מיר, האָב איך שטענדיק געשאצט און זיך באַצויגן מיט אכטונג צו פּאנטעליימאָן קאָנדראטיעוויטשן סײַ אלס „הויפּט־פּארטיזאנער", וואָס האָט אין מעשעך פון דער גאנצער מילכאָמע אָנגעפירט מיטן פאָלקס־ווידערשטאנד באַם סוינע אין הינטערלאנד, סײַ אלס פייִקן אָרגאניזאטאָר, זיכערן כאווער.

צום סאָף פונעם פּלענום האָט ער, באדאנקענדיק די אָנטיילנעמער, געזאָגט בלויז עטלעכע ווערטער אין נאָמען פון אונדז ביידן:

— איך פאָרהאָף, אז מיר וועלן קאָנען באַרעכטיקן אײַער צוטרוי. מיר וועלן ארבעטן און ארבעטן! איך מיין, אז שוין אין צוויי יאָר ארום וועלן מיר קאָנען ראפּאָרטירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אז די אופגאבן, וועלכע זײַנען הײַנט ארופגעלייגט געוואָרן אף דער קאַזאכסטאנער פּארטיי־אָרגאניזאציע, זײַנען אויסגעפילט.

פאָרלויפנדיק פּאָרויס, וועל איך זאָגן, אז ווירקלעך אקוראט אין צוויי יאָר ארום, זײַענדיק שוין דער ערשטער סעקרעטאר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּארטיי פון קאזאכסטאן, האָב איך ראפּאָרטירט דעם XX צוזאמענפאָר פון קפּסס, אז די גרויסע אופגאבע פון דער פּארטיי אופצואקערן די צעלינא איז אויסגעפילט מיט ערע.

2

א מאסע איניאָנים האָט זיך ארופגעוואלגערט אף אונדז אלעמען מיטאמאָל. הײַנט, אין יאָרן ארום, ווען איך קוק דורך די דאָקומענטן פון יענער צײַט, טראכט איך, וויאזוי האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן אזויפיל אָפּצוטאָן און אומעטום באוויַזן? אָבער אזוי איז, ווײַזט אויס, שוין געבויט אונדזער אָרגאניזם, אז ער פּאסט זיך צו אפילע צו אזעלכע פיזישע און נערוון־איבערלאָדונגען, וואָס מע קאָן מאָמעש ניט באגרײַפן. ווידער קומט אפן זיקאָרן די מילכאָמע: די מענטשן האָבן זיך דאָרט געפונען אף דער גרענעץ פון מענטשישע מעגלעכקײַטן — ניט דערשלאָפן, ניט דערעסן, געוויקט זיך אין די אָקאָפּעס, מעסלעסנווײַז געלעגן אפן שניי, זיך געוואָרפן אין אײַזקאלטן וואסער — און קימאט ניט געקרענקט אף צוקילונגען און אנדערע „פרידלעכע" קרענק. עפּעס ענלעכס האָט מען געקאָנט זען אויך אף דער צעלינא.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו פארגלײַכן די צעלינא־עפּאָפּיי מיט א פראָנט, מיט א גראנדיעזער שלאכט, וועלכע עס האָבן געווונען די פּארטיי און דאָס פאָלק. דער אָנדענק וועגן דער מילכאָמע

לאָזט אונדז, פראָנטאָוויקעס, ניט רוען, אָבער דער פארגלײַך איז א פּינקטלעכער. פארשטייט זיך, אף דער צעלינא איז ניט געווען קיין שיסערײַ, קיין באָמבארדירונגען, ארטילערישע באשיסונגען, נאָר אלדאָס איבעריקע האָט דערמאָנט אין אן עמעסער שלאכט.

קעדיי זי אָנהייבן, האָט מען קוידעמקאָל געדארפט, ריידנדיק מיט דער זעלבער מיליטערישער שפראך, איבערגרופּירן די קרעפטן, אונטערצײַען די טילן, און געווען איז דאָס ניט פּאָשעט. גלײַך נאָכן פּלענום איז פאָרגעקומען דער VII צוזאמענפאָר פון דער קאָמ־פּארטיי פון קאזאכסטאן, וועלכער האָט געמאכט אן אנאליז פון דער זאכלאגע. ער האָט אנערקענט די ארבעט פון דער ביוראָ און פון דעם סעקרעטאריאט פונעם צק פון פריערדיקן באשטאנד פאר ניט באפרידיקנדיק.

איך וועל דערקלערן פארוואָס. אין א קאַנט מיט די רײַכסטע נאטור־מעגלעכקײַטן, ווו עס זײַנען געווען הונדערטער קאָלווירטן, סאָווירטן און מאשין־טראקטאָר־סטאנציעס, ווו אף די פעלדער האָבן געארבעט צענדליקער טויזנטער טראקטאָרן און קאָמ־ביינען, ווו אויסער טויגבארער אקער־ערד זײַנען געווען מיליאָנען העקטאר היי־ און פּאשע־פעלדער, איז די פּראָדוקציע פון טוווע, פלייש, בוימוואָל, וואָל אין פארגלײַך מיטן פארמילכאָמע־ניוואָ ניט געוואקסן, נאָר צומאָל אפילע געפאלן. מילך האָט מען אָנגעמאָלקן ווייניקער, איידער אין 1940, טוווע האָט מען באקומען צו 5—6 צענטנער פון א העקטאר, בוימוואָל — סאכאקל 10 צענטנער, קאר־טאָפל — ניט מער ווי 60 צענטנער פון א העקטאר.

צו יענער צײַט האָבן אפילע אזעלכע ראיאָנען פון לאנד, ווי קו־באן, אוקראינע, דאָן, וועלכע זײַנען אינגאנצן פארוויסט געוואָרן דורך דער מילכאָמע, אופגעשטעלט דאָס כאָרעוו געוואָרענע, אָנגע־הויבן פארגרעסערן די גערעטענישן און די פּראָדוקטיווקײַט פון דער פיצוכט. און דאָ, כאָטש דאָס יאָר 1953 איז געווען אין דער רעפּובליק א זעלטן גינסטיקס, האָט מען דערלאָזט, איבערן מאנגל אין פיטער, עס זאָלן אומקומען אָנדערהאלבן מיליאָן שטיק פי. מע האָט עס געהאלטן אין די שטארקע ווינטער־פרעסט אונטערן אָפע־נעם הימל, ניט צוגעגרייט אפילע קיין פּרימיטיווע קאָשארעס, טײַ־נענדיק: „בא אונדז איז שטענדיק אזוי געווען". איך וועל צוגעבן, אז צווישן די קאָלווירט־פאָרזיצערס האָבן מער פון טויזנט געהאט אָנפאנג־בילדונג און דרײַ הונדערט פון זיי זײַנען פּאָשעט געווען האלב־גראמאָטנע.

פארשטייט זיך, אז דער שווערער צושטאנד פון דער לאנדווירט־שאפט אין קאזאכסטאן האָט זיך געלאָזט דערקלערן אויך מיט אָביעקטיווע סיבעס. ער האָט אָפּגעשפּיגלט די פארלאָזטקײַט פון אָט דעם וויכטיקסטן געביט אין גאנצן לאנד, וועגן וואָס די פּארטיי האָט

פאַשעט און אָפן געזאָגט אפן סענטיאַבער־פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס אין 1953. אָבער אפילע אפן אַלגעמיינעם פאָן האָבן די איניאַנים אין קאַזאַכסטאַן אויסגעזען קלאָגעוודיק. די קאָמ־פּליציירטקייט איז באַשטאַנען נאָך דערין, וואָס אייניקע אָרטיקע אָנ־פירער האָבן שאָלעם געמאַכט מיט די שוועריקייטן און געהאַנדלט לויטן פּרינציפּ: „זאָל עס גיין, ווי עס גייט".

— אָנפירן מיט אַזאַ גרויסער רעפּובליק איז פאַר אונדז געווען ניט לויט די קויכעס, — האָט געזאָגט אָפן צוזאַמענפאָר דער סעקרע־טאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט אי. אי. אַפאַנאַוו, וואָס האָט אומיטלבאַר פאַרוואַלטעט מיט דער לאַנדווירטשאַפט. — מיר פירן ניט אָן מיט די געשעענישן, נאָר האַוון אַרום, ווי שלעכטע פּייערלעשער. מיר לעשן די „סריייפּעס", וועלכע ברעכן אויס אָן א סאָף דאָ אין איין אָרט, דאָ אין א צווייטן. די גרונט־פאָרם פון אונדזער אָנפירונג זיינען אפילע ניט די פאַפּירן, נאָר די באַפּולמעכטיקטע.

נאָך אַזעלכע אַנערקענונגען איז שוין ניט געווען וואָס זיך צו כידעשן אָף דער אָפּוועזנהייט פון וועלכער־ניט־איז איניציאַטיוו מיצאַד די געגנטקאָמען פון דער פּאַרטיי. אויב עמעצער האָט יאָ געפּרוווט פאַרבעסערן די לאַגע, האָט עס אויסגעזען גאַנץ „אָריגי־נעל". לאָמיר זאָגן, די אַקטיוו־בינסקער געגנט איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן איניציאַטיוו שאַפן אַן אָנדערהאַלבניאָריקן פּיטער־רעזערוו פאַרן פי. אַזאַ נאָבעלן אופטו האָט מען באַוויליקט, די פאַרפליכטונג אָפּ־געדרוקט אין די צייטונגען. נאָר, ווי באַוווּסט, מוז א באַליביקע איני־ציאַטיוו זיך שטיצן קוידעמקאָל אָף די אינערלעכע קרעפטן, אָף די ניט אויסגענוצטע רעזערוון. אין דעם באַשטייט איר הויפּט־ווערט. די אַקטיוו־בינצעס האָבן געטאָן אַנדערש. גלייך נאָך דער קלינגענדי־קער פאַרפליכטונג האָבן זיי אָפּגעשיקט אין מיניסטאָרן־ראַט פון דער קאַזאַכישער ססר א בריוו: אַזוי, הייסט עס, און אַזוי, קעדיי מיר זאָלן קאָנען אויספּילן די פאַרפליכטונגען, גיט אונדז דרינגענ־דיק צוגאָבלעך דריי הונדערט טראַקטאָרן, זעקס טויזנט טאָן קע־ראָסין, אַזויפיל און אַזויפיל אויטאָל, סאָלידאָל, רעזערוו־טיילן. קורץ, העלפט אונדז ווערן העלדן, אויב איר ווילט ניט דורכפאַלן צוזאַ־מען מיט אונדז.

מיין גאַנצע דערפאַרונג פון אָנפירנדיקער אַרבעט — פּאַרטייי־שער, סאָוועטישער, אַרמייישער, ווירטשאַפטלעכער — האָט שוין לאַנג איבערצייגט: איזשדיוועטשעסטוואָ, דער פאַרלאַנג צו פאַר־בעסערן די אייגענע איניאַנים אפן כעזשבן פון אַנדערע, באַווייזט פּונקט אַזוי, ווי א לאַקמוס־פּאַפּירל, אָף וואָס עס איז פייזיק דער אָדער אַנדערער כאַווער. אָף וויפל אונדז איז פאַרגעשטאַנען צו אופּאַקערן די צעלינאַ, האָט בא דער צוגעזאָגטער אַלפאָלקישער הילף די איזשדיווענטשעסטוואָ געקאָנט אָנעמען געפערלעכע מאַס־

שטאבן. אָט פאַרוואָס איך האָב געהאַלטן פאַר נייטיק באַזונדערס זיך פאַרינטערעסירן מיט דער דאָזיקער דערשיַינונג.

מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו ריידן וועגן דער זאָרג־פעליקער באַציִונג צו קאַדרען. פאַרשטייט זיך, עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן, וועלכע האָבן דערוויזן פּראַקטיש, אַז זיי קענען אַרבעטן. עס האַנדלט זיך ניט וועגן פאַרגעבן אַלע זינד: ניט קיין פייִקע, ניט קיין ערלעכע טוער דאַרף מען אַנטשיידן פאַרביַיטן. דאָ איז אָבער אויס־געקומען צו איבערציַיגן זיך, אַז די אָנפירער פון אַ פאַרשיידענעם ניוואָ האָט מען אין דער רעפּובליק ניט זעלטן אַרויסגערוקט, אַזוי צו זאָגן, פונעם שטאַנדפּונקט פון גוטברודערשאַפט. דערצו האָט מען טייקעף געדאַרפט מאַכן אַ סאַך, און איך מיט פּ. ק. פּאָנאָמאַרענקאָ האָבן פאַרנומען אַ שטרענגע פּאָזיציע. און קעדיי עס זאָלן ניט זיַין קיין באַליידיקטע, האָבן מיר וועגן דעם דערקלערט אָפן. אַזוי, לע־מאָשל, האָב איך שוין אין איינער פון מיַינע ערשטע רעדעס — פאַר די ווייַלער פון אַלמאַ־אַטאַ אין מאַרט 1954 — געזאָגט:

— אין צוזאַמענהאַנג מיט די ריזיקע אויפגאַבן, וועלכע שטייען איצט פאַר דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון קאַזאַכסטאַן, וואַקסט גוואַל־דיק אויס די באַדיַיטונג פון ריכטיק צוקליַיבן און פאַנאַנדערשטעלן די קאַדרען. דער VII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון קאַזאַכסטאַן האָט אויפגעדעקט אין דער אַרבעט מיט די קאַדרען ערנסטע כעסרוי־נעס און פעלערן, וועלכע ריידן וועגן דעם, אַז אייניקע אָנפירער האָבן, פאַרלירנדיק דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקיַיט, צוגע־קליבן טוער ניט לויט זייערע זאַכלעכע אייגנשאַפטן, נאָר לויט זייער פּערזענלעכער איבערגעגעבנקיַיט. מיר קאָנען דערמיט ניט שאָלעם מאַכן. אין דער רעפּובליק זיַינען פאַראַן אַ סאַך גענוג ריַיפע, דער־פאַרענע מענטשן, וועלכע זיַינען צוגעגרייט צום אַרויסרוקן זיי אויף אָנפירנדיקער אַרבעט, זיַינען פייִק צו לייזן די אויפגאַבן, וועלכע די פּאַרטיי האָט געשטעלט.

צוקליַיבנדיק ווילנספולע קאָמאַנדירן, אונטערציִענדיק די טילן, האָבן מיר מיט אומגעדולד געוואַרט אָפן באַשלוס פון דער פּאַרטיי וועגן אָנהייבן אויפאַקערן די צעלינאַ. און אָט האָט אין סאַמע סאָף פעוראַל 1954 זיך אָנגעהויבן דער היסטאָרישער פעוראַל־מאַרט־פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, וועלכער האָט אָנגענו־מען די באַשטימונג „וועגן דעם וויַיטערדיקן פאַרגרעסערן די פּראָ־דוקציע פון טרוואַ אין לאַנד און וועגן באַהערשן די צעלינאַ און די פאַרלאָזטע ערדן".

די גרויסע שלאַכט אין די קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס האָט זיך אָנגע־הויבן. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין אַ קאָלאָסאַלן געאָגראַ־פישן ראַיאָן. צאָפן־קאַזאַכסטאַן ציט זיך פון מיַירעוו אויף מיזרעך אויף 1,300 און פון צאָפן אויף דאָרעם אויף 900 קילאָמעטער. דער אַלגעמיי־

נער שעטעך פון די זעקס איצטיקע (פריִער זײַנען געווען פינף) געגנטן, וועלכע זײַנען דיסלאָצירט אף דער דאָזיקער טעריטאָריע, — קוסטאַנײַער, צעלינאָגראַדער (געוועזענער אַקמאָלינסקער), צאָפן־קאַזאַכסטאַנער, קאָקטשעטאַווער, טורגײַער און פאַוולאָדאַרער — באַטרעפט מער פון 600 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער. דאָס איז אַ סאַך גרעסער, איידער די טעריטאָריע פון אַזאַ מעלוכע, ווי פראַנקרײַך. און אָט אף אַזאַ מין ריזיקן שעטעך איז פאָרגעשטאַנען צו אויפאַקערן אַפּסנײַ 250 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער פרוכטבאַרע סטעפעס — אַ שעטעך, וואָס שטײַגט איבער די גרייס פון גאַנץ ענגלאַנד.

אופגעאַקערט די צעלינאַ האָבן ניט בלויז מיר, נאָר אויך דער אַלטײַער קאַנט, קראַסנאָיאַרסקער קאַנט, די נאָוואָסיבירסקער און אָמסקער געגנטן, בײַוואָלגע, אוראַל, דער ווײַטער מיזרעך. אַ סאַך ווייסן מיסטאָמע, אַז דער אַלגעמיינער שעטעך פון דער צעלינאַ און פון די פאַרלאָזטע ערדן, וועלכע זײַנען באַהערשט געוואָרן אין לאַנד, באַטרעפט איצט 42 מיליאָן העקטאַר. פון זיי איז אין קאַזאַכסטאַן אופגעאַקערט געוואָרן 25 מיליאָן. און 18 מיליאָן העקטאַר פון דער דאָזיקער צאָל ערד איז אופגעאַקערט געוואָרן אין די קאַזאַכסטאַנער טסעפעס פאַר די יאָרן 1954 און 1955.

די ציפערן איבעראַשן, צעלינאַ איז אָבער ניט בלויז אַקער־ערד. דאָס איז אויך וווינונגען, שולן, שפיטאָלן, קינדער־גערטנער, יאַסליעס, קלובן, און נײַע וועגן, בריקן, עראָדראָמען, און פיצוכט־ביניאָנים, עלעוואַטאָרן, סקלאַדן, זאַוואָדן — מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס עס איז נייטיק פאַר אַ נאָרמאַל לעבן פון דער באַפעלקערונג, פאַר אַן אַנטוויקלטער הײַנטצײַטיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער פראָדוקציע.

איך האָב ניט קיין מעגלעכקײַט צו דערציילן געַנוי, וויִאַזוי דאָס איז געווען — טאָג נאָך טאָג, געשעעניש נאָך געשעעניש. וועגן דער צעלינאַ, וועגן די שוועריקײַטן אינעם באַהערשן זי, וועגן די העלדנטאַטן און גוּיראָלעס פון די פיִאָנערן פון דער צעלינאַ איז אָנגעשריבן ניט ווייניק. איך וויל דערמאָנען בלויז וועגן די הויפט־ריכטונגען פון אונדזער טעטיקײַט, וועגן יענער סטראַטעגיע און טאַקטיק, באַ וועלכער מיר האָבן זיך געהאַלטן, אַז די צעלינאַ זאָל פון סאַמע אָנהייב ווערן אַזאַ, ווי זי איז געוואָרן איצט. די ערד־אײַנאָרדענונג פון די נײַע און פון די פאַרברייטערטע אַלטע ווירטשאַפטן; דער אויסוואַל פון ערטער פאַר די הויף־ביניאָנים פון די נײַ־געשאַפענע סאָווירטן; דער אופנעם און די אײַנאָרדענונג פון הונדערטער טויזנטער מענטשן אינעם דערווײַל לאַכלוטן אומבאַוווינטן סטעפ; די קאָלאָסאַלע בויונג פון צענדליקער, דערנאָך הונדערטער סאָווירטישע יִשוּווים מיטאַמאָל; דער אָפקלײַב פון פיל טויזנטער ספּעציִאַליסטן; דאָס שאַפן פון דער פאַרשיידנאַרטיקער מענטשן־מאַסע סאָלידאַרע, באַהעפטע קאָלעקטיוון; די עצעם אופאַקערונג פון דער צעלינאַ און דער ערשטער

פרילינג־פּאַרזיי... און דאָס אַלץ איז אויסגעקומען צו טאָן ניט לויט דער ריי, נאָר מיטאַמאָל, איינצײַטיק.

קעדיי דעם לייענער זאָל זײַן קלאָר, לעמאָשל, דער מאַסשטאַב פון דער אַרבעט אין פּראַט פון פאַרפעסטיקן די אָנפירנדיקע קאַדרען אויף די ערטער, וואָס מע האָט געדאַרפט דורכפירן אין זייער אַ קורצן טערמין, וועל איך זאָגן, אַז בלויז אין 1954 זײַנען באַטראַכט און רעקאָמענדירט געוואָרן קאַנדידאַטורן פאַר דער אַרבעט אויף דער צעלינא מער פון פינף הונדערט נײַע סעקרעטאַרן פון ראַיקאָמען פון דער פּאַרטיי און סעקרעטאַרן פון די ערשטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, פון טויזנטער קאָלווירט־פאָרזיצערס, אַגראָנאָמען, זאָאָטעכניקער, אינזשעניערן, מעכאַניקער. צווישן זיי זײַנען געווען ניט ווייניק אויסגעצייכנטע אָרטיקע טוער, נאָך מער — אָנגעפּאָרענע. אַ קאָלאָסאַלע הילף האָבן אונדז אַרויסגעוויזן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, די פאַרבאַנדישע מיניסטעריומס, אַ סאַך רעפּובליקן און געגנטן פון לאַנד, וועלכע האָבן מיט אַ ברייטער האַנט זיך געטיילט מיט דער צעלינא מיט זייערע קאַדרען.

דאָס מיניסטעריום פון סאָווירטן פון פּסר האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן שטאַב פאַר אָפּקלײַבן ספּעציאַליסטן. די שטאַב־צימערן האָבן דערמאָנט אין וואָקזאַל־לאָקאַלן, אַזוי פול זײַנען זיי געווען מיט מענטשן. איך פלעג אַרויספאָרן אין אָט דעם שטאַב און וואַכנווײַז פון פרימאָרגן ביז האַלבער נאַכט אויפנעמען מענטשן. אַליין האָב איך קיינמאָל ניט געקאַרגט קיין צײַט, קעדיי גענוי, גרינטלעך שמועסן מיט יעדן איינעם, ווער עס האָט זיך געקליבן פאָרן אויף די צעלינא־ערדן. עס איז וויכטיק געווען, אַז דער מענטש זאָל פאַרשטיין די גאַנצע קאָמפּליצירטקײַט און טיפקײַט פונעם פאַרטראַכט, ער זאָל זיך דורכדרינגען מיט גלויבן אין דער פאַרטראַכטער זאַך און דינען איר מיט דער איבערגעגעבנקײַט פון אַלע קויכעס. באַקאַנענדיק זיך מיט מענטשן, האָב איך זיך אינטערעסירט: צי פאָרט דער מענטש מיט כיישעק, וואָס פאַר אַ דערפאַרונג ער האָט, צי איז ער געזונט, צי דערווידערט ניט די מישפּאָכע אַריבערצופאָרן. געווען זײַנען אויך ניט ווייניק פראַגן פון דער אַנדערער זײַט: ווען פאָרן, וויפל ערד פאַרמאָגט דער סאָווירט, אַוועלכע איז זי, פונוואַנען וועלן אָנקומען מענטשן, וויפל טעכניק ווערט אויסגעטיילט, וואָס נעמען מיט זיך אויף דער ערשטער צײַט?

דאָ טאַקע, אין די קאָרידאָרן פונעם מיניסטעריום, בייס די איבערײַסן צווישן די שמועסן פלעגן די קינפטיקע דירעקטאָרן אָפּקלײַבן פאַר זיך ספּעציאַליסטן. אַזוי זײַנען אויסגעבילדעט געוואָרן די באַרימטע פינפלינגען: דירעקטאָר, הויפּט־אַגראָנאָם, הויפּט־אינזשעניער, בוי־אינזשעניער, הויפּט־בוכהאַלטער. שפּעטער האָבן מיר גענומען אָפּקלײַבן ניט קיין פינפלינגען, נאָר זעקסלינגען אָנפירער — אין דעם

„שטאב” איז איַינגעשלאָסן געוואָרן אויך דער שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר איבער דער ווירטשאַפטלעכער טייל, וואָס אָן אים, ווי די דערפאַרונג האָט באַוויזן, איז שווער געווען צו לייזן די וויכ־טיקסטע אַף דער צעלינא פּראָבלעם פון לעבנסשטייגער, דיסלאָקאַ־ציע, דערנערונג, קולטור־באַדינונג פון די מענטשן.

אין מײַן קאַבינעט אין צענטראַל־קאָמיטעט איז געהאַנגען אַ גרויסע מאַפּע פון קאַזאַכסטאַן. פּונקט אַזוי ווי אין די פריִערדיקע צײַטן אַפן פראָנט פלעג איך אָפּמערקן אַף די מאַפּעס די דיסלאָקאַציע פון די אַרמיי־טיילן, די ראַיאָנען פון זייערע אָפּעראַציעס און די ריכטונג פון די אָנגריפן, אַזוי האָב איך אויך איצט אָפּגעמערקט אַף דער מאַפּע פון דער רעפּובליק די דיסלאָקאַציע פון הונדערטער ווירטשאַפטן און שטיצפּונקטן. מיט קרײַזן זײַנען אַף איר באַצייכנט געווען די גרונט־באַזעס פונעם אָנגריף — די שטעט, וועלכע זײַנען אַמנאָענטסטן צו די ראַיאָנען פון באַהערשן די צעלינא, די סטאַנציעס, יִישוּווים, פאַרוואָרפענע אינעם אומענדלעכן סטעפּ. מיט גרין־רויטע פענדלעך זײַנען אָפּגעמערקט געוואָרן די אַלטע קאָלווירטן און סאָווירטן, וועלכע האָבן אויך היפּש פאַרברייטערט דעם פאַרזייקלין אַפן כעזשבן פון דער צעלינא. און מיט רויטע — די הויפן פון נײַע סאָווירטן, וועלכע מע האָט נאָך ערשט באַדאַרפט שאַפן. אין 1954 האָבן זיך אַף דער מאַפּע באַוויזן 90 רויטע פענדלעך. און צום אָנהייב 1956 יאָר — 337!

געוויינלעך שרײַבט מען אין די זיכרוינעס, וויאַזוי די דירעקטאָרן פון די סאָווירטן פלעגן צוזאַמען מיט די הויפּט־ספּעציאַליסטן פאָרן אין סטעפּ, האָבנדיק אין קעשענע בלויז דעם באַפעל וועגן נאָמינירן זיי, דעם נומער פון דער קאָנטע אין באַנק און אַ שטעמפּל. געקומען צו פאָרן, פלעגט מען אַרײַנקלאַפּן אין דער ערד אַ סטויפּיקל מיטן נאָמען פונעם סאָווירט און אָנגעהויבן אַרבעטן... עמעס, אַזוי איז טאַקע געווען. אָבער אַ סאַך פון מײַנע אַלטע באַקענטע, אָפּגעבנדיק דער ראָמאַנטיק, וואָס איר קומט, פאַרגעסן איין וועזנטלעכע דעטאַל: דאָס סטויפּיקל פלעגן זיי אַרײַנקלאַפּן ניט ווו עס האָט זיך געמאַכט, נאָר אין אַ שטרענג באַשטימטן אָרט. און אויסער אַ באַפעל און אַ שטעמפּל אין קעשענע, האָבן די דירעקטאָרן פון די סאָווירטן געהאַט אויך פאָרטפעלן, און אין זיי — מאַפּעס פון די ערד־גיטער און פון דער ערד־אײַנאָרדענונג פון די נײַע ווירטשאַפטן. ראָמאַנטיק איז אַף דער צעלינא, פּונקט ווי שוועריקײַטן, געווען איבערגענוג. אָבער מע טאָר ניט מאָלן די זאַך גרינגוואָגיק: געקומען, זעט איר, צו פאָרן, זיך צעוואָרפן איבערן סטעפּ, און לאָמיר אומעטום אַקערן, גוט, וואָס ערד אַרום איז דאָ אַ סאַך.

באַ די בויער איז פאַראַן אַזאַ באַגריף — דער נול־ציקל. דאָס זײַנען די אַרבעטן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן דיסלאָצירן דעם בוי־

ניען אף דער טעריטאָריע, מיטן אויסבויען זײַן פונדאמענט און די אונטערערדישע קאָמוניקאציעס. די ארבעט איז א מיפּולע, פון דער זײַט א ווייניק באמערקבארע, אָבער אָפּטאָן זי מוז מען, איידער מע הייבט אָן אופשטעלן דעם עצעם ביניען. אין דער לאנדווירטשאפט קאָן מען מיטן נול־ציקל פארגלײַכן די ערד־אײַנאָרדענונג־ארבעטן, ווײַל די ערד־אײַנאָרדענונג איז א מין גענעראל־פּלאן, מיט וועלכן עס ווערן באשטימט די קאָנטורן און דער כאראקטער פון דער ווירט־שאפט, די דיסלאָקאציע און די גרייס פון אירע פעלדער, לאָנקעס, פאשע־גיטער, ערטער פאר דער בויונג פון הויפן, קוואלן פון וואַ־סער־באזאָרגונג און א סאך אנדערע זאכן, וועלכע זײַנען זייער וויכ־טיק פארן לעבן און פאר דער פּראָדוקציע.

פון די ערשטע טעג האָט זיך אינעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער רעפּובליק ווי פון זיך אליין געשאפן אָן אָפּעראטיווע ארבעטס־גרופּע פאר דער צעלינא. דערנאָך האָט מען זי גערופן אף פארשיידענע אויפנים: ווער — ארבעטס־גרופּע, ווער — אָפּעראטיווע, ווער — רע־פּובליקאנישער צעלינא־שטאב. און ווירקלעך, איר טעטיקײַט האָט דערמאָנט אין א פראָנט־שטאב. מיר איז אויסגעקומען צו שטיין בע־ראָש פון אים. די דאָזיקע גרופּע איז ניט געשאפן געוואָרן אָפיציעל, זי האָט ניט געהאט וועלכע־ניט־איז ספּעציעל אויסגעטיילטע מענטשן, אלע האָבן זיי פארנומען זייערע געוויינלעכע פּאָסטנס, אָבער אלע זײַנען געווען אומיטלבאר פארבונדן מיט דער לאנדווירט־שאפט. אויסער מיר, זײַנען אין דער דאָזיקער גרופּע ארײַן: דער סעקרעטאר פון צענטראל־קאָמיטעט פאר די פראגן פון דער לאנד־ווירטשאפט פאזיל קאריבזשאנאָוויטש קאריבזשאנאָוו, די פארוואל־טערס פון לאנדווירטשאפטלעכן און סאָווירטישן אָפּטיילן באם צענ־טראל־קאָמיטעט אנדריי קאָנסטאנטינאָוויטש מאראָזאָוו און וואסילי אלעקסאנדראָוויטש ליוועמצאָוו, דער מיניסטער פון דער לאנדווירט־שאפט פון דער רעפּובליק גריגאָרי אנדרייעוויטש מעלניק און דער מיניסטער פון די סאָווירטן מיכאיל דמיטריעוויטש וולאסענקאָ, א ריי אנדערע פאראנטוואָרטלעכע טוער. פארשטייט זיך, פאר די צעלינא־איניאָנים זײַנען אינעם צענטראל־קאָמיטעט געווען הונדערטער און הונדערטער מענטשן, אָבער די אָנגערופענע כאווירים האָבן טאקע געבילדעט דעם שטאב, וואָס האָט גערינטעט די ריזיקע אר־בעט.

דרינגענדיק און אומגעהערט לויטן פארנעם איז געוואָרן דאָס אויסטיילן די ערד צום אופאקערן. און אויב שוין ריידן וועגן דעם, ווער עס האָט דער סאמע ערשטער זיך א לאָז געטאָן אין די ענד־לאָזע סטעפּעס, זײַנען דאָס געווען די געלערנטע, הידראָטעכניקער, באָטאניקער, ערד־אײַנאָרדענער, אגראָנאָמען. זיי ווילט זיך פריער פאר אלץ דערמאָנען מיט א גוט וואָרט.

פּרוכטבאַרע ערדן ליגן ניט אין אַ דורכויסיקן שיכט. מע האָט זיי געדאַרפֿט געפֿינען, אָפּשאַצן, אָנמערקן די קאָנטורן, באַשטימען, וועלכע פֿון זיי טויג אָף צו זייען טווע, וועלכע פֿאַר לאָנקעס, פּאַשע־פּעלדער. קימאַט אַ דריטל טעריטאָריע פֿון קאַזאַכסטאַן — 100 מיליאָן העקטאַר — איז אויסגעקומען דורכשטודירן די ערד־אײַנאָרדענער. בלויז די וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון דער קאַזאַכישער ססר האָט גע־שאַפֿן און געשיקט אין די סטעפּעס אַרײַן 69 קאָמפּלעקס־עקספּעדי־ציעס און אָטריאַדן. אינעם שטודירן און אָפּשאַצן די ערדן האָבן אָנטיילגענומען די ספּעציאַליסטן פֿון די אַקאַדעמיעס, אינסטיטוטן און פּרווו־סטאַנציעס פֿונעם גאַנצן לאַנד. טויזנטער באָדנקענער, באָ־טאַניקער, הידראָטעכניקער, ערד־אײַנאָרדענער, אַגראָנאָמען פֿון רוסלאַנד, קאַזאַכסטאַן, אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד האָבן אויסגעפֿאָרשט 178 ראַיאָנען פֿון דער רעפּובליק, אַנטדעקט צום ערשטן מאָל 22,6 מיליאָן העקטאַר טויגבאַרע אַקער־ערד. די דאָזיקע ערדן, אין דער פֿאָרם פֿון פּראָקטימדיקע מאַפּעס פֿונעם באָדן, פֿון דעם געוויקסן־צו־דעק, פֿון שטרענג אָפּגעמערקטע וואַסער־קוואַלן און פֿון רויוואַרג־רעסורסן פֿאַר דער פּראָדוקציע פֿון אָרטיקע בוי־מאַטעריאַלן האָבן זיי צוגעשטעלט אין די ראַיאָנען און דערנאָך אין די געגנטלעכע און רעפּובליקאַנישע אָרגאַניזאַציעס.

זײַענדיק סעקרעטאַר פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אַזאַ גרויסער רעפּובליק, האָב איך געהאַט אַ דיפּלאָם פֿון אַן ערד־אײַנאָרדענער, און אַלס ספּעציאַליסט אין געביט פֿון ערד־אײַנאָרדענונג, האָט מיך דאָס אַלץ שטאַרק אינטערעסירט. די געלערנטע האָבן געהאָלפֿן שנעל צו אָריִענטירן זיך, האָבן פֿעסטגעשטעלט אָף דער טעריטאָריע פֿון דער רעפּובליק זעקס דײַטלעכע נאַטור־ווירטשאַפֿטלעכע זאָנעס, גע־געבן פּינקטלעכע רעקאָמענדאַציעס, ווו מע דאַרף זייען טווע־קול־טורן, ווו קולטיווירן פּיצוכט, ווו צונויפּפּאָרן אין אַ קאָמפּלעקס סײַ דאָס, סײַ יענץ, ווו אַנטוויקלען אַן איריגאַציע־ווירטשאַפֿט.

אין יענער צײַט האָב איך געהאַט ניט ווייניק אָנגענעמע באַקאַנט־שאַפֿטן מיט קאַזאַכסטאַנישע כאַווייִרים. איך האָב ליב באַקומען די קאַזאַכן נאָך אָפֿן פֿראָנט. דאָס זײַנען געווען באַדאַכטע, באַשיידענע מענטשן, אַקוראַטע און געוואַגטע שלאַכטלײַט און קאָמאַנדירן. בײַס די קורצע איבעררײַסן צווישן די שלאַכטן האָבן זיי זייער געבענקט נאָך זייער היימלאַנד, נאָך די ראַכוועסדיקע קאָוויל־סטעפּעס. דער־הערט אַמאָל אַ מעלאָדישע און טרויעריקע ליד פֿון אַ קאַזאַך, פֿלעג איך צוגיין און פֿרעגן:

— וועגן וואָס זינגסטו?

— וועגן דעם סטעפּ זינג איך. וועגן דעם טאַבון זינג איך. זיך דערמאָנט אין אַ מיידל...

— נאָך אַ מיידל מעג מען בענקען. נאָך דער היים אויך. דער

סטעפּ אָבער... מיט וואָס איז ער ערגער, אַט דער אוקראַיִנישער סטעפּ?

— ניט ערגער. נאָר אונדזער סטעפּ איז גאָר אַן אַנדערער...

און אַט איצט, אין יאַרן ארום, זע איך מיט פרייד, ווי עס זײַנען גרינטלעך אויסגעוואַקסן די סאָוועטישע קאַדרען פון קאַזאַכישער נאַציאָנאַליטעט. צווישן זיי זײַנען פאַראַן גרויסע פּאַרטיי־ישע און ווירטשאַפטלעכע טוער, אָנגעזעענע געלערנטע, טאַלאַנטפולע ספּעציאַליסטן אין אַלע געביטן, אויסגעצייכנטע קולטור־מײַסטערס.

איך קאָן נישט ניט אָפּמערקן, אַז די קאַזאַכן אינגאַנצן גענומען האָבן אין זייער איבערוועגנדיקער מערהײַט אופגענומען מיט קאָלאָסאַלן ענטוזיאַזם און באַווייליקונג דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי וועגן אופאַקערן די קאַוויל־סטעפּעס. אופאַקערן די צעלינאַ איז פאַר די קאַזאַכן געוועזן ניט קיין לײַכטע אופגאַבע, דאָס קאַזאַכישע פאָלק איז דאָך לאַנגע יאָרהונדערטער געווען פאַרבונדן מיט דער פּיצוכט, און דאָ האָבן גאָר א סאַך קאַזאַכן באַדאַרפט ברעכן דעם פריִערדיקן לעבנס־סיידער אין די סטעפּעס, ווערן ערד־אַרבעטער, מעכאַניזאַטאָרן, ספּעציאַליסטן פון דער טוווע־ווירטשאַפט. אָבער די אַרטיקע אײַנוווינער האָט געקלעקט סייכל און מוט צו נעמען דעם אַקטיווסטן, העראָישן אָנטייל אינעם אופאַקערן די צעלינאַ. דאָס קאַזאַכישע פאָלק האָט זיך אַרויסגעוויזן אף דער הייך פון דער געשיכטע און, פאַרשטייענדיק די באַדערפענישן פון גאַנצן לאַנד, אַנטפּלעקט זײַנע רעוואָליוציאָנערע, אינטערנאַציאָנאַליסטישע שטריכן.

קימאַט א פערטל יאָרהונדערט דויערט מײַן פרײַנטשאַפט מיט דינמוכאַמעד אַכמעדאָוויטש קונאַיעוו. דעמלט איז ער געווען פרעזידענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער קאַזאַכישער ססר, און אונדז איז, נאַטירלעך, אויסגעקומען צו באַקאַנען זיך אין די סאַמע ערשטע טעג פון מײַן געפינען זיך אין אַלמאַ־אַטאַ. לויט דער בילדונג א באַרג־אינזשעניער, א ספּעציאַליסט אין געביט פון קאָלירטע מעטאַלן, איז ער ניט געווען קיין מענטש פון א שמאָלער ספער, האָט געדענקט מעלוכיש, ברייט, דרייסט, אַרויסגעזאָגט אָריגינעלע און טיפע געדאַנקען וועגן די קאָלאָסאַלע רעסורסן און אַנטוויקלונגס־פּערספּעקטיוון פון קאַזאַכסטאַן. אָט דער רויִקער, האַרציקער, סימפּאַטישער מענטש האָט דערצו פאַרמאָגט א פעסטן ווילן, פּאַרטיי־ישע פּרינציפּיעלקײַט. אינגיכן איז ער געוואָרן פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון דער רעפּובליק, און איצט שטייט ער בעראָש פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון קאַזאַכסטאַן, איז א מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס.

דימאַש אַכמעדאָוויטש (אַזוי ווענדן זיך כאַווערים צו אים אַלע, אין שטייגער רופט אים קיינער ניט מיטן פולן נאָמען — דינמוכאַ־

מעד) האָט מיר רעקאָמענדירט אלס קאָנסולטאַנט פאר דער צעלינאַ־ערד דעם דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון באָדנקענטעניש אומיר־בעק אוספּאַנאָוויטש אוספּאַנאָוון. דער אינסטיטוט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער דאָזיקער ערנסטער געלערנטער, האָט פאַרמאָגט א ריזיקן מאַטעריאַל וועגן דער באָדן־כאַראַקטעריסטיק פון קאַזאַכסטאַן. די מיטאַרבעטער פון דעם דאָזיקן אינסטיטוט האָבן ניט ווייניק מיטגעהאָלפן אין אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט א שײַכעס צו דער דיסלאָקאַציע פון די נײַע סאָווירטן.

מיט פאַרגעניגן דערמאָן איך אויך דעם שעף פון דער פאַרוואַל־טונג פאר ערד־אײַנאָרדענונג פונעם רעפּובליקאַנישן מיניסטעריום פון דער לאַנדווירטשאַפט וואַסילי אַלעקסאַנדראָוויטש שערעמעטיעוו. דאָס איז געווען אן אָריגינעלער מענטש. סײַ זומער, סײַ ווינטער פלעגט ער גיין אָן א היטל, אין א סאָלדאַטישער גימנאַסטיאָרקע, אין שטיוול, מיטן שטענדיקן פעלדטאַש בא דער זײַט. פאר די לאַנגע יאָרן אַרבעט אין קאַזאַכסטאַן האָט ער אים דורכגעשפּאַנט צופוס אין דער לענג און אין דער קווער, האָט געקענט די סטעפּעס ניט בלויז אַפן קוק, נאָר, ווי מע זאָגט עס, מיט אַלע כושים. לאַכלוטן קיינער האָט דעם דאָזיקן מענטשן ניט געקאָנט פאַרבײַטן באם אָפּ־קלײַבן ערטער פאר די צענטראַלע הויפן פון די סאָווירטן. זײַן פעלד־טאַש האָט אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי א לעגענדאַרער אוצער: פון דאָרט פלעגט וואַסילי אַלעקסאַנדראָוויטש אַרויסנעמען מאַפּעס, סכעמעס, בלאָקנאָטן מיט די נעמען פון הונדערטער טײַכלעך, וועלד־לעך, סאָפּקעס, פון ערטער, וווּ עס בלאָזן קימאַט ניט קיין ווינטן, ווי אויך מיט א סאַך פאַמיליעס פון אָרטיקע אײַנוווינער, קענער פון אָט דער ערד. ער פלעגט שטענדיק פאָדערן, מע זאָל זיי אײַנשליסן אין די קאָמיסיעס אָף צו שאַפן נײַע ווירטשאַפטן, און די זקיינים־אַקסאַקאַלן פלעגן גערן אונדז העלפן.

זיך דערוווּסט, אז איך בין באַקענט מיט ערד־אײַנאָרדענונג, האָט שערעמעטיעוו זיך גוואַלדיק דערפרייט און פלעגט זיך ווענדן צו מיר ווי צו א קאָלעגע, צומאָל אַפילע עטוואָס מיסברויכן דערמיט, פאַר־דערנדיק זיך אַרײַנמישן אויך אין קליינע פראַגן, וועלכע מע האָט געקאָנט לייזן אויך אָן מיר. ניט זעלטן אָבער האָט זיך געפאָדערט אן אַרײַנמישונג, און אן ערנסטע. איינמאָל איז ער געקומען צו לויפן צו מיר אן אופגערודערטער, מיט א פּאַק מאַפּעס פון ערד־אײַנאָרדע־נונג, וועלכע מע האָט צוגעשיקט, דוכט זיך, פון קאָקטשעטאַווער געגנט:

— זעט, וואָס מע טוט! מע האָט צוגעשטוקעוועט צו די אַלטע ערדן נײַע פלעצער אָן קיין שום כאַראַקטעריסטיק פון די פעלדער. איך קלינג אין ראַיאָן, בין אופגעבראַכט, און מע ענטפערט מיר גאַנץ רויִק: וואָס טומלט איר עס, מיר אַקערן די ערד ניט דאָס ערשטע

יאָר, אָט וועט קומען דער פרילינג, עס וועט אראָפּגיין דער שניי, און טייקעף וועט מען זען, ווו מע דארף אקערן.

עס האָט זיך געהאנדלט וועגן קאָלווירטן, וועלכע מע האָט אויך צוגעטיילט נײַע ערד־כאַלאָקים אף צו באהערשן. מענטשן האָבן דאָרט פון לאנגאָנען געארבעט אין סטעפּ און האָבן, נאטירלעך, געהאלטן זיך פאר אזעלכע זײַנע קענער, וואָס קיין גלײַכן צו זיי איז ניטאָ. מע האָט געדארפט בײַקומען די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע, קעמפן קעגן דעם פאריינפאכטן צוגאנג און פאָדערן, אז דער אָפּקלײַב פון צעליי־נא־ערד זאָל אומעטום געפירט ווערן שטרענג וויסנשאפטלעך.

ס׳איז נייטיק געווען צו האנדלען ניט בלויז אָפּעראטיוו, נאָר אויך ווי ס׳געהער צו זײַן טיף, אף יאָרהונדערטער. פאר אזא נאָבעלן ציל האָט מען ניט באדארפט קארגן צײַט און קויכעס. פארהאלטנדיק זיך ניט זעלטן אין צענטראל־קאָמיטעט ביז טיפער נאכט, פלעג איך נאָכאמאָל און ווידעראמאָל דורכקוקן די מאפּעס און די באדינגונגען בענעגייע צענדליקער ווירטשאפטן, איידער זיי פלעגן ענדגילטיק אויסגעפורעמט ווערן דורך א באשלוס פונעם מיניסטאָרן־ראט פון דער רעפּובליק און דורך א באפעל פונעם מיניסטעריום פון דער לאנדווירטשאפט פון פּסםר.

עס איז באוווסט, אז דאָס יאָר 1954 האָט געבראכט, אויב נעמען אין אכט דעם היפשן טייל ספּייקעס, וועלכע זײַנען בא עמעצן גע־ווען, א ריזיקן דערפאָלג אינעם באהערשן די צעלינא. אָנשטאָט 13 מיליאָן העקטאר איז אין לאנד אופגעאקערט געוואָרן 19 מיליאָן. אויך קאזאכסטאן האָט איבערגעשטיגן דעם פלאן פון אופאקערן די ערד. צי דארף מעןריידן וועגן דעם, ווי שטארק דאָס האָט באפליגלט, וואָס פאר א זיכערקײַט אין דער אָנגעהויבענער זאך האָט עס צוגע־געבן. פאראלגעמיינערט דעם סאכאקל פון דער ערשטער דערפארונג און אָפּוועגנדיק די מעגלעכקײַטן פונעם לאנד, האָבן דער צענטראל־קאָמיטעט פון קפּסס און דער מיניסטאָרן־ראט פון פּסםר אָנגענומען א נײַע באשטימונג „וועגן דעם ווײַטערדיקן באהערשן די צעלינא און די פארלאָזטע ערדן, קעדיי פארגרעסערן די פּראָדוקציע פון טוווּע”. קאזאכסטאן האָט באדארפט אָרגאניזירן צוגאָבלעך נאָך צוויי הונדערט פּופציק נײַע סאָווירטן.

די ערשטע נײַנציק סאָווירטן, וועלכע זײַנען געשאפן געוואָרן אין 1954, האָבן אזוי אָדער אנדערש פארנומען די מער באקוועמע ערד, נעענטער צו די אײַזנבאן־ליניעס און צו די ברעגן פון טײַכן, ווו אזעלכע זײַנען געווען. איצט האָט מען געדארפט גיין אין דער טיף פונעם גרענעצלאָזן סטעפּ. אונדזערע אופגאבן זײַנען געוואָרן נאָך קאָמפּליצירטער, עס איז שווערער געוואָרן דער עצעם אויסוואל פון ערד צום אופאקערן. עס זײַנען אנטשטאנען ווידערשפּרוכן, אויב איר ווילט, א קאמף צווישן פארשיידענע שטאנדפּונקטן.

איך דערמאָן זיך די באַטאַליעס, וועלכע אונדז איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן אַרום צוויי געגנטן.

דאָס פאַרבאַנדישע מיניסטעריום פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט געהאַלטן, אַז אין דער אַקטיובינסקער געגנט דאַרף מען בכלל גאָר־נישט ניט אויפאַקערן, ווײַל די דאָרטיקע ערד טויג ניט קלימערשט אַף כאָוועס טוועס. ווען דאַקעגן, אין דער קאַראַגאַנדער געגנט האָבן די אָרטיקע כאַוויירים פאַרגעלייגט אוועקצושטעלן אַף דער וויניק פּראָדוקטיווער ערד אַכצן סאָווירטן, איז זייער „איניציאַטיוו“ אָן קיין שום שיעס אונטערגעהאַלטן געוואָרן. איך האָב אָנגעקלונגען קיין מאָסקווע דעם מיניסטער, געזאָגט, אַז דאָס איז אַ בעפיירעשער טאָ־עס, נאָר ער האָט די קאַראַגאַנדער אָנגערופן פּאַטריאָטן און אוואַנ־גאַרדיסטן און איינצײַטיק, אַפּאָנעם היצנדיק זיך, באַשולדיקט די אָנפירער פון די צאָפנדיקע געגנטן, ווו די צעלינאַ־רעזערוון זײַנען ווירקלעך געווען ניט גרויס, אין קאָנסערוואַטיזם און אין אַנדערע שרעקלעכע זינד.

אַזאַ פּאָלעמיק פון הוילע ווערטער — אָן ציפערן, אָן אַ רעזאָן, אָן אַרגומענטן — האָט קיין שום זין ניט. איך בין אַרויסגעפלויגן אין אַקטיובינסקער געגנט, זיך באַגעגנט מיט ספּעציאַליסטן, זיך איבער־צײַגט אַפן אָרט, אַז פּרוכטבאַרע ערד איז פאַראַן. איך האָב געפאָ־דערט, מע זאָל טייקעף שיקן אַהין אַ קאָמפּלעקס־עקספּעדיציע פון געלערנטע. זיי האָבן ערלעך אָן אַרבעט געטאָן און אויסגעפונען 1,7 מיליאָן העקטאַר גוטע ערד, וואָס טויג צום אַקערן. באַזוכט קאַראַגאַנ־דאַ, האָב איך אויך אָן איבעריקער מי זיך איבערצײַגט, אַז מיר זײַ־נען גערעכט. איך האָב נאָכאַמאָל זיך פאַרפעסטיקט אין דער מיינונג, אַז די לאַנדווירטשאַפט פאָדערט אַ וויסנשאַפטלעכן און ניט קיין וואָ־ליונטאַריסטישן צוגאַנג.

אין אַלמאַ־אַטאַ איז דורכגעפירט געוואָרן אַ באַראַטונג פון די סעקרעטאַרן פון די געגנטקאָמען און פאָרזיצערס פון די געגנט־אויספירקאָמען פון דער רעפּובליק. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון קאַזאַכסטאַן האָט ספּעציעל געשטעלט צום באַהאַנד־לען די פראַגע „וועגן די סאָכאָזלען פונעם אָפּקלײַבן ערדן פאַר די נײַע סאָווירטן“. צום שלוס האָב איך דעמלט געזאָגט (איך ברענג דאָס געזאָגטע לויט דער פאַרהיטער סטענאָגראַם):

„באַ אונדז איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אין פּראַט פון אויסטיילן ערד. עס זײַנען געפונען און קאָנטורירט גע־וואָרן אַרום 9 מיליאָן העקטאַר. די אַרבעט איז נאָך אָבער ניט פאַר־ענדיקט. אַף אָט דעם באָדן — אין געגעבענעם פאַל רייד איך וועגן דעם באָדן אין פיגוראַלן און אין בוכשטעבלעכן זין — קומען אויף שטרײַטן מיטן מיניסטעריום פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון וועלכע מיר זאָגן זיך הײַנט ניט אָפּ. מיר וועלן באַשטיין אַף אונדזערע פּאָזי־

ציעס און וועלן זיי, האָפן מיר, פארטיידיקן. אונדז דוכט, אז קאראַגאנדא האָט פונדעסטוועגן זיך ניט פאנאנדערגעקליבן אין אירע באַדנס. עס איז פאַרגעלייגט צו אָרגאניזירן 18 סאָווירטן. דאכט זיך, ס'איז א סאך. אָבער דעם פלאן פון זייער דיסלאָקאציע קאָן מען ניט אונטערהאלטן, וויַיל ערד איז אָפּגעקליבן געוואָרן ניט קיין פאסיקע. אין דער זעלבער צײַט איז אין א ריי ראיאָנען פון דער געגנט, וועלכע איך האָב אליין באזוכט, פאראן גוטע ערדן, אף וועלכע מע דארף טאקע בויען סאָווירטן".

איך שרײַב אזוי אויספירלעך וועגן דער אויספאָרשונג פונעם סטעפּ, וועגן אויסטיילן ערד פאר נײַע ווירטשאפטן דערפאר, ווײַל דער נול־ציקל פון אופאקערן די צעלינא האָט געהאט א קאָלאָסאלע באדײַטונג. פון דעם איז געווען אָפּהענגיק דער ווײַטערדיקער גורל פון דער אופגעאקערטער ערד און פונעם גאנצן קינפטיקן לעבן אף איר.

3

דער ערשטער צעלינא־פרילינג איז פארבליבן אין זיקאָרן אף פארשיידענע אויפאנים: סײַ א פריידיקער, סײַ א פײַערלעכער, סײַ א העכסט אָנגעשטרענגטער, שווערער. דער סטעפּ האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א הארט ניסל, נאָך הארטער, איידער מיר האָבן געהאלטן פון אָנהייב. די זאך איז ניט בלויז אין דעם, וואָס דער לאנגאָניקער אייבערשטער שיכט פונעם באָדן[1], וואָס איז דורכגעדרונגען מיט וואָרצלען, ווי מיט דראָט, איז געווען אזוי הארט, אז ער האָט זיך קוים אונטערגעגעבן דעם אקער. אף דער קאזאכסטאנער צעלינא איז פראקטיש ניטאָ קיין פרילינג אין אונדזער געוויינלעכן פארשטאנד. די באזונדערקײַט פונעם אָרטיקן קלימאט איז אזא, אז דער ווינטער גייט ווי מיטאמאָל אריבער אין זומער. בוכשטעבלעך נאָך דעם, ווען עס צעגייט דער שניי, הייבן זיך אָן די היצן, אין מײַ גייען דאָ פראקטיש ניט קיין רעגנס, די ערד ווערט שנעל טרוקן, פארוואנדלט זיך אין שטיין, און אקערן זי איז טאָפּלט שווער.

די ערשטע באַראָזדעס האָט מען אומעטום דורכגעלייגט פײַערלעך, מיט מיטינגען. מע האָט בעשאָלעם אופגעאקערט אויך די ערשטע ערד־מאסיוון. זיי זײַנען אף דער צעלינא אויך געווען ניט קיין געוויינלעכע. די ערד־מעסטער האָבן אומעטום צוגעטיילט פאר די טראקטאָר־בריגאדעס אלציינע באצירקן ניט גערירטן סטעפּ — צעלן

[1] אין רוסיש дернина.

די גרייס צוויי אַף צוויי קילאָמעטער, דאָס הייסט צו פיר הונדערט העקטאַר.

— אָט דאָס זײַנען שוין איינמאָל צעלעכלעך, ס׳א ראכוועס! — האָבן געשפּאַסט די טראַקטאָריסטן. — שליס אײַן דעם מאָטאָר און פאָר זיך גלײַך, קאַלזמאַן ברענשטאָף וועט קלעקן.

אינגיכן אָבער האָבן זיי דערזען, אַז מע מוז אַלץ אָפּטער זיך אָפּשטעלן: די מאָטאָרן האָבן ניט געקאָנט שלעפּן די פלוגן, עס האָבן זיך געבראָכן די לעמעכן, זיך געבויגן די פלוג־ראַמען. בלויז אַזאַ גיבער, ווי דער טראַקטאָר «С-80», האָט געקאָנט שלעפּן נאָך זיך אַ פינפקאָרפּוסדיקן פלוג. אָבער די מאַנעווּרירפעיִקע, נאָר לײַכטע «ДТ-54» און «НАТИ» זײַנען פאַר דער צעלינאַ געווען צו שוואַך. די מענטשן האָבן אומעטום אָנגעהויבן אראָפּנעמען פון די פלוגן צו איין לעמעך, אפילע צו צוויי. דאָס האָט ניט בלויז פאַרקלענערט די אויס־אַרבעטונג, נאָר געדראָעט אראָפּצורײַסן דעם פּלאַן פון אופאַקערן די צעלינאַ.

באַאַרבעטן די נײַערד ערעוו דעם פאַרזיי איז אויך געווען ניט לײַכט: מע האָט באַדאַרפט צו עטלעכע מאָל דורכדיסקעווען די אַקער־ערד, באַאַרבעטן זי מיט לאַפּע־קולטיוואַטאָרס, גוט דורכבאָ־ראָנעווען און דורכוואַלצעווען מיט וואַלצן, וועלכע זײַנען אָנגעפילט מיט וואַסער. ערשט דעמלט האָט מען געלאָזט אין גאַנג די זייעל־קעס, אָבער דער איבערײַס צווישן אופאַקערן דעם שיכט און דעם פאַרזיי האָט ניט געטאָרט באַטרעפן מער פון פיר־פינף טעג. מיר האָבן געוווּסט, אַז אין קעגנפאַל וועט דאָס פעלד אויסגעטריקנט ווערן און פאַרזייען עס וועט שוין זײַן אַן אומזיסטע טירכע.

איך געדענק מײַן ערשטן אַרויספאָר אַפן פאַרזיי אין קוסטאַנײַער געגנט. אַהין, אַף דער סטאַנציע טאָבאָל, איז געקומען צו פאָרן נ. ס. כרושטשאָוו. אינגיכן איז צונויפגערופן געוואָרן אַ גרויסע באַראַטונג, זי איז פאָרגעקומען אַפן מײַקולסקער פערד־זאַוואָד, וואָס האָט אויך אופגעאַקערט די צעלינאַ. אינעם קאַבינעט פונעם דירעקטאָר פון דעם פערד־זאַוואָד האָבן זיך פאַרזאַמלט פּ. ק. פּאָנאָמאַרענקאָ, איך, דער ערשטער סעקרעטאַר פון קוסטאַנײַער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי אי. פּ. כראַמקאָוו, דער פאָרזיצער פון געגנט־אויספירקאָם אי. ג. סלאָ־זשנעוו, דער דירעקטאָר פונעם קוסטאַנײַער פערד־זאַוואָד מ. ג. מאָ־טאָריקאָ (איצט איז ער מיניסטער פון דער לאַנדווירטשאַפט פון קאָ־זאַכסטאַן), געלערנטע פונעם אַלפאַרבאַנדישן אינסטיטוט פאַר דער מעכאַניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט און אַנדערע כאַווײרים. גע־רעדט האָט מען וועגן אַ סאַך זאַכן, אָבער אין דער ערשטער ריי האָט מען באַהאַנדלט די פּראָבלעם פון איבעראַקערן דעם שיכט.

געמאטערט האָבן מיר זיך מיט איר גאַנץ היפש, און דער טאָך איז אין דעם, וואָס די פּלוגן, וועלכע זײַנען צוגעוווינט צו געוויי־לעכן אַקערן, האָבן בעשום־אופן ניט געקאָנט אײַנלייגן אַפן דעק פון דער באַראָזדע דעם מעכטיקן גראָזיקן אויבערשיכט פונעם באָדן, וועלכער איז אַראָפּגענומען געוואָרן מיט די פאָרפלוגן. דער אויבער־שיכט האָט געסטאַרטשעט דאָ און דאָרטן, קרום און לאָם, איז ניט צוגעדעקט געוואָרן מיט די קלעפּיקע שטיקער פונעם אונטערשטן באָדן. אַזאַ פעלד איז קאָמפּליצירט געווען צו דיסקווען. מיר האָבן באַשלאָסן איבערצײַסן די באַראַטונג, אַ קוק טאָן, ווי זעט דאָס אַלץ אויס אין דער נאַטור, און זײַנען אַרויסגעפאָרן אין איינער פון די טראַקטאָר־בריגאַדעס.

די מעכאַניזאַטאָרן האָבן זיך נערווירט, די אַרבעט איז געגאַנגען שווערלעך, וויפל זיי האָבן זיך ניט געסטאַרעט, איז דער שיכט אין דער פולער מאָס ניט איבערגעקערט געוואָרן. איך בין צוגעגאַנגען צו די טראַקטאָריסטן, פאַרפירט אַ שמועס, געפרעגט, וואָס קאָן מען דאָ טאָן, לויט זייער מיינונג. זיי האָבן געענטפערט, אַז די עקזי־סטירנדיקע פלוגן טויגן ניט, מע דאַרף אַנדערע.

— וועלכע?

— מיר ריידן שוין לאַנג וועגן דעם, נאָר אַ טאָלק איז אַ קליי־נער! — האָט געזאָגט איינער פון זיי. — מע דאַרף דרינגענדיק אָרגאַ־ניזירן דעם אַרויסלאָז פון פלוגן מיט האַלב־שרויפיקע און שרויפיקע אָטוואַלן.

מע דאַרף זאָגן, אַז ווען נ. ס. כרושטשאָוו האָט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, איז ער געוואָרן אופגעבראַכט און האָט זיך געוווּנדערט מיט שאַרפע באַשולדיקונגען קעגן די געלערנטע. פאַרוואָס האָבן זיי פריִער ניט פאָרויסגעזען די דאָזיקע פראַגע? עס איז דאָך געווען צײַט צו אָריִענטירן באַצײַטנס די זאַוואָדן אַף אַרויסצולאָזן אַזעלכע פלוגן. עס זײַנען אָנגענומען געוואָרן מאָסמיטלען, און שוין אין אַ כוידעש אַרום זײַנען אַף דער צעלינאַ אָוועק די ערשטע מו־סטערן פון די נײַע פלוגן.

נאָר דאָס איז געווען אין אַ כוידעש אַרום. די אופאַקערונג פון דער צעלינאַ איז אָבער שוין געגאַנגען אין פולן ברען, און מע האָט געמוזט עפּעס צוטראַכטן שוין באַלד, איצט, קעדיי די אַרבעט זאָל גיין לויט די פאַרטראַכטע טעמפּן. איינמאָל אין אָוונט האָב איך, ווי געוויינלעך, געקלונגען אין די סאָווירטן, זיך אינטערעסירט, וויפל האָט מען אופגעאַקערט, וועלכע שוועריקײַטן טרעפן זיך. איך האָב אָנגעקלונגען אויך אינעם סאָווירט „אָרדזשאָניקידזעווסקי". זײַן די־רעקטאָר פ. פ. קוכטין האָט געזאָגט, אַז די אַרבעט גייט גוט, נאָר געבעטן, מע זאָל צושיקן וואָס מער רעזערוו־לעמעכן.

— נו, די לעמעכן ברענען מאַמעש... און די אַקערונג גייט אין פולן גאַנג. קומט צו פאָרן, וועט איר אַליין זען.

איך האָב געפרעגט, ווי לייגט זיך באַ זיי אײַן דער אייבערשטער שיכט פונעם באָדן, און דערהערט אַזאַ ענטפער:

— נאָרמאַל. מיר פּאַקן אים שוין איינמאָל גוט אײַן.

אינדערפרי זײַנען מיר, אַ גרויסע גרופּע, אַרויסגעפאָרן אין „אָרדזשאָניקידזעווסקי". צו אונדז האָט זיך פאַרייניקט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם מיניסטער פון די סאָווירטן פון פּססר ס. וו. קאַלטשענקאָ, און אינעם ראַיאָן־צענטער האָבן מיר נאָך פאַרכאַפּט מיט זיך דעם באַפולמעכטיקטן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס איבער די פראַגן פון אופאַקערן די צעלינאַ מ. ג. ראָגינעץ. איך האָב געקענט מיכאַיל געאָרגיעוויטשן נאָך פון אוקראַינע, ווו ער איז געווען ערשטער סעקרעטאַר פון טשערניגאָווער געגנטקאָם פון דער פאַרטיי גראָד אין יענע יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט אין דניעפּראָפּעטראָווסק. פון יענער צײַט אָן האָב איך אים ניט געזען, און כ'האָב זיך אופריכטיק דערפרייט מיט דער אומגעריכטער באַגעגעניש. שפּעטער, זײַענדיק ערשטער סעקרעטאַר פון קאָקטשעטאַווער געגנטקאָם פון דער פאַרטיי, דערנאָך מיניסטער פון די סאָווירטן און מיניסטער פון דער לאַנדווירטשאַפט פון דער קאַזאַכישער ססר, האָט ער אַרײַנגעלייגט ניט ווייניק מי און קויכעס אינעם באַהערשן די צעלינאַ.

בייס דער רײַזע אין „אָרדזשאָניקידזעווסקי" איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָט טאַקע ער, מיכאַיל געאָרגיעוויטש, פאָרגעלייגט „איין קלייניקייט", און די אופאַקערונג פון דער צעלינאַ אין די ראַיאָנען, וועלכע ער האָט קורירט, איז געגאַנגען מיט דערפאָלג. אַ פריילעך בילד האָבן מיר דערזען אויף די פעלדער. די טראַקטאָריסטן האָבן פּאַשעט און פראָסט געפירט די מאַשינעס מיט דער נאָרמאַלער שנעלקייט, און די פלוגן האָבן מיט אַ גלײַכמעסיקן אָנגענעמען געשאסק און טראַסק געריסן די צעלינאַ. וואָס איז די מײַסע?

— איך זאָג דאָך, אַ קלייניקייט! — האָט געשמייכלט ראָגינעץ. — מיר נעמען אַראָפּ דעם אייבערשטן שיכט דין, סאַמע פון אויבן. איר זעט, די פאָרפלוגן זײַנען פאַרטיפט סאַכאַקל אויף זיבן סאַנטימעטער, און ניט אויף עלף, ווי די אינסטרוקציע הייסט. אָט אַזוי ספּראַווען מיר זיך.

און טאַקע בעעמעס. ערשט דאָ האָבן מיר באַמערקט, אַז די פאָרפלוגן האָבן אַקוראַט אָפּגעשניטן, ווי אַ לוסטע סאַלע, אַ דינעם אויבערשיכט פונעם באָדן און אַראָפּגעוואָרפן אים מיט דער „וואָל" אַראָפּ, אויפן דעק פון דער באָראָזדע, טאַקע בעעמעס „אײַנגעפּאַקט". עס איז אויסגעקומען מאַכן אַ באַמערקונג מיכאַיל געאָרגיעוויטשן, די כאַווייַרים פונעם סאָווירט: פאַרוואָס האָבן זיי געשוויגן?

— עס איז דאָך געווען ניט באקוועם צו טומלען וועגן אזא קליי־ניקייט. איך האָב געמיינט, אז די מענטשן וועלן זיך אליין אָנשטויסן, אויך מיר א כאָכמע, — האָט געזאָגט ראַגינעץ.

— אָט דו האָסט זיך יאָ אָנגעשטויסן, — האָב איך באמערקט, — מע טאָר אָבער ניט פארגעסן, אז אף דער צעלינא איז זיך צונויפגע־פאָרן דאָס גאנצע לאנד, א סאך יונגע מענטשן. אלץ, וואָס איז נוצ־לעך און איז געקומען פון דער פראקטיק, דארף מען שנעל פאר־שפרייטן. אן אנדערער און א דערפארענער וועט זיך טאקע אָנשטויסן, ער וועט אָבער מוירע האָבן צו נעמען אף זיך די פאראנטוואָרטלעכ־קייט פאר ברעכן די אינסטרוקציע. ריכטיק, סטעפאן וולאסיעוויטש?

— ריכטיק, מע קאָן טאקע מוירע האָבן, — האָט באשטעטיקט קאלטשענקאָ.

— איז נעם און גיב ארויס א באפעל, מע זאָל אומעטום, ווו עס באקומט זיך ניט מיטן אייבערשטן באָדן־שיכט, פארטיפן די פאָר־פלוגן אף זיבן סאנטימעטער און ניט אף עלף.

— היינט טאקע וועל איך אָנשרייבן אזא באפעל.

מיר זיינען געפאָרן צוריק און דעם גאנצן וועג געשפאסט: אן אוקראַינער, זעט איר, זוכט שטענדיק אָפּצושניידן פאר זיך וואָס א גרעבערע לוסטע סאלע, ראַגינעץ אָבער שניידט וואָס דינער, דאָס ערשטע מאָל זעען מיר אזוינס...

אין א טאָג ארום איז פאָרגעקומען די ביוראָ פון קוסטאנייער געגנטקאָם פון דער פארטיי. צווישן אנדערס איז באהאנדלט געוואָרן אויך די פראגע וועגן דער בויונג פון וועגן אף דער צעלינא. די מערהייט האָט געהאלטן, אז בויען דארף מען שאָסיי־וועגן פארן אוי־טאָטראנספּאָרט. זאָל עס קאָסטן טייערער און געדויערן לענגער, אָבער בעסער גלייך אָנהייבן אנטוויקלען א קאפיטאלע, היינטציי־טיקע וועג־נעץ, וואָס איז אויסגערעכנט אף א ווייטער פערספעקטיוו. גלייכצייטיק מיט איר איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו פאנאנדערוויקלען אין די קנופּ־פונקטן די בויונג פון גרויסע עלעוואַטאָרן. נ. ס. כרו־שטשאָוו האָט אָבער געהאלטן, אז עס איז צוועקמעסיקער צו בויען עטלעכע שמאָלקאָלייִקע אייזנבאן־ליניעס, צו וועלכע, ווי ער האָט געזאָגט, מע וועט קאָנען צופירן טווע פון די טיפע ראַיאָנען. קיינע ארגומענטן קעגן דער דאָזיקער אידיי זיינען ניט גענומען געוואָרן אין אכט. אָט אזוי איז אויסגעבויט געוואָרן צוערשט די שמאָלקאָ־לייִקע ליניע קוסטאניי — אוריצקאָיע, דערנאָך אויך יעסיל — טורגיי. דאָס איז געווען א פעלער. די ביידע וועגן האָבן פראקטיש ניט גע־שפּילט אזא ראָליע, ווי מע האָט זיך גערעכנט, אינעם ארויספירן די טווע, און אינגיכן האָט מען זיי פאנאנדערגענומען.

איך ברענג דעם דאָזיקן פאקט ניט צוליב דעם, קעדיי צו באווייזן, אז א פארטייִשער, מעלוכישער טוער איז מעכוייעוו צו זיין איינ־

ציַיטיק א טראנספּאָרטניק, אַן עקאָנאָמיסט, אינזשעניער אאַוו. ניין, ער דאַרף אָבער סײַ קענען די געזעצן פון דער אַלגעמיינער אַנט־וויקלונג, סײַ באַזירן זיך אַף קאָנקרעטע וויסנשאַפטלעכע און פּראַק־טישע קענטעענישן. און, יעדנפאַלס, טאָר ער ניט האַלטן זיך פאַר דעם איינציקן און געשוואָרענעם אויטאָריטעט אין אַלע געביטן פון דעם מענטשנס טעטיקײַט.

די הײַנטצײַטיקע עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן זײַנען אַזוי קאָמפּליצירט, אַז באַהערשן זיי קאָן בלויז דער מעכטיקער קאָלעקטיווער פאַרשטאַנד. און מע דאַרף אויסהערן ספּעציאַליסטן, געלערנטע, דערבײַ ניט בלויז פון איין ריכטונג אָדער פון איין שול, מע דאַרף קענען אַן אייצע האַלטן זיך מיטן פאָלק, קע־דיי אויסמײַדן דאָס פאַרשיידנערליי „וואַרפן זיך אַהין און אַהער“, די שנעל־געבאַקענע און אומבאַטראַכטע סוביעקטיווע באַשלוסן. באַזונ־דערס זײַנען זיי געפערלעך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַהערשן אַלזײַטיק ווירטשאַפטלעך און אין סאָציאַל־קולטורעלן הינזיכט א גאַנצן געאָגראַפישן רעגיאָן, וועגן א לאַנגדויערנדיקער פּאָליטיק בענעגייע אים, וועגן קענען אַרײַנקוקן ווײַט פאָרויס.

פון קוסטאַנײַ בין איך אַוועקגעפאָרן איבער די צעלינאַ־געגנטן, ראַיאָנען, סאָווירטן, ווו אומעטום איז געגאַנגען דער פאַרזיי.

אַף די סטאַנציעס יעסיל און אַטבאַסאַר האָב איך געטראָפן אין בוכשטעבלעכן זין א כאַאָס. זייער דורכלאָז־פיייִקײַט האָט לאַכלוטן ניט אַנטשפּראָכן דער צאָל צוגעשיקטע פראַכטן. יעסיל האָט מען אויך דעמלט גערופן די טויערן פון דער צעלינאַ, כאָטש דאָס איז געווען א פּיצינקעלע סטאַנציע, אַרומגערינגלט מיט דער סטעפּישער ברעגלאָזיקײַט. א סאַך פראַכטן פלעגן אָנקומען אויך אינעם ראַיאָנ־צענטער אַטבאַסאַר. אָט דאָס פאַרצײַטיקע שטויביקע שטעטעלע, אַן אָפּנס פאַר אַלע ווינטן, מיט נידעריקע הײַזער און מאָגערן גרינס, פלעגט אויפנעמען עשעלאָנען מיט טעכניק, געהילץ, צעמענט, הײַ־זער־דעטאַלן, פעלד־וואַגאָנדלעך, מעטאַל, בענזין, זריע, שפּײַז־פּראָ־דוקטן און סכוירעס — אויפנעמען ניט בלויז פאַר די אייגענע צעלינאַ־ווירטשאַפטן, נאָר אויך פאַר דרײַ שכייניִשע ראַיאָנען. אַף פאַנאַנ־דערלאָדן די עשעלאָנען איז מאָביליזירט געוואָרן די גאַנצע באַפעל־קערונג פונעם שטעטל.

די ביוראָ־מיטגלידער פונעם ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי, די טוער פון ראַיויספּירקאָם, די קאָמיוגישע אַקטיוויסטן האָבן קײַלעכדיקע מעסלעסן דעזשורעט אַף דער סטאַנציע — באַגעגנט די צוגן, אָנגע־פירט מיט דער פאַנאַנדערלאָדונג, אויפגענומען מענטשן און געפּרווט זיי באַזעצן צײַטווײַליק אין די הײַזער פון די אָרטיקע אײַנוווינער. איך זאָג — געפּרווט, ווײַל די נײַגעקומענע האָבן ניט געוואָלט אַף קיין איין רעגע פאַרהאַלטן זיך ערגעץ. זיי האָבן געײַלט אין סטעפּ,

אויסשרײַענדיק אינעם אלגעמיינעם מענטשן־טומל די נעמען פון זייערע סאָווירטן: „מאַרינאָווסקי״! „אטבאַסארסקי״! „דניעפּראָפּע־טראָווסקי״! „באומאַנסקי״! סע פלעגט אויסקומען זיי אײַנריידן, דער־קלערן, אז די ערשטע אָטריאַדן זײַנען שוין אין די סאָווירטן אָפּגע־שיקט, אז זיי אַקערן דאָרט און זייען און בויען דירעס פאַר נײַ־געקומענע, און קאָלזמאַן עס וועלן ניט זײַן פּאַרטיק די דירעס, האָבן דאָרט די נײַע מענטשן ניט וואָס צו טאָן. מע האָט זיי אויך דער־קלערט, אז די טײַכן האָבן זיך שוין צעגאָסן און פאַרן איצט איז פּאָשעט געפערלעך. אָבער קיינע ארגומענטן האָבן ניט געהאָלפן. איבער די מענגעס מענטשן האָבן זיך אופגעהויבן פלאַקאַטן: „דער־לאַנג א סאָווירטע!״, „דערלאַנג די צעלינאַ!״.

אין די ווירטשאַפטן, וועלכע געפינען זיך, פּונקט ווי אטבאַסאַר, אַף דער רעכטברעגיקער זײַט פון אישים, האָט מען די טעכניק און די מענטשן ווײַטער פאָרגעזעצט צו שיקן מיט די טראַקטאָר־מאַר־שרוטן און אוטאָקאָלאָנעס. אָבער א טייל פון דער טעכניק, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר דער לינקברעגיקער העלפט פונעם ראַיאָן, אָן איבערגעשניטענעם דורכן טײַך, האָט זיך פאַרהאַלטן איבער די געוויסערן. לאָזן זיי שטיין אָן באַוועגונג וואָלט געווען א פעלער, און די מאַכט־אָרגאַנען פונעם ראַיאָן האָבן באַשלאָסן צײַטווײַליק אויסנוצן די דאָזיקע טעכניק אין די רעכטברעגיקע קאָלווירטן, סאָ־ווירטן און מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס. מיטאַמאָל אָבער איז איינע א טראַקטאָר־קאָלאָנע פאַרשוווּנדן.

ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט דער בריגאַדיר פון דער טראַקטאָר־בריגאַדע וולאַדימיר טשעקאַלין, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם באַשלוס, אופגעוועקט באַנאַכט מיט אָן אַליאַרעם זײַנע יאַטן און אוועקגעטריבן די טראַקטאָרן. די דאָזיקע יאַטן זײַנען מיט קאָמ־יוגישע פּוטיאָווקעס געפאָרן אינעם קאָלווירט „קראַסנאַיאַ זאַריאַ״, נאָך אַפן אָרט, פּונוואַנען זיי זײַנען ארויסגעפאָרן, האָבן זיי זיך אויסגעפּורעמט אין א בריגאַדע און האָבן אליין באַגלייט זייערע מאַ־שינעס. אין געיעג נאָך די „אַנטלאָפענע״ איז אוועקגעפאָרן דער סעקרעטאַר פונעם ראַיקאָם וואַסילי פיליפּאָוויטש מאַקאַרין. אַפן ברעג פון אישים האָט ער געפונען די טראַקטאָרן און וולאַדימיר טשעקאַלינען, וואָס איז געשטאַנען איין־אליין.

— וווּ זײַנען די איבעריקע העפקער־יונגען?

— זיי וועלן באַלד קומען.

— ווער האָט אײַך דערלויבט פראָווען העפקיירעס?

— וואָס פאַר א העפקיירעס... פאַר וועמען זײַנען די טראַקטאָרן באַשטימט? פאַר דעם קאָלווירט „קראַסנאַיאַ זאַריאַ״. נו, וועלן זיי אופאַקערן די צעלינאַ דאָרט, ווו זיי דאַרפן אופאַקערן. דעם טײַך־אריבערגאַנג וועלן מיר געפינען!

וויפל דער סעקרעטאר פון ראַיקאָם האָט זיך ניט באַמיט דערקלערן דעם בריגאַדיר, אַז אַזוי טאָר מען ניט האַנדלען, איז יענער פאַרבליבן אומגעוואַקלט. אין דער זעלבער צײַט זײַנען צום ברעג צוגעגאַנגען די איבעריקע מעכאַניזאַטאָרן, צווישן זיי האָבן זיך אויסגעטיילט די ווײַסע בערד פון די היגע אַקסאַקאַלן. איינער פון די זקיינים האָט, דערהערנדיק דעם שטרײַט, זיך אַ קער געטאָן צו מאַקאַרינען:

— אײַ, סעקרעטאַר, פאַרוואָס זידלסטו דאָס יאַטל? דו ביסט אַליין שולדיק! פאַרוואָס האָסטו די מאַשינעס פריִער ניט אָפּגעשיקט? האָסט דען ניט געוווּסט: אַ גרויסער שניי — וועט זײַן אַ גרויס געוויסער.

די קאַזאַכן האָבן באַוויזן די יאַטן דעם טײַך־אַריבערגאַנג, דערקלערנדיק, אַז אויף דעם אָרט האָט דער אישים אַ פעסטן שטיינערנעם דנאָ. און איינגיכן האָבן די טראַקטאָריסטן אַריבערגעשלעפּט די מאַשינעס אויפן לינקן ברעג. אין דעם זעלבן טאָג האָבן זיי אײַנגעשלאָסן זיי אין דער אַרבעט פונעם קאָלווירט. און גלײַך נאָך זיי איז דורך דעם זעלבן טײַך־אַריבערגאַנג אַוועק די טעכניק אין די אַנדערע סאָווירטן פון לינקן ברעג — „דניעפּראָפּעטראָווסקי", „מאַרינאָווסקי", „באָומאַנסקי"...

אַפילו באַם דערציילן מיר וועגן דעם איז וואַסילי פיליפּאָוויטש געווען צערודערט, האָט איבערגעלעבט: ווי־ניט־ווי, נאָר אַ ריזיקע איז פאָרט געווען. קיין העפקיירעס האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן. דאָ זײַנען אָבער געווען אויך אײַנגעשפּאַרטקײַט, דערפינדערישקײַט, דרייסטקײַט. אַגעוו, נאָך דעם פאַל מיט די „אַנטלאָפענע" האָט מען אין דעם זעלבן אָרט אָרגאַניזירט דעם אַריבערגאַנג אויפן לינקן ברעג. די אַטבאַסאַרער אײַנוווינער האָבן אַראָפּגעלאָזט אויפן טײַך אַלע זייערע שיפלעך. פון די דאָזיקע שיפלעך האָט מען אויסגעשטאַט צוויי פּאַראָמען, אויף וועלכע מע האָט דעם גאַנצן פרילינג און זומער אַריבערגעפירט אויפן לינקן ברעג מענטשן, מאַשינעס, ברענשטאָף, שפּײַז־פּראָדוקטן. דאָס איז אויך געווען אַ בײַשפּיל פון עכטער פראָנט־דערפינדערישקײַט. און אַזעלכע בײַשפּילן האָב איך אין יענע יאָרן באַגעגנט אויף דער צעלינאַ אַזויפיל, אַז וועגן אַלץ איז ניט צו דערציילן.

פון אַטבאַסאַר בין איך אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט מאַקאַרינען. מיר האָבן זיך ניט געאײַלט, געפאָרן פון איין ווירטשאַפט אין דער צווייטער, פון בריגאַדע צו בריגאַדע. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען דעם קאַזאַכישן סטעפּ פרילינג־צײַט און האָב זיך מיט אים געקוויקט. סאַראַ ראַכוועס! ווײַזט אויס, אַז אַפילו די זון ווערט דאָ מיד, ביז זי שפּאַנט דורך פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט. דער פרילינג־סטעפּ האָט געשײַנט מיט אַ סאַך פאַרבן. ס'האָבן געבליט די געוויסערן. געגלאַנצט האָבן אויף דער זון די שמעקעוודיקע פרישע גראָזן. עס האָבן געבליט די טולפּאַנען. און אויף דער גאַנצער גרינער

ראכוועס זײַנען דאָ און דאָרט געלעגן שווארצע קוואדראטן פון דער צום ערשטן מאָל אופגעאקערטער ערד.

נאָר אין אָט דעם גוטן זוניקן טאָג האָט מיך ניט געלאָזט רוען איין אומרויִקער געדאנק. צוקוקנדיק זיך צו דער ארבעט אף די פעלדער, האָב איך באמערקט, אז די קוואדראטן נײַערד זײַנען אין ערגעץ ניט פארזייט, געזייט האָט מען נאָר אף דער אלטער אקער־ערד. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס עס האָבן גערעדט די אלטע טוישעווים, אז בא זיי איז שטענדיק געווען אזוי: געזייט האָט מען ערשט אפן צווייטן יאָר. איך האָב זיך ניט געאײַלט מיט פראגן, בלויז אין איין בריגאדע האָב איך געפרעגט ניט בא אן אָנגעפאָרענעם, נאָר בא א היגן טראקטאָריסט:

— און די צעלינא ווען וועט איר פארזייען? אין יון?

— ווער זשע זייט עס אין יון? — האָט ער זיך פארכידעשט. — בא אונדז וועט מען פאר אזעלכס אויסלאכן. מע זאָגט בא אונדז אזוי: אוועק איז מײַ — כאָטש זיי, כאָטש שפײַ...

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין אטבאסאר, האָט וואסילי פיליפּאָוויטש געשוויגן.

— עפשער שוין צײַט צו אָפּגעבן א באריכט? — האָב איך גע־פרעגט.

— וואָס קאָן מען זאָגן אין באריכט? איר האָט דאָך אליין אלץ געזען...

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זייען אין דעם דאָזיקן פרילינג האָט מען אין אטבאסארער ראיאָן זיך ניט געקליבן. פארוואָס? מאקארין האָט דערקלערט. נײַערד אף דער צעלינא פלעגט מען פון קאמע יאָרן פארזייען נאָר אינעם קומענדיקן פרילינג, ווײַל די צעלינא פלעגט מען אופאקערן שפעט, ניט פריִער ווי אין יון. און פארוואָס שפעט? דערפאר, ווײַל ביז יון איז דער פויער געווען פארנומען מיטן פאר־זיי. מיט צוויי ארבעטן מיטאמאָל — מיטן פארזיי און מיטן אקערן — האָט ער זיך ניט געקאָנט ספראווען. און דערנאָך, ווען ער האָט זיך שוין געקאָנט נעמען צו דער צעלינא, האָט שוין קיין זין ניט געהאט צו זייען. די ערד האָט געוואַרט אפן נײַעם פרילינג, און בלויז דעמלט האָט זי געגעבן, אלס קלאל, א גוטע גערעטעניש. פונדאנען שטאמען די לאַנגאָניקע טראדיציעס, די אײַנגעשטעלטע באגריפן, פארעלטער־טע אָבערגלויבנס. די אטבאסארצעס האָבן שוין לאנג געשמועסט צווישן זיך, וויאזוי צו האנדלען, און באשלאָסן אינעם ערשטן יאָר ניט זייען.

איך דארף באמערקן, אז וועגן דעם האָט מען שוין א סאך גע־רעדט. פריִער האָב איך געהאט קאָנסולטאציעס מיט ערנסטע גע־לערנטע, עס איז ארויסגעקומען אופצוהייבן גאנצע בערג מיט מא־טעריאלן, אָנגאבן פון די עקספּעדיציעס, וועלכע האָבן שוין זייער

לאנג אָנגעהויבן אויספאָרשן די צעלינא, וועגן וואָס איך וועל נאָך שפעטער דערציילן. פאַר דער גערעטעניש פונעם קינפטיקן, 1955 יאָר, האָבן מיר אָנגעמערקט אופצואקערן וואָס מער ערד גראָד אין יון, ווײַל די שפעט־זומערדיקע אָדער הארבסטיקע אופאקערונג סײַ פון דער צעלינא, סײַ פונעם פריר־אקער איז דאָ פונקט אזוי ניט געווונטשן, ווי דער פארזיי אין יון. דאָס האָבן באגרינדעט די געלערנטע, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אין אונדזערע פלענער. די צעלינא אָבער פונעם ערשטן פרילינג האָבן מיר אופגעאקערט אין אפרעל און אין מײַ, און ניט פאַר דער קינפטיקער גערעטעניש, נאָר פאַר דער האיאָריקער!

מע האָט געדארפט איבערצײַגן די מענטשן. מיר זײַנען שווײַגנדיק דערפאָרן ביז דער שטאָט, טראכטנדיק יעדערער וועגן זײַנס, אָוונטברויט געגעסן מיט מאקארינען בא אים אין שטוב. די צוויי קעלישקעס צו מײַנע באליבטע קרעפלעך, וועלכע עס האָט צוגעגרייט זײַן פרוי פעאָדאָסיא קוזמיניטשנא, האָבן מיר אויסגעטרונקען: איינס — פאַרן דערפאָלגרײַכן אָנהייב פון דער צעלינא, דאָס צווייטע — פאַרן געזונט פון דער באלעבאָסטע. וואסילי פיליפאָוויטש האָט אין יענעם אָוונט געשאָטן מיט אַן א שיר פראגן:

— זאָגט מיר, איר זײַנט אופריכטיק איבערצײַגט, אז אונדזער קאנט וועט ווערן דער גרעסטער ברויט־שפײַכלער אינעם לאנד?

— און איר צווייפלט פונדעסטוועגן?

— זייער שווער איז אונדז אָנגעקומען די דאָזיקע ערד...

— איך בין ניט בלויז איבערצײַגט, וואסילי פיליפאָוויטש, נאָר אויך שטאָלץ, וואָס איך לייג צו דעם צו א האנט.

איך האָב גוט פארשטאנען דעם דאָזיקן מענטשן, געפילט זײַן צושטאנד. ער איז געווען איינער פון די אלטע אָרטיקע טוער, וועלכע מיר האָבן בא שארף געענדערטע מאסשטאבן פון דער ארבעט געהאלטן פאַר ריכטיק ניט צו פארבײַטן, איבערלאָזן אף זייער אָרט. און מיר האָבן קיין טאָעס ניט געהאט. די גרויסע געשעענישן האָבן בלויז אין אָנהייב געצווונגען זיי עטוואָס צו פארלירן זיך. אזא איז געווען אויך מאקארין — איינער פון די טויזנטער ראיקאָם־סעקרעטארן, גרויסע האָרעפּאשניקעס, וועלכע טראָגן אף זיך די גרונטלאסט פון דער שווערסטער פארטיי־ארבעט אין אונטערשטן רינג. ער האָט געלעבט, געארבעט אין א שטיל שטעטל, וואָס שטילער קאָן שוין ניט זײַן, א פארוואָרפנס ערגעץ אין ווײַטן, פון דער זון פארסארפעטן סטעפ, און אָט דאָס לעבן איז אויך געגאנגען שטיל, מיט א געמאָסטענעם טראָט. נאָר אָט איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1954, און דאָס שטעטל האָט זיך ארויסגעוויזן אינעם עפּיצענטער פון די צעלינא־איניאָנים, פאַר די אויגן פונעם גאנצן לאנד. צו מאקארינס קאָוועד, האָט ער פארמאָגט יענע פויערשע טעווע צו דערגיין א זאך

ביזן גרונט און יענעם סייכל, וואָס האָבנדיק זיך צו אַלץ דערגראָבן, דערלויבט דאָס דעם מענטשן טיף צו גלייבן אין דער נײַער זאַך און פולשטענדיק אָפּגעבן זיך איר ביזן סאָף מיט דער גאַנצער ריזן־קראַפט פון זײַן טאַלאַנט.

אָף מאָרגן האָט ער לויט מײַן ביטע צונויפגערופן אין ראַיקאָם די דירעקטאָרן פון די סאָווירטן א. וו. זאַודאַלאָוו, אי. ג. ליכאָבאַבאַ, ג. יאַ. טוטיקאָוו, עס זײַנען געקומען דער פאָרזיצער פונעם ראַיויס־פּירקאָם ס. ק. גאַלושטשאַק, זײַן שטעלפאַרטרעטער ראַכים קײַסאַרין און אַנדערע כאַווירים. נאָכאַמאָל האָבן מיר אַלץ באַהאַנדלט, איך האָב אַלעמען אויפמערקזאַם אויסגעהערט און צום שלוס געזאָגט:

— גוט, וואָס צו דער גרויסער זאַך באַציט איר זיך גרינטלעך, פאָרזיכטיק. לאָמיר אָבער פונדעסטוועגן זיך פאַנאַנדערקלײַבן, וועגן וואָס עס גייט דער שטרײַט. צי האָט דער איינצל־פויער, אויב אפילע ער איז, ווי מע האָט דעמלט גערעדט, טאַקע געווען אַן אַקוראַטער, געקאָנט פאַנאַנדעראַרבעטן שנעל די צעלינאַ, ווי מיר קאָנען עס טאָן איצט? פאַרשטייט זיך, אַז ניט! מיט דער סאָכע אָדער אין בעסטן פאַל מיט אַ בונקער־פלוג האָט ער געקאָנט אויך אין מײַ אופאַקערן זײַן פיצל ערד, אָבער באַאַרבעטן זי האָט ער שוין פּאָשעט ניט געהאַט מיט וואָס. אָט האָט ער געוואַרט קימאַט אַ יאָר, און אַמאָל אפילע מער, ביז דער אייבערשטער שיכט פונעם באָדן איז אונטער דער ווירקונג פון זון, וואַסער און פראָסט ניט פאַנאַנדערגעפאַלן אַליין פון זיך אָף קליינע קלעפּיקע שטיקלעך. צי דאַרפן מיר זיך גלײַכן צו אָט דעם פויער, איבערנעמען זײַן ביטערע און געצוווּנגענע דער־פאַרונג? איך מיין, אַז ניט. מיט דער איצטיקער טעכניק קאָנען מיר פאַר צוויי־דרײַ טעג מאַכן די אופגעאַקערטע צעלינאַ ווייך, צע־דרויבלט, זי זאָל זײַן גרייט אופצונעמען די זוימען, און אינעם זעלבן יאָר באַלוינען זיך פאַר דער האָרעוואַניע. איז באַשליסט, וויאַזוי איז אײַך בעסער צו טאָן.

— און וואָס דאַרף מען באַשליסן? איך זאָג שוין לאַנג — זייען דאַרף מען! — האָט הייס אָפּגערופן זיך זאַודאַלאָוו.

— איז זייט.

— זעט איר... ניט בלויז, וואָס מע לאָזט אונדז ניט אָדער מע פאַרבאָט, נאָר מע זאָגט: באַנאַרישט זיך אָבער ניט, איר זײַט דאָך ניט קיין היגער מענטש, קענט איר ניט די דאָזיקע ערד. ווילנדיק־ניט־ווילנדיק הייבסטו אָן צו צווייפלען.

— מיר וועלן פאַרזייען אַלץ, וואָס מיר האָבן האַיאָר אופגע־אַקערט, — האָט פאַרזיכערט מאַקאַרין. — איר האָט אונדז איבער־צײַגט. ווײַזט אויס, אַז מיר האָבן מערער געטראַכט, ווי מע דאַרף...

— איז טאַקע גוט. נעמט אָבער אין אַכט נאָך איינס, — האָב איך צוגעגעבן. — דאָ זײַנען געבראַכט געוואָרן אַרגומענטן, אַזוי צו זאָגן,

אגראַנאָמישע און טעכנישע, און עס איז גאָרנישט ניט געזאָגט גע־וואָרן וועגן דער פּאָליטישער זײַט פון דער פּראַגע. מע דאַרף אָבער זיך רעכענען ניט בלויז מיט דער מעגלעכקײַט, נאָר אויך מיט דער נייטיקײַט צו זייען ברויט אַף דער צעלינאַ טאַקע האיאָר. דאָס איז ניט נאָר אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיקײַט, דאָס איז אויך אַ זאַך פון פּאָליטיק. זאָל די גאַנצע וועלט נאָכאַמאָל זיך דערוויסן, אַז מיר, קאָמוניסטן, זײַנען פייִק צו לייזן אין מעשעך פון אַ קורצער צײַט די גרעסטע אופגאַבן. און כוץ דעם, איז מענטשלעך וויכטיק, אַז יע־דער טוער פון דער צעלינאַ זאָל האיאָר זען די פרוכט פון זײַן מי.

4

צומאָל פרעגט מען: ווער איז געווען דער אווטאָר פון דער אידיי וועגן אופאַקערן די צעלינאַ? איך האַלט, אַז די עצם פּראַגע איז ניט ריכטיק, אין איר שטעקט אַ פּרוּוו צו פאַרעכענען דעם גרויסן אופטו פון אונדזער פּאַרטיי און פונעם פאָלק צו דער „וואָרזעונג״ און ווילן פון עפּעס איין מענטשן.

אופאַקערן די צעלינאַ — דאָס איז די גרויסע אידיי פון דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איר פאַרווירקלעכונג האָט געהאָלפן, אויב דענקען מיט היסטאָרישע קאַטעגאָריעס, צו פאַרוואַנדלען קימאַט אין איין אויגנבליק די טויטע, פאַרוואָרפענע, אָבער געבענטשטע מיז־רעכדיקע סטעפּעס פונעם לאַנד אין אַ קאַנט פון אַן אַנטוויקלטער עקאָנאָמיק און הויכער קולטור.

עס איז באַוווּסט, אַז דאָס באַזעצן די ברייטע שעטעכן פון קאַ־זאַכסטאַן, מײַרעוו־סיביר, ווײַטן מיזרעך מיט דער פויערשער אָרעמ־שאַפט פונעם אייראָפּעיִשן רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין פאָריקן יאָרהונדערט. נאָר באַזונדערס האָט זיך עס פאַרשטאַרקט, ווען ס׳האָט זיך באַוויזן די גרויסע טראַנס־סיבירער מאַגיסטראַל. עס איז אָבער אויך באַוווּסט, וואָס דערפון האָט זיך באַקומען. מיליאָנען אומגליקלעכע, ערדלאָזע, הונגערנדיקע פויערים פונעם צאַרישן רוס־לאַנד האָבן צוזאַמען מיט די מישפּאָכעס זיך אַוועקגעלאָזט אַף מיז־רעך, אין דעם „געבענטשטן״ קאַנט, מיט דער פײַנלעכער האָפענונג צו געפינען דאָרט ערד און גליק. זיי זײַנען געפאָרן אין ענג גע־פּאַקטע פראַכט־וואַגאָנעס, אַף אַרבאַס און וועגענער. טויזנטער איבערוואַנדערער זײַנען געשטאָרבן אין וועג, ניט אויסהאַלטנדיק די לאַנגע, פּײַנלעכע נעסיִע, הונגער, קרענק. די געשיכטע האָט אונדז איבערגעלאָזט פּילצאָליקע גוויִעס־איידעס פון יענער דראַמאַטישער עפּאָכע. לאָמיר דערמאָנען, צום בײַשפּיל, דאָס בילד פונעם קינסט־לער ס. וו. איוואַנאָוו „דער טויט פון אַן איבערוואַנדערער״. דער

פויער דער שפּיַיזער איז געשטאָרבן אין וויסטן סטעפּ, אַפן וועג, ניט דערגרייכנדיק דעם ציל. וואָס וועט זיַין מיט דער אַלמאָנע, מיט די קינדער? מיט אָט דער האַרצרײַסנדיקער פראַגע שטייען מיר גע־ווייַנלעך בא דעם באַרימטן קונסט־ווערק.

נאָר אויך יענע, וועלכע האָבן בעשאָלעם דערגרייכט די ניט גע־רירטע מיטן פלוג ערטער, זייַנען אַרייַנגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. איינס אַף איינס פלעגן זיי אַרייַנטרעטן אין האַרבן גראַנגל מיטן ווילדן, גרויזאַמען סטעפּ. ניט קיין ווינונגען, ניט קיין וועגן, ניט קיין וואַסער, קיין שום הילף פון ערגעץ. די גאַנצע „טעכניק" — אַ מאָגער פערדל מיט אַ סאָכע, זעלטן מיט אַ פלוג.

דאָס „באַהערשן די צעלינאַ" איז אינעם פאַררעוואָליוציאָנערן פּעריאָד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עכטן פאָלקס־אומגליק. וועגן דער האַרצלאָזער, אומענטשלעכער באַציִונג פון די צאַרישע מאַכט־אָרגאַנען צו די איבערוואַנדערער האָבן מיט צאָרן געשריבן אַ. פּ. טשעכאָוו, וו. ג. קאָראָלענקאָ, ג. אי. אוספּענסקי. אין זיַינע פּאַרציי־כענונגען „רײַזעס צו די איבערוואַנדערער" האָט גלעב אוספּענסקי אָנגעמאָלט אַ טיפּיש בילד פון דעם, וואָס ער האָט געזען אין איינעם פון די כוטאָרן:

„שוואַרצע הורבעס, וועלכע כאַפּן דעם אָנבליק פון צונויפגעלייג־טע אין קליינע הויפנס טאָרף אָדער קיזיאַק, צעוואָרפענע דאָ און דאָרט, מאַכן ניט קיין מינדסטן אײַנדרוק פון אַ מענטשלעכער ווױ־נונג; אין ערגעץ זעט מען ניט קיין איין מענטשלעך וועזן, און עס איז ביכלאַל ניטאָ קיין שום מעגלעכקײַט צו פאָרשטעלן זיך, אַז דאָ זאָלן קאָנען לעבן מענטשן. אָבער מע לעבט..."

איך וועל באַמערקן, אַז רעשטן כורוועס פון אַזעלכע „שוואַרצע הורבעס" — ערד־ווינונגען — האָבן מיר נאָך געטראָפן ערגעץ־ווו אין סטעפּ, און זיי האָבן שטענדיק אַרויסגערופן ביטערע געדאַנקען וועגן דעם טרויעריקן גוירל פון די ערשטע צעלינאַ־אײַנוווינער.

ניט אויסהאַלטנדיק די אומדערטרעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען, זײַנען די פויערים געלאָפן, זיך אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד, אַף אוקראַיִנע און קיין ווײַסרוסלאַנד — אַנטקעגן דעם ניט ווייניקער שווערן גוירל. די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג בענעגייע די איבערוואַנדערער האָט מיט צאָרן געשטעמפּלט וו. אי. לענין, וועלכער האָט געשריבן: „קיין רוסלאַנד קערט זיך אום די אָרעמ־שאַפט, וואָס האָט אַלץ פאַרלוירן, די סאַמע אומגליקלעכע, פאַרבי־טערטע. אין סיביר האָט די ערד־פראַגע געדאַרפט העכסט פאַר־שאַרפט ווערן, עס זאָל זײַן אומעגלעך — טראָץ די פאַרצווייפלטע באַמיִונגען פון דער רעגירונג — צו אײַנאָרדענען הונדערטער טויזנ־טער איבערוואַנדערער..." און אין אַ צווייט אַרטיקל: „אָט די גיי־גאַנטישע כוואַליע צוריק־איבערוואַנדערער ווײַזט אָן אַפן פאַר־

צווייפלטן אומגליק, אף דער רוינירונג און דאלעס פון די פויערים, וועלכע האָבן פארקויפט אלע הייזער, קעדיי אוועקגיין קיין סיביר, און איצט זיינען זיי געצוווּנגען צו גיין צוריק פון סיביר, ענדגילטיק רוינירטע און פאראָרעמטע".

פרוונדיק ווי־ניט־איז באַרעכטיקן די האנדלונגען פון דער רעגירונג, פארגלעטן דעם שווערן איינדרוק פון דעם, ווי גיגאנטישע מאסן פונעם אויסגעמאטערטן פאָלק האָבן זיך באַוועגט פון מייַרעוו קיין מיזרעך און צוריק, האָבן די בורזשואזע פאָרשער צוגעטראכט א גאנצע טעאָריע, וועלכע האָט באהויפטעט, אז שולדיק אין אלץ זיינען... די מיזרעכדיקע סטעפּ־ערדן אליין. זיי האָבן געשריבן, אז די דאָזיקע ערדן זיינען קלוימערשט ניט פרוכטבאר און איבער זייערע נאטירלעכע אייגנשאפטן קאָנען זיי פּאָשעט ניט ווען־ניט־איז אויסגענוצט ווערן. ווער אָבער האָט אין רוסלאנד ניט געוווּסט, אז דאָס זיינען געווען ניט מער ווי רעכילעס אף די רייכע ניט גערירטע סטעפּעס, וועלכע האָבן בעמעשעך פון דוירעס אָנגעזאמלט פרוכטבארקייט?

„די היגע ערד איז פייִק צו געבן ברויט, אויבס און פּי", — האָט געשריבן נאָך אין XVIII יאָרהונדערט וועגן סיביר און צאָפן־קאַזאכסטאן דער אווטאָר פונעם „צייכענונגס־בוך פון סיביר" ס. או. רעמעזאָוו. אויסלאכנדיק די אויסטראכטענישן פון די קוואַזיגעלערנטע, האָט וו. אי. לענין ניט איין מאָל איבערגעכאזערט: „עס זיינען נאָך פאראן פרייַע ערדן... פּרעכטיקע ערדן, וועלכע מע דארף אופאַקערן!" אין זיינע ארבעטן אין 16־טן באנד פון די געזאמלטע ווערק, אף דער זייט 229, האָב איך געפונען א ווונדערלעך טיפע באַאָבאכטונג. וולאדימיר איליטש האָט אָפּגעמערקט, אז די דאָזיקע ערדן טויגן נישט „ניט אזויפיל איבער די נאטירלעכע אייגנשאפטן... וויפל איבער די געזעלשאפטלעכע אייגנשאפטן פון דערווירטשאפט... וועלכע פארורטיילן די טעכניק אף גליווערונג, די באפעלקערונג אף רעכטלאָזיקייט, דערשלאָגנקייט, אמהאראצעס, הילפלאָזיקייט".

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ראדיקאל געענדערט די „געזעלשאפטלעכע אייגנשאפטן" פון דער לאנדווירטשאפט און דערמיט גופע געשאפן באדינגונגען אויסצונוצן די נייַע ערדן אומעטום — אין מייַרעוו־סיביר און צאָפן־קאזאכסטאן, אין בייווואָלגע און אף צאָפן־קאווקאז, אף אוראל, אפן ווייטן מיזרעך. צום 1940 איז דער פארזייעטעך פון לאנד אויסגעוואקסן אין פארגלייך מיטן יאָר 1913 אף 32,4 מיליאָן העקטאר. דער פאָלגנדיקער עטאפּ פון באהערשן דעם ערד־רעזערוו פון פּסטר האָט זיך אָנגעהויבן אינמיטן די 50־ער יאָרן. גראָד דעמלט האָט די אקטועלע באדערפעניש צו באקומען ברויט אף דער צעלינא זיך פארייניקט מיט דער רעאלער מעגלעכקייט אויסצופילן די דאָזיקע היסטאָרישע אופגאבע.

די פארטיי האָט שוין פון לאנג זיך געגרייט צו א ברייטן אָנ־גריף אף די נײַע ערדן. נאָך אין סאָף פון די 20־ער יאָרן האָט דער געלערנטער מיט א וועלט־נאָמען נ. מ. טולײַקאָוו, האָבנדיק נעווי־עסדיק דערזען, אז מיטן שאפן גרויסע מעכאניזירטע ווירטשאפטן האָט זיך געעפנט די פערספעקטיוו צו באהערשן די צעלינא, אָרגאַ־ניזירט די ערשטע וויסנשאפטלעכע עקספעדיציע, וואָס זאָל קלאָר מאכן פינקטלעך די ערדן אפן מיזרעך פון לאנד, וועלכע טויגן צום באהערשן. וועגן דעם דערפאָלג פון דער עקספעדיציע האָט ער אָנ־געשריבן אין ארטיקלען און אין א מעמאָראנדום אין צענטראַל־קאָ־מיטעט פון דער אלקפּ(ב). אין 1930 האָט דער XVI צוזאמענפאָר פון דער אלקפּ(ב) — אף אים איז טולײַקאָוו, אגעוו, אָנגענומען געוואָרן אלס קאנדידאט פאר א מיטגליד פון דער פארטיי — באהאנדלט די פראגע וועגן פארברייטערן די טוווע־ווירטשאפט אין די מיזרעך־ראיאָנען פון לאנד. אינעם פאָרטראָג „די קאָלווירטישע באוועגונג און דער אופשטײַג פון דער לאנדווירטשאפט”, וועלכן עס האָט צו־געגרייט דער לאנדווירטשאפטלעכער אָפּטייל פונעם צענטראַל־קאָ־מיטעט, איז די פּאָזיציע פון דער פארטיי פאָרמולירט געוואָרן דײַט־לעך. אָט איז דער דאָזיקער אינטערעסאנטער און ווײַטזיכטיקער דאָקומענט:

„...מיט ווייץ וועלן מיר גיין אהין, ווו עס קאָנען ניט וואקסן קיין מער ווערטפולע קולטורן און ווו דער טראקטאָר קאָן אויסגענוצט ווערן 24 שאָ אין מעסלעס. לויט די אויסרעכענונגען פונעם נײַעם קאָנדידאט פון דער אלקפּ(ב) פּראָפעסאָר טולײַקאָוו, איינעם פון די בעסטע אין דער וועלט קענער פון דער ערד־ארבעט אין די פאר־טריקעניש־ראיאָנען, קאָן מען אין קאזאכסטאן האלטן פאר טויגבאר צום פארזיי פון 50 ביז 55 מיליאָן העקטאר, פון זיי געפינען זיך ארום 36 מיליאָן העקטאר אין די צאָפנדיקע קרײַזן, וועלכע ליגן נאָענט צו סיביר און אוראל: אקטיובינסקער, קוסטאנײַער, פעטראָ־פּאוולאָווסקער, אקמאָלינסקער, פּאוולאָדארער און סעמיפּאלאטינס־קער. דאָ פארנעמען די ווייץ־פארזייען בלויז 5 פּראָצענט פון דער גאנצער ערד, וואָס טויג צום אקערן.

ווי־אזוי זשע קלײַבן מיר זיך לייזן די דאָזיקע אופגאבע? מע דארף האָבן אין זינען, אז די ווייץ־אופגאבע וועט אונדז אויסקומען צו לייזן אין ראיאָנען מיט זייער א קליינער קאָמפּאקטקײַט פון דער באפעלקערונג, אין ראיאָנען, ווו דער רעליעף וועט דערלויבן אויס־צונוצן דעם טראקטאָר און קאָמבײַן מיט דער גרעסטער עפעקטיוו־קײַט... אף לייזן די דאָזיקע אופגאבע פאָדערט זיך אומגעפער 700 טויזנט — 1 מיליאָן פערד־קראפט, קעדיי צו באקומען צוגאָבלעך 20—25 מיליאָן העקטאר פאר ווייץ. אף דעם קאָנען מיר און דארפן גיין!

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קערן באַם לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע באַשטייט דעריך, וואָס לייזן זי דאַרף מען מיט אַ מינימום מענטשן און באַלעבאָטים, קעדיי מיר זאָלן ניט זיַין געצוווּנגען צו האַלטן דאָ גרויסע רעזערוון אין פאַל פון אַן אומגערעכטעניש. אַכוץ דער פולער מעכאַניזאַציע, מוז מען דאָ אויסרעכענען, אַז יעדער טראַקטאָר, יעדע מאַשין, יעדער מענטש זאָלן באַקומען אַ פולע אָנלאָדונג. מע דאַרף דאָ אויסרעכענען אויף דעם, אַז איין מענטש דאַרף באַדינען 200 העק־טאַר".

אָט די פאָרשלאָגן האָט אָנגענומען דער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, דאָס פאָלק האָט זיי אונטערגעהאַלטן און באַוויליקט. וועגן דער בייטיקייַט צו באַהערשן די צעלינאַ האָבן אין יענער צײַט אַ סאַך געשריבן די צענטראַלע און אָרטיקע צײַטונגען. דער פאָלקאָמאַט פון ערד־אַרבעט פון פססר איז צוגעטראָטן צום שאַפן אין קאַזאַכסטאַן און אין סיביר די ערשטע טוווע־סאָווירטן, וואָס זייער דערפאַרונג האָט אונדז שפּע־טער געהאָלפן באַם אָרגאַניזירן אַ ברייטן אָנגריף אויף דער צעלינאַ. עס איז אָבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז דאָס לאַנד האָט אין יענע יאָרן ניט געקאָנט שיקן אויף די סטעפּ־ראַכוועסן אַ גענוגע צאָל טעכ־ניק. און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. אָבער די אידיי פון באַהערשן אויף אַ ברייטן אויפן די צעלינאַ און די פאַרלאָזטע ערדן איז ניט אומגעקומען. מאַמעש ווי די צעלינאַ גופע, האָט זי געלעבט, וואַרטנדיק בלויז אויף איר שאָ.

אין 1974 האָב איך אין דער רעדע אויף דער פײַערלעכער זיצונג אין אַלמאַ־אַטאַ, געווידמעט דעם 20־טן יאָרטאָג פון באַהערשן די צעלינאַ, אָפּגעמערקט, אַז אַלס קלאַל, ווערט די עמעסע באַדײַטונג פון היסטאָרישע געשעענישן, פון גרויסע פּאָליטישע באַשלוסן קלאָר ווײַט ניט מיטאַמאָל, ניט לויט די הייסע שפּורן, נאָר ערשט שפּע־טער, ווען מע קאָן די פלענער קעגנשטעלן מיט די באַקומענע רעזול־טאַטן, אָפּשאַצן די פּאַקטישע אויפווירקונג פון די דאָזיקע געשעענישן און באַשלוסן אויף די אַדער אַנדערע זײַטן פונעם לעבן. די היסטאָרי־שע דיסטאַנץ, וועלכע מאַכט פאַר ווייניק באַמערקבאַר די דעטאַלן און פּראָטים, דערלויבט דערמיט גופע בעסער, רעליעפער צו זען דעם איקער, דעם גרונט. און דער איקער, אויב האָבן אין זינען די באַהערשונג פון דער צעלינאַ, באַשטייט דעריך, וואָס די פּאַרטיי האָט אין 1954 אַרויסגערוקט אַן אויסערסט וויכטיקע און אַקטועלע פאָלקסווירטשאַפטלעכע אויפגאַבע. און אָט דעם איקער האָבן די סאָ־וועטישע מענטשן דעמלט גוט פאַרשטאַנען און געפילט.

אינדערעמעסן, לאָמיר זיך דערמאָנען די סיטואַציע אין אָנהייב פון די 50־ער יאָרן. די לאַגע מיט ברויט האָט אין יענע יאָרן אַרויס־גערופן אַן ערנסטן אומרו. די דורכשניטלעכע גערעטעניש פון די טוווע־קולטורן אין לאַנד האָט ניט איבערגעשטיגן 9 צענטנער פון אַ

העקטאַר. אין 1953 איז פאַרגרייט געוואָרן עטוואָס מער פון 31 מיליאָן טאָן טוועע, און פאַרברויכט געוואָרן איז מער פון 32 מיליאָן. אונדז איז אויסגעקומען דעמלט טיילווײַז אויסנוצן די מעלוכע־רעזערוון.

קעדיי ארויסגיין פון אָט דער לאַגע, איז נייטיק געווען אָנצונעמען קאַרדינאַלע, אַנטשיידענע און, וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק, דרינגענדיקע מאָסמיטלען. אין יענע באַדינגונגען האָט די פּאַרטיי, ניט פאַרקלענערנדיק די אויפמערקזאַמקײַט צום העכערן די גערעטעניש אין די אַלטע ראַיאָנען פון דער ערד־אַרבעט, ארויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט די אויפגאַבע צו פאַרברייטערן באַדײַטנדיק און שנעל די פאַרזיי־שעטעכן. און דאָס איז מעגלעך געווען בלויז אויפן כעזשבן פון די מיזרעכדיקע צעלינע־ערדן.

איך וויל באַזונדערס באַטאָנען: דאָס פאַרברייטערן די פאַרזייען האָט געטראָגן ניט בלויז אַ קוואַנטיטאַטיוון, נאָר אויך אַ קוואַליטאַטיוון כאַראַקטער. דאָס לאַנד האָט געדאַרפט האָבן ניט בלויז ברויט, עס האָט זיך געפילט זייער אַ שאַרפער מאַנגל אין דער ווערטפולסטער דערנערונגס־קולטור — אין ווייץ. און געבן אים האָט געקאָנט בלויז די צעלינע, ווו מע קאָן קולטיווירן האַרטע און שטאַרקע סאָרטן ווייץ פון דער העכסטער קוואַליטעט. בײַ אַ דערפאָלג וואָלט דער טוועע־באַלאַנס פונעם לאַנד געקאָנט ראַדיקאַל, איך וואָלט געזאָגט רעוואָליוציאָנער, געענדערט ווערן.

הײַנט, פון אַ גרויסער צײַט־דיסטאַנץ, ווען די רעזולטאַטן זײַנען דײַטלעך קלאָר, זעט אַלץ אויס אומשטרײַטבאַר, מע קאָן אפילו זיך כידעשן: וויאַזוי האָט דאָס די צעלינע געקאָנט האָבן קעגנער? און זיי זײַנען געווען. אַגעוו, קעגנער אַלס אַזעלכע — פאַרביסענע, וועלכע האָבן אפילו הערן ניט געוואָלט וועגן צעלינע, — קאָן מען אָנרופן בלויז די אָנטיילנעמער פון דער אַנטיפּאַרטייִשער גרופּע, וועלכע האָט זיך אײַנגיכן אויסגעבילדעט. מיט די דאָזיקע מענטשן טאָר מען אין קיין פאַל ניט צונויפמישן אַנדערע — פאַרבלאָנדזשעטע, וועלכע האָבן ערלעך געצווייפלט, אָדער איבער דער מאָס פאָרזיכטיקע. זיי האָבן מיר זיך באַמיט פּאָשעט איבערצײַגן מיט פאַקטן און אויסרעכענונגען. אין זייער פּאָזיציע איז, ווי מע זאָגט, קיין כעט ניט געווען. געזונטע צווייפלונגען אין גרויסע איניאָנים זײַנען אפילו נייטיק — מע דאַרף דאָך אָפּוועגן טויזנט מאָל „פאַר" און „קעגן", דיסקאָנטירן אַלץ ביז קלייניקײַטן, פאַנאַנדעראַרבעטן די אָפּעראַציע אַזוי, אַז מע זאָל שנעל און אַף זיכער אָפּהאַלטן אַ זיג, און בלויז אַ זיג.

און פאַר פאַרשיידענע ספּייקעס זײַנען געווען ניט ווייניק גרונטן. לאָמיר נעמען די ריין נאַטירלעכע — קלימאַטישע, ערד־אַרבעטערישע — פאַקטאָרן. עס איז באַוווּסט, אַז צום אונטערשייד פון פיל

אנדערע לענדער, באַזונדערס פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמע־ריקע, ווו די באַדינגונגען פון פירן די לאַנדווירטשאַפט זײַנען נאָענט צו אידעאַלע, געפינט זיך אונדזער לאַנד מערסטנטייל אין דער זאָנע פון דער אַזויגערופענער ריזיקאַלער ערד־אַרבעט. און וויבאַלד אַזוי, צי לוינט צו פאַרטיפערן די ווירקונג פון דעם דאָזיקן פאַקטאָר, אַרײַנפאַלן אין א נאָך גרעסערער אָפּהענגיקייט פון דער נאַטור, שאַפנדיק נײַע, גיגאַנטישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען, ווו ערד־אַרבעט איז, לויט דער מיינונג פון אייניקע ספּעציאַליסטן, ביכלל אוממעגלעך? עס איז דאָך פאַרגעשטאַנען צו זייען צענדליקער מיליאָ־נען העקטאַר ווייץ אין אויסערסט טרוקענע, פון דער היץ פאַרסאַר־פּעטע סטעפּעס, ווו עס פאַלט אויס 200, מאַקסימום 300 מילימעטער אָפּזאַצן א יאָר.

אָט פאַרוואָס דער גראַנדיעזער לויט די מאַסשטאַבן איניציאַ־טיוו איז דעמלט אַזוי זאָרגפעליק באַהאַנדלט געוואָרן. אין יענע טעג האָט מען מיר דערציילט אַן עפּיזאָד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט ק. יע. וואָראָשילאָוון. ער האָט זיך אומגעקערט פון אַן אָרדנטלעכער רײַזע איבער די דאָרפישע ראַיאָנען. אומגעקערט זיך א פאַרזאָרג־טער, קימאַט אין א געדריקטער שטימונג. זיך דערוווּסט, אַז עס ווערט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אופאַקערן די צעלינאַ־ערדן, און פאַרשטייענדיק, אַז דאָס וועט פאָדערן א קאָלאָסאַלע צאָל מיט־לען, קויכעס און טעכניק, האָט ער טרויעריק באַמערקט:

— און אין די סמאָלענסקער דערפער אַקערן נאָך ערגעץ־ווו מענטשן די ערד אויף זיך...

יאָ, פאַר דער פּאַרטיי איז געשטאַנען ניט קיין לײַכטער אויס־וואַל. עס איז געגאַנגען בלויז דאָס נײַנטע יאָר נאָכן פאַרענדיקן די מילכאָמע. די וווּנדן, וועלכע זי האָט פאַרשאַפן, האָבן נאָך געבלו־טיקט. די פאַשיסטן האָבן פאַרברענט און כאָרעוו געמאַכט 70 טויזנט דערפער, אײַנגעאַנצן רויִנירט און צעראַבעוועט 98 טויזנט קאָלווירטן, 1876 סאָווירטן, פאַרטריבן 17 מיליאָן שטיק גרויס האָרנפי, 7 מיליאָן פערד. וואָס אָנבאַלאַנגט די ראַיאָנען, וועלכע זײַנען ניט געווען אָקופּירט, איז אויך דאָרט די מאַטעריעל־טעכנישע באַזע פון די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס, פון די סאָווירטן, קאָלווירטן געווען אומעטום גרינטלעך אונטערגעריסן. די טעכניק האָט א סאַך יאָרן געאַרבעט ביז ענדגילטיק אָפּגענוצט ווערן, די פעלדער זײַנען געווען פאַרלאָזט. און דאָס שרעקלעכסטע: אומעטום האָבן געפעלט מענטשן — מיליאָ־נען טראַקטאָריסטן, קאָמבײַנערן, שאָפערס, מעכאַניקער, טעכניקער, אינזשעניערן, אַגראָנאָמען זײַנען אומגעקומען אויף דער מילכאָמע.

דער פאַרמילכאָמע־ניוואָ פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָ־דוקציע איז אין רעזולטאַט פון א קאָלאָסאַלער קויכעס־אָנשטרענגונג שוין געווען אופגעשטעלט. אָבער דאָס דאַרף האָט זיך אַלץ געניי־

טיקט אין הילף, די לאנדווירטשאַפט האָט ניט באַפרידיקט די וואַקסנ־דיקע באַדערפעניש פון דער באַפעלקערונג אין שפּײַז־פּראָדוקטן, און פון דער אינדוסטריע — אין רויוואַרג.

דער סענטיאַבער־פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס אין 1953 האָט באַשטעטיקט א ברייטע פּראָגראַם, וועלכע איז געווען באַרופן צו ליקווידירן די בלויזן אין דער אָנפירונג מיט דער לאַנד־ווירטשאַפט. דוכט זיך, די צעצעם לאָגיק, די שווערע לאַגע מיט מיט־לען, מאַטעריעל־טעכנישע רעסורסן און מענטשן־רעזערוון אין לאַנד האָבן געצוווּנגען צו וואַרפן אַלע קויכעס אין די טראַדיציאָנעלע ערד־אַרבעטערשע ראַיאָנען, קעדיי צו באַקומען דאָרט די געהעריקע רע־זולטאַטן.

די זאַך איז אָבער אין דעם, וואָס די פּראָגראַם, וועלכע די פּאַרטיי האָט פּאַנאַנדערגעאַרבעט, כאָטש זי איז געווען אויסגערעכנט אַף אַן אופשטײַג פון אַלע צווײַגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָט זי אָבער ניט געזיכערט און ניט געקאָנט זיכערן א באַלדיקן דערפאָלג. באַ־זונדערס האָט עס געהאַט א שײַכעס צו דער הויפּט־אויפגאַבע — צו דער פּראָדוקציע פון טוווּע. דער וווּקס פון דער פּראָדוקציע אין דער פעלדצוכט, געוויקסנצוכט איז אַלס קלאַל א דויערנדיקער פּראָצעס. אָט פאַרוואָס עס איז נייטיק געווען, גייענדיק אפילע אַף א ריזיקע, דרייסט אויסטיילן א כיילעק פון די רעסורסן און מיטלען פאַר דער צעלינאַ, קעדיי געווינען צײַט, ווײַל די צעלינאַ האָט צוגעזאָגט צו געבן פאַר איין סעזאָן א סאָלידע הויסאָפּע צום העכסט אָנגע־שטרענגטן טוווּע־באַלאַנס פונעם לאַנד. די ערשטע 13 מיליאָן העק־טאַר פון דער צעלינאַ, וועלכע זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן צו באַ־הערשן אין 1954, האָבן באַ א דערפאָלג געקאָנט געבן אין אונדזערע שפּײַכלערס שוין אין הארבסט פונעם זעלבן יאָר צוגאָבלעך 800—900 מיליאָן פוד סכוירע־טוווּע. און די פּאַרטיי איז אײַנגעגאַנגען דערויף. אזויאַרום האָט זי געוווּנען סײַ אין דער טאַקטיק, ווײַל זי האָט גלײַך באַקומען רעאַלע רעזולטאַטן אין דער פאָרם פון ברויט, סײַ אין דער סטראַטעגיע — ווײַל אַף דער צעלינאַ זײַנען מיר געגאַנגען ניט גרינגוואָגיק, ניט קעדיי „אַרויסכאַפּן" אירע רײַכטימער, אַראָפּ־נעמען די סמעטענע פון איר פרוכטבאַרקײַט און זיך אָפּטראָגן אָן זאָרגן, נאָר געגאַנגען אַף לאַנגע יאָרן.

אגעוו, האָט קלימענט יעפרעמאָוויטש וואָראָשילאָוו געהערט צו יענע טוער, וועלכע האָבן געקענט גרינטלעך זיך פאַנאַנדערקלײַבן, צי עס זײַנען נייטיק אָדער עס זײַנען פריצײַטיק די אָדער אַנדערע גרויסע מעלוכישע מאָסמיטלען. ער איז געווען פאַר דער צעלינאַ, און דערנאָך, ווען ער איז געקומען קיין קאַזאַכסטאַן און האָט דער־זען די ענדלאָזע פעלדער ווייץ, האָט ער מיר געזאָגט מיט פרייד:

— ווי גוט עס איז, וואָס מיר זײַנען אוועק אהער! אַף די דאָזיקע

ראַכוועסן ווערט צײַטיק הילף סײַ פאַר דעם ווײַסרוסישן, סײַ פאַר דעם סמאָלענסקער, סײַ פאַר דעם וואָלאָגאָדער פויער. דערבײַ עכטע גיכע הילף. אַן עמעס, כאָטש נעם און מאָל אָן אויף די מאַשינעס מיט דער צעלינאַ־טוווע אַ געלן קרייַז — לויטן קאָליר פון דעם דאָזיקן ווייץ... זי וועט אונדז פעסט אַרויסהעלפן, פעסט!

נאָר דאָס אַלץ איז געווען דערנאָך. דערמאָלט אָבער, אין 1953—1954, האָט די דיסקוסיע געדויערט. איינע פון די סאַמע ערנסטע דערווידערונגען איז געווען: צי האָט אַ זינען צו גיין מיט אַזאַ אַרמאַדע אין אַבסאָליוט הוילע, מענטשנלאָזע סטעפּעס אָן קיין שום הינטערלאַנד? ניין, צוערשט דאַרף מען אויסבויען ייִשובֿים, שולן, שפּיטאָלן, וועגן, רעמאָנט־זאַוואָדן און וואַרשטאַטן, עלעוואַטאָרן, און דערנאָך שוין ברענגען צו פירן טעכניק און מענטשן. וואָס קאָן מען דאָ ענטפערן? אַוואַדע וואָלט געווען גוט צו האָבן דאָס אַלץ. יענע אָבער, וועלכע האָבן אַזוי געשטעלט די פראַגע, האָבן ניט פאַרשטאַנען די זעלבע וויכטיקסטע פאָדערונג — ברויט פון דער צעלינאַ־ערד איז ביטיק געווען טייקעף! מיר זײַנען געגאַנגען אויף דער צעלינאַ, קעדיי אײַנצײַטיק זי סײַ באַווינען, סײַ פאַרבויען זי, סײַ נעמען ברויט. אײַנפונדעווענדיק דעם סאָציאַליזם, האָבן די סאָוועטישע מענטשן פיל זאַכן אָנגעהויבן אויף אַ הויל אָרט, קעדיי איבעריאָגן די צײַט. די פאַרטיי האָט אָפן געזאָגט צו יענע, וועמען זי האָט גערופן צו פאָרן אויף דער צעלינאַ: עס וועט זײַן שווער, עס שטייט פאָר אַ שווערע שלאַכט, און יעדע שלאַכט פאָדערט העלדנטאַטן. און הונדערטער טויזנטער פאַטריאָטן פונעם לאַנד — די קינפטיקע צעליניקעס זײַנען באַוווסטזיניק געגאַנגען אויף דעם דאָזיקן העלדנטאַט.

האַלטנדיק זיך בײַ איר שטענדיקער טראַדיציע, האָט די פאַרטיי קיינמאָל ניט אָנגענומען קיין גרויסע און פרינציפּיעלע באַשלוסן, ניט האָבנדיק זיך פריִער אַן אייצע געהאַלטן מיטן פאָלק. אַזוי האָט זי געטאָן אויך דאָס מאָל. אין סאָף 1953 און אין אָנהייב 1954 זײַנען אין די קאַנטן און געגנטן פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע, קאַזאַכסטאַן און אין אַנדערע רעפּובליקן דורכגעגאַנגען הונדערטער פאַרשיידענע באַראַטונגען און פאַרזאַמלונגען, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז די קאָמוניסטן, די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן באַווילן און האַלטן אונטער די אידיי פון דער פאַרטיי וועגן באַהערשן די צעלינאַ און די פאַרלאָזטע אַקער־ערדן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף די ערטער, ווו עס האָט געדאַרפט אומיטלבאַר זיך פאַנאַנדערוויקלען די צעלינאַ־שלאַכט, זײַנען אויך געווען שטרײַטן און ספּייקעס. אָבער ספּייקעס צו ספּייקעס זײַנען ניט גלײַך. ווען די מענטשן האָבן זיך איבערצײַגט, אַז די פאַרטיי האָט פאַרטראַכט ניט קיין לײַכטן אָנגריף אויף דער צעלינאַ, נאָר פאַנאַנדערגעאַרבעט און צוגעגרייט די גרעסטע פאָלקסווירטשאַפטלעכע

פראָגראַם, זײַנען זיי, ניט וואַקלענדיק זיך, ארויסגעטראָטן פאַר איר. עס איז כאַראַקטעריסטיש די ארויסזאָגונג פון א מענטשן, וועלכער איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין די דאָזיקע נאָטיצן, — פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון אטבאַסאַרער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי ו. פּ. מאַקאַ־רין, וואָס איז אָף דער צעלינאַ געוואָרן א העלד פון סאָציאַליסטי־שער מי. אָט וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק געשריבן וועגן זײַנע וואַקלונגען אין יענער צײַט:

„איצט, ווען עס זײַנען אַוועק יאָרן און מענטשן האָבן שוין א סאַך זאַכן פאַרגעסן, וואָלט מען געקאָנט אפילע זיך א בארים טאָן, זאָגן, אז מיר אַלע, וועלכע זײַנען אַזוי אָדער אַנדערש אײַנגעצויגן געוואָרן אין דער צעלינאַ־אַרביטע, זײַנען דעמלט געווען גרייט, ווי קאַוואַלעריסטן מיט אנטבלויזטע שווערדן, זיך ווארפן אין אטאַקע אָף דער סטעפּישער שטילקײַט און גלײַך זי באַקעמפן. נאָר דאָס וואָלט געווען ניט ריכטיק. דעם עמעס געזעדט, קאָן איך זאָגן, אז אין יענעם מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך דערוווסט, וואָס פאַר אַן אַרבעט עס שטייט פאַר די אטבאַסאַרצעס, איז מיר און מײַנע קאָ־לעגן לויט דער אָנפירונג געוואָרן, ווייך געזעדט, ניט גוט אפּן האַרצן. און פאַרשטיין אונדז איז שוין ניט אַזוי שווער. וואָס איז אַזוינס צעלינאַ, האָבן מיר, געבוירענע אין די דאָזיקע קאַנטן, וועלכע זײַנען דאָ אויסגעוואַקסן און געאַרבעט, זייער גוט געוווסט. שווער, זייער שווער איז זי אָנגעקומען דעם פויער. ניט צופעליק האָבן די אטבאַסאַרער פויערים געקאָנט אופאַקערן פאַר מער ווי 100 יאָר צײַט סאַכאַקל 100 טויזנט העקטאַר נײַערד און פאַרזייען בלויז א דריטכיי־לעק, און דאָס בלויז אין די בעסטע, מאָזלדיקע יאָרן. און דאָ האָט מען פאַר צוויי יאָר צײַט געדאַרפט אופאַקערן אינעם ראַיאָן קימאַט א האַלבן מיליאָן העקטאַר, איבערקערן שיר ניט דעם גאַנצן סטעפּ און צווינגען אים צו געבירן ברויט, אומבאַדינגט צווינגען! עס איז געווען וועגן וואָס צו פאַרטראַכטן זיך... ניין, מיר האָבן לאַכלוטן ניט געצווייפלט, אז דאָס לאַנד, וואָס האָט צו יענער צײַט פאַרמאָגט אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע, סאָלידע עקאָנאָמישע רעסורסן, וועט אונדז באַזאָרגן מיט טעכניק אין א גענוגנדיקער צאָל. נאָר זאָל זײַן דער־לויבט צו פרעגן, ווער וועט פירן די דאָזיקע טעכניק? עס זײַנען דאָך נאָך ניטאָ אַזעלכע מאַשינעס, וועלכע זאָלן אַליין, אָן דעם אָנ־טייל פון מענטשן, אַקערן, זייען, אַראָפּנעמען די טוווע און נאָך אין בולקעס זי פאַרוואַנדלען. עמעצער וועט עפּשער פאָרוואַרפן מיר, אז איך טרײַב איבער א ביסל, אָבער איך רייד וועגן יענער צײַט, ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקײַט. אַן אַרבעט האָט זיך אָנגע־הויבן א גרויסע, אַן אומבאַקאַנטע, עס איז געווען אין איר א היפּשער כיילעק ריזיקאַלישקײַט".

געוועזט איז וואַסילי פּיליפּאָוויטש, מײַן אַלטער באַקאַנטער,

ס'איז אויסגעקומען ריזיקירן, און דער סעקרעטאר פון ראיקאָם האָט געקאָנט און געדאַרפט א טראכט טאָן וועגן דעם, ווי בעסער אויס־צופילן די אופגאבע, וועלכע די פארטיי האָט געשטעלט. ריכטיק איז געוועזן אויך דאָס, אז אין ראיאָן האָט מען ניט איין מאָל צוזויפגע־רופן דעם פארטייִשן, סאָוועטישן, ווירטשאפטלעכן אקטיוו, גע־שטרײַט ביז הייזעריק צו ווערן, פאַרגעלייגט פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון דער ארבעט.

„אונדזערע צווייפלונגען, — שרײַבט צום שלוס וו. פּ. מאקארין, — זײַנען אָבער אינגיכן גרינטלעך צעזייט געוואָרן. די פארטיי האָט פאנאנדערגעארבעט אזעלכע מאָסמיטלען, וועלכע מיר האָבן זיך געקאָנט בלויז ווינטשן. זי האָט זיך געשטיצט אפן גרענעצלאָזן צו־טרוי פונעם פאָלק, אף זײַן הויכן בירגערלעכן באוווסטזײַן און ענטוז־זיאזם. אין אונדזער ראיאָן האָט אינגיכן א פלייץ געטאָן אן עמעסער שטראָם פון טעכניק, עס זײַנען אָנגעקומען טויזנטער בריוו פון באַ־כערים און מיידלעך מיט דער ביטע, מע זאָל זיי אָנווײַזן די אדרעסן פון קאָלווירטן און סאָווירטן, וועלכע נייטיקן זיך אין מענטשן. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען הונדערטער ספּעציאַליסטן, וועלכע די פארטיי האָט גערופן, פּרעקטיקע קענער פון דער טעכניק. און עס האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט אן אומגעהערטע העראָישע ארבעט".

5

אין די אלטע ווערטערביכער וועט איר געפינען דאָס וואָרט „צע־לינא", אָבער איר וועט ניט געפינען דאָס וואָרט „צעלינניק". עס איז געבוירן געוואָרן אין די 50־ער יאָרן, אקוראט ווי אין די יאָרן פון קאָלעקטיוויזאציע האָט זיך באוויזן דאָס וואָרט „קאָלווירטניק". דער עצעם באגריף „צעלינא" האָט דעמלט פארלוירן זײַן ריין ערד־אר־בעטערשן באטײַט, ער איז געוואָרן א געזעלשאפטלעכער טערמין, ווײַל הינטער אים זײַנען געשטאנען הויכע בירגערלעכקײַט און טי־פער סאָוועטישער פאטריאָטיזם. דער צעלינניק איז א פיגור א הי־סטאָרישע, וואָס האָט מיט זיך אויסגעדריקט די העראָישע צײַט. מיט דעם דאָזיקן וואָרט איז באצייכנט דער ספּעציפישער כאראק־טער, וואָס איז א רעזולטאט פון דער באדערפעניש פון דער צײַט.

קומענדיק אנומלטן אין איינעם פון די קוסטאנײַער סאָווירטן, וווּ עס איז געשטאנען בלויז איין־און־איינציק פארטיק שטיבל, און די מענטשן האָבן נאָך געלעבט אין פאלאטקעס און זעמליאנקעס, האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס בעסטע צימער אין אָט דעם הויז האָט מען אָפּגעגעבן א יונג פּאָרפאָלק, בא וועלכע עס איז געבוירן געוואָרן א ייִנגל. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז בא אלעמען געוועזן א יאָמ־טעוו, און דער גליקלעכער טאטע האָט מיר געזאָגט:

— כאָטש מיר זײַנען נאָרוואָס געקומען צו פאָרן אהער, מעגט איר אָבער איצט האלטן אונדז פאר געבוירענע צעליניקעס.

— ניין, — האָב איך דערווידערט. — א געבוירענער צעליניק איז בא אײַך דערווײַל אף דער גאנצער ווירטשאפט פאראן סאכאקל איינער — אָט דאָס יינגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן. אײַך אָבער שטייט נאָך ערשט פאָר צו ווערן אלטע טוישווים פון די היגע ער־טער. איך מיין, אז דאָס וועט פאָרקומען ניט מיטאמאָל. עס וועט זײַן ניט לײַכט.

איך דערמאָן זיך די אמאָליקע שמועסן אין צעלינאָגראַדער געגנט, אין דעם זעלבן אטבאסארער ראיאָן, — פרילינג און הארבסט. גאָר אנדערש האָבן זיי געקלונגען. אין דעם ערשטן פרילינג אף דער צע־לינא איז אויסגעקומען צו הערן אָנקלאָגעס פון די אָנפירער, אז ווײַט ניט אלע געקומענע ווילן דאָ בלײַבן. דער דירעקטאָר פונעם סאָ־ווירט „מארינאָווסקי" א. וו. זאודאלאָוו האָט געזאָגט:

— דער אוילעם איז, פון איין זײַט, א פארשיידנארטיקער, און פון דער צווייטער איז ער ווי אינעם מיליטער — דורכויס יונגע יאטן. הײַנט זײַנען זיי דאָ, מאָרגן וועט זיי א צי טאָן אין אן אנדער אָרט.

— יאָ, א פראָבלעם... — בין איך מאסקים געוועזן. — פאר יונגע איז אייגנטימלעך ראָמאנטיק. עס וועט אריבער א יאָר־צוויי, און א טייל פון דער יוגנט וועט אָנהייבן אוועקפאָרן. איר זעט דאָך: די מערהײַט וויל ווינען נאָר אין פאלאטקעס. זיי, אויב איר ווילט, פאר־לאנגען וואָס מער שוועריקײַטן, קעדיי עס זאָל זײַן וואָס בײַצוקומען. אויסגעבויט אלץ, וואָס עס איז נייטיק אפן ערשטן פאל, וועלן די יאטן אָפטאָן זייער זאך — זיי וועלן זיך פארבענקען און אוועק־פליִען אין אנדערע ערטער.

— און וואָס זאָלן מיר טאָן?

— טראכטן וועגן דעם, וויאזוי צו פארפעסטיקן די קאדרען. איך זע צוויי וועגן. מע דארף א רוף טאָן אהער מיידלעך. מעלקערנס, זייערנס, טעלעפאָניסטקעס, קעכערנס, דאָקטוירים, לערער — צי וויי־ניק ארבעט איז פאראן פאר זיי איצט און וועט זײַן מאָרגן אין די נײַע ערטער? לאדט אײַן מיידלעך, און א סאך יאטן וועלן דאָ פאר־בלײַבן אף שטענדיק. נו, און דער צווייטער וועג — לאדט אײַן מיש־פאָכע־מענטשן, נאָר שאפט פאר זיי באצײַטנס נאָרמאלע לעבנס־באַ־דינגונגען. אָט אזוי וועלן מיר באזעצן די דאָזיקע ערד.

אויב שוין ריידן וועגן דעם, איז בא אונדז געגאנגען וועגן פלאַ־נירן מענטשלעך גליק. יעדער איינער דארף האָבן א הויז, א היים, נייטיקט זיך אין ליבע, אין קינדער. די מעלוכע, די געזעלשאפט קאָ־נען ניט געפינען פאר א באָכער, ווי מע פלעגט זאָגן אין די אלטע צײַטן, זײַן באשערטע, זיי דארפן אָבער שטרעבן צו מאכן אזוי, אז אין לאנד זאָלן ניט זײַן קיין ריין „מאנצבלשע" ראיאָנען אָדער

„פרויען״־שטעט. און איבער די דעמאָגראַפישע פּראָבלעמען ווערן געלייזט גראַמאַטנע, ווען די יונגע מענטשן געפינען איינער דעם אַנדערן און זײַנען גליקלעך. זיי דאַרפן טאַקע זײַן גליקלעך, ווײַל אָן דעם איז אומעגלעך דער ווילטיק פונעם לאַנד.

אינגיכן איז גראָד דער אַטבאַסאַרער ראַיאָן געוואָרן דער איניציאַטאָר פון אײַנלאַדן אויף דער צעלינאַ מיידלעך. זיך אומגעקערט קיין אַלמאַ־אַטאַ, האָב איך דעם 17 יול 1954 מיט פאַרגעניגן איבערגעלייענט אין דער „פּראַוודאַ״ אַ ווענדונג פון די יונגע צעלינע־ציִעס פונעם סאָוכאָז „מאַרינאָווסקי״ ראַיסאַ יעמעליאַנאָוואַ, אַלעקסאַנדראַ זאַמטשי, יעלענאַ קלעשניאַ, וואַלענטינאַ נעפּאָטשאַטאָוואַ, פּאָלינאַ פּאַשקאָוואַ און ליודמילאַ סעמיאָנאָוואַ צו די מיידלעך און פרויען פון לאַנד מיט אַ רוף, זיי זאָלן פאָרן אויף דער צעלינאַ. דער רוף האָט געפונען זייער אַ ברייטן אָפּקלאַנג. געקומען צו פאָרן אין האַרבסט צום שניט אין אַטבאַסאַר, האָב איך ווידעראַמאָל זיך באַגעגנט מיט זאַודאַלאָוון. ער איז געווען גלײַכצײַטיק אי צופרידן, אי העכסט פאַרזאָרגט. איך פרעג:

— עס האָט עפּעס געטראָפן?

— וואָס רעדט איר, לעאָניד איליטש! איך בין איצט, קאָן מען זאָגן, גאָר ניט קיין דירעקטאָר, נאָר דער גלאַוונער פּאַטשטאַליאָן... דער סאָוכאָז האָט באַקומען טויזנטער בריוו פון מיידלעך. און אַלע זײַנען גרייט זיך לאָזן אין וועג, אַלע ווילן פאָרן נאָר צו אונדז! עפּעס וואָלט מען געדאַרפט אָפּרעגולירן דעם איניען. עס זײַנען דאָך פאַראַן אַ סאַך אַנדערע סאָוכאָזן. אַניט באַקומט זיך וואָס: אַ יאַריד פון קאַלעס, און ניט קיין ווירטשאַפט!

קלאָפּאָטעס מיטן „מיידלשן דעסאַנט״ זײַנען טאַקע געווען ניט קיין קליינע. דערפאַר האָט דאָס לעבן אויף דער צעלינאַ זיך געענדערט בוכשטעבלעך פאַר אונדזערע אויגן. אַלץ שנעלער איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ פּאָכאָדנעם „אַרמייִשן״ אין אַ נאָרמאַלן, וויל־אײַנגעאָרדנטן. און הײַנט, ווּהין איך זאָל ניט קומען אויף דער צעלינאַ, טרעף איך אומעטום האַרעפּאַשניקעס, וועלכע זײַנען דאָ געבוירן געוואָרן. דאָס לעבן אין די דאָזיקע קאַנטן האָט געלאָזט טיפע, פעסטע וואָרצלען.

צוזאַמען מיטן טאַטן דעם העלד פון סאָציאַליסטישער מי זשאַנסולטאַן דעמעיעוו גייט אַרויס אין פעלד זײַן זון — מיראַש דעמעיעוו. די דאָזיקע ערד ווייסט ניט בלויז די באַרימטע ערשטע צעלינעקעס מיכאַיל דאָוזשיקן און וולאַדימיר דיטיוקן, נאָר אויך די גוטע ערדאַרבעטער וולאַדימיר מיכײַלאָוויטש דאָוזשיקן און גריגאָרי וולאַדימיראָוויטש דיטיוקן, וועלכע זײַנען דאָ געבוירן געוואָרן. מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו באַזוכן דעם סאָוכאָז „זשדאַנאָווסקי״ פון צאָפן־קאַזאַכסטאַנער געגנט, טרעפן זיך מיט זײַן דירעקטאָר

מארק פאוולאָוויטש ניקאָלענקאָ. ווען דער וועטעראַן איז אוועק אַף פּענסיע, האָט איבערגענומען די אָנפירונג מיט דער ווירטשאַפט זײַן זון — וולאַדימיר מאַרקאָוויטש ניקאָלענקאָ. א העלד פון סאָציאַליס־טישער מי איז געוואָרן אַף דער צעלינא דער קאָמבײַנער פונעם סאָווירט „לענינסקי", קאַראַסוסקער ראַיאָן פון קוסטאַנײַער געגנט אמאַנגעלדי איסאַקאָוו. און זײַן זון וולאַדימיר אמאַנגעלדינאָוויטש איז איצט דער הויפּט־אַגראָנאָם פונעם סאָווירט „קאָיבאַגאַרסקי" פאַר־נעם זעלבן ראַיאָן. אַן עמעסע דינאַסטיע פון ערד־אַרבעטער האָט געשאַפן דער קאָמבײַנער פונעם סאָווירט „סאַמאַרסקי" פון צעלי־נאָגראַדער געגנט איוואַן גריגאָריעוויטש קאָסמיטש: צוזאַמען מיט אים כאָוועט און נעמען אָראָפּ ברויט נײַן זין זײַנע! אַזעלכע בײַשפּילן זײַנען פאַראַן זייער א סאַך. אַלץ איז פאָרגעקומען טאַקע אַזוי, ווי עס איז געווען פאָרפּלאַנירט: עס זײַנען באַהערשט געוואָרן נײַע ערדן, אַף זיי זײַנען געבליבן לעבן די מענטשן.

די צעלינא־פּאַלאַטקע פון מ. יע. דאָווזשיקס בריגאַדע שטייט שוין פון לאַנג אינעם רעוואָליוציע־מוזיי אין מאָסקווע. און דאָרט, ווו עס האָבן זיך אַמאָל געפונען אַזעלכע פּאַלאַטקעס און זעמליאַנקעס, זײַ־נען אויסגעוואַקסן הונדערטער סטעפּ־שטעטלעך. אין די צעלינא־ראַיאָנען פון קאַזאַכסטאַן לעבן איצט און אַרבעטן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט א מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט מענטשן. די דאָזיקע ערטער זײַנען געוואָרן פּונקט אַזעלכע באַוווינטע און באַפּעלקערטע, ווי יעדער אַנדערער עקאָנאָמישער ראַיאָן פון לאַנד.

די פּאַטאַגראַפיעס פון די ערשטע צעלינא־יאָרן פרישן אָפּ אין זיקאָרן פיל זאַכן. אַף די פּאַטאָס — הוילער סטעפּ, טראַקטאָר־צוגן, סלופּטשיקלעך מיט די נעמען פון די סאָווירטן, פּאַלאַטקעס, זעמליאַנ־קעס, ענגע וואַגאָנדלעך, ליים־שטיבלעך אָן דעכער, וועלכע מע האָט דעמלט גערופן „בעסקאָזירקעס" (מאַטראָסן־היטעלעך). די מענטשן אין אַזא דירע האָבן זיך געטוליעט בא דער טונקעלער שײַן פון לאַמטערנס און קעראָסין־לעמפּ. אַלץ איז בא זיי געווען צײַטווײַליק, ניט געמיטלעך, ווי אין וועג. גיט אָבער א קוק אַף די פּענעמער פון אָט די מענטשן — סאַרא פריילעכע, פריידיקע. אָפּטימיזם און זיכער־קײַט זעט זיך אין יעדן שמייכל, אין יעדן זשעסט. מיר אַלע, וועלכע האָבן דעמלט געאַרבעט אַף דער צעלינא, האָבן געפילט דעם דאָזיקן אָפּטימיזם, די דאָזיקע האַרציקע שטימונג פון מענטשן, וועלכע האָבן באַזיניקט זייער קויעך. און וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָט געמאַכט דער סטעפּ, וועלכן מיר האָבן אַרויסגערופן צום לעבן! אַלץ האָט זיך באַוועגט און איז געפלאָסן אהער, אַף דער פאָדערשטער פּאָזיציע, ווי דאָס טרעפט ערעוו א גרויסן אָנגריף. יעדער מענטש, וואָס איז אין יענער צײַט געקומען אַף דער צעלינא, האָט אומגערן אָנגעהויבן לעבן מיט אירע אינטערעסן.

עס זײַנען אוואַדע געווען אויך אַזעלכע, וועלכע זײַנען פון דער צעלינאַ אוועקגעפאָרן. עס האָבן זיך געטראָפן מענטשן צופעליקע, אײַגננוציקע, מיט איבערגעטריבענע פּרעטענזיעס, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט קיין זאַך. מע האָט זיי טרעפלעך גערופן «Землепроходимцами»[1], און מיט זיי איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך שוין אין דער ערשטער רײַזע איבער צאָפן־קאַזאַכסטאַן. דאָס איז געווען אין פרײַען פרילינג פון 1954 אויף דער סטאַנציע טאָבאָל. איך האָב קוים באַוויזן אַראָפּגיין פון צוג, ווי פונעם אוילעם האָט זיך אַרויסגעריסן עפּעס אַ טומלדיקער כעווערעמאַן און בוכשטעבלעך מיך אַטאַקירט מיט פראַגן. וווהין האָט מען זיי געבראַכט? פאַרוואָס האָט מען זיי אָפּגעריסן פון די ערטער? ווּ זײַנען די דירעס, ווּ דער פאַרדינסט, ווּ די וואַרעמע בגאָדים? אין דעם דאָזיקן סטעפּ, זעט איר, קאָנען לעבן בלויז איינע סוסליקעס אין זייערע נאָרעס!

איך האָב געדולדיק געהערט, דערנאָך געזאָגט, אַז מע האָט דערפאַר טאַקע אײַנגעלאַדן נײַע אײַנוווינער, קעדיי באַוווינען די דאָזיקע ערד, נאָר דער יאַט האָט זיך ניט באַרויִקט, ער האָט געטרייסלט מיט זײַן זומערדיקן פּידזשאַקל און געפאָדערט, מע זאָל אים טייקעף אַרויסגעבן אַ פּעלצל. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז ניט דער מענטש, וועמען מע קאָן עפּעס דערקלערן, — אַזעלכע דערפּילט מען שטענדיק טייקעף — און עס איז אויסגעקומען אים איבערצורײַסן.

— און איר זײַנט געפאָרן אַהער אויף פּאַרטיקע פּלעצלעך? אויף וואָס האָט איר אויסגערעכנט אין אַזאַ פּידזשאַקל און אין אַ קעפּעטשקע? די צעלינאַ נייטיקט זיך ניט אין אַזעלכע, ווי איר!

— אָט אַזוי איז שטענדיק, — האָט ער פאַרמינערט דעם טאָן, — אַז דו הייבסט אָן פאָדערן דאָס, וואָס דיר קומט לויטן געזעץ...

— ניין, טײַערער, — האָב איך געזאָגט. — אײַערע פאָדערונגען וועלן זײַן געזעצלעך אין אַ כוידעש אַרום, איבער צוויי אָדער דרײַ, און אויך דעמלט בלויז טיילווײַז. און בעעמעס געזעצלעכע וועלן זיי ווערן ערשט אין אַ יאָר אַרום. דערווײַל קאָן מען אַרויסשטעלן אויך צו אײַך ניט קיין קלענערע פּרעטענזיעס. פאַרוואָס זײַנט איר געפאָרן? מיר האָבן דאָך אויסגערעכנט אויף אײַך, און איצט מוזן מיר דרינגענדיק זוכן אַ פאַרבײַט. און זײַט רויִק, מיר וועלן געפינען.

אויף וויפל איך געדענק, איז אָט דער יאַט געווען פון דער גרופּע, וואָס איז געקומען פון דער שטאָט שויאַ און, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַן אויסנאַם פונעם קלאַל. די זעלבע שויאַ האָט אונדז צוגעשיקט עמעסע האָרעפּאַשניקעס, זיי האָבן דעם סאָווירט אין

---

[1] אַ וואָרט־שפּיל. Проходимец איז דער טײַטש אַ פאַלשער מענטש, אַ שווינדלער. Земля — ערד. געמיינט: מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען אויף דער צעלינאַ־ערד מיט באַרײַסערישע, שווינדלערישע צילן (איבערז.).

טורגײַער סטעפּ א נאָמען געגעבן „שויסקי", און ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע אָף דער צעלינאַ.

אָבער שווערי־קײַטן, ניטאָ וואָס אויסצובאהאלטן, זײַנען געווען. אונדזער פּאָלק האָט אין מעשעך פון הערא־ישע יאָרצענדליקער זייער פיל זאכן מאקריוו געווען לעשעם דער צוקונפט, איבערלעבנדיק שווערע ניסיוינעס. אָף פארשיידענע עטאפּן האָט אונדז אויסגעפעלט בוכשטעבלעך אלץ — טשוועקעס און קעראָסין, שיך און ציץ, א דאַך איבערן קאָפּ און ברויט. און די פארטיי האָט שטענדיק אָפן געזאָגט דעם פּאָלק: די שוועריקײַטן און מאנגלען וועלן מיר בײַקומען דורך געמיינזאמער אײַנגעשפּארטער ארבעט, און דאָס לעבן אונדזערס וועט צוביסלעכווײַז ווערן אלץ בעסער און בעסער. עס איז טאקע געוואָרן בעסער מיט יעדן יאָר, ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס לאנד האָט געהאט אויסצושטיין אלץ נײַע ניסיוינעס.

פארשטייט זיך, א מענטשן, וואָס איז אין דעם אָדער אנדערן מאָ־מענט פון אונדזער געשיכטע ניט געווען ווי געהעריק אײַנגעאָרדנט און באזאָרגט, איז אין דער דאָזיקער קאָנקרעטער סיטואציע אויס־געקומען ניט לײַכט, און צומאָל אומגעהייער שווער. און אין דעם זין זײַנען די שוועריקײַטן אויסגעפאלן אָף אלע דוירעס סאָוועטישע מענטשן. קיין איין פּאָלק איז ניט אויסגעקומען אויסצוהאלטן אזעלכע ניסיוינעס, ווי אונדזערן. גיט אָבער א קוק אָף אונדזער לעבן אינ־גאנצן גענומען. עס איז דאָך די גאנצע צײַט געגאנגען בארג־ארויף. וועלכע מעכיצעס עס זײַנען ניט געווען, האָבן מיר זיי שטענדיק בײַ־געקומען. און די הײַנטיקע ווירקלעכקײַט שיידט זיך אונטער פון דער פאָריקער, ווי א קאָסמישע שיף שיידט זיך אונטער פון א פויערשן וואָגן.

אויב מע זאָל זיך אומקערן צו די שטייגערישע אומאָרדענונגען, וועלכע האָבן געהאט אן אָרט אָף דער צעלינאַ אין דער צײַט פונעם באהערשן זי, זײַנען זיי דאָך ווירקלעך געווען צײַטווײַליקע. ניט פארשטאנען דאָס האָבן בלויז אייגננוציקע, וועלכע האָבן ניט גע־וואָלט קיין פינגער אין קאלטן וואסער אײַנטונקען פאר דער אלגע־מיינער זאך. וועגן אזעלכע זאָגט מען טרעפלעך אינעם פּאָלק: ניט דעם טאטן, ניט דער מאמען, ניט אונדז אלעמען צוזאמען.

אן אנדער זאך איז, ווען עס רעדט זיך וועגן כעוורע, וועלכע האָבן זיך פּאָשעט פארלאָרן די ערשטע צײַט. מיט זיי איז געווען געגנוג א שמועס טאָן, דערקלערן, איבערצײַגן, אפילע פּאָטערלעך ארומנעמען. יאָ, ארומנעמען, — מיר פלעגט דעמלט אָפט אויסקומען, שמועסנדיק מיט די אָנפירנדיקע טוער, באנוצן אָט דאָס וואָרט. א יונגער מענטש, וואָס האָט נאָך ניט אָנגעזאמלט קיין דערפארונג, נייטיקט זיך אין שטרענגקײַט, אָבער ער נייטיקט זיך אויך אין א גוטן מיטגעפיל. אין יענעם זעלבן פרילינג פון 1954 האָב איך אָף

דער סטאַנציע דזשאַלטיר הינטער צעלינאָגראַד דערזען א יאַט מיט א טשעמאָדאַן. ער האָט געוואָלט זיך זעצן אין צוג. איך פרעג:

— צי קלײַבסטו זיך ניט אהיים?

— אהיים.

— וואָס — עס איז שווער?

— שווער. זיך אַליין, מײַן אײגענע נאַטור האָב איך ניט געקענט. איך האָב ניט געוווסט, אז איך וועל אזוי בענקען נאָך דער היים, נאָך די אייגענע ערטער. בא אונדז איז דאָרט וואַרעם, פונעם פענצטער זעט זיך דער אזאָווער יאַם. די סעדער בליִען. און דאָ — שנייען, בור־ראַנען. אָט איצט שרעקלעכע ווינטן...

איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן אים.

— אָנהייבן איז שטענדיק שווער. און שטעל זיך פאָר, ווי יאַטן פון דײַן עלטער האָבן מילכאָמע געהאַלטן אפן פראָנט? זיי האָבן אויך געבענקט נאָך דער היים, נאָך דער מאַמען, געלעבט אין זעמליאַנ־קעס. דערצו נאָך געגאַנגען אין א טויט־געפערלעכער אַטאַקע... גאָר־נישט גיט זיך ניט אזוי פאַשעט. אין אוקראַיִנע פאַרפלאַנצן א סאָד איז ניט קיין גרויסע קונץ, אָבער אין אָט דעם סטעפּ א סאָד — איז א גרויסער זיג. נאָר אין א יאָר־צוויי ארום וועלן דאָ זײַן דערפער, און סעדער וועלן אויך זײַן. דעריקער, מע דאַרף גלייבן אין זיך. דו טאָרסט ניט אָנהייבן דײַן לעבן מיט א צוריקטריט!

דער יאַט, געדענק איך, האָט זיך אין צוג ניט געזעצט. איך האָב אים דערזען שוין אין א קוזאָוו פון א לאַסטמאַשין. איך ווייס ניט די פאַמיליע פון אָט דעם מענטשן, וואָס איז שוין געווויס ניט קיין יונ־גערמאַן, איך מיין אָבער, אז ער איז צווישן יענע, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער גוירל מיטן קאָוויל־סטעפּ.

„אין די ווילדע באַדינגונגען פון דער צעלינאַ, — האָט געשריבן אין יענער צײַט איינע א בורזשואזע צײַטונג, — קאָן א מענטש ניט עקזיסטירן. אָט פאַרוואָס מע מעג זיך באַרויִקן: די צעלינאַ וועט פאַר־בלײַבן א ניט פאַרדײַעט שטיקל אינעם מאָגן פון רוסלאַנד״.

וויפל זשע אַזעלכע בײַסיקע נעוויִעס האָבן זיך געלאָזט הערן! אָבער שוין אין דרײַ כאַדאָשים ארום נאָכן אָנקומען פון די ערשטע עשעלאָנען מיט פרײַוויליקע האָבן אין סטעפּ זיך צעגרינט ענדלאָזע ווייץ־פעלדער. די פאַרזיי־שעטעכן אין דער רעפּובליק זײַנען אויס־געוואַקסן אין צוויי מאָל און האָבן אינעם זעלבן יאָר דערגרייכט 20 מיליאָן העקטאַר. און אויב מיר זײַנען, ווי אונדזערע אומפרײַנט האָבן געשריבן, געווען „ניט גרייט״ צו דער צעלינאַ, איז ווער זשע האָט אופגעאַקערט און פאַרזייט די דאָזיקע ערד? ווער האָט אונדז געגעבן אין יענעם יאָר מער פון 22 טויזנט נײַע טראַקטאָרן און מער פון 10 טויזנט נײַע קאָמבײַנען? ווער האָט אונדז צוגעשיקט טויזנטער צוגן מיט הײַזער, געהילץ, צעמענט, סכוירעס, שפּײַז־פּראָדוקטן? נײַן,

דאָס איז געווען א גוט דורכגעטראכטער, פארפּלאנירטער אָנגריף. און די דוירעסדיקע פעסטונג מיטן נאָמען „צעלינא" האָבן מיר איינ־גענומען ניט דורך א דויערנדיקער באלאגערונג, נאָר מיט א האַ־סטיקן שפּרונג, מיט א העראָישן שטורעם.

מע קאָן פרעגן: אויב אָבער די מענטשן זיינען געגאנגען אין סטעפּ, באוואָפנטע מיט א מעכטיקער טעכניק, פּילנדיק הינטער זיך די שטיצע פונעם גאנצן לאנד, פונעם גאנצן פאָלק, אויב מע האָט זיי שוין דעמלט באזונגען אין לידער און זיי, ווי עס רעדט זיך, האָבן שוין פונעם ערשטן טראָט אָנגעהויבן געניסן די פּרוכט פון זייער פאַרדינטן רום, צי איז ניט איבערגעטריבן די אָפּשאצונג פון אלץ, וואָס ווערט אויסגעדריקט מיטן וואָרט „צעלינניק"? ניין, ניט איבער־געטריבן. די דאָזיקע מענטשן זיינעןווירקלעך באגאנגען א העלדנ־טאט.

א העראָישער אָנהייב ווערט אויסגעדריקט אַף פארשיידענע אופ־פאַנים. איין און דער זעלבער מענטש קאָן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, זיך ווארפן אין א ברענענדיקער שטוב, נאָר וועט ניט זיין אימשטאנד אויסצופילן טאָג נאָך טאָג עפּעס א מאָנאָטאָנע ארבעט. פאראן א מאָ־מענט־העראָיזם. פאראן א העראָיזם אין שווערע פּעריאָדן פונעם לעבן פון גאנצן פאָלק — אלס ביישפּיל קאָן דינען די מילכאָמע. און עס איז פאראן א העראָיזם אין די וואָכנטעג, ווען מענטשן נעמען אַף זיך שווועריקייטן באוווסטזיניק און פריי־ווויליק, וויסנדיק, אז אין אן אנדער אָרט וואָלטן אזעלכע שוועריקייטן ניט געווען. איך האלט, אז די מענטשן פון דער צעלינא האָבן זיך ארויסגעוויזן אלס העלדן. זיי האָבן אויסגעהאלטן אלע שוועריקייטן פונעם לעבנס־שטייגער אין דער ערשטער צייט און האָבן יאָרנלאנג געדולדיק און שטאנד־האפטיק באוויזנט אָט די ווייט ניט מילדע ערד.

אין די טעג, ווען מע האָט געפּייערט דעם 20־יאָריקן יובילײ פון דער צעלינא, האָב איך גערעדט אין אלמא־אטא וועגן איינעם א וווּנ־דערלעכן מענטשן — וועגן איוואן איוואנאָוויטש איוואנאָוון. ער איז געבוירן געוואָרן אין לענינגראד, בייס דער מילכאָמע האָט ער באַ־שיצט זיין היימשטאָט, איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן, האָט פאר־לוירן ביידע פיס. נאָך א לאנגער היילונג איז ער געקומען קיין קאַ־זאכסטאַן און דאָ טאקע פארבליבן. ער האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם דאָזיקן קאנט, איז געוואָרן אן אויסגעצייכנטער מעכאניזאטאָר, און צו זיינע שלאכט־באלוינונגען זיינען צוגעקומען באלוינונגען פאר דער ארבעט — צוויי לענין־אָרדענס און א גאָלדענער שטערן פון א העלד.

דער גאנצער זאל האָט אפּלאָדירט דעם העלד, אויך איך האָב אים אפּלאָדירט פון דער טריבונע. דערנאָך זיינען ארויסגעטראָטן אנדערע רעדנער, און איינער פון זיי, ווי מיר האָט זיך געדוכט, האָט איבער־

געכאַזערט די זעלבע געשיכטע. ער האָט אויך גערעדט וועגן אַ קאָ־מוניסט, אַ לעניִנגראַדער, אַן אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע, וועל־כער האָט פאַרלוירן ביידע פיס, איז געקומען אַף דער צעלינאַ, גע־וואָרן איינער פון די בעסטע טראַקטאָריסטן, אַ העלד פון סאָציאַלי־סטישער מי. און הייסן הייסט ער לעאָניד מיכײַלאָוויטש קאַרטאַו־זאָוו... ווידער האָבן אַלע אַפּלאָדירט, און עס האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: איז דאָס אַ צונויפאַל פון צוויי פאַקטן? אָדער בא מיר איז ניט ריכטיק אָנגערופן דער נאָמען פונעם העלד? ניין אָבער, עס קאָן ניט זײַן, איך געדענק דאָך אים גוט.

ביים דעם איבערײַס האָב איך זיך פאַרינטערעסירט מיט קאַר־טאַוזאָוון, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין שום טאָעס איז דאָ ניטאָ. עס אַרבעטן אַף דער צעלינאַ־ערד סײַ קאַרטאַוזאָוו, סײַ איוואַ־נאָוו, זייערע גויראָלעס זײַנען ענלעך, זיי ביידע זײַנען העלדן. אָט דער צונויפאַל, וואָלט איך געזאָגט, איז סימבאָליש. ניט אומזיסט איז בא אונדז דאָס וואָרט „צעלינניק" געוואָרן אַ סימבאָל פון מוט.

פאַר מײַן לעבן האָב איך זיך ניט איין מאָל איבערצײַגט, אַז עמעסע העלדן אין אַ געוויינלעכער סיטואַציע זײַנען, אַלס קלאַל, באַשיידענע מענטשן, טיילן זיך שטאַרק ניט אויס. זיי טוען פּאָשעט און אָן טײַנעס זייער זאַך. אַזאַ איז געווען אויך דאַניִיל נעסטערענ־קאָ, דער טראַקטאָריסט פונעם סאָווירט „דאַלני" אין צעלינאָגראַדער געגנט. דער עצעם נאָמען פונעם סאָווירט רעדט אַליין פאַר זיך: ער געפינט זיך אינעם ווײַטסטן ווינקל פון דער געגנט. גראָד אַהין האָט זיך אַרויסגערופן צו פאָרן נעסטערענקאָ. דער שנייִקער ווינטער האָט שוין געהאַלטן באַם סאָף, און די טראַקטאָריסטן־בריגאַדע, אין וועל־כער ער האָט געאַרבעט, האָט געקאָנט אָפּגעריסן ווערן פונעם צענ־טראַלן הויף פון דעם סאָווירט, פאַרבלײַבן אָן אַ רעזערוו ברענשטאָף. דאָס נישטיקע טײַכל זשאַניספּײַקאַ האָט געדראָעט, ווי די אַלטע טוישוּוים האָבן פאָרויסגעזאָגט, צו צעגיסן זיך שטורמיש און ברייט. קאָלזמאַן עס איז געווען געקאָוועט פונעם אײַז, האָט מען געדאַרפט דרינגענדיק אַריבערפירן די טראַקטאָרן. נעסטערענקאָ האָט געהאָלפן די כאַווײרים דורכפירן אָט די ריזיקאַלע אָפּעראַציע, און זײַן טראַק־טאָר האָט ער געפירט דער לעצטער. אָבער דאָס צעגייענדיקע אײַז, וואָס איז שוין געווען באַדעקט מיטן וואַסער, האָט ניט אויסגעהאַלטן...

ווען די פרײַנט האָבן אַרויסגעצויגן פון וואַסער דעם אומגעקומע־נעם, האָבן זיי געפונען אין זײַן קעשענע אַ צײַגעניש פון אַ העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ביז דעמלט האָט קיינער אין סאָווירט ניט געוווּסט, אַז באַנאַנד מיט זיי אַרבעט אַזאַ מענטש. ס'האָט זיך אויס־געקלאָרט, אַז דעם טיטל העלד האָט דאַניִיל פּאָטאַפּאָוויטש נעסטע־רענקאָ באַקומען פאַר פאַרסירן דעם דניעפּער, און דער פאַרדראָס פאַר זײַן טויט איז געווען אַ טאָפּעלער. איך געדענק דעם דניעפּער,

איך געדענק די העלדן פון דעם דאָזיקן אריבערגאַנג אונטער א טויט־פּײַער. דוכט זיך, וואָס פאר א מעכיצע האָט געקאָנט זײַן פאר אָט דעם העלדישן מענטשן א סטעפּיש טײַכל! עס טרעפן אָבער אין לעבן אַזעלכע אומגעלומפּערטע צופעליקײַטן.

איין פּראַט האָט מיך באַזונדערס גערירט: אין נעסטערענקאָס פּאַלאַטקע האָבן די פרײַנט געפונען פלאַנצן פון אוקראַיִנישע ווײַנשל־ביימער. הייסט עס, אַף לאַנג איז ער געפאָרן קיין קאַזאַכסטאַן, אויב ער האָט זיי געפירט מיט זיך, קעדיי צו פאַרזעצן אין סטעפּ. אָבער די דאָזיקע ווײַנשל־ביימער זײַנען שוין אויסגעוואַקסן אָן אים.

דער ווינטער פון 1954 איז געווען א האַרבער, א זעלטן שנייִ־קער, פראָסטיקער. די צעלינאַ האָט אויסגעפּרוּווט די נײַע אײַנוואוינער באַלד, „פון דער שוועל", זי האָט זיי באַוויזן איר האַרטן, ניט צערטלעכן כאַראַקטער. אָן אופהער האָבן געפײַפט שטעכיקע ווינטן, און יעדער רעיס איבערן סטעפּ איז אָנגעקומען אויסערסט שווער, האָט געקאָנט ווערן אויך געפערלעך. אָבער דורך דער וועגלאָזיקײַט, דורכן ווינט און שניי האָבן געמוזט זיך דורכרײַסן צו די נאָך ניט עקזיסטירנדיקע סאָווירטן טויזנטער טראַקטאָרן, הונדערטער אויטאָ־צוגן.

וואָס איז אַזוינס א בוראַן אין סטעפּ, ווייסן א סאַך נאָך פון די קינדער־יאָרן לויט א. ס. פּושקינס „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטערקע". מיר איז אויך אויסגעקומען צו זען, ווי אָפּנאַרעריש עס איז דער סטעפּ. פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט קאָן בלויען איבער אים א פראָסטיקער הימל, שײַנען א העלע זון, אָבער אין איין האַלבער שאָ ארום — און מע זעט שוין ניט די ליכטיקע וועלט, עס דרייט, עס פײַפט, עס וואָיעט די פּורגאַ. גענוג איין קליינער טאָעס, א צופעליקײַט, א מאָ־טאָר זאָל אומגעריכט אָפּשטעלן זיך, און דער מענטש בלײַבט איינס אַף איינס מיטן סטעפּ — אָן א וועג, אפן פראָסט, אין א געדיכטער פינצטערניש.

איך געדענק, ווי אַלע אַף דער צעלינאַ זײַנען געווען דערשיטערט פון דעם, ווי עס איז אומגעקומען דער סטודענט היגטער־אויגלער פון לוואָווער בוי־אינסטיטוט וואַסילי ראַגוזאָוו. איינער פון די ערשטע איז ער געקומען צו פאָרן אין סאָווירט „קיִעווסקי" און האָט אָנגע־הויבן צו אַרבעטן אַלס א פּראָראַב. א פייִקער אָרגאַניזאַטאָר, א גו־טער כאַווער, א מענטש מיט א פריילעכן, צוגעלאָזטן כאַראַקטער, האָט ער גיך דערוואָרבן אויטאָריטעט, כשיוועס און ליבשאַפט בא די פּיִאָנערן פון דער צעלינאַ. אין איינעם א קלאָרן טאָג האָט ראַ־גוזאָוו אין באַשטאַנד פון א קאָלאָנע געפירט פון דער סטאַנציע זאַמל־הײַזער פאַר דער ערשטער גאַס אין סאָווירט. אומגעריכט האָט זיך אָנגעהויבן א בוראַן פון א שרעקלעכער קראַפט, וואָס האָט גע־ווילדעוועט דערנאָך עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד. די קאָלאָנע האָט

זיך אָפּגעשטעלט. וואַסילי האָט באַשלאָסן גיין נאָך הילף. ער איז אוועק איינער אַליין, האָט פֿאַרבלאָנדזשעט און איז אומגעקומען. דאָס איז געווען אַ מוטיקער מענטש מיט אַ ריזיקן ווילן. אָט איז דער בריוו, וועלכן מע האָט געפֿונען בײַ אים אין קעשענע:

„דעם, וואָס האָט געפֿונען דאָס דאָזיקע ביכל! טײַערער כאַווער, זײַ אַזוי גוט, גיב איבער דאָס, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן, אין דער שטאָט לוואָוו, גאָנטשאַראָוו־גאַס, 15, דירע 1, ראַגוזאָווא סעראַפֿימאַ וואַסיליעוונאַ.

מײַן טײַערע סימאָטשקע! מע דאַרף ניט קיין טרערן. איך ווייס, אַז דיר וועט זײַן שווער, נאָר וואָס קאָן מען טאָן, אַז מיט מיר האָט אַזוינס געטראָפֿן. אַרום און אַרום סטעפּ — אָן אַ סאָף און אָן אַ ברעג. איך גיי פּאַשעט, וווּהין די אויגן פֿירן. דער שטורעם פֿאַרענדיקט זיך, אָבער קיין האָריזאָנט אױף צו אָריִענטירן זיך זעט מען ניט. אויב איך וועל ניט בלײַבן לעבן, דערציִ די זין אַזוי, אַז זיי זאָלן זײַן מענטשן. עך, לעבן, ווי עס ווילט זיך לעבן! איך קוש דיך שטאַרק. אויף אייביק דײַן וואַסילי".

פֿאַרשטייענדיק, אַז ער קומט אום, האָט ער צוגעשריבן — שוין מיט גליווערנדיקע, פֿרירנדיקע פֿינגער:

„די זין וולאַדימיר און אַלעקסאַנדער ראַגוזאָווס. טײַערע מײַנע קינדערלעך, וואָווושקע און סאַשונקע! איך בין געפֿאַלן אויף דער צעלינע, קעדיי אונדזער פֿאָלק זאָל לעבן רײַכער און שענער. איך האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט פֿאַרזעצן מײַן אַרבעט. דאָס וויכטיקסטע — מע דאַרף זײַן אינעם לעבן אַ מענטש. איך קוש אײַך, טײַערע מײַנע, פֿעסט. אײַער פּאַפּאַ".

דער דאָזיקער בריוו, ווי עס איז צו זען, האָט געהאַט אַ טיף פּערזענלעכן, היימישן אַדרעס. ער איז אָבער געוואָרן אַ ווענדונג צו אַלע לעבעדיקע. ווען מע האָט מיר באַוויזן די בלעטלעך מיט די צעשוווּמענע אויסיִעס, ווען איך האָב זיי איבערגעלייענט — האָט אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. איך האָב אָנגעקלונגען צו די זשורנאַליסטן, געייצעט, זיי זאָלן, באַקומענדיק דעם העסקעם פֿון דער פֿרוי, אָפּדרוקן אָט דעם בריוו. אַ פֿאַרעפֿנטלעכטער אין דער צײַטונג, האָט ער אַרויסגערופֿן צענדליקער טויזנטער אָפּקלאַנגען אינעם גאַנצן לאַנד. נײַע אָטריאַדן פֿרײַוויליקע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער צעלינע, קעדיי דערפֿירן ביזן סאָף די זאַך, וועלכע עס האָבן אָנגעהויבן וואַסילי ראַגוזאָוו און ענלעכע צו אים מוטיקע מענטשן. די סאָפֿקע, לעבן וועלכער עס איז אומגעקומען וואַסילי, איז איצט אָנגערופֿן מיט זײַן נאָמען.

די הײַנטיקע מאַפּע פֿון קאַזאַכסטאַן זאָגט אײדעס: די צעלינאַ איז ווירקלעך באַהערשט געוואָרן דורכן גאַנצן לאַנד. איר געאָגראַפֿיע איז אָפּגעשפּיגלט אין די עצעם נעמען פֿון די סאָווירטן: „מאָסקאָווּ־

סקי״, „לענינגראַדסקי״, „מינסקי״, „קיִעווסקי״, „דניעפּראָפּעטראָווסקי״, „אַרמאַווירסקי״, „פּאָלטאַווסקי״, „טאַגילסקי״, „סאָטשינסקי״, „פּערמסקי״, „יאַראָסלאַווסקי״, „וואָראָנעזשסקי״... אויסער די קאַזאַכן, די אַלטע טוישווים פון סטעפּ, האָט מען אין פיל ווירטשאַפטן געקאָנט טרעפן פאָרשטייער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. די צעלינאַ איז געוואָרן אַן עמעסע שול פון אינטערנאַציאָנאַלער דערציִונג, אַ שאַצקאַמער פון קלוגער דערפאַרונג, פון אַרבעטס־געוווינהײַטן און פון דער אַנטשלאָסנקײַט פון די פאָרשטייער פון אַלע פעלקער פון אונדזער לאַנד צו זיגן!

נײַע ערדן ווערן שטענדיק באַלעבט פון נײַע מענטשן. דאָ אָבער איז געווען איין באַזונדערקײַט. מיר זײַנען ווײַט אַוועק פון די צײַטן פון די ערשטע פּינפּיאָרן, ווען אַף דער מאַגניטקע, קיין טורקסיב, דניעפּראָהעס אָדער קיין קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור זײַנען די פּרײַוויליקע געקומען מיט אַ זעג און מיט אַ רידל. די צעלינאַ האָט זיך גענייטיקט אין דער ערשטער ריי אין טראַקטאָריסטן, עלעקטריקער, שאָפערס, מעכאַניקער, בויער, אַזעלכע קוואַליפיצירטע ספּעציאַליסטן האָט מען טאַקע צוגעשיקט צו אונדז פון פיל רעפּובליקן, קאַנטן, געגנטן — זיי זײַנען געוואָרן דער רוקנביין פון די נײַע ווירטשאַפטן.

מענטשן האָבן געכאָוועט ברויט אַף דער ערד — די ערד האָט געכאָוועט מענטשן. בילדעריש גערעדט, האָט די צעלינאַ געגעבן אַן אויסערסט רײַכע גערעטעניש פון האָרעפּאַשניקעס, פּאַטריאָטן, מײַסטערס פון זייער זאַך. אָבער די געקומענע פון אַלע עקן לאַנד מיט זייערע אייגנשאַפטן, כאַראַקטערס, דערפאַרונג, לײַדנשאַפטן — זײַנען אַליין פון זיך קיין קאָלעקטיוון ניט געוואָרן. און דאָ איז נייטיק צו זאָגן כאָטש קורץ וועגן די מעטאָדן פון דער פּאַרטייִשער, אָרגאַניזאַטאָרישער און אידעאָלאָגישער אַרבעט, וועלכע אונדז איז אויסגעקומען צו זוכן. די גאַנצע טעטיקײַט פון דער פּאַרטיי אַף דער צעלינאַ איז געווען אַ מוסטער פון ריזיקער, נאָוואַטאָרישער און גלענצנדיקער לויט אירע רעזולטאַטן עפּאָפּיי.

איר אומגעבונג האָט מער פאַר אַלץ דערמאָנט די פּאָליטישע אַרבעט אין די טעג פון גרויסע אָנגריף־אָפּעראַציעס. פאַר מיר זײַנען די דאָזיקע ערשטע כאָדאָשים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאָכאַנאַנדיקע רײַזעס, הונדערטער באַגעגענישן, קורצע באַקאַנטשאַפטן, ווען מע האָט די מענטשן ניט געטאָרט אָפּרײַסן אַף לאַנג פון דער אַרבעט. און מיר האָט אויך ניט געקלעקט קיין צײַט, ווײַל מע האָט שטענדיק געדאַרפט גיין ווײַטער, ווײַל די גאַנצע צײַט האָט געצויגן צו דער „פאָדערשטער פּאָזיציע״. עס האָט זיך געוואָלט אומעטום באַווײַזן, זײַן אין צענדליקער ערטער מיטאַמאָל, וואָס עס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אומעגלעך, נאָר עס האָט זיך, ווער ווייסט פאַרוואָס, יאָ באַקומען, און דער טאָך פון דער פּאַרטייִש־פּאָליטישער אַרבעט איז

דעמלט באשטאנען דערין, אז מע זאָל באהעפטן די קאָלאָסאלע מאסע מענטשן, באוואָפּענען זיי מיט א קאָנקרעטער טעטיקייט־פּראָגראם און מיט א קלאָרן באוווּסטזיַין פונעם אלגעמיינעם ציל.

איך געדענק, אין דער מאשין און גייענדיק צופוס איבערן סטעפּ, באנאכט אין די פּאלאטקעס, אין אָוונט באם שײַטער האָב איך איבערגעכאזערט פאר די פּארטיי־סעקרעטארן איינס און דאָס זעלבע. איך האָב זיי געזאָגט אומגעפער אזוי: זאָלן זיי אָפטער צונויפזאמלען די קאָמוניסטן, מע דארף, זיי זאָלן קוידעמקאָל זיך באקאנען, באהאנדלען די סיטואציע, דערקענען איינער דעם אנדערנס ווערט. און דעמלט וועלן זיי שוין פירן נאָך זיך די מענטשן.

— ניטאָ ווו צו דורכפירן פּארטיי־פארזאמלונגען, — פלעגן דערווידערן מײַנע מיטשמועסער.

— עס איז נייטיק, — פלעג איך באשטיין.

— צופיל קריטיק הערט מען, — פלעגן זאָגן אייניקע. — יענץ איז ניטאָ, דאָס האָט מען ניט געבראכט... איר ווייסט, ווי עס קומט פאָר פון אָנהייב.

— נישקאָשע, — פלעגט אויסקומען צו ענטפערן. — אויב מיר וועלן שוויַיגן, וועט בעסער דערפון ניט ווערן. ווען מענטשן וועלן זיך אָבער פארזאמלען, שטרייַטן, ארויסזאָגן אלץ אָפן, וועסטו זען, ווי מע וועט אונטערזאָגן אן אויסוועג. דאָס צווייטע מאָל טיילט זיי מיט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן. אן אוילעם איז זיך צונויפגעפאָרן פון אומעטום, די מענטשן זײַנען פארשיידענע — דערין באשטייט די הויפּט־קאָמפּליצירטקייט. פאראן אָבער אויך א פאָרצוג — אן עכטע, שווערע ארבעט, אין וועלכער דער מענטש אנטפּלעקט זיך גיך.

אלע קויכעס זײַנען אינעם ערשטן פרילינג אוועק אף צו פאנאנדערדרייען, לאָזן אין גאנג די ריזיקע מאשין, און עס איז ניט געווען קיין צײַט אָפּצושטעלן זיך, אָפּצורוען.

און דערנאָך איז געקומען דאָס לאנג דערווארטע און דאָך אומגעריכטע גרויסע ברויט פון דער צעלינא.

6

איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן דעם ערשטן צעלינא־הארבסט פון 1954. אין איינעם פון די סאָווירטן פון רוזאיעווקער ראיאָן פון קאָקטשעטאווער געגנט האָט מען בייס דער באגעגעניש מיר אונטערגעטראָגן א גארב צעלינא־ווייץ „אקמאָלינקא“. עס איז אומעגלעך איבערצוגעבן די געפילן, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט, האלטנדיק אין די הענט דעם דאָזיקן גארב. א סאך איז מיר געקומען אפן זינען אין יענער מינוט — די ערשטע פלענער און פארטראכטן, די שלאָפלאָזע נעכט, די שטרײַטן, די עשעלאָנען מיט מענטשן,

טראַקטאָר־צוגן אין דער ווינטיקער וועגלאָזיקייט, די ערשטע שייַ־טערס אין סטעפּ און די ערשטע באַראַזדעס. און אָט איז ער פאַר די אויגן, דער פאַרווירקלעכטער טרוים — דער סטעפּ האָט פון ראַנד ביז ראַנד זיך געכוואַליעט מיט ווייץ... ס׳האָט זיך דערמאָנט דאָס הייַפל סאַמע ערשטע צעליניקעס, וועלכע האָבן איינגיכן נאָך דער רעוואָליוציע געגרינדעט אין די דאָזיקע קאַנטן ערד־אַרבעטערשע קאָמונעס. וו. אי. לענין האָט, באַגלייטנדיק די אַרבעטער פון אַבוכאָ־ווער און סעמיאַניקאָווער זאַוואָדן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאַזאַכסטאַן, געשריבן אין זייַן צעטעלע צום פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר ערד־אַרבעט: „אַן איניציאַטיוו א פּרעכטיקע, אונטערשטיצט זי מיט אַלע מעגלעכקייַטן״.

די ערשטע קאָמונעס אינעם ביי־אישימער סטעפּ האָבן געהאַט פריידיקע נעמען: „דער שטראַל פון רעוואָליוציע״, „די שייַן פון עמעס״, „דער וועג צו א נייַ לעבן״. אָבער ווי שוואַך זייַנען געווען באַשטאַט אָט די קליינינקע יישוּווים אויף דער צעלינאַ. די קאָמונע „דער שטראַל פון רעוואָליוציע״, אַשטייגער, האָט פאַרמאָגט פיר אָקסן, עלף קי, איין לאָבאָגרייקע, איין היי־קאָסילקע, פיר באַראָנעס, אכט וועגענער, פיר וווין־הייַזער און א שטאַל. וויפל זשע ווילן און גלויבן אין זיג האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן, קעדיי שוין דעמלט זאָגן: „דו וועסט זיך אונדז אונטערגעבן, סטעפּ! דו וועסט ווערן אונדזער שפּייַזער!״ און אָט איצט האָבן שוין דאָ ניט קיין פּיצינקעלע אינדזעלעך זיך צעגאָסן איבערן סטעפּ, נאָר אַן אָקעאַן פון ווייץ. דער אוראַלטער קאָוויל־סטעפּ איז געוואָרן א גרויסער טווע־שפּייַכלער פון דער מעלוכע. דאָס איז געווען דער ערשטער רעזולטאַט פונעם ערשטן יאָר פון דער צעלינאַ־האַרעוואַניע.

א יאַם ווייץ האָט זיך צעגאָסן איבערן סטעפּ, דער ווינט האָט גע־טריבן די שווערע כוואַליעס, די זון האָט זיי באַגילדעט, די שטימונג איז בא אַלעמען געווען א געהויבענע. אָבער וויפל קויכעס האָט מען נאָך געדאַרפט אַרייַנלייגן, קעדיי צו באַקומען דאָס רייַפנדיקע ברויט!

איצט איז אויף דער קאַזאַכסטאַנער צעלינאַ אויסגעבויט א מעכטי־קע נעץ גרויסע עלעוואַטאָרן און טווע־סקלאַדן. דעמלט אָבער האָבן זיי געקאָנט אַרייַנעמען ניט מער ווי דרייַ מיליאָן טאָן טווע, אייַנגע־שלאָסן די פּרימיטיווע קליינע סקלאַדן און די קאָלערלייַ ליימיקע קאָ־נורעס, וועלכע די צעליניקעס האָבן אין יענעם האַרבסט א נאָמען געגעבן „הינטישע קאָנורעס״. די טווע האָט מען געדאַרפט אַראָפּ־נעמען, פאַרהיטן, אַרויספירן אומבאַדינגט. א באַזונדערס שווערע לאַגע האָט זיך געשאַפן אויף די וועגן, אויף די סטאַנציעס, אין די קנופּ־פּונקטן פון אַריבערשיטן די טווע.

איך וועל דערציילן כאָטש וועגן איין עפּיזאָד פון יענער צייַט. דאָס מאָל בין איך געקומען צו פליִען קיין אַטבאַסאַר צוזאַמען מיט

ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש זשורינען, דעם ערשטן סעקרעטאַר פון צע־לינאָגראַדער געגנטקאָם. שוין אפן פּלי־פעלד האָבן די כאַוויירים, וועלכע האָבן אונדז באַגעגנט, געגומען אונדז שלעפּן אין די סאָ־ווירטן, אַף די פעלדער, קעדיי, ווי זיי האָבן געזאָגט, דערפרייען מיט דער געררעטעניש. שוין צופיל שטאַרקע זײַנען געווען די דאָזיקע אײַנלאַדונגען, אָבער וועגן דעם אַרטיקן פּונקט פון „זאַגאָטזערנאָ״ האָט קיינער קיין וואָרט ניט געזאָגט. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, באַ־שלאָסן אָנהייבן גראַד פון אים. עמעצער האָט געוואָרנט:

— איר טאָרט זיך דאָרט ניט באַווײַזן. די שאָפערס וועלן אײַך צערײַסן, גאָט באַהיט! מאַשינעס האָט זיך דאָרט אָנגעקליבן א וועלט, מע וואָרט צו צוויי מעסלעס אַף דער אויסלאָדונג.

— נו, דאָס איז נאָך ניט שרעקלעך, — האָב איך געזאָגט. — אָט זײַנען מיר געווען אַף דער סטאַנציע קאָלוטאָן, איז דאָרט טאַקע ווירקלעך אַן אומגליק: פול מיט טוווע, און קיין מאַשינעס קלעקן ניט.

מיר זײַנען צוגעפאָרן צום פּונקט. ער האָט זיך געפונען א קילאָ־מעטער ווײַט פון דער אײַזנבאַן. עס איז געווען א קלאָרער האַרבסט־טאָג. אינמיטן געלן, אויסגעבערענטן סטעפּ הינטער דער שטאָט זײַנען געשטאַנען הונדערטער אווטאָמאָבילן, געלאָדענע מיט טוווע. זייער עק האָט זיך געצויגן מער ווי אַף א קילאָמעטער. און דער אופנעם־פּונקט גופא האָט אויסגעזען ווי א הודענדיקער מוראַווייניק. אין די קנוילן שטויב האָבן געברומט און געפּאָרשקעט פּראַכט־מאַשינעס, רײַסנדיק זיך צום צענטער פונעם הויף, צו די בורטעס טוווע. דאָ דערנעבן האָט געררוישט די בויונג — מע האָט געבויט א נײַעם עלע־וואַטאָר. דער אַלטער, ניט קיין גרויסער, איז געווען איבערגעפּולט מיט טוווע. הונדערטער מענטשן זײַנען געשטאַנען אָן אַרבעט. בלויז א צוויי צענדליק פּרויען האָבן מיט רידלען געשאָטן טוווע אין זעק, און די טרעגער זײַנען מיט די זעק פאַרשווונדן אין די נידעריקע ליים־שטיבלעך — דאָרט האָט מען אויסגעשאָטן די זריע־קערנער. די מאַשינעס האָט מען אויסגעלאָדן בלויז מיט די הענט, סאַכאַקל אין צוויי־דרײַ ערטער.

איך בין צוגעגאַנגען צו איינער פון זיי, גענומען פונעם קוזאָוו א הויפן קערנער. עס האָט געפרייט דאָס האַרץ: אָנגעגאָסענע שווערע קערנער האָבן געגלאַנצט ווי גאָלד אין די דלאָניעס, — א וווּנדער, ניט קיין ווייץ!

גלײַך האָבן אונדז אַרומגערינגלט די שאָפערן. אַלץ איז פאַרהלור־שעט געוואָרן אינעם גוואַלדיקן טומל. די שאָפערן האָבן געשרײַען, אַז זיי שטייען ליידיק גאַנצע מעסלעסן, זיי נעכטיקן אין די קאַבינעס, ניטאָ וווּ איבערצובײַסן, אַראָפּוואַשן פון זיך דעם שטויב. נאָר דאָס איז נאָך צו פאַרלײַדן, דעריקער — אין סטעפּ האָבן זיך אָנגעקליבן

גאנצע בערג מיט טוווע, זיי ליגן אונטערן אָפענעם הימל, עס וועט פארפאלן ווערן דאָס ברויט! איך האָב זיי געלאָזט אויסריידן זיך, דערנאָך געזאָגט:

— נו, פײַן באַגעגנט איר געסט...

איך ווייס ניט, צי די רויקייַט, צי דער שמייכל האָבן געווירקט, נאָר די שאָפערן זיַינען אנשטילט געוואָרן: אינדערעמעסן, אָנגעפאלן אף א מענטשן, מע דארף דאָך אים אויך אויסהערן.

— באַומרויקט זיך ניט, כאווירים, — האָב איך פאָרגעזעצט, אליין נאָך ניט וויסנדיק, וואָס איך וועל טאָן. — עפּעס וועלן מיר צוטראכטן. איך גיב דאָס וואָרט, אַז די פּראָבקע וועלן מיר ליקווידירן.

צוזאָגן האָב איך צוגעזאָגט, אָבער וואָס טאָקע צוטראכטן? מיר זיַינען געגאנגען רונדארום איבער דער טעריטאָריע פונעם פארגרייטונגס־פּונקט, באַקוקט דעם עלעוואטאָר, וואָס בויט זיך און וואָס האָט געקאָנט זיַין פארטיק ניט פריִער ווי אין קומענדיקן הארבסט, אריַינגעקוקט אין די „הינטישע קאָנורעס". און אפן וועג האָב איך די גאנצע צייַט געקוקט אפן ריזיקן פוסטן פלאַץ צווישן דעם אופנעם־פונקט און דער סטאנציע, אפן אזויגערופענעם אָפּפרעמדונגס־פּאַס. דער פוסטער פלאַץ איז געווען פארוואלגערט מיט פארשיידנערליי שמאָכטעס — פארזשאווערטן מעטאלברוך, שטיקער אײַזנבעטאָן, מיסט. דאָס אלץ האָט אומגעהייער כאַאָטיש געסטארטשעט פון די געלע אויסגעטריקנטע בוריאנען, באדעקטע מיט א שיכט פון פיליאַריקן שטויב.

— וועמעס טעריטאָריע איז דאָס?

— פון דער אײַזנבאַן.

איך האָב געבעטן אײַנלאַדן אהער דעם שעף פונעם וועג־אָפּטייל. ער איז געקומען שנעל, פאָרגעשטעלט זיך: פּערמענאָוו בײַזאַק פּערמענאָוויטש. ער האָט זיך ארויסגעוויזן אלס זאכלעכער, פארשטאנדיקער מענטש, א גוטער פאכמאַן, וועלכער האָט דערצו אויך ליב געהאט א שפּאַס, ווײַל ער האָט אָנגעגעבן:

— איך בעט ניט פלאָנטערן דעם נאָמען. א סאך, זעט איר, נעמען אים ניט אוף לויטן קלאַנג און רופן מיך באַלזאַק. איך בין אָבער ניט קיין שרײַבער, נאָר אן אײַזנבאַנער, און ניט קיין פראַנצויז, נאָר אן עכטער קאַזאַך.

עס איז אויסגעקומען צו לייזן א קאָמפּליצירטע פראגע, האָב איך געבעטן געפינען עמעצן פון די אלטע טוווע־פארגרייטער.

— מע דארף ניט זוכן, — האָט געזאָגט פּערמענאָוו. — אָט איז ער, שטייט דאָ דערנעבן — סימענקאָוו ניקאַנאָר געאָרגיִעוויטש. ער בויט איצט דעם נײַעם עלעוואטאָר, און געווען איז ער דער שעף פון דער געגנטלעכער פארוואלטונג פון טוווע־פארגרייטונג. א פּראָפּעסאָר אין דעם איניַען.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט, א קליינע גרופּע, אַפן ראַנד פונעם פּוסטן פּלאַץ. די אַנפירער פונעם ראַיאָן האָב איך גוט געקענט, א נײַער מענטש איז פאַר מיר געווען דער שעף פונעם פּאַרגרייטונגס־פּונקט מיט דער פאַמיליע פּאַוולײַיאַנענקאָ. זיך דורכגעוואָרפן מיט אים מיט עטלעכע ווערטער, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז א פראָנטאָוויק, א געוועזענער מאַטראָס. און די ערשטע פראַגע האָב איך געשטעלט דעם אײַזנבאַנער:

— וויפל דאַרף מען האָבן טעג אַף אַפּרייניקן דעם דאָזיקן פּוסטן פּלאַץ און דורכלייגן צו אים אַן אײַזנבאַן־צווײַג?

פּערמיענאָוו האָט עפּעס א כעזשבן געטאָן אין בלאָקנאָט און גע־זאָגט:

— א מעסלעס — אַף אַפּרייניקן, צוויי טעג — אַף דורכלייגן די קאָלייע.

— איר בעט ווייניק. לאָמיר האַלטן, פינף טעג... וויפל טווע וועט געבן דער ראַיאָן?

עס האָט געענטפערט זשורין:

— אהער פירט טווע ניט איין ראַיאָן. די געגנטעניש אײַלט שטאַרק אונטער, עס פירן זייער טווע אי דער יעסילער, אי דער באַלקאַשינער, אי דער קורגאַלדזשינער. מיט איין וואָרט, אַטבאַסאַר וועט מוזן אויפנעמען און אָפּשיקן דרײַ מיליאָן פּוד. דאָס איז אמווויי־ניקסטן.

— פאַרשטענדלעך... — איך האָב זיך א קער געטאָן צום פאַר־גרייטער. — מיר וועלן קאָנען דורכלאָזן די גאַנצע טווע דורך אָט דעם פּלאַץ?

— ביכלאַל קאָן מען, — האָט ער געענטפערט. — נאָר בלויז אָפּ־רייניקן די טעריטאָריע איז ווייניק. דאָס וועט זײַן קעגן דער אינ־סטרוקציע, און אויך פאַשעט אומווירטשאַפטלעך.

— וואָס זשע דאַרף מען?

— אופאַקערן, דורכוואַלצעווען, אײַנטרעמבעווען. אומבאַדינגט איז נייטיק אויך א דעזינפעקציע. אויב לויט די קלאָלים, רעכנט א טאָג צען.

— ניקאָנאָר געאָרגיעוויטש, איר האָט דאָך א קאָלאָסאַלע דער־פאַרונג. צי שוין זשע זײַנען ניטאָ קיין אַנדערע מיטלען?

— אין לעבן איז אויסגעקומען ארויסצודרייען זיך אַף פאַרשיי־דענע אופאַנים, — האָט געזאָגט סימענקאָוו. — מאַלע וואָס... מע קאָן אויסברענען דעם פּלאַץ. אָנשלעפּן שטרוי און אויסברענען ביזן גרונט. די ערד וועט ווערן דורכגעגליט און האַרט, ווי דער דעק אין אַן אויוון.

— און דעזינפעקציע?

— דאָס פײַער וועט אַלץ אויסרייניקן.

— אָט האָט איר אַן אויסוועג פון דער לאַגע!

מיר האָבן געשוויגן. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז שוין גע־זאָגט געוואָרן. נאָר דאָ האָט זיך אָנגערופן דער שעף פונעם פאַר־גרייטונגס־פונקט:

— ניין, לעאָניד איליטש, איך בין ניט מאסקים. וואָס פאַר א כי־לעק, ווו די טוווע וועט ליגן? אין סטעפ וועט זי ליגן אונטערן אָפע־נעם הימל און בא מיר אויך אונטערן אָפענעם הימל. א ברעזענ־טענעם צודעק אף אזעלכע בורטעס איז ניט מעגלעך אופצוונייען, כאָטש שפאַן אײַן דעם גאַנצן ראַיאָן. מיר וועלן פאַטערן די טוווע!

— מיט וואַגאָנען וועלן מיר אײַך אונטערהאַלטן פעסט, דאָס נעם איך אף זיך.

— און דאָס, — ער האָט א טײַט געטאָן מיט דער האַנט אין הימל, — נעמט איר אויך אף זיך?

די היץ איז אין יענעם האַרבסט געשטאַנען אַן אויסמאַטערנדיקע, די זון, האָט זיך געדוכט, איז געהאַנגען אומבאַוועגלעך, פון אויבן קיין איין וואָלקנדל, און די פראָגנאָזן זײַנען געווען גוטע. נאָר ווער האָט געקאָנט גאַראַנטירן, אַז עס וועלן ניט א פלייץ טאָן קיין רעגנס?

— איר ווייסט, — האָט געזאָגט פאָוליאַנענקאָ, — אַז אופנעמען טוווע אף אָפענע פלעצער איז קאַטעגאָריש פאַרבאָטן. איך קאָן אף זיך ניט נעמען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

לײַכטער פון אַלץ וואָלט געווען צו פאָרוואַרפן אים, אַז ער איז א פאָרמאַליסט, א פערעסטראַכאָווטשיק. מיר אָבער איז אָט דער כמורנער מענטש געפעלן געוואָרן. „ס'וועט זײַן געמאַכט!" — פלעגן אַנדערע ענטפערן מיט גרייטקײַט און דערנאָך גאָרנישט ניט טאָן. (וועגן איינעם אַזאַ כאַווער, וואָס פלעגט אף אַלץ ענטפערן „זראַ־בליון!" — וועל איך נאָך דערציילן.) פאָוליאַנענקאָ אָבער האָט בע־עמעס געדאַרפט אופנעמען גאַנצע בערג מיט טוווע, און די אַכרײַעס פאַר איר וועט טראָגן פערזענלעך טאַקע ער. אַן אומרו האָט זיך גע־פילט אויך בא די אַנדערע כאַוויירים: אײַך, הייסט עס, איז גוט, בא־פוילן און אַוועקגעפאָרן, און ווי וועט זײַן מיט אונדז? דעם וועטער וועסטו ניט באַפוילן, קיין עשעלאָנען זײַנען ניטאָ אין אונדזער רע־שוס, און צי וועלן זיי זײַן?

— גוט, לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלײַבן, — האָב איך געזאָגט. — איבערלאָזן די טוווע אין די סאָווירטן — באַטײַט אף זיכער זי פאַ־טערן. קיין סקלאַדן זײַנען דאָרט ניטאָ, און ווען עס וועט זיך אָנ־הייבן די ווּגלאָזיקײַט, עס וועלן א זעץ טאָן די פרעסט, וועלן מיר זי שוין ניט אַרויספירן. עס וועלן פאַרפאַלן ווערן אָט די מיליאָנען פוד, מיר וועלן אונטעררײַסן דעם גלויבן אין דער צעלינאַ, מענטשן וועלן אונדז זאָגן: פלוידערזעק זײַט איר, ניט קיין אָנפירער! און זיי

װעלן זײַן גערעכט. און דאָ איז אַ װעג, אַ סטאַנציע, אײַזנבאַן־װאַגאָנען, דאָ זײַנען פֿאַראַן טױזנטער מענטשן, װעלכע װעלן אין פֿאַל פֿון אַ נױט קומען ראַטעװען די טװוּע. מיר װעלן װאַרפֿן אַהער, אױב מע װעט דאַרפֿן, סאָלדאַטן, סטודענטן, אַרבעטער — זײ װעלן איבער־מישן די טװוּע מיט לאָפּעטעס, אָנלאָדן, העלפֿן. צי דען זעט איר ניט, איװאַן גריגאָריעװיטש, קײן כּילעק, װוּ עס איז זיכערער צו האַלטן די טװוּע — אין סטעפּ צי אין שטאָט?

— אַלע װעלן העלפֿן, — האָט געזאָגט פּאָװליאַנענקאָ. — און צום געריכט װעל איך אײנער גײן.

עס איז געװאָרן קלאָר, אַז דער כאַװער גלײבט ניט אין מײַנע װערטער, גלײבט ניט, אַז מע װעט אים אַרױסװײַזן אַ רעאַלע הילף. און דאָך האָט זיך ניט געװאָלט אים באַלײדיקן, אָבער פֿאַרטשעפּען די אײגנליבע האָט מען געדאַרפֿט.

— אַמאָל פֿלעגט מען זאָגן: װי דער מענטש פֿירט זיך אין פֿײַער, אַזױ האַלט ער זיך אין שײַער. איז װאָס זשע באַקומט זיך: אױפֿן פֿראָנט האָט איר זיך ניט פֿאַרלױרן, און דאָ? אױך אין פֿרידנס־צײַט קומט דאָך אַמאָל אױס צו שרײַען „פּאָלונדראַ!” סאָפּקאָלסאָף װאָלטן מיר דאָך אױך געקאָנט באַ אײַך פֿרעגן: צי דען האָט איר פֿריִער ניט געװוּסט, אַז עס װעט אױסגעכאָװעט װערן אױף דער צעלינאַ אַ רײַכע טװוּע־גערעטעניש, פֿאַרװאָס זשע האָט איר מיט אַ האַלב יאָר פֿריִער זיך ניט צוגעגרײט דערצו, ניט געטאָן אַפֿילע דאָס, װאָס עס איז אין אײַערע קױכעס? נו, גוט, לאָמיר דערלאָזן, אַז אױך מיר זײַנען שולדיק, לאָמיר טײלן די זינד אױף דער העלפֿט. נאָר פֿאַר אָט דעם פֿלאַץ װעט איר דאַרפֿן ענטפֿערן, און שטרענג! די גאַנצע טװוּע, ביז אַ קערנדל, זאָל אַװעק פֿונדאַנען אױף די עלעװאַטאָרן, װוּ מע װעט זי קאָנען איבעראַרבעטן און פֿאַרהיטן. מיר װעלן צוזאַמען מיט אײַך טראָגן די אַכרײַעס פֿאַר אָט דער אומשאַצבאַרער טװוּע.

דער געשפּרעך האָט זיך געענדיקט מיט קעגנזײַטיקע היסכּײַװעסן. איװאַן גריגאָריעװיטש האָט מיט דער זעלבער מאָרעשכױרע, אָן הױ־כע װערטער און אױסרופֿן, געזאָגט, אַז ער װעט טאָן אַלץ, װאָס עס איז מעגלעך, װאָס פֿון אים איז אָפּהענגיק. אים האָט מען געמעגט גלײבן. װײַל, איך װעל זאָגן אופֿריכטיק, די אַקשאָנעסדיקע ניט נאָכ־גיביקײַט פֿון אָט דעם מענטשן האָט מיך, און אױך אונדז אַלעמען, געצװוּנגען צו פֿאַרשטײן די װיכטיקײַט פֿונעם טראָט, װאָס װערט פֿאָרגענומען, נאָכאַמאָל אים גרינטלעך אָפּװעגן און באַטראַכטן. און איך, פֿון מײַן זײַט, האָב צוגעזאָגט די אױגן ניט אַראָפּנעמען פֿון אָט דער סטאַנציע.

מעגלעך, עמעצער װעט זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז ניט קײן אַרבעט פֿאַר אַ סעקרעטאַר פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אַזאַ ריזיקער רע־פּובליק: צו קלײן איז, אַזױ צו זאָגן, דער מאַסשטאַב. אײניקע כאַװײ־

רים האָבן אויך דעמלט געהאַלטן, אַז עס איז אַ סאָפעק, צי איך דאַרף אַליין אַרײַנדרינגען אין דער מאַסע קליינקײַטן ביז אַרײַנקוקן אין די קיכן פון די צעלינאַ־בריגאַדעס. צי וועט דערמיט ניט פאַרמי־נערט די אַכרײַעס פון די קלענערע אָנפירער? איך וועל וועגן דעם זאָגן, אַז קיינע פּאַפּירן, קיינע טעלעפאָן־קלונגען וועלן ניט פאַרבײַטן די באַגעגענישן מיט מענטשן און די באַקאַנטשאַפט מיטן לעבן. לײ־דער, איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו איבערצײַגן זיך, אַז אַלערליי ראַפּאָרטן, גייענדיק איבער די אינסטאַנצן פון אונטן אַרויף, האָבן די טעווע צו פאַרקריפּלט ווערן. דערבײַ שטענדיק אין איין זײַט — אין דער זײַט פון פאַרלײַכטערן, פאַרגלעטן די שאַרפע ווינק־לען.

„קאַבינעט"־אָנפירונג אַליין איז ווייניק, מע דאַרף שטענדיק האַלטן אַ פאַרבינדונג מיטן פאָלק, אַרויספאָרן אויף די ערטער, זען מיט די אייגענע אויגן סײַ די דערפאָלגן, סײַ די אַנטשטייענדיקע שוועריִ־קײַטן, און ווען עס איז פאַראַן אַ נויט, אָפּעראַטיוו זיך אַרײַנמישן. אַמפּערנדיק זיך מיט די מענטשן אויף אַזאַ סטעפּ־סטאַנציע, זיצנדיק מיט די טראַקטאָריסטן באַם בריגאַדע־קעסל, וועסטו זייער אַ סאַך פאַרשטיין און אַ סאַך זיך אויסלערנען. לערנען זיך איז שטענדיק נוצלעך, און ווען אַזעלכע גרויסע אָפּעראַציעס, ווי אויפאַקערן די צע־לינאַ, וויקלען זיך נאָך ערשט פאַנאַנדער, איז דאָס פולשטענדיק נייטיק.

אַלס צוגאָב דאַרף מען זאָגן, אַז אַזעלכע פאַלן, וואָס זײַנען ענ־לעך צו די, וועגן וועלכע עס איז דאָ דערציילט געוואָרן, פאַרבלײַבן ניט פּאָשעט אַלס עפּיזאָדן. ניט זעלטן פירן זיי צו גרויסע פאַראַל־געמיינערונגען. אומגעקערט זיך קיין אַלמאַ־אַטאַ, האָב איך די פראַ־גע וועגן די טוווע־פאַרגרייטונגען געשטעלט אויף דער ביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ געהעריקער באַשלוס. איך האָב זיך פאַרבונדן מיטן שטעלפאַרטרעטער פונעם מיניסטער פון די פאַרקער־וועגן פון פסס״ר נ. א. גונדאָבין, אים דער־ציילט וועגן דער שאַרפקײַט פון דער פּראָבלעם. ער האָט דעמלט קימאַט די גאַנצע צײַט זיך געפונען אויף דער צעלינאַ, שטייענדיק פאַקטיש בעראָש פונעם צענטראַלן דיספּעטשער־פונקט אין צעלינאָ־גראַד. טאָג און נאַכט האָט ער אַכטונג געגעבן אויף דער באַוועגונג פון די פראַכטן, אָפּן אומזאָץ פון די וואַגאָנען און אויף אונדזערע בי־טעס זיך גענוג שנעל אָפּגערופן. אַזוי, אַז די קרײַזן פונעם „קליינעם" עפּיזאָד זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, קאָן מען האַלטן, איבער דער גאַנצער צעלינאַ.

איך קער זיך אום צום עפּיזאָד אין אַטבאַסאַר. די היץ איז אין יענעם יאָר געווען אַן אויסמאַטערנדיקע. עמעצער האָט פאָרגעלייגט, אַז נאָכן פאַרגרייטונגס־פונקט זאָלן אַלע גיין אָפּן טײַכל אויסבאָדן

זיך. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך אָפֿן ברעג איז ווידער אוועק אַ רייד וועגן די איניאַנים. די אָנפֿירער פֿונעם ראַיאָן האָב איך געזאָגט:

— ניט געקוקט אַף די גרויסע שוועריקייטן, קאָן אייער ראַיאָן אין פֿראַט פֿון ברויט־ליפֿערונג אַרויסגיין אין די פֿאָרגעשריטענע. דערצו זיינען פֿאַראַן אַלע מעגלעכקייטן.

איך האָב קעסיידער נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אָפֿן אַטבאַסאַרער פֿאַרגרייטונגס־פּונקט. עס איז אויסגעקומען צו בעטן דעם מיניסטער פֿון פֿאַרגרייטונגען פֿון דער רעפּובליק דרינגענדיק אַרויספֿאָרן קיין אַטבאַסאַר צוליב פּראַקטישער הילף. איך האָב אַהין אָפֿט טעלעפֿאָנירט, אָנגעפֿרעגט זיך, וויפֿל טוווע האָט מען אופֿגענומען, וויפֿל אָפּגעשיקט, וועלכע הילף פֿאָדערט זיך. די אומשאַצבאַרע טוווע איז אינגאַנצן פֿאַרהיט געוואָרן, און שפּעטער, ווען די אַטבאַסאַרצעס — זיי זיינען טאַקע געווען די איניציאַטאָרן צו ליפֿערן טוווע העכער דעם פּלאַן — האָבן אויסגעפֿילט זייערע היסכייוועסן, ווען די „פּראַוודאַ" האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ געניי אַרטיקל וועגן זייער איניציאַטיוו (גוטער, זאַכלעכער איניציאַטיוו), האָב איך, אופֿריכטיק גערעדט, טיף דערפֿילט מיין פּערזענלעכע שייכעס צום דערפֿאָלג פֿון די מעכאַניזאַטאָרן, ראַיקאָמאָווצעס, פֿאַרגרייטער, אייזנבאַנער. און דאָס איז ווערט אַ סאַך.

אין 1954 האָט קאַזאַכסטאַן, צום ערשטן מאָל אין זיין געשיכטע, פֿאַרשאָטן אין די שייערס פֿונעם היימלאַנד קימאַט 250 מיליאָן פּוד טוווע — אַף 150 מיליאָן מער, איידער אין די פֿריערדיקע סאַמע גינסטיקע יאָרן. און מיר אַלע, די צעלינניקעס, זיינען געווען בעעמעס גליקלעך פֿון אָט דעם זיג.

7

אָנהייבנדיק פֿון האַרבסט 1954 האָט דער אָנגריף אַף דער צעלינע זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט אין נאָך אַ ברייטערן מאַסשטאַב. אויסער די געשאַפֿענע 90 נייע סאָווירטן איז פֿאָרגעשטאַנען צו שאַפֿן בעערעך נאָך 250. און אין וויפֿל מאָל עס איז געוואָרן מער סאָווירטן, אין אַזויפֿיל מאָל זיינען אויסגעוואַקסן אונדזערע זאָרגן.

צו דער דאָזיקער צייט אָבער האָט זיך אין דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פֿון דער רעפּובליק שוין ניט בלויז אָנגעזאַמלט די דערפֿאַרונג פֿון דער לויפֿנדיקער אַרבעט אַף דער צעלינע, נאָר אויך אָנגעצייכנט אַ גאַנץ קלאָרע טעטיקייט־פּראָגראַם, אויסגערעכנט אַף אַ דויערנדיקער פּערספּעקטיוו. דער איצטיקער אויסזען פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט אין קאַזאַכסטאַן, די סטרוקטור פֿון די ווירטשאַפֿט־צווייגן און די גרונט־ריכטונגען פֿון דער אַנטוויקלונג זיינען באַשטימט געוואָרן

און אָנגעהויבן געניטער זיך אויסצומאָלן שוין דעמלט, קימאַט מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק.

וואָס האָט באַזונדערס אין יענער צײַט אונדז באַמרויִקט, וועלכע פראַגן זײַנען געלייזט געוואָרן אין דער ערשטער ריי, וויאַזוי איז געגאַנגען דער קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן אין לעבן אונדזערע פּלע־נער — וועגן דעם ווערט טיילווײַז דערציילט אין מײַן בוך „די פראַגן וועגן דער אַגראַר־פּאָליטיק פון קפּסס און וועגן באַהערשן די צע־לינאַ־ערדן אין קאַזאַכסטאַן". ניט איבערכאַזערנדיק זיך, וועל איך אָפּמערקן בלויז די גרונט־ליניעס, די פּראָגראַם־אויפגאַבן פון יענע יאָרן:

דורך באַהערשן די צעלינאַ און די פאַרלאָזטע ערדן, ווי אויך דורך העכערן די גערעטעניש אַף די אַלטע אַקער־ערדן — מאַכן דעם טווּע־צווײַג פאַר דעם הויפּט־צווײַג פון דער לאַנדווירטשאַפט אין קאַזאַכסטאַן, פאַרגרעסערן דאָ די פּראָדוקציע פון טווּע אין פאַרגלײַך מיטן פריִערדיקן פעריאָד ניט ווייניקער ווי אין צען מאָל און פאַר־וואַנדלען אַזויאַרום די רעפּובליק אין א נײַעם גרעסטן אין לאַנד ראַיאָן פון דער טווּע־פּראָדוקציע;

אויסאַרבעטן און בעהאַדראָגעדיק אײַנגלידערן אַף דער צעלינאַ א וויסנשאַפטלעכע סיסטעם פון ערד־אַרבעט, וואָס זאָל זײַן מאַקסימאַל צוגעפּאַסט צו די סאַמע קאָמפּליצירטע נאַטור־קלימאַטישע באַדינגונ־גען פון דער זאָנע, פאַרהיטן און פאַרמערן די נאַטירלעכע פרוכט־באַרקײַט פון דער היגער ערד;

שאַפנדיק די גרעסטע אין לאַנד טווּע־סאָווירטן, אויסבויען אין יעדן פון זיי אַלץ, וואָס עס איז נייטיק, — סײַ גוט אויסגעשטאַטע פּראָדוציר־אָביעקטן, סײַ וויל־אײַנגעאָרדנטע יִישווים פון שטאָטישן טיפּ מיט א פולן קאָמפּלעקס סאָציאַל־קולטורעלער און שטייגערי־שער באַדינונג. פולשטענדיק רעאָרגאַניזירן, פאַרברייטערן און איבערבויען לויטן טיפּ פון די נײַע ווירטשאַפטן אַלע אַלטע סאָ־ווירטן און קאָלווירטן פון דער רעפּובליק;

אין די סאַמע קורצע טערמינען פאַרבינדן די טעריטאָריעס פון די צעלינאַ־געגנטן מיט אַן אײַזנבאַן־נעץ, מאַגיסטראַלע שאָסיי־וועגן, ווי אויך מיט צווישנסאָווירטישע וועגן, דורכלייגן ליניעס פון עלעקט־רישער טראַנסליאַציע, פון טעלעגראַף־, טעלעפאָן־ און ראַדיאָ־פאַר־בינדונג, אויסבויען אין די קנופּ־פונקטן גרויסע עלעוואַטאָרן, זאַוואָדן פאַר דער פּראָדוקציע און רעמאָנט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשי־נעס, צענדליקער אַנדערע אונטערנעמונגען — און דערמיט גופא פאַרוואַנדלען צאָפן־קאַזאַכסטאַן אין א הויך־אַנטוויקלטן עקאָנאָמישן ראַיאָן, וואָס וועט זײַן טעטיק אַלס אַן אייגנהײַטלעכער ווירטשאַפט־לעכער אָרגאַניזם;

אפן סמאך פונעם וווקס פון דער טוווע־ווירטשאפט, פון אויסנוצן אירע אָפּפאלן, אפן כעזשבן פון ראדיקאלן פארגרעסערן דעם פארזיי פון פיטער־קולטורן, באזונדערס פון קוקורוזע, ווי אויך דורך העכערן די גערעטעניש פון פארזייטע גראָזן און פארבעסערן די היילאָנקעס גרינטלעך פארשטארקן די פיטער־באזע און זיכערן א שנעלע אנטוויקלונג פון דער פיצוכט. אין דער פערספעקטיוו פארגרעסערן דעם ארויסלאָז פון אלע מינים פראָדוקציע פון דעם דאָזיקן צווײַג ניט ווייניקער ווי אין צוויי מאָל;

אפן דאָרעם פון דער רעפובליק אינטענסיוו אנטוויקלען מיט דער הילף פון מעליִאָראציע דעם רײַז־פארזיי, די בוימוואָלצוכט, בורעקעסצוכט, גרינסצוכט, סאָד־ און ווײַנטרויבנצוכט.

די דאָזיקע פראָגראם איז געווען ניט קיין לײַכטע. פארווירקלעכן זי איז אויך אויסגעקומען ניט טיילנווײַז, נאָר גאנצערהייט, מיטאָמאָל. און מע האָט, פארשטייט זיך, געדארפט זיך פאָרשטעלן די אלע שוועריקײַטן, אף וועלכע מיר האָבן זיך דעמלט אָנגעטראָפן און מיט וועלכע עס איז פאָרגעשטאנען זיך צו טרעפן אין דער צוקונפט. מיט אונדזער גלויבן און ענערגיע איז זייער וויכטיק געווען צו אָנשטעקן אלעמען, מיט וועמען עס איז דעמלט אויסגעקומען צו ארבעטן.

לאָמיר נעמען די פיצוכט. גאנץ פיל כאווייריִם, פארופנדיק זיך אלץ אפן קאמף פאר ברויט, פלעגן ארויסלאָזן פון אויג די אנדערע וויכטיקע געביטן פון דער לאנדווירטשאפט.

מיר האָבן זיך אנטשיידן גענומען, לעמאָשל, צום איבערבויען די אָרגאניזאציע פון דער פיצוכט. עס פלעגט טרעפן, אז מע האָט מיר אפילע פאָרגעוואָרפן, לעמײַ איך כאזער צופיל מאָל איבער דאָס, וואָס איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט: אלץ איז, מאָלט אײַך אויס, אזוי אויך קלאָר, צוליב וואָס זשע ריידן וועגן איינס און דאָס זעלבע? קלאָר איז טאקע קלאָר, אָבער די ארבעט האָט זיך גערוקט פאָרויס לאנגזאם און צומאָל איינגאנצן געשטאנען אף איין אָרט. גרויסע אָנשטרענגונגען האָט געפאָדערט, לעמאָשל, די אײַנגלידערונג פון קוקורוזע, א קולטור, וואָס איז פאר קאזאכסטאן פראקטיש א נײַע. מיר האָבן בעדייע געהאט זי אויסכאָוועט אויך אף קערנער, נאָר א גרויסע צאָל פון די פארזייען האָבן מיר באשטימט פאר דער גרינער מאסע. בא די אָרטיקע כאווייריִם האָט דאָס ארויסגערופן א באהאלטענעם ווידערשטאנד: סטײַטש, ווי כאָוועט מען עס אף דער אקערערד „גראָז״? ווידעראמאָל און אָבעראמאָל האָט מען געדארפט שטרײַטן, איבערצײַגן, באווײַזן פראקטיש, ווי צו זייען קוקורוזע, באארבעטן, אראָפּנעמען, סילאָסירן.

די ווערט פון דער דאָזיקער קולטור איז מיר געווען גוט באוווסט פון דער פראקטיק אף אוקראַינע און אין מאָלדאוויע, אָבער, ניט זײַענדיק קיין אגראָנאָם, האָב איך באשלאָסן אן איבעריק מאָל זיך

אן אייצע האלטן. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו מײַן פּרײַנט, דעם באַרימטן „קישעפמאכער אין געביט פון קוקורוזע" מ. יע. אָזיאָרני אין דאָרף מישורין ראָג דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט. אינגיכן איז פון מארק יעוווסטאפיעוויטשן אָנגעקומען אַן ענטפער מיט זייער ווערטפולע אייצעס, ער האָט, לויט מײַן ביטע, צוגעשיקט אויך זויי־מען פון די סאָרטן, וועלכע טויגן פאַר דעם פאַרטריקעניש־קלימאַט פון קאַזאַכסטאַן. די ארבעט האָט זיך אַ רוק געטאָן פון אָרט, אָבער נאָך פיל מאָל האָבן מיר די דאָזיקע פראַגע געשטעלט אויף דער ביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, דורכגעפירט סעמינאַרן וועגן קוקורוזע.

די פּרוּוו־פּאַרזייען פונעם ערשטן פרילינג האָבן זיך אײַנגעגעבן, און אין 1955 האָבן מיר מיט דער דאָזיקער קולטור פאַרנומען שוין 700 טויזנט העקטאַר. די פּיצוכט־ווירטשאַפט האָט אויך אָנגעהויבן גיין, זאָל זײַן ניט גיך, אָבער באַרג־אַרויף, און געהאָלפן אונדז אין דעם, ווי אין אַנדערע איניאַנים, האָט גראָד די קאָנסעקווענטקייט.

אויפן רעפּובליקאַנישן אַקטיוו אין מאַרט 1955 האָב איך געזאָגט:

— עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע פראַגן, צו וועלכע עס קומט אויס ווידער און ווידער זיך אומקערן. וועגן וואָס רעדט דאָס? איך מיין, אַז, פון איין זײַט, וועגן דער אַקטועלער וויכטיקייט פון דער געגעבענער אויפגאַבע, פון דער צווייטער — וועגן דעם, ווי קאָלאָסאַל קאָמפּליצירט עס איז זי צו לייזן. די אײַנגעשפּאַרטע ווענדונג צו אַזעלכע פּראָבלעמען — דאָס איז אַן איבעריקער באַווײַז, ווי ערנסט עס זײַנען אונדזערע פּלענער. מיר וועלן אויך אויף ווײַטער קאָנסעקווענט, ניט וואַרפנדיק זיך הין און צוריק, ניט וואַקלענדיק זיך, צילן אין איין פּונקט, באַמיִענדיק זיך צו פאַרווירקלעכן אונדזערע אידייען אין לעבן. ניטאָ קיין שום צווייפל, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען די דאָזיקע פּראָבלעמען וועלן אַראָפּגענומען ווערן פון דער טאָג־אָרדענונג. און דעמלט — מיר פאַרשטייען דאָס אויך אויסגעצייכנט — וועלן אויפקומען נײַע פראַגן, נײַע אויפגאַבן, נאָך פון אַ גרעסערן מאַסשטאַב און נאָך גרויסאַרטיקערע.

צו אייניקע כאַווירים איז דאָס ניט דערגאַנגען. די ערשטע טווועפון דער צעלינאַ, האָט זיך זיי געדוכט, איז שיר ניט דער סאָף פון אונדזער גאַנצער אַרבעט. דערשפּירט די מעגלעכקײַט פון אַן אָטעם־איבערכאַפּ, האָבן זיי פאַרטראַכט אַ קאַדרען־„קאַדריל", גענומען אַרויסרוקן די טויער אויף העכערע שטעלעס. איך וויל ניט זאָגן, אַז יענע האָבן דאָס ניט פאַרדינט. אַדראַבע, איך באַצי זיך מיט טיפער אַכטונג צו די ערשטע דירעקטאָרן פון די צעלינאַ־סאָווירטן, זיי האָבן ניט ווייניק אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס, אַ סאַך פון זיי זײַנען דערנאָך געוואָרן גרויסע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּראָדוקציע. אָבער אין יענעם מאָמענט איז נאָך פרי געווען צו אָפּרײַסן די מענטשן פונעם אָרט.

פלוצעם ווענדעט זיך צו מיר איינער פון זיי, פיאָדאָר טראָפימאָוויטש מאָרגון, מיט א פּרעטענזיע, וועלכע מע קאָן ניט אָנרופן א געוויינלעכע: מע לייגט אים פאָר א העכערן פּאָסט, נאָר ער וויל ניט, טרייסלט זיך אָפּ דערפון מיט הענט און פיס. ריידן געגוי וועגן אָט דעם מענטשן איז מיר ניט נייטיק, ווײַל שפּעטער האָט ער אַליין אַלץ באַשריבן אין בוך „געדאַנקען וועגן דער צעלינאַ". זײַן סאָווירט איז אויך געווען איינער פון די בעסטע, איז אָפּט געשטעלט געוואָרן בײַ אונדז אַלס בײַשפּיל, האָט מען גענומען רעקאָמענדירן דעם דירעקטאָר אַלס פאָרזיצער פון ראַיאָנספּירקאָם. דוכט זיך, א קאָוועד, נאָר אים האָט עס פאַרדראָסן ביז טרערן: ערשט פאַנאַנדערגעוויקלט די ווירטשאַפט, זיך צונויפגעלעבט מיט די מענטשן, אָנגעמערקט א פּלאַן צו פאַרוואַנדלען דעם סאָווירט אין אַן עמעסער פאַבריק פון ביליקער טווע, און דאָ — נעם און וואַרף אַלץ אַוועק. מיר איז אויסגעקומען פּערזענלעך אַרײַנמישן זיך, און אָט וואָס עס איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן אָף א גרויסער באַראַטונג:

— מיר קאָנען ניט מאַסקים זײַן מיטן באַשלוס פון דער ביוראָ פון קאָקטשעטאַווער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי וועגן אַריבערפירן, כאָטש מיט א העכערונג, אָף אַן אַנדער אַרבעט דעם דירעקטאָר פון נעם סאָווירט „טאָלבוכינסקי" מאָרגונען. מע דאַרף ניט אײַלן זיך מיט איבערשטעלן די מענטשן פון איין אָרט אָפן אַנדערן. מע דאַרף זיי העלפן אויסבויען די סאָווירטן, באַהערשן די סיסטעם פון דער ערדאַרבעט, דיסקאָנטירנדיק די אָרטיקע באָדן־ און קלימאַט־באַזונדערקײַטן, געבן א מעגלעכקײַט דערפאָלגרײַך צו פאַרענדיקן די אָנגעהויבענע אַרבעט און ערשט נאָכדעם, ווען עס איז נייטיק, אַרויסרוקן אָף העכערע פּאָסטנס.

אַן אַנדער בײַשפּיל. יעוודאָקיִא אַנדרייעוונאַ זײַטשוקאָווא איז געקומען צו פאָרן אָף דער צעלינאַ, ווען זי איז שוין אַלט געווען קימאַט פופציק יאָר. זי האָט אָבער פאַרהיט אין זיך דעם יונגן פלאַם, דעם ווילן, דעם שטאַרקן כאַראַקטער, און דעריקער, זי האָט פאַרמאָגט א הייס האַרץ פון א קאָמוניסט און פּאַטריאָט. איר טיף באַזיניקטער פאַרלאַנג צו טאָן פאַרן לאַנד דאָס סאַמע נייטיקע, וויכטיקע און נוצלעכע האָט זי געבראַכט צו אונדז, געגעבן איר קויכעס צו שאַפן אין די סטעפּעס דעם סאָווירט „דוורעטשני". אינגיכן האָט מען אויך די דאָזיקע פרוי אַרויסגערוקט אָף א העכערן פּאָסט, נאָר, אָפּגעאַרבעט א שטיקל צײַט אָפן נײַעם אָרט, האָט זי אָנגעשריבן אַזאַ מעלדונג:

„איך בעט איבערצײַגנדיק די מיטגלידער פון ראַיאָנעם קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי צו באַפרײַען מיך פון דער אַרבעט אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. איך בעט דאָס דערפאַר, ווײַל איך האַלט: אין די יאָרן, וועלכע עס זײַנען מיר פאַרבליבן צו לעבן, וועל איך קאָנען ברענגען מער נוצן דער פּאַרטיי און אַלע מענטשן אָף א קאָנ־

קרעטער ווירטשאפטלעכער ארבעט. איך בעט מיך שיקן אין א היג־טערשטעליקן סאָווירט און איך פארפליכט זיך צוזאמען מיט די קאָמוניסטן און מיט אלע ארבעטער אים ארויספירן צווישן די פאָרגעשריטענע ווירטשאפטן פון צעלינאָגראדער געגנט".

און זי האָט געהאלטן וואָרט: דער סאָווירט „איזשעווסקי" איז אונטער איר אָנפירונג ארויס אף איינעם פון די ערשטע ערטער. זי־בעצן יאָר לעבן האָט יעוודאָקיִא אנדרייעוונא אָפּגעגעבן דער נײַער ערד, וועלכע זי האָט ליב באַקומען. און ווען זי האָט געהאלטן באַם שטארבן, האָט זי געבעטן די פרײַנט, וועלכע זײַנען געקומען צו איר אין שפּיטאָל, בלויז וועגן איין זאך:

— שטעלט ניט אף מײַן קייווער קיינע פארקנס, טיילט מיך ניט אָפּ פון עם סטעפּ...

אזעלכע מענטשן זײַנען דער גאָלדענער פאָנד, דער שטאָלץ פון דער פארטיי און פונעם פאָלק. און מיר האָבן זיי באזונדערס געהיט. אָן דעם וויסן פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּארטיי פון קאזאכסטאן האָט קיינער ניט געהאט קיין רעכט צו אריבערפירן אף א נײַעם פאָסט די אָנפירער פון סאָווירטן, און ביפראט באפרײַען זיי פון דער ארבעט. איך געדענק, ווי עס איז אויסגעקומען צו פאר־בײַטן ניט מער ווי א צענדליק דירעקטאָרן, פאר וועלכע די צעלינא־לאסט איז געווען איבער די קויכעס. בא דער זעלבער פּאָליטיק האָבן מיר זיך געהאלטן אויך בענעגייע די אנדערע קאדרען: אקטיוו גע־שטיצט די בעסטע, ארויסגעוויזן געדולד צו די פייזקע און אנטשיידן זיך באפרײַט פון פערספּעקטיוולאָזע, אינערטנע.

דאָס גרויסע ברויט האָט צוגעצויגן די אלגעמיינע אופמערקזאמ־קײַט צו דער צעלינא, אין דער פרעסע האָבן געגומען קלינגען זיגע־רישע נאָטן, עס איז געוואָרן א געוויינלעכע זאך צו לויבן אונדז, באגריסן, מיר האָבן אָבער פארשטאנען, אז מע טאָר ניט אָפּשוואכן די אָנשטרענגונג. עס איז פרי צו רוען מיט לאָרבער־קרענץ. די פארטיי־אָרגאניזאציע פון קאזאכסטאן האָט גוט פארשטאנען, אז עס איז נייטיק צו אײַלן זיך מיט דער בויונג פון עלעוואטאָרן, סקלאדן, דרינגענדיק ארויספירן די מענטשן פון די פּאלאטקעס, זעמליאנ־קעס, — דאָס איז געוואָרן אן אלץ שווערערער באצירק, א שמאָל אָרט.

מע האָט בוכשטעבלעך אלץ געדארפט בויען אף א פּוסט אָרט. און פון וואָס בויען? ווען ארום זאָל זײַן געהילץ, וואָלט די פראגע ניט אופגעקומען. עמעס, אף דער צעלינא פלעגן אָנקומען מאָנטירטע הײַזער און בוי־מאטעריאלן. נאָר זיי האָבן ניט געקלעקט. אונדזערע פּלענער האָבן אריבערגעיאָגט די מעגלעכקײַטן, און מע האָט, פאר־שטייט זיך, געדארפט מאקסימאל אויסנוצן די אָרטיקע רעסורסן. אָבער ווײַט ניט אלע האָבן ארויסגעוויזן פלינקײַט און דערפינדע־רישקײַט.

קומסט צו פֿאָרן, אשטייגער, אין ראַיאָנעם צענטער, פֿרעגסט: ווי גייט די בויונג? מע ענטפֿערט: שלעכט. פֿאַרוואָס? קיין ציגל ניטאָ. מיר גייען אָבער מיטן סעקרעטאַר פֿון ראַיקאָם איבער דער גאַס און זעען מאַסיווע ביניאָנים מיט דאַטעס אויף די פֿראָנטאָנען — 1904, 1912... און קיין ציגל־זאַוואָדן זײַנען אין אָט דער אומגעגנט, ווי מיר איז פֿינקטלעך באַוווּסט, ניט געווען און זײַנען ניטאָ.

— ווער האָט געבויט די דאָזיקע ביניאָנים?

— די זעמסטווע.

— פֿונוואַנען זשע האָט מען גענומען ציגל?

— אָן דאָרט, אין דער סטעפּ־באַלקע, האָט מען געשטעלט אַ ברען־אויוון און געמאַכט ציגל. פֿון די דאָזיקע ציגל האָט מען די שול אויסגעבויט...

— הייסט עס, די זעמסטווע האָט געקאָנט אַלץ אָרגאַניזירן. און איר, דער ראַיקאָם און ראַיאיספּירקאָם, קאָנט ניט? וואָס זשע זײַנען מיר, מישטיינסגעזאָגט, פֿאַר אַן אָנפֿירער? ליים איז דאָ אַרום אָן אַ שיר, מאַכט פּאָשעטע ברען־אויוונס, און ערגעץ־ווו בויט אויך קליינע זאַוואָדלעך, זיי וועלן אײַך אויף הונדערט יאָר פֿאַרויס צוניץ קומען.

— נו, אַ זאַוואָד — דאָס איז שוין צופֿיל, ניט פֿאַר אונדזערע קוי־כעס...

דאָ קאָן מען טאַקע ווערן אין כּעס: צו וואָס עס דערפֿירט מענטשן די פּאַסיווקייט!

הינטער מאָסקווע, אין באַרוויכע, האָב איך איינמאָל געלייגט אַכט אויף אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ פֿון ציגל — אין אים האָט זיך געפֿונען אַ פּיאָנערן־לאַגער. כ'האָב זיך פֿאַרינטערעסירט: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געבײַדע? ענטפֿערט מען: אַ גוטבאַזיץ פֿון עפּעס אַ באַראָנעסע. ווי־אַזוי האָט מען געבויט דעם פּאַלאַץ? זאָגט מען, זייער פּאָשעט. די פֿריצטע האָט אויסגעבויט אַ ציגל־זאַוואָד, פֿונעם ציגל האָט זי זיך אופֿגעשטעלט אָט דאָס הויז הינטערן שטאָט און אַלע הויף־ביניאָנים, דערנאָך האָט זי פֿאַרקויפֿט דעם זאַוואָד און פֿולקאָם געדעקט אַלע הוצאָעס אויף דער בויונג. פֿאַרשטייט זיך, ניט זי אַליין האָט דאָס אַלץ צוגעטראַכט, זי האָט געהאַט אַ פֿאַרוואַלטער אַ כאַכעם. אָט אַזוי איז דאָס. און בײַ אונדז טרעפֿט אַמאָל אויך איצט, ווען גאַנצע קאָלעק־טיוון, דערפֿאַרענע אָנפֿירער, אינזשעניערן, בויער נעמען זיך צו גראַנדיעזע אַרבעטן און קאָנען ניט אויסבויען קיין פּאָשעטן ציגל־זאַוואָד, פֿאַרלאָזן זיך אַלץ אויף דער מעלוכע.

אויף דער צעלינאַ, געדענק איך, פֿלעגט אונדז אויף צו עפּענען אַ מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע אויסקומען צו לײַען בײַ אייניקע אַלטע פֿערד־זאַוואָדן די גוטע ביניאָנים פֿון די פֿערדשטאַלן, אויסגעבויטע פֿונעם זעלבן ציגל, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן אין די פּאָשעטע ברען־אויוונס. ווען איך פֿלעג דערציילן וועגן דעם די מענטשן, ווען

עס פלעגט זיך איינגעבן פארשעמען זיי, פלעגן די קליגערע ווירט־שאפטלער טאקע אָרגאַניזירן זייער אייגענע ציגל־פּראָדוקציע. דערנאָך האָבן זיי געזאָגט א דאנק: ווי זשע האָבן מיר דאָס פריער זיך ניט דערטראכט!

צו די אַרטיקע בוי־מאַטעריאַלן האָט געהערט אויך טשערעט. זיך דערוווּסט, אַז מענטשן מיט איניציאַטיוו האָבן שוין אויסגעבויט פאַר זיך גוטע הײַזער פון טשערעט־פּליטעס, בין איך געפאָרן א קוק טאָן און בין געבליבן גאַנץ צופרידן מיט די דאָזיקע וווינונגען — הײַזער ווי הײַזער, אין די ערשטע יאָרן וועלן זיי דינען ניט שלעכט. דאַרף מען, הייסט עס, אָרגאַניזירן די פאַרגרייטונג פון טשערעט אין א גרויסן מאַסשטאַב, אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע פון פּליטעס. אַרײַנגעקוקט אין דער מאַפּע פון דער רעפּובליק, ווו עס איז געווען אָנגעוויזן, אין וועלכע ערטער עס וואַקסט טשערעט, האָב איך באַשלאָסן אליין א קוק טאָן אפן טשערעט אין דער נאַטור. איבערן טאַל פונעם טײַך אילי בין איך דורכגעפלויגן ביזן סאַמע באַלכאַש. פון דער הייך פון הונדערט מעטער האָב איך דערזען דורכויסיקע דזשונגלען פון טשערעט!

גיך האָבן מיר אומעטום, ווו עס איז געוואַקסן טשערעט, אָרגאַניזירט זײַן פאַרגרייטונג — בא די טײַך־ברעגן, אַף די פּילצאַליקע סטעפּ־אָזערעס. די זאַוואָדן האָבן שנעל אויסגעפּאַרטיקט פּאַשעטע, באַקוועמע און פּראָדוקטיווע װערקשטעלן, וועלכע האָבן דעם טשערעט געבערעקלט און געפּרעסט אין פעסטע פּליטעס. פון אָט די פּליטעס האָט מען געקאָנט מאָנטירן הײַזער פון א באַליביקער קאָנפיגוראַציע. מע האָט זיי דערנאָך שטוקאַטורעוועט, געקאַלכט, און עס האָבן זיך באַקומען אויסגעצייכנטע וואַרעמע הײַזער. געמאַכט דעם פּרווו, האָבן מיר אין איינעם פון די קאָלווירטן הינטער אַלמאַ־אַטאַ דורכגעפירט א רעפּובליקאַנישן סעמינאַר וועגן דער טשערעט־בויונג.

די בויונגס־פּראָבלעמען האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון קאַזאַכסטאַן אָפּגעגעבן אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטונג. עס האָט זיך פאַרהיט אונדזער מעמאָראַנדום אין צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס וועגן דעם, וואָס עס האָט פאַרמאָגט די רעפּובליק, ווען זי איז צוגעטראָטן צו באַהערשן די צעלינאַ. די קויכעס זײַנען געווען צעדרויבלט, מער פון דרײַסיק שוואַכע בוי־אָרגאַניזאַציעס זײַנען געווען אונטערגעאָרדנט פאַרשיידענע מיניסטעריומס און אַמטן. אַלע צוזאַמען האָבן זיי געהאַט 59 בעטאָן־מישערס, 6 הייבקראַנען, 58 טראַנספּאָרטיאָרן, 5 אווטאָ־אָנלאָדערס און סאַכאַקל 5,7 טויזנט אַרבעטער. קעדיי אויספילן די נײַע פּלענער, האָט מען געדאַרפט אַמווייניקסטן אין צען מאָל מער מענטשן!

מיט בוי־מאַטעריאַלן איז אונדז, פאַרשטייט זיך, געווען שווער,

באזונדערס שווער מיט ציגל פאר דער בויונג. איך האָב זיך געווענדעט צו די אָנפירער פון א ריי אונדזערע רעפובליקן. און מע דאַרף זאָגן, אז מע האָט אונדז גוט געהאָלפן: ציגל האָבן געגומען אָנקומען פון ארמעניע, גרוזיע, עסטלאנד און פון א סאך אנדערע ערטער. קורץ, מיר האָבן געלייזט די דאָזיקע אופגעקומענע פראָבלעמען, און געלייזט מיט דערפאָלג.

8

אין הארבסט 1954 איז פאָרגעקומען דער צוזאמענפאָר פון די שרײַבער פון קאזאכסטאן. ער איז געוואָרן א גרויסע געשעעניש אינעם קולטור־לעבן פון דער רעפובליק.

אויך פריִער איז מיר אויסגעקומען צו פארנעמען זיך מיט איניאָנים, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער נאציאָנאלער קולטור. נאָך אין מאָלדאוויע האָב איך פארשטאנען: אויב דו לעבסט אין א רעפובליק, דאַרף מען וויסן די מינהאָגים און טראדיציעס פונעם פאָלק, זײַן געשיכטע, קינסטלערישע שאפונג. באלד נאָכן קומען קיין אלמא־אטא האָב איך זיך ארומגעלייגט מיט ביכער, אָפט זיך באגעגנט מיט קאזאכישע ליטעראטן און קינסטלער, באזוכט די טעאטערס. לויט דעם אלטן אינטערעס צו פּאָעזיע, האָב איך א סאך געלייענט לידער פון קאזאכישע דיכטער, באזונדערס אבײַען, וואָס האָט מיך צוגעצויגן מיטן ליריזם, מיט דער פאָלקס־כאָכמע און טיפן באגרײַפן דאָס לעבן. אבײַ האָט געלערנט דאָס קאזאכישע פאָלק ניט אײַנשליסן זיך אין זיך, ניט שטיין אף איין אָרט, בארײַכערן זײַן שאפונג מיט די דערגרייכונגען פונעם רוסישן פאָלק און פון די אנדערע פעלקער. דאָס איז וויכטיק אויך פאר אונדזער צײַט. יעטווידע נאציאָנאלע קולטור, אויב זי איז אײַנגעשלאָסן אין זיך, מוז זי אומפארמײַדלעך פארשפילן, פארלירן די שטריכן פון אלמענטשלעכקײַט. צום באדויערן, פארשטייען דאָס ניט אלע און ניט שטענדיק.

דער סאָציאַליזם האָט שוין לאנג דערוויזן: וואָס אינטענסיווער עס איז דער וווּקס פון יעטווידער פון די נאציאָנאלע רעפובליקן, אלץ קלאָרער אנטפלעקט זיך דער פּראָצעס פון אינטערנאציאָנאליזאציע. קאזאכסטאן איז עפשער אין דעם פראט דער הערלעכסטער בײַשפיל. די צעלינא האָט געמאכט פון אים, אָן קיין שום גוזמע, א „פלאנעט פון הונדערט שפראכן". און די קאזאכישע קולטור האָט זיך אנטוויקלט, אײַנזאפנדיק אין זיך דאָס בעסטע פון אנדערע נאציאָנאלע קולטורן. איז דאָס שלעכט צי גוט? מיר, קאָמוניסטן, ענטפערן: גוט, זייער גוט! ווײַל די וויכטיקסטע פראגע וועגן די נאציאָנאלע טראדיציעס און אייגנארטיקײַט טאָר מען ניט פארייַנפאכן, באגרענעצן בלויז מיט עטנאָגראפיע און שטייגעריזם: אין רוסלאנד — מיט

די כאַטעס, כאָראָוואָדן און הויכע פּרויען־היט (קאָקאָשניקעס), אין קאַזאַכסטאַן — מיט די יורטעס און פערד־טאַבונען.

מיר אין צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך באַמיט אַרויסווייזן שטענדיקע הילף דער שעפערישער אינטעליגענץ. ווי שווער עס זײַנען ניט געווען די צעלינאַ־איניאָנים, איז גראָד אין דער צײַט אויפגעקומען דער קאַזאַכישער מעלוכע־אַנסאַמבל פון געזאַנג און טאַנץ, עס האָט זיך באַנײַט דער אַרויסלאָז פון דער צײַטונג „קאַזאַד אַדעבי־עטי״, עס האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט די צוגרייטונג צו דער דעקאַדע פון דער קאַזאַכישער ליטעראַטור און קונסט אין מאָסקווע. עס זײַנען געווען אויך שטרײַטן, עמעצער האָט געשטעלט דעם טראָפּ בלויז אויף דער מינדלעכער שאַפונג פון די אַקינען. אין דער זעלבער צײַט זײַנען אין דער ליטעראַטור פון דער רעפּובליק פאָרגעקומען טיפע קוואַליטאַטיווע ענדערונגען, וועלכע זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן דורכן עצעם גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, דורכן וווּקס פון דער קאַזאַכישער קינסטלערישער אינטעליגענץ. עס האָט זיך באַוויזן אַ טאַלאַנטפולע יוגנט, וועלכע האָט געקענט און ליב געהאַט ניט בלויז די אַלטע טראַדיציעס און לידער, נאָר אויך די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַטור און וועלט־ליטעראַטור. דאָס זײַנען געווען מענטשן, פרײַע פון רוטין, און מע האָט זיי באַדאַרפט אונטערהאַלטן. אָבער דעריקער — מע האָט געדאַרפט געזינטער מאַכן די עצעם אַטמאָספער אין די שעפערישע פאַרבאַנדן, אין דער סוויווע פון דער אינטעליגענץ. מע האָט געדאַרפט באַהעפטן זי, פאַרייניקן אַלע קרעפטן צום לייזן די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר דער רעפּובליק.

איך וועל באַמערקן, אַז די אָנהענגער פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקײַט פלעגן אונטערן טערעץ, אַז זיי פאַרטיידיקן די „ריין נאַציאָנאַלע טראַדיציעס״, געוויינלעך אַרויסטרעטן פאַרשטעלטערהייט, מיט פאַרשיידענע קונצן, זעלטן אָפן. פאַרקערט, פלינק אויסנוצנדיק יעטווידע פעלערן פון די קעגנער, ווילן זיי אויסזען, ווי מע זאָגט, הייליקער פונעם רוימישן פויפּסט. איך געדענק, וואָס פאַר אַ טומל עס איז אויפגעהויבן געוואָרן אַרום דער ראָליע, וואָס עס האָט געשפּילט איינער אַ קענעסאַרא. צוערשט האָט מען אים דערקלערט פאַר אַ פּראָגרעסיוון טוער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פאַר דער פאַרייניקונג פון קאַזאַכסטאַן מיט רוסלאַנד. דערנאָך האָט מען געפונען דאָקומענטן, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז ער איז געווען אַ רעאַקציאָנער און האָט די פאַרייניקונג ניט באַוויליקט... איך וויל ניט אויפמישן די אַלטע געשיכטע, און איך האַלט זיך אויך ניט פאַר אַ ספּעציאַליסט אין אָט דעם געביט, אָבער גערעגט האָט מיך אַן אַנדער זאַך. די באַטאַליעס, וועלכע עס האָבן אָנגעבונדן אייניקע דעמאַגאָגן, האָבן געבראַכט דערצו, אַז פון דער רעפּובליק זײַנען געווען געצוווּנ־

געז אוועקצופאָרן אזעלכע אָנגעזעענע מענטשן, ווי דער שרײַבער מוכטאר אאועזאָוו און דער אקאַדעמיקער קאניש סאטפּײַעוו.

מיר האָבן זיי געהאָלפן אומקערן זיך קיין אלמא־אטא. דער אויס־געצייכנטער געלערנטער קאניש אימאנטײַעוויטש סאטפּײַעוו האָט קאָלאָסאלע פארדינסטן אין דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קרעפטן פון קאזאכסטאן. מוכטאר אָמארכאנאָוויטש אאועזאָוו איז דער אנערקענטער קלאסיקער פון דער קאזאכישער ליטעראטור. מיט דאנקבארקײַט דערמאָן איך די דאָזיקע מענטשן, מיט וועלכע איך פלעג זיך אָפט באגעגענען, מיט זיי ענג מיטגעארבעט און געווען פאָשעט מענטשלעך באפרײַנדעט. אין די שמועסן האָבן מיר גערעדט וועגן דעם, אז יעטווידע עקסטרעמקײַטן זײַנען שעדלעך. פארגעסן די מינדלעכע שאפונג, וואָס איז באליבט באם פאָלק, טאָר מען אויך ניט. „לעבינגראדער, קינדער מײַנע!" — די דאָזיקע באפליגלטע שו־רעס פון דזשאמבולן געדענקט דאָס גאנצע לאנד. זאָל די שאפונג פון די אקינען לעבן און זיך אנטוויקלען אינעם אלגעמיינעם שטראָם פון דער נאציאָנאלער קאזאכישער און פילנאציאָנאלער סאָוועטישער ליטעראטור.

מיך האָט פארכאפּט נאָך איין געדאנק: וויאזוי צוציִען צו דער צעלינא־טעמע די אופמערקזאמקײַט פון דער קינסטלערישער אינ־טעליגענץ? גיט א קוק, האָב איך געזאָגט אף א באגעגעניש מיט די שרײַבער אינעם צענטראל־קאָמיטעט, וועלכע געשעענישן עס קומען פאָר פאר אונדזערע אויגן. עס בײַטן זייער וווין־אָרט קאָלאָסאלע מענטשן־מאסן, עס שאפן זיך פילנאציאָנאלע קאָלעקטיוון, עס ווערן געבוירן נײַע געזינדן, עס ווערן מוטיקער די כאראקטערן, עס פאר־הארטעווען זיך די העלדן פון אונדזער צײַט. ברויט איז אין קאזאכ־סטאן שטענדיק געווען א לוקסוס. אפילע די מולעס פלעגן זאָגן אין די אלטע צײַטן: „דער קאָראן איז א הייליקער בוך, אָבער מע מעג אָנטרעטן אפן קאָראן, אויב מע דארף דערלאנגען א פּיצל ברויט". און אָט איצט ווערט דער דאָזיקער קאנט א ברויט־ראיאָן. עס בײַט זיך דער גאנצער לעבן־סיידער, בא די מענטשן קומט אוף א נײַע פּסיכאָלאָגיע. צי דען קאָנען די גרויסקײַט און דער דראמאטיזם פון דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר, ניט רעגן אן עמעסן קינסטלער? אונדז וועט קיינער ניט פארשטיין איצט, מע וועט אונדז ניט פאר־שטיין אויך אין דער צוקונפט, אויב די דאָזיקע עפּאָפּיי וועט ניט ווערן בוילעט פארפיקסירט פאר דער געשיכטע.

אין יענער סיטואציע איז וויכטיק געווען, אז דער שרײַבער־צוזא־מענפאָר פון דער רעפּובליק זאָל ווערן א יאָמטעוו פון דער גאנצער סאָוועטישער קולטור. מיר האָבן אײַנגעלאדן קיין אלמא־אטא מ. א. שאָלאָכאָוו, ל. מ. לעאָנאָוו, קאמיל יאשענען, מירזאָ טורסון־זאדע, מאקסים טאנקן און אנדערע באוווסטע שרײַבער. אַפּטע געסט פון

דער צעלינא זײַנען נאָכדעם געוואָרן קאָמפּאָזיטאָרן, אַקטיאָרן, קינ־סטלער, עס זײַנען פּובליקירט געוואָרן פאַרצייכענונגען און גרעסע־רע דערציילונגען וועגן דער שלאַכט פאַר ברויט, עס זײַנען דערשי־נען קינאָ־פילמען, געשטעלט געוואָרן ספּעקטאַקלען, עס האָבן גע־קלונגען נײַע לידער. זיי האָבן, אָן ספֿק, געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָליע.

אין יענער צײַט האָב איך געטרוימט, אַז די צעלינא־עפּאָפּיי זאָל אַמאָל אָפּגעשפּיגלט ווערן אין קונסט־ווערק מיט אַזאַ קראַפט און טיפֿקײַט, ווי דער בירגערקריג אין „שטילן דאָן", און אין „אויפגעאַ־קערטער רויערד" — די קאָלעקטיוויזאַציע. פאַר די טוער פון דער ליטעראַטור און קונסט איז ניטאָ קיין מער אינטערעסאַנטע און באַ־גײַסטערנדיקע אויפגאַבע, ווי אָפּשפּיגלען די העלדנטאַטן פונעם פאָלק, דערונטער אויף דער צעלינא.

9

דאָס יאָר 1955 האָט מען גערופן „יאָר פון פאַרצווייפלונג" אויף דער צעלינא. איך וואָלט אָבער ניט געברויכט אַזאַ שאַרפע אָפּשאַ־צונג, כאָטש עס איז געווען זייער שווער. פאַר דעם גאַנצן זומער, אָנגעהויבן פון מײַ, איז אויף דער ערד ניט געפאַלן קיין טראָפּן רעגן. מיר האָבן זיך ניט דערוואַרט אויך אויף די געוויינלעכע יוזן־רעגנס, וועלכע גייען ווי לויט אַ גראַפיק. מע האָט געדאַרפט זײַן גרייט צום ערגסטן.

ווער עס איז אין אַזאַ צײַט ניט געווען אין סטעפּ, יענער קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס דער ערד־אַרבעטער האָט איבערגעלעבט. ווערסט באַהערשט פון אַ מאָדנעם געפיל: פרילינג־צײַט פלעגט צײַטנווײַז זיך צעגיסן אין סטעפּ אַ דורכזיכטיקער יאַם וואַסער, מענטשן פלעגן זיך דערקלײַבן צו זייערע בריגאַדעס אויף שיפלעך. זײַנען אָבער אַראָפּ די פרילינג־וואַסערן — האָט עס ווי אָפּגעשניטן. פון אינדערפרי האָט די צעגליטע זון אָנגעהויבן איר פאַרוויסטנדיקע אַרבעט, זי איז לאַנג־זאַם געשוווּמען איבערן טונקל־ווײַסן, אָפּגעבליאַקעוועטן הימל, אויס־שטראַלנדיק אַן אומדערטרעגלעכע היץ, און אָוונט־צו פלעג זי, אַ מאַלינע־רויטע, זיך טרינקען אין אַ מוטנעם רויכל הינטערן האָרי־זאָנט. און ווידעראַמאָל פלעג זי, קימאַט ניט לאָזנדיק קומען צו־זיך, אויפשטיין אויפן אַנדערן טאָג, פאַרזעצנדיק אויסצוברענען אַלדאָס לעב־עדיקע. און אַזוי וואָך נאָך וואָך, כוידעש נאָך כוידעש...

דערווײַל האָבן מיר די פאַרזיי־שעטעכן פאַרגרעסערט אין צוויי מאָל אין פאַרגלײַך מיטן פאַריקן יאָר. קימאַט צען מיליאָן העקטאַר טוווע־קולטורן זײַנען פאַרזייט אויף די נײַ־באַהערשטע ערדן. העכער

דעם פּלאַן האָבן מיר פאַרנומען אָנדערהאַלבן מיליאָן העקטאַר מיט
זומער־קולטורן. און דעם פאַרזיי האָבן מיר דורכגעפירט שנעלער,
אָרגאַניזירטער, בעסער, איידער אין דעם ערשטן פרילינג. די רע־
פּובליק האָט פאַר איין יאָר געמאַכט אין דער ערד־אַרבעט אַ ריי־
זיקן טראָט פאָרויס, די מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן אָנשווילעך
פילן די רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט און האָבן פאָרגעזעצט זייער
אָנגעשטרענגטע מי, ניט ווייסנדיק נאָך, אַז אויף זיי לויערט אַן אומ־
גליק...

מיר האָבן געוווּסט, פאַרשטייט זיך, אַז די היץ און די טריקעניש
אין אָט דעם קאַנט איז פאַר קיינעם ניט קיין נײַס. מיר האָבן אָבער
נאָך ניט געוווּסט די בייזע אומדערבאַרעמדיקייט פונעם סטעפּ־קאַ־
לענדאַר, וואָס טראָגט אונטער איין מאָל אין צען יאָר באַזונדערס
האַרבע, פאַרוויסטנדיקע טריקענישן. מיר האָבן פאָרויסגעזען — נאָך
איידער מיר האָבן אָנגעהויבן דעם אָנגריף, — אַז דער קאַמף קעגן
דער סטיכיי איז דאָ אומפאַרמײַדלעך. ווען עס זײַנען געמאַכט גע־
וואָרן די עקאָנאָמישע כעזשבוינעס וועגן באַהערשן די צעלינאַ, האָבן
די געלערנטע געהאַלטן: אויב אַפילע אויף יעדן פינפיאָר וועט אויס־
פאַלן צו צוויי שטאַרקע פאַרטריקעניש־יאָרן, וועלן מיר אין דורכשניט
סײַווי באַקומען אין סטעפּ 500 מיליאָן פּוד טווּוע אַ יאָר. די כעזש־
בוינעס האָבן ניט אַרויסגערופן קיין ספּייקעס. מיר האָבן געוווּסט,
אויף וואָס מיר זײַנען געגאַנגען, אָבער איין זאַך איז — וויסן, און אַ
צווייטע — זען, ווי פאַר דײַנע אויגן קומט אום די ווערטפולע, מיט
אַזויפיל מי דערגאָבערטע גערעטעניש.

ווי מענטשן גאַרן אין אָט דער צײַט אַ רעגן! די נערוון־אָנשטרענ־
גונג שטײַגט אַריבער יעדע גרענעץ. צומאָל שפּרינגט מען אַרויס
פון די הײַזער אינמיטן נאַכט, דערהערנדיק, ווי עפּעס שורשעט
איבער די שויבן. „אַ רעגן!” דאָס קלאַפּן אָבער ניט קיין טראָפּנס,
נאָר עס שלאָגן אין די שויבן און דעכער זעמדעלעך, וועלכע ווערן
געטריבן דורכן טרוקענעם ווינט.

אין סטעפּ איז שווער צו עטעמען. די הייסע, ווי פון אַן אויוון,
לופט ברענט די לונגען. ווי אין די גרויסע פרעסט, פּלײַען ניט די
פייגל. עס ווערן פאַרטריקנט און פאַלן אַראָפּ, צעשיטנדיק זיך אין
שטויב, די בלעטער פון די געוויקסן. די ערד ווערט באַדעקט מיט
טיפע שפּאַלטן — אַזעלכע, אַז אין זיי קאָן פאַרשווינדן אַ לאָם, וועלכן
מע האָט אַהין אַרײַנגעוואָרפן. די ריזיקע מאַסיוון ווייץ ווערן פאַר
די אויגן גרוי, ווײַס, שאָרכן מיט פּוסטע זאַנגען, וועלכע האָבן ניט
באַוויזן זיך אָנצוגיסן. און צו דעם אַלעם באַווײַזן זיך מיטאַמאָל
הייסע שטורעמווינטן, זיי הייבן אויף וואָלקנס שטויב, רײַסן די פאַר־
בינדונג־ליניעס, רײַסן אַראָפּ די דעכער פון די הײַזער.

מע קאָן פאַרשטיין דעם ווייטעק פונעם ערד־אַרבעטער, ווען ער

זעט, ווי אומדערבאַרעמדיק עס ווערן פאַרניכטעט, קומען אום די פּרוכט פון זײַן יאָריקער האָרעוואַניע, אַלע זײַנע אָנשטרענגונגען און האָפענונגען. און מע דאַרף פאַרמאָגן אַ שטאַרקן גײַסט און פעסטע נערוון, קעדיי אויסהאַלטן דעם דאָזיקן ניסאַיען. אַפילע דאָס באַוווּסטזײַן, אַז אינעם קומענדיקן סעזאָן דאַרפן די סטעפּעס אומקערן דאָס פאַרלוירענע, האָט ניט זייער געהאָלפן: אַ גערעטעניש ווילט זיך שטענדיק באַקומען הײַנט, טייקעף.

איך וויל ניט פאַרייִנפאַכן די סיטואַציע, צופּוצן דאָס, וואָס עס איז געווען. אין יענע כאַדאָשים האָבן צו אונדז אין צענטראַל־קאָמיטעט אָנגעהויבן אָנקומען אַפילע בריוו מיט פראַגן: ווי אָפּשאַצן די לאַגע? וואָס דאַרף מען טאָן?

די ביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון קאַזאַכסטאַן האָט באַשלאָסן דורכפירן אומעטום אין די צעלינאַ־קאָלעקטיוון אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, ערלעך דערציילן וועגן דער ווירקלעכער זאַכלאַגע, דערמוטיקן די מענטשן, אָריענטירן זיי אויף די אויפגאַבן, וועלכע זײַנען די וויכטיקסטע אין די דאָזיקע באַדינגונגען, דערקלערן, אַז אין דער ערד־אַרבעט איז איין יאָר צום צווייטן ניט גלײַך, אַז אויך אויף אונדזער צעלינאַ־גאַס וועט אומבאַדינגט זײַן אַ יאָמטעוו. אין דער זעלבער צײַט האָב איך געוואָרנט יענע, וועלכע זײַנען אַרויסגעפאָרן אויף די ערטער, אַז זיי זאָלן ניט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַזעלכע לוסטיקע נעפּאַשעס, פאַר וועלכע אַלץ איז גאָרנישט מיט נישט. אַזאַ איז אין יענעם מאָמענט געווען די הויפּטאויפגאַבע פון דער פּאַרטייִשער מאַסן־אַרבעט.

מע דאַרף זאָגן, אַז נאָך די אָפנהאַרציקע אָפענע פאַרזאַמלונגען, וועלכע זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אין יעדן סאָווירט, האָבן די צעליניקעס ווידער זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. ווי די זון האָט ניט געברענט, האָבן מיר פאָרגעזעצט די צוגרייטונג צום שניט, ביז טיף אין האַרבסט געפירט די פאַרגרייטונג פון פיטער. נאָך ברייטער און אַקטיוור האָבן מיר פאַנאַנדערגעוויקלט די בויונג, קוידעמקאָל אין די סאָווירטן. אין די צעלינאַראַיאָנען זײַנען געגאַנגען שפּײַז־פּראָדוקטן און אינדוסטריִעלע סכוירעס אין אַזאַ צאָל, אַז זיי האָבן גאַראַנטירט אַ רעגולערע באַזאָרגונג אויפן גאַנצן ווינטער.

מיר האָבן געפונען שטיצע און הילף אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

איך וויל זאָגן די וואַרעמסטע ווערטער וועגן די מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ און די סעקרעטאַרן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, וועלכע האָבן אַ סאַך אויפגעטאָן אין יענע יאָרן, קעדיי ווי מעגלעך שנעלער און דערפאָלגרײַכער באַהערשן די צעלינאַ־ערדן. איך האָב ניט איין מאָל זיך באַגעגנט און זיך געייצעט מיט זיי און שטענ־

דיק באקומען פינקטלעכע, קאָנקרעטע ענטפֿערס אויף די געשטעלטע פֿראַגן, א פעסטע פּאַרטייִישע און גוטע מאָראַלישע שטיצע.

און מיר האָבן מיט זיכערקייט, ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן, פֿאַרגעזעצט צו ארבעטן אין 1955 יאָר. אויף וואָס האָט זיך באַזירט אונדזער זיכערקייט? געוויינלעך, איז יעדער איינער פון אונדז געוועזן פאַרבּיטערט, זעענדיק, ווי די ריזיקע האָרעוואַניע, וואָס איז אַרייַנגעלייגט געוואָרן אין דער ערד, האָט ניט געגעבן די געווּנטשענע רעזולטאַטן. אָבער אין א ריי ווירטשאַפטן האָט מען באַקומען א פייַנע גערעטעניש. אזוי, לעמאָשל, האָט דער סאָווירט „זשדאַנאָווסקי" פון קאָקטשעטאַווער געגנט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין 1954, אַראָפּגענומען פון א שטעטעך פון 22,5 טויזנט העקטאַר צו 7,9 צענטנער טווּע, און דער סאָווירט „ראָסלאַוולסקי" פון אַלמאַ־אַטאַער געגנט — צו 9,1 צענטנער פון יעדן פון די 20 טויזנט העקטאַר. און אזעלכע ווירטשאַפטן זייַנען געווען ניט אזוי ווייניק. גאַנצע ראַיאָנען און אַפילו געגנטן, אזעלכע ווי צאָפן־קאַזאַכסטאַנער און קאָקטשעטאַווער, האָבן אַראָפּגענומען ניט קיין שלעכטע פאַר יענער צייַט גערעטענישן. ס'איז פאַרגעשטאַנען געגנוי זיך צו פאַנאַנדערקלייַבן, וואָס האָט געהאָלפן איינע צו באַקומען פונדעסטוועגן טווּע, און די אַנדערע געלאָזט מיט אויסגעסארפעטע פאַרזייען. איך וועל צוגעבן, אז ניט געקוקט אויף דער נידעריקער גערעטעניש איינגאַנצן גענומען, האָט די רעפּובליק 80 פּראָצ. פון דער הורט־זאַמלונג פון טווּע דאַפקע באַקומען אין יענעם יאָר פון דער צעלינאַ. קאַזאַכסטאַן האָט ווידער פאַרגרייט היפּש מער גראָבע פיטער, איידער ביז איר באַהערשונג, און מילך האָט ער געליפֿערט אויף 85 טויזנט טאָן מער, און פלייש — אויף 122 טויזנט טאָן מער. סילאָס, דעריקער פון קוקורוזע, האָט זיך אייַנגעגעבן צו פאַרלייגן קימאַט אַנדערהאַלבן מיליאָן טאָן. דערפֿאַלגן, אוואַדע, באַשיידענע, זיי האָבן אָבער איבערצייַגט, אז די צעלינאַ שפּילט שוין און וועט שפּילן אן אלץ וואַקסנדיקע ראָליע אינעם פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון טווּע און אַנדערע פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט. דעריבער — ארבעטן! אזא איז געווען אונדזער לאָזונג.

אָבער אן אומגערעטעניש איז אן אומגערעטעניש, און זי האָט שטאַרק פאַרקאָמפּליצירט די לייזונג פון פיל פראַגן.

אין סאָף 1955 בין איך געווען אין מאָסקווע אויף אן אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון אָנפירנדיקע פּאַרטייִישע און סאָוועטישע טוער. ניט באַקוועם, געוויינלעך, פילסטו זיך אויף אזעלכע באַראַטונגען, ווען מע האַלט אין איין אויספרעגן, ווי און וואָס, אָדער, פאַרקערט, מע רעדט בעקיוון וועגן זייַטיקע זאַכן, אויסדריקנדיק דערמיט גופא א באַהאַלטענעם מיטגעפיל. און ווען איך האָב דערקלערט פון דער טריבונע פון דער באַראַטונג, אז אינעם קינפטיקן יאָר וועט קאַזאַכ־

סטאַן אָפּליפֿערן דער מעלוכע 600 מיליאָן פּוד טווּע, האָט דער זאַל געוומען רוישן מיט אומצוטרוי.

ווי די צײַט האָט זיך געביטן! פּרווּוט אָקאָרשט איצט באַקומען פֿון דער צעלינאַ 500—600 מיליאָן פּוד אַ יאָר, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ גרויס גליק, וואָלט מען דאָס אופגענומען ווי אַן ערנסטע מאַפּאָלע. מיר באַקומען דאָך איצט אין דורכשניט אַרום אַ מיליאַרד פּוד קאַזאַכסטאַנער ברויט אַ יאָר!

אין יאַפּאָניע, ווי עס דערציילט אי. א. גאָנטשאַראָוו אין זײַן „פּרעגאַט „פּאַלאַדע”, פֿלעגן די גובערנאַטאָרן ענטפֿערן אַמאָל מיטן לעבן פֿאַר אַלץ, וואָס עס פֿלעגט פּאַרקומען אויף זייער ערד, — פֿאַר די טײַפֿונען, גוסרעגנס, ערדציטערנישן. אונדזערע קעפּ האָט קיין געפֿאַר ווי ניט געדראָעט, נאָר נאָכן אומגעלונגענעם 1955 יאָר איז אָפֿן האַרצן געבליבן ליגן דאָס געפֿיל פֿון אַ שווערער שולד פֿאַר דעם, אין וואָס איך בין ניט געווען שולדיק. איך האָב דאָס דאָזיקע געפֿיל ניט פֿאַרגעסן. אויך הײַנט טרעפֿט, איך קלינג אין די ראַיאָנען, וועלכע האָבן געליטן פֿון סטיכיישע אומגליקן, קעדיי פּאַשעט אונטערמונטערן די אָנפֿירער. אָנומלטן האָט מען מיך אײַנגעלאַדן אין אָרליאַנאָווסקער געגנט: „לעאָניד איליטש, קומט צו פֿאָרן, זייער אַ גוטע גערעטעניש!” און אינגיכן האָט גענומען בלאָזן אַ סוכאָווײ, און אַלץ איז דאָרט אויסגעברענט געוואָרן. דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, צעררודערט, זיך באַאומרויִקט. געשמועסט מיט אים האָב איך, ווי געוויינלעך, רויִק. מע האָט געדאַרפֿט זיך צונויפֿריידן וועגן די נייטיקע מאָסמיטלען, אונטערהאַלטן די כאַווײרים.

און אין יענעם אומגליקלעכן יאָר איז אונדז, וועלכע האָבן געגלייבט ביזן סאָף אינעם דערפֿאָלג, צײַטנווײַז געווען שווער צו דערווײַזן, אַז מיר זײַנען גערעכט. ווען איך האָב אויף איינער פֿון די גרויסע באַראַטונגען אין דער אָנוועזנהײַט פֿון נ. ס. כרושטשאָוון געזאָגט, אַז די צעלינאַ וועט נאָך באַווײַזן, אויף וואָס זי איז פֿייִק, האָט ער גאַנץ שאַרף איבערגעריסן:

— פֿון אײַערע צוזאָגונגען וועסטו קיין קוילעטשן ניט אָנבאַקן!

איך האָב אָבער געהאַט אַ פֿולן גרונט אים פֿעסט צו דערווידערן:

— און פֿונדעסטוועגן גלייבן מיר: גיך, זייער גיך וועט אויך די צעלינאַ געבן דאָס גרויסע ברויט!

מיר האָבן אַקשאָנעסדיק זיך געגרייט צום נײַעם פּרילינג. עס איז געווען איין רעטונג, איין האָפֿענונג, איין רעפֿוּע — אַרבעטן. די צעלינאַ־פֿאַרזייען פֿון 1956 האָבן געדאַרפֿט פֿאַרנעמען שוין 27 מיליאָן העקטאַר, פֿון זיי טווּע־קולטורן 22 מיליאָן. און ווידער האָט זיך מיר געוואָלט אַלץ זען, מיט אַלעמען זיך באַגעגענען, אומעטום באַווײַזן צו זײַן...

צוליבן וווקס פון דער פּראָדוקציע פון טוווע, פליש, גרינס טיילן מיר איצט אויס קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע רעסורסן און געלט־רעסורסן, וועגן וועלכע מיר האָבן אין יענע יאָרן ניט געקאָנט אַפילע טרוימען. מיר גלידערן איַין די נײַסטע טעכניק, באוואָפּענען אפסנײַ די לאַנדווירט־שאַפט, פירן איַין קאָנסעקווענט די ספּעציאַליזאַציע און קאָנצענ־טראַציע פון דער פּראָדוקציע, נעמען אָן אַזעלכע קאָמפּלעקס־פּראָ־גראַמעס, ווי איבערגעשטאַלטן די דווירעסדיקע רוסישע ערד פון דער ניט־שוואַרצערדיקער זאָנע — דאָס איז היינט אונדזער פאָדערשטער ראַנד.

אָבער אָט וועגן וואָס עס קומט אויס שטענדיק צו דערמאָנען: קיין „הינטערשטער ראַנד" איז אין דער פאָלקסווירטשאַפט ניטאָ. עס טרעפן זיך נאָך כאַווירים, וועלכע זײַנען גרייט האָבן צו טאָן מיט מיליאָנען און מיליאַרדן, אָבער די אַזויגערופענע קלייניקײַטן לאָזן זיי אַרויס פון אויג. דאַקעגן איז איינע פון די צענטראַלע אויפגאַבן — שפּאָרזאַם, ראַציאָנעל אויסנוצן אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָס עס ווערט פּראָדוצירט אינעם לאַנד. פאַרשווענדערײַ איז ניט דערלאָז־באַר, און וואָס גרעסער עס איז דער שוווּנג פון דער עקאָנאָמיק, אַלץ קרענקלעכער לאָזט זיך פילן אַזאַ ניט־באַלעבאַטישער צוגאַנג.

באַגרײַפן דאָס איז אויסגעקומען נאָך אויף דער צעלינאַ, און דער־פאַר וויל איך ניט פאַרבײַגיין יענע „קלייניקײַטן", וואָס פון זיי איז פיל אָפּהענגיק אינעם לעבן פונעם פאָלק. אָט, לאָמיר זאָגן, בײַס אַ גרויסער רײַזע איבער צאָפן־קאַזאַכסטאַן בין איך געקומען צו פאָרן אין דעם סאָווירט „איזאָבילני" פון צעלינאָגראַדער געגנט. ער האָט זיך געפונען אין דער סטעפּ־טיפעניש, אָפן טײַך סעלעטי, אין אַ בילד שיין, נאָר דעמלט נאָך ווילד אָרט. איך בין געווען דאָרט אויך פריִער, אין סאַמע אָנהייב, געזען די ערשטע נײַן פּאַלאַטקעס, און בײַס דעם דאָזיקן באַזוך שוין דערזען אַ גאַנצן יישעוו. עס זײַנען געשטאַנען אַ סאַך פּילדירעדיקע ווױן־הײַזער, אַ גאָרקיך, אַ מאַגאַ־זין, אַ באָד, אַ בעקערײַ, וואַרשטאַטן, אַ קאָנטאָר, אַ גאַראַזש. כוץ דעם, און דאָס איז געווען באַזונדערס וויכטיק, האָבן די מענטשן אויסגעבויט באַ אַכט צענדליק אינדיווידועלע הײַזער. הייסט עס, מע איז געקומען אהער בעעמעס אויף שטענדיק.

איך האָב זיך צערעדט מיט זיי, געגומען אויספרעגן, אין וואָס זיי נייטיקן זיך, וויאַזוי שטעלט זיך איַין דאָס לעבן. און אָט וואָס איך האָב געהערט:

— קיין פּעסלעך ניטאָ, זאַלצן אוגערקעס איז ניטאָ אין וואָס.
— אַ כאַזערל וואָלט מען באַדאַרפט, נאָר ווו קויפן?
— אַ קאַלב וואָלט גוט געווען איַינצופירן...

וואָס זאָל מען דאָ זאָגן, ניט קיין פּוסטע פּראַגן. אַף דער צעלינאַ האָט מען פאַרפירט אַ סאַך פאַרשיידענע סכוירעס. אָבער עס ווײַזט אויס, אַז מע דאַרף אומבאַדינגט האָבן פעסלעך. און באַלעכאַים דאַרף מען. דערבײַ ניט בלויז אַלס הילף אין דער ווירטשאַפט. נאָך אינעם ערשטן יאָר האָב איך געזען אײַנוואַנדערער, וועלכע האָבן אין איין האַנט געטראָגן אַ טשעמאָדאַן, אין דער צווייטער אַ קערבל מיט אַ הינטל אָדער אַ קאַץ. אין סאָווירט „יאַראָסלאַווסקי" איז געקומען צו פאָרן פון זאַפּאָראָזשיע אַ יאַט מיט אַ האָן אין אַ שטײַג. „פאָרן סטעפּ, — האָט ער מיר געזאָגט, — איז דאָס דער בעסטער וועקזייגער". ער האָט געשפּאַסט, פאַרשטייט זיך, אָבער אַף דער הוילער ערד האָט דער האָן אַלעמען געפרייט. די כעוורע האָבן אַפילע מורמעלן, סטעפּ־פייגל פאַרהיימישט.

מע וואָלט געקאָנט דאָס אַלץ פאַרעכענען אַפן כעזשבן פון מענטשלעכע שוואַכקײַטן. דאָס לעבן אָבער האָט מיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין זיי, זיך באַציִען צו זיי מיט אַכטונג. קינדווײַז האָב איך אַליין ליב געהאַט צוצוקוקן זיך, ווי עס שוועבט איבער די דעכער אַ סטײַע טויבן. פאַרשטייט זיך, אַף דער צעלינאַ איז פאַר אונדז געווען דאָס וויכטיקסטע די מיליאָנען העקטאַר און מיליאַרדן פּוד, מע האָט אָבער געדאַרפט העלפן די מענטשן אײַנצושאַפן אויך פערזענלעכע גערטנער, פּי, אויפּעס. אָן דעם וואָלטן די מיליאָנען מיט די מיליאַרדן ניט אַזוי גיך זיך באַקומען. אַ דאָרפישער אײַנוווינער אָן אַ הויף איז ווי אַ בוים אָן וואָרצלען. אין יענע יאָרן האָבן מיר פון סאַמע אָנהייב געדאַרפט באַווײַזן די מענטשן, אַז די סטעפּעס ווילן מיר באַווינען פעסט, אַף שטענדיק.

טראַכטנדיק וועגן דעם, האָב איך געקוקט אין פעלד און פּלוצעם דערזען נאָך איין אײַנוואַנדערער: אַפן שוואַרצן אַקער־פעלד האָט, ווי אַ שטרענגער אַגראָנאָם, געשפּאַנט אַן איינזאַמער גראַק. און אַ גראַק איז, ווי באַוווּסט, אַ פעלד־פויגל. אויב ער איז געקומען אַהער צו פליִען, הייסט עס, אַז ער האָט בעדייע צו לעבן אין אָט די קאַנטן.

געדענקענדיק וועגן דעם שמועס, וואָס איך האָב געהאַט אין „איזאָבילני", האָב איך דערנאָך אופגעמישט אייניקע אַלטע דאָקומענטן. נאָך אין 1934 איז אין קאַזאַכישן קאַנטקאָם געשיקט געוואָרן אַ בריוו פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אַלקפּ(ב). אינעם בריוו איז גאַנץ ברייט און אַנטשיידן געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַנטוויקלען די גערטנערײַ סײַ אין די דערפער, סײַ אין די אינדוסטריִעלע ראַיאָנען. געוויי, ביז קלייניקײַטן, איז פאָרגעלייגט געוואָרן די פאַרטייִשע, סאָוועטישע און מעלוכישע אָרגאַנען, ווי אויך די אָנפירער פון די קאָלווירטן, סאָווירטן און פון דער קאָאָפּעראַציע, זיי זאָלן אַרויסווײַזן אין דעם פּראַט די סאַמע אַקטיווע און

אלזײַטיקע הילף. און די גערטנערײַ האָט זיך אינגיכן אנטוויקלט, באקומען א זיכערע מאטעריעלע באזע. אָבער עס זײַנען אוועק יאָרן, און זי האָט פלוצעם אָנגעהויבן וועלקן, זיך פארקירצט קימאט אף א העלפט. אין דער זעלבער צײַט האָט די רעפובליק קארטאָפל, לעמאָשל, באקומען אין דריטהאלבן מאָל מער פון די אינדיווידועלע גערטנער, איידער פון די קאָלווירטן און סאָווירטן.

ווען ס'איז אויסגעקומען צו קריטיקירן אייניקע דירעקטאָרן דערפאר, וואָס זיי קאָרמענען די מענטשן בלויז מיט לאָקשן און מיט א לעמעשקע, האָט מען שטענדיק געהערט אלס ענטפער אזעלכע פאָדערונגען: ניטאָ קיין פאָנדן, גיט פאָנדן! אוואדע, אף א ריי פראָדוקטן דארף מען האָבן צענטראליזירטע פאָנדן אויך פארן דאָרף, אָבער וועלכע פאָנדן קאָן מען פאָדערן אף קארטאָפל, קרויט, אוגערקעס, קאווענעס? דאָס אלץ קאָן אויסגעצייכנט וואקסן אין א באליביקער ווירטשאפט. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן אייער און מילך. דער פויער האָט פון אייביק אָן געהאט אייגענע הינער, געהאנדלט מיט אייער אין שטאָט, פארוואָס זשע דארף ער איצט באקומען יעדעס איי לויט אן אָרדער פון מאָסקווע?

דאָס, וועגן וואָס איך שרײַב, איז זייער אקטועל אויך ביז איצט. פאראן נאָך ניט ווייניק אָנפירער, וועלכע לעבן בלויז מיט די האָפענונגען אף די אלמעכטיקע פאָנדן, ניט פארטראכטנדיק זיך וועגן דעם, אז ווו זשע זאָל די מעלוכע זיי נעמען? אין אונדזער לאנד דארף מען אויסנוצן א באליביקע מעגלעכקײַט, יעדעס פיצל ערד, קעדיי אומעטום פארגרעסערן די פראָדוקציע פון לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטן, האָבן א „פריוואראָק" צו אונדזער אלגעמיינעם טיש. עס טרעפט, דו פאָרסט אין צוג און אין פענצטער באווײַזן זיך דאָ און דאָרט פארמיסטיקטע באצירקן, וועלכע מע וואָלט בעפיירעש געקאָנט באארבעטן, פארזייען גראָז, פארפירן פי. דאָס אלץ וועט דאָך העלפן בעסער צו באזאָרגן די באפעלקערונג אפן כעזשבן פון די אָרטיקע רעסורסן, און ניט פירן, לעמאָשל, קיין פאָמידאָרן, אוגערקעס פון דאָרעם, און אייער, צוואָרעך, מילך פאר הונדערטער קילאָמעטער ווײַט.

וועגן דעם אלץ דארפן געדענקען די פארטייִשע, סאָוועטישע, ווירטשאפטלעכע אָרגאנען, די אָנפירער פון דער אינדוסטריע. זיי זײַנען מעכויעוו צו אנטוויקלען ארום די גרויסע און קליינע שטעט פעסטע לאנדווירטשאפטלעכע באזעס, האָבן ספעציִאליזירטע קאָמפלעקסן און הילפס־ווירטשאפטן, קעדיי אין די מאגאזינען זאָל זײַן א שעפע קארטאָפל, פלייש, מילך, גרינס, פרוכטן. אזעלכע מעגלעכקײַטן זײַנען פאראן סײַ אין סווערדלאָווסק, סײַ אין טיומען, סײַ אין אירקוטסק, סײַ אין א באליביקער אנדערער שטאָט פון לאנד. גראָד דערוף איז מיר אויסגעקומען ווידעראמאָל וועגן די אופמערקזאמ־

קײַט פון די אַרטיקע אָנפירער בײַס דער רײַזע אין פרילינג פון 1978 איבער אוראַל, סיביר און װײַטן מיזרעך.

אין קאַזאַכסטאַן איז טאַקע נאָך דעמלט, אין 1955, באַשלאָסן געװאָרן ברײט צו אַנטװיקלען די גערטנערײַ, אויסטײלן אַלעמען, װעלכע פאַרלאַנגען דאָס, באַצירקן, אַרײַנפירן אינװענטאַר, געבן אַלמעגלעכע הילף. אַזוי האָט מען געטאָן אויך מיט אויפּעס און מיט פאַרקויפן פּי אין פּערזענלעכן באַנוץ. ניט װײניקער װיכטיק איז געװען צו שאַפן אין אַלע סאָװירטן הילפס־װירטשאַפטן. דאָ האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע: צום אָנהייב פונעם באַהערשן די צעלינא האָט זײער צאָל אין דער רעפּובליק זיך פאַרקלענערט שיר ניט אין פיר מאָל. דאָס הייסט, בויענדיק גלאָבאַלע פּלענער, פאַרמעסטנדיק זיך אויף גרויסע איניאַנים, האָבן די מענטשן פאַרװאָרפן דאָס, װאָס זיי האָט זיך געדוכט צװייטראַנגיק.

די „קלײניקײטן" אָבער — דאָ איז נוצלעך צו ברענגען ציפערן — האָבן אויסגעזען אַזוי: די צאָל קי אין די הילפס־װירטשאַפטן האָט זיך פאַרקירצט אויף 11 טויזנט שטיק, שאָף — אויף 280 טויזנט, ניט באַװוסט, װוהין זײַנען פאַרשװוּנדן 3,7 טויזנט העקטאַר באַשטאַן־קולטורן, 5 טויזנט העקטאַר גרינס, 11 טויזנט העקטאַר קאַרטאָפל. דאָס לעבן אין לאַנד איז נאָך געװען שװער, און מע האָט אונדז ניט דערגעבן אַ קאָלאָסאַלע צאָל פּראָדוקציע. ס'איז נײטיק געװען אָנעמען דרינגענדיקע מאָסמיטלען. מיר האָבן אויסגעטײלט מיטלען, ערד פאַר די הילפס־װירטשאַפטן, אַרײַנגעפירט מעלקעדיק פּי, געבויט אָראַנזשערײען, אויפּעס־פּערמעס, פאַרפּלאַנצט יאַגעדע־סעדער, פאַרשריבן זײער פּראָדוקציע אין די פּלענער פון די סאָװירטן און שטרענג געפאָדערט בײַ די דירעקטאָרן, זיי זאָלן זיי אויספילן. דאָס אַלץ איז געװען װיכטיק סײַ קעדיי פאַרבעסערן די באַזאָרגונג פון די צעליניקעס, סײַ פאַר דער פּסיכאָלאָגישער שטימונג פון די מענטשן, װעלכע האָבן געזען, װי אין סטעפּ שטעלט זיך אײַן אַ לעבן.

דערמאָנענדיק זיך װעגן דעם, לייענענדיק די דאָקומענטן פון יענע יאָרן, האָב איך באַמערקט, װי אָפט עס װערט דערמאָנט דער קורגאַלדזשינער ראַיאָן. איך בין דעמלט געװען זײער באַאומרויִקט מיט זײַן צושטאַנד און באַזונדערס דערמיט, װאָס איך האָב דאָ געזען בײַס אַן אָרדנטלעכער רײַזע אין סאָװירט „סטעפּניאַק". דאָס ערשטע מאָל בין איך געװען אין דער דאָזיקער װירטשאַפט נאָך זומער 1954 און האָב געטראָפן ניט קיין פרײלעך בילד. אין אַזעלכע ערטער דערפילסטו באַלד אין דער ערשטער רעגע, אַז עפּעס איז ניט גלאַט: מענטשן כאַפּן דאָ יעטװידן נײַ־אָנגעקומענעם, גײען אים נאָך כאַפּטעסװײַז און קלאָגן זיך. צו מיר איז גלײַך צוגעגאַנגען אַ פרוי און גענומען אויפגיך רײדן:

— כאווער פאָרשטייער, איך ווייס ניט, ווער איר זײַנט, אָבער פאַרינטערעסירט זיך, העלפט, מיר האָבן ניט קיין עלעקטרע, קיין הייצוואַרג, קיין קעראָסין איז אויך ניטאָ, ניטאָ אַף וואָס צו קאָכן. און קאָכן איז אויך ניטאָ וואָס...

צוזאַמען מיט איר בין איך אַרײַן אין מאַגאַזין. דאָרט איז אַפילע קיין זאַלץ ניט געווען. אַ צווייטע פרוי, מיט אַ קינד, האָט זיך געווענדט צו מיר ניט ווייניקער באַאומרויִקט:

— כאַווער ברעזשנעוו, קיין מילך איז ניטאָ, קיין מאַנע־גרויפּן ניטאָ, זאָגט, מיט וואָס זאָלן מיר קאָרמען די קינדער? באַ אײַך זײַנען מיסטאַמע אויך פאַראַן קינדער, איר זײַנט אַ טאַטע, איז העלפט.

איך האָב אַרויסגערופן דעם פאָרשטייער פונעם אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו. ער האָט אַפילע מיטן אויג ניט אַ פינטל געטאָן און גלײַך געזאָגט, אַז מאַנקע איז ניטאָ סאַכאַקל איין טאָג, און באַ אים אַליין לויפן די אויגן. איך זע, אַז ער לײַגט. איך האָב צוגעזאָגט די פרויען זיך פאַנאַנדערקלײַבן מיט פּראָדוקטן, נאָר נאָך מער האָט מיך געכידעשט, פאַרוואָס איז ניטאָ קיין מילך. מיר האָבן דאָך שוין דעמלט געגעבן אַ סאַך סאָווירטן פּי פאַר די הילפס־ווירטשאַפטן, דערונטער אויך דעם סאָווירט „סטעפּניאַק”. מע האָט געפּאָדערט אַ ספּראַווקע, וויפל און וועמען האָט מען אויסגעטיילט קי, כאַזיירים, פערד, אויפעס, און זיך באַרויִקט. נאָר אַפן וועג האָט דער אוילעם מיך פאַרשלעפּט אין גאָרקיך. מיר האָבן זיך צוגעזעצט שמועסן.

— וויפל קי געפינט זיך אין אײַער הילפס־ווירטשאַפט?

— אַ האַלבע מייע.

— הייסט עס, אַז מילך דאַרף זײַן.

— וואָס רעדט איר! די קי געפינען זיך זעכציק וויאָרסט פונדאַנען. זיי פּיטערן זיך אַף די פּאַשע־פעלדער.

אין דער דאָזיקער מינוט האָט מען געפונען דעם דירעקטאָר קאָוואַלענקאָ. ער איז געקומען צו לויפן און גלײַך זיך אָנגעהויבן קלאָגן:

— מאַמעש אַן אומגליק, לעאָניד איליטש! איך קאָן ניט אײַנריידן די פרויען צו גיין פאַר מעלקערנס, קיינער וויל ניט מעלקן די קי.

— און זיי שטייען באַ אײַך אַפן פּאַשע־פעלד ניט קיין געמאָלקענע?

— אַזוי באַקומט זיך עס.

— און אײַך באַאומרויִקט ניט, וואָס די קינדער זײַנען אָן מילך, וואָס די קי וועלן געפּאַטערט ווערן?

— וואָס הייסט, עס באַאומרויִקט ניט? איך האָב מוירע. אַפילע זיך שטעלן פאַר אַ געריכט בין איך גרייט. נאָר עפּעס־וואָס וועל איך דאָך טאָן... שוין אַ בריוו אַף אוקראַיִנע אָוועקגעשיקט. איך רוף די מיידלעך, זיי זאָלן אַרויסהעלפן.

מיט אים איז אלץ געווען קלאָר, און איך האָב זיך געווענדט צו די פּרויען:

— פאַרוואָס ווילט איר ניט העלפן? איר זעט דאָך, וואָס פאַר אַ לאַגע עס האָט זיך געשאַפן.

— און די קינדער ווו אהינטאָן? — האָבן זיי גענומען ריידן אַלע מיטאַמאָל. — מיר זײַנען דאָ אַלע פאַמיליע־מענטשן, מיט קינדער.

— גוט, און אויב מע וועט דערווײַל די קי אוועקשטעלן בא אײַך אין די הײַזער, וועט איר זיי ארומזען, מעלקן?

— וואָדען! מיר וועלן מעלקן און אין סטעפּ אַרײַן טרײַבן. בא אונדז קאָנען אויך די מענער מעלקן.

— וואָס זשע האָט איר, כאָוטער קאָוואַלענקאָ, זיך געגרייט זעצן אין טפּיסע און צו אַ פאַשעטער זאַך זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן? צעטיילט די קי די אַרבעטער פונעם סאָווירט, און זיי וועלן זיי מעלקן, און די קינדער אָנהאָדעווען. דערנאָך וועלן אויך מעלקערנס זיך אָפּזוכן.

— זיך ניט דערטראַכט. זראָבליו...

מיר זײַנען אוועק מיטן דירעקטאָר איבערן יישעוו. איך זע, די בויונג פירט זיך אויך זייער שלעכט, מע קלעפּט הײַזער אָן פונדאַמענטן, אבי־ווי. אַ געשפּרעך איז בא אונדז געווען אַ שאַרפער. אופריכטיק געזעדט, האָב איך שוין ניט געטרויט קאָוואַלענקאָן, ווײַל אַף יעדן וואָרט האָט ער געענטפערט מיטן אײַנגעכאַזערטן: „זראָבליו, זראָבליו...” איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אומבאַדינגט קומען נאָכאַמאָל, אַלץ דורכקאָנטראָלירן. און אָט, קומענדיק דאָס צווייטע מאָל אין „סטעפּניאַק”, בין איך געווען איבעראַשט: אין סאָווירט האָט זיך קימאַט גאָרנישט ניט געענדערט! בעסער איז געוואָרן די באַזאָרגונג אין מאַגאַזין און אין גאָרקיך, נאָר דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער פּאַראַיאָריקער אַרײַנמישונג. אין אַלעם איבעריקן אָבער האָט קאָוואַלענקאָ קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער ניט אײַנגעטונקען. די מענטשן האָבן, ווי פריִער, זיך געמאַטערט אַפילע מיט וואַסער, כאָטש איך האָב נאָך בײַם מײַן פאָריקן באַזוך געזאָגט דעם דירעקטאָר, ער זאָל שטעלן דעם באַק אַף אַ מאַשין און פאַנאַנדערפירן וואַסער איבער די הײַזער — אָט דאָס איז די גאַנצע פּראָבלעם. און ווידער האָב איך אַף יעדער באַמערקונג געהערט דאָס באַקאַנטע:

— זראָבליו, זראָבליו...

אַזעלכע פאַלן פון גוואַלדיקער אומבאַהאָלפנקײַט און גלײַכגילטיקײַט, וואָלט איך געזאָגט, זײַנען אַף דער צעלינאַ פאָרט געווען זעלטן, כאָטש אומאָרדענונגען האָבן זיך געטראָפן ניט ווייניק. טוער, וועלכע האָבן אַזוי אומווירדיק זיך באַצויגן צו זייערע פליכטן, האָט מען ניט געטאָרט דולדן, וועגן וואָס מיר איז אויסגעקומען ספּעציעל צו זאָגן אַפן נאָענטסטן פּלענום פון צעלינאָגראַדער געגנטקאָם.

וויל־איינאָרדענונג — דאָס באַטײַט אײַנאָרדענען דעם ווילטיק פאַר די מענטשן, זאָרגן זיך וועגן זיי. דאָס איז שטענדיק ניט בלויז א ווירטשאפטלעכע ארבעט, נאָר קוידעמקאָל פּאָליטיק, ווו פעלערן קאָסטן טײַער. פאר פעלערן קומט אויס צופּיל צו צעצאָלן זיך: אָף דער מילכאָמע — מיט מענטשן, פרידנס־צײַט — מיט מאטעריעלע און מאָראלישע פארלוסטן.

קעדיי אײַנשטעלן א פולווערטיק לעבן, האָט זיך געפאָדערט, אז בעראָש פון די סטעפּ־יִישוווים זאָלן שטיין מענטשן, וועלכע לעבן איבער ניט בלויז פאר דעם פּלאַן, נאָר אויך פאר אלץ, מיט וואָס מענטשן לעבן. אין קאָקטשעטאווער געגנט האָב איך, לעמאָשל, ליב געהאט צו זײַן אינעם קאָלווירט „קראסנאָארמייעץ" ניט בלויז דער־פאר, ווײַל דאָרט האָט מען קלוג געפירט די ווירטשאפט, נאָר אויך דערפאר, וואָס מע האָט דאָרט געבאקן וווּנדערלעך געשמאקן ברויט. אין ערגעץ און קיינמאָל אין לעבן, קאָן מען זאָגן, האָב איך ניט גע־געסן קיין בעסער ברויט, ווי דעם דאָזיקן קראסנאָארמייסקער — א פּוכקע, א דופטיקס. באזונדערס האָט עס זיך אײַנגעגעבן אין דער בריגאדע פון פּיאָטער איוואנאָוויטש ניקאָלײַעוו. „אז מיר באקן ברויט, — פלעגט ער זאָגן, — שמעקט פאר א וויאָרסט!" איך געדענק, אז איך האָב איינמאָל געבעטן אפילע עטלעכע לאבנס, קעדיי מעכא־בעד זײַן די כאוויירים אין אלמא־אטא און לערנען די שטאָטישע בעקערס.

אז איך פלעג קומען צו פאָרן אין די יִישוווים, פלעג איך, גע־דענקט זיך, פרייען זיך מיט יעדן גוטן ברונעם, מיט יעדן זאָרגזאם פארפלאנצטן ביימל. איך פלעג זײַן אנציקט פון דער אקוראטקײַט, מיט וועלכער גוטע באלעבאטים כאָוועץ בלומען און ביימער, און צו־מאָל פלעג איך זײַן איבעראשט פונעם גלײַכגילט, מיט וועלכן איי־ניקע מענטשן קוקן אָף דעם, ווי עס זעט אויס זייער שטוב, דער הויף און דער גאנצער יִישעוו.

איינמאָל האָב איך געגעכטיקט אין א דאָרף אין געוועזענעם גאל־קינער ראיאָן פון פאוולאָדארער געגנט (צום באדויערן, האָב איך פארגעסן דעם נאָמען פונעם דאָרף און די פאמיליע פונעם קאָל־ווירט־פּאָרזיצער, בא וועמען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט). אינדער־פרי בין איך ארויס פון טויער, דורכגעגאנגען זיך איבערן דאָרף און געוועזן ניט ווייניק פארכידעשט. אין דאָרף האָבן זיך געצויגן סאכאקל צוויי גאסן, אָף איינער זײַנען לעבן די הײַזער ערגעץ־ווו געשטאנען ביימער, די צווייטע אָבער איז געוועזן אינגאנצן נאקעט. וואָס איז די מײַסע? און דעמלט האָט מיר דער פּאָרזיצער דערציילט אזא געשיכטע.

אמאָל איז אין אָט דעם דאָרף געקומען פון אָמסק דער גובערנא־טאָר פונעם סטעפּ־קאנט, אין וועלכן עס זײַנען ביז דער רעוואָליו־

ציע אַרײַן אויך די איצטיקע צאָפּנדיקע קאַזאַכישע סטעפּעס. ער איז געקומען און האָט באַפֿוילן יעדן געזינד צו פֿאַרפֿלאַנצן אַרום זייערע הײַזער אַזויפֿיל ביימער, וויפֿל מענטשן עס זײַנען פֿאַראַן אינעם געזינד. אין דרײַ יאָר אַרום איז דער גובערנאַטאָר ווידער פֿאַרפֿאָרן אין דאָרף, קאָנטראָלירן, וויַאַזוי מע האָט אויסגעפֿילט זײַן באַפֿעל. זעט ער: בײַ אײנע הײַזער זײַנען ביימער פֿאַרפֿלאַנצט, בײַ אַנדערע זײַנען, ווי פֿריִער, בלויז שטויביקע פּוסטע פּלעצער. דער גובערנאַטאָר האָט באַפֿוילן אַרויסצופֿירן אַלע אײַנוווינער אויף דער דעמלט נאָך אײנציקער גאַס און אוועקשטעלן יעדעס געזינד בײַם טויער פֿון זײַן הויז. דערנאָך האָט ער געגעבן דעם סאָלדאַט אַ רײַמען מיט אַ שווערער שפּראָנצקע און איז אַוועק לענגויס דער גאַס. דאָרט, וווּ ביימער זײַנען געווען פֿאַרפֿלאַנצט, האָט ער געזאָגט אַ דאַנק און געגעבן אַ זילבערנעם רובל. און יענע מוזשיקעס, וועלכע האָבן זיך באַצויגן נאַכלעסיק צו דער זאַך, האָט ער באַפֿוילן אַרײַנצײלן מיטן רימען: וויפֿל ביימער עס האָבן זיך ניט אָנגענומען — אַזויפֿיל שמיץ. און דער גובערנאַטאָר האָט דערבײַ געשריִען: „דו, וואַסילי, שמײַס מיט דער שפּראָנצקע, מיט דער שפּראָנצקע!"

— אָט אַזוי האָבן זיך באַוויזן די ביימער אויף די גאַסן, — האָט פֿאַרענדיקט די דערציילונג דער פֿאָרזיצער און האָט זיך צעלאַכט.

נאָר כאָכמעס אין אַ זײַט, אָבער קעמפֿן פֿאַר באַגרינען די נײַע סאָווירטן איז אויך אויסגעקומען שוין דעמלט. און איצט, קומענדיק צו פֿאָרן אויף דער צעלינאַ און זעענדיק, ווי עס טונקען זיך אין גרינס די סאָווירטישע ייִשוּווים, ווי עס רוישן די באַשאָטנטע פּאַרקן, עס בליִען עפּל־ און קאַרשן־ביימער, אַקאַציעס און בעז, עס גלאַנצן און רופֿן צו זיך פּילצאָליקע סאַזשלקעס און וואַסער־רעזערוווּאַרן מיט די אומבאַדינגטע פֿישער אויף די פֿון דער זון פֿאַרברענטע ברעגן, — דערמאָן איך זיך מיט אַ שמייכל די געשיכטע מיטן אָמסקער גובערנאַטאָר.

* * *

אַרומפֿאָרן איז אויסגעקומען אַ סאַך — אַמאָל אין צוג, אָפֿטער אויף אַן עראָפּלאַן, און צומאָל פֿלעגט אין איין קאָמאַנדירונג אויסקומען צו פֿאָרן סײַ אין אַ צוג, סײַ אויף אַן עראָפּלאַן. אַזאַ קאָמבינאַציע האָט פֿאַרהיט ניט ווייניק צײַט, וועלכע איז שטענדיק געווען באַגרענעצט. ווען אויף די קנופּ־סטאַנציעס אָדער אין די געגנטלעכע צענטרען האָט דער צוג געמוזט לאַנג שטיין, פֿלעגט דער וואַגאָן דינען אויך אַלס אַ האָטעל. דעמלט פֿלעגט מען באַצײַטנס דערלאַנגען אַן עראָפּלאַן, און אין מעשעך פֿון איין טאָג האָט מען געקאָנט באַזוכן מיט אים עטלעכע ראַיאָנען אָדער סאָווירטן.

דעם אעראָפּלאַן «AH-2» האָט מען אויסגעבויט אין קיִעוו לויט א ספּעציִעלער באַשטעלונג. אַף זײַן באָרט איז געווען א מעכטיקע ראַציע, אין סאַלאָן זײַנען געשטאַנען זעקס פאָטעלס. די מאַנשאַפט האָט נאָך געפירט מיט זיך א וועג־בעטל, וואָס איז שטענדיק גע־שטאַנען אין עק. אין אַלעם איבעריקן איז דאָס געווען דער זעלבער יעדערן באַקאַנטער האַרעפּאַשניק „אַנטאָן". פאַר אונדזערע רײַזעס איז ער געווען פּונקט צוגעפּאַסט. די פליִער פלעגן אין דער לופט אויסקלײַבן אַן אָרט אַף אַראָפּנידערן און האָבן געקאָנט זיך אָוועק־זעצן אין סטעפּ ווו איר ווילט — לעבן יעדער באַראַזדע, טראַקטאָר, פעלד־לאַגער.

אַלץ וואָלט געווען גוט, נאָר אָט דער לופט־איזוואָשטשיק פלעגט גרינטלעך אויסמאַטערן. איך האָב זיך ווי־ניט־איז צוגעוווינט, נאָר איינמאָל איז אויסגעקומען דאָס אַלץ אויסצופּרוּוון אונדזערע כאַ־שעווע שוישפּילער ל. פּ. אָרלאָווא, מ. א. לאַדינינאַ און נ. א. קריוטש־קאָוו. זיי זײַנען געקומען צו פאָרן אַף דער צעלינאַ, קעדיי דער־פרייען מיט זייער קונסט די מענטשן, אָבער עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז עס איז ניטאָ פאַר וועמען אַרויסצוטרעטן: אַלע זײַנען גע־ווען ווײַט אין סטעפּ. זיי האָבן זיך געקלאָגט פאַר מיר:

— אין קוסטאַנײַ זײַנען מיר שוין אַרויסגעטראָטן, עס ווילט זיך דאָך אָבער זען גופא די צעליניקעס. העלפט, גיט א וועלכן־ניט־איז טראַנספּאָרט.

— נו, גוט, אָט האָט איר מײַן אעראָפּלאַן, — האָב איך געענטפערט און זיך געווענדט צו דער מאַנשאַפט: — מאָרגן האָב איך איניאָנים אין שטאָט, און איר וועט פירן די כאַווייִרים צו די בריגאַדעס. ווו איר וועט זען מענטשן, דאָרט נידערט אַראָפּ.

די פליִער האָבן זיך געסטאַרעט. פאַר איין טאָג זײַנען זיי אַרומ־געפלויגן צוויי צי דרײַ ראַיאָנען. דער טאָג איז געווען א ווינטיקער, די הוידעניש איז געווען א שרעקלעכע, די שוישפּילער האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט קוים לעבעדיקע. קריוטשקאָוו, א מענטש א דערפאַרענער, האָט זיך גוט געהאַלטן, אָבער די פרויען איז געווען שווער. איך האָב א קוק געטאָן אַף זיי און געמאַכט אַן אויסרייד דעם קאָמאַנדיר:

— האָסט, אַפּאָנעם, איבערגעכאַפּט די מאָס, ניקאָלײַ?

— וואָס רעדט איר, זיי האָבן דאָך אַליין געפאָדערט. זיי גייען אַרויס פונעם אעראָפּלאַן, לייגן זיך צו א ביסל אונטערן פליגל, דער־נאָך טרעטן זיי אַרויס און ווידער — פאָרן! זייער מוטיקע פרויען...

איך האָב באַדאַנקט די אַקטיאָרן, נאָר באַמערקט, אַז זיי האָבן שוין געקוקט אַף מײַן אעראָפּלאַן ניט מיט דער קינע, וואָס איינדער־פרי. עס פלעגן טרעפן טעג, ווען עס איז אויסגעקומען שאָענווײַז שוועבן איבערן סטעפּ. איינמאָל האָט דער קאָמאַנדיר מיר געזאָגט:

— איך מיין, אז מע קאָן אײַך פאַרעכענען אלס א פליִער. איר זײַט אָנגעפלויגן הונדערט שאָ.

— און וועלכע נאָרמע איז בא די פליִער?

— הונדערט צוואַנציק.

— נו, איז מיר נאָך צו פרי צו ווערן א פליִער.

— עס ווענדט זיך, ווי מע זאָל דאָס רעכענען. מיר פליִען דאָך ניט נאָרמאַל.

— וואָס עפּעס ניט נאָרמאַל?

— די אַרבעטס־הייך איז בא אונדז וועלכע? הונדערט מעטער. און וויפל פליִען מיר נידעריק, קעדיי אויסקלײַבן א פּלאַץ? ניין, אין אַזעלכע פלוגן וואָלט מען א שאָ געדאַרפט רעכענען פאַר צוויי.

מיר איז געפעלן געווען די מאַנשאַפט פונעם עראָפּלאַן — דער קאָמאַנדיר ניקאָלײַ מאָזסייעוו, דער צווייטער פליִער מובין אבישעוו און דער באָרט־מעכאַניקער אַלעקסאַנדער קרוגליקאָוו. אין וועלכע שווערע אויספּרוּוון איז ניט געווען זייער קליינינקע מאַשין — דער „קאָמאַריק”, ווי זיי האָבן זי גערופן. אין סטעפּ, ווו עס טרעפן אין יאָר סאַכאַקל א פופציק טעג אָן ווינטן, האָט א קליינעם עראָפּלאַן קימאַט שטענדיק אָן ראַכמאָנעס געהוידעט. אויך אַף דער ערד האָט ער ניט געוווּסט פון קיין רו. קעדיי דער ווינט זאָל ניט איבערקערן, ניט צעברעכן אונדזער «AH-2», פלעגט מען צופירן צום עראָ־פּלאַן אָנגעלאָדענע סאַמאָסוואַלן און צובינדן אים צו זיי. פליִען פלעגט אויסקומען א קײַלעכיק יאָר, אָפט ניט רעכענענדיק זיך מיטן וועטער, צײַטנווײַז זיך ניט האַלטנדיק בא דער אינסטרוקציע. אַראָפּנידערן פלעגן מיר נאָכן זון־פאַרגאַנג און אפילע באַנאַכט, וואָס אַפן «AH-2» איז געווען קאַטעגאָריש פאַרבאָטן. נאָר די איניאַנים זײַנען זיך ניט צונויפגעגאַנגען מיט דער אינסטרוקציע. מײַנע אייביקע באַגלייטער זײַנען, ווי איך האָב זיך איבערצײַגט, געווען אויסגעצייכנטע מײַ־סטערס פון זייער זאַך.

אין יענער צײַט האָבן א סאַך פליִער שוין געטרוימט וועגן גרויסע שנעלקײַטן, וועגן ווײַטע רעיסן, וועגן רעאַקטיווע עראָפּלאַנען, וועגן דעם האָבן, דאַרף מען מיינען, געטראַכט אויך מײַנע פליִער. נאָר וואָס קאָן מען טאָן — זיי איז באַשערט געווען אָן אַנדער דינסט, און זיי האָבן מיט געדולד און ערלעך זי אויסגעפילט. בלויז איין מאָל האָב איך געזען, ווי זיי זײַנען שטאַרק פאַרזאָרגט, אפילע אָנ־געשראָקן. פּאַסירט האָט דאָס, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אינעם סאָווירט אַפן נאָמען פון דער טאַמאַנער דיוויזיע. מיר זײַנען געקו־מען צו פליִען אין א ווײַטער בריגאַדע. עס איז געווען אין מײַ. אומעטום האָבן שוין דורכויס געגרינט די גראָזן. דער וועטער איז געווען א לויטערער, אונטן האָט זיך געשפּרייט דער סטעפּ, גלײַך ווי א טיש. אויסקלײַבן א פּלאַץ אין אַזא סטעפּ איז ניט שווער. מיר

האָבן אראָפּגענידערט, ווי מיר האָט זיך געדוכט, רויִק. ווי נאָר אָבער עס איז אנשטילט געוואָרן דער מאָטאָר, האָט דער ערשטער פּליִער, וואָס פלעגט געוויינלעך ארויסגיין פון דער מאשין נאָך מיר, בוכשטעבלעך זיך א וואָרף געטאָן צום ארויסגאנג:

— אנטשולדיקט...

איך בין ארויס נאָך אים און דערזען, ווי ער איז איַילנדיק געגאנגען לויטן שפּור, וועלכן די רעדער פונעם עראָפּלאן האָבן געלאָזן אין גראָז, און האָט עפּעס געזוכט. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, א מאך געטאָן מיט די הענט, זיך צעשריגן, צורופנדיק די טראקטאָריסטן, וועלכע האָבן געארבעט אין דער נאָענט. עס האָט זיך פארזאמלט אן אוילעם, איך בין אויך צוגעגאנגען, און מאַיִסייעוו האָט, א בלאסער און דערצאָרנטער, געזאָגט:

— זעט!

אין גראָז, א האלבער מעטער וויַיט פונעם שפּור פון דער לינקער ראָד, איז געלעגן מיט די ציינער ארויף א באָראָנע. פון דער לופטן האָט ער זי בעשום־אויפן ניט געקאָנט באמערקן און זי דערזען ערשט אינעם סאמע מאָמענט פון דער לאנדונג. ס'האָט געקאָנט האָבן א שלעכטן סאָף. איך האָב קוים איַינגעהאלטן די פּליִער, וועלכע זיַינען גרייט געווען צו ווארפן זיך אפן בריגאדיר און די טראקטאָריסטן. פארשטייט זיך, יענע האָבן ניט געקאָנט וויסן, אז גראָד אף דעם פעלד וועט לאנדן דער עראָפּלאן, אָבער אָט די באָראָנע, ווי אלע אנדערע זאכן, האָט מען נאָך די פעלד־ארבעטן געדארפט צונעמען און ניט ווארפן אף העפקער. דער דאָזיקער פאל באוויַיזט אָנשוילעך, אז ווירטשאפטלאָזיקיַיט, צעקראָכנקיַיט שטייט שטענדיק אפן ראנד פון א פארברעכן.

ווען איך בין אוועקגעפאָרן פון קאזאכסטאן, האָט דער קאָמאנדיר פונעם עראָפּלאן באם געזעגענען זיך מיטגעטיילט מיר, אז פאר די צוויי יאָר, וואָס ער איז מיט מיר געפלויגן, האָט ער 480 מאָל אראָפּגענידערט אין סטעפּ אין די סאמע פארשיידענע ערטער. ער האָט דאָס דערציילט מיט שטאָלץ, און אָט דער שטאָלץ פון א פּראָפעסיִאָנאל איז מיר געווען פארשטענדלעך. גוט וויסנדיק די מיַיסטערשאפט פונעם אויסגעצייכנטן פּליִער, פלעג איך אויך שפּעטער, זיַיענדיק שוין סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון קפּסס, ווען איך פלעג קומען אף דער צעלינא, פליִען נאָר מיט ניקאָלאַי געאָרגיִעוויטש מאָיִסייעוון.

האקלאל, אונדזערע איניאָנים האָבן זיך ווידעראמאָל ברייט פאנאנדערגעוויקלט, איך בין די גאנצע צייַט געווען אין וועג, געשלאָפן מיט איבעריַיסן, געמיטיקט ווו עס פלעגט זיך מאכן. און איינמאָל האָב איך אין צעלינאָגראד דערפילט זיך שלעכט. איך בין געקומען צו־זיך אף א טראָגבעטל. ביז דעם האָט מען מיך שוין איינמאָל גע־

בראכט מיט א האַרץ־אַטאַקע פון סעמיפּאַלאַטינסק קיין אַלמאַ־אַטאַ. עס איז אויסגעקומען אויסליגן זיך אין דער היים, אָפּטרייסלען זיך פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבן אומבאַדינגט געוואָלט פאַרשפּאַרן מיך אין שפּיטאָל. איך האָב געענטפערט מיט אַ וויץ: פאַל נאָר אַרײַן, ווי עס זאָגט זיך, צו אײַך, איז סאַקאַנעס־נעפאַשעס. און דעריקער, קיין צײַט איז ניט געווען צו קרענקען. די צעלינאַ האָט אָנגעוואַל־גערט אָן אַ שיר נײַע איניאַנים און זאָרגן — שווערע, צומאָל פאַר־פלאָנטערטע און שטענדיק דרינגענדיקע.

די שלאַכט פאַר ברויט איז אַרײַנגעטראָטן אין דער אַנטשיידנדי־קער סטאַדיע.

11

איך וואָלט וועלן אינקורצן אָפּשטעלן זיך אויף אונדזער אַגראַטעכ־נישער פּאָליטיק אויף דער צעלינאַ. צי איז אַלץ געווען אומפעלער־האַפט אין אונדזער אַרבעט? ניין, דאָס קאָן איך ניט זאָגן. צי האָבן מיר געוווּסט, אַז מיר גייען אַרײַן אין אַ זאָנע פון אַ באַזונדערס ריזיקאַלער ערד־אַרבעט? יאָ, מיר האָבן געוווּסט און באַצײַטנס זיך געגרייט דערצו. צי האָבן מיר געהערט וואָרענונגען פון די געלערנ־טע, אַז אַ דורכויסיקע אופאַקערונג קאָן פאַרוואַנדלען דעם סטעפּ אין אַן אומפּרוכטבאַרן מידבאָר? אוודאי, געהערט און גענומען דאָס אין אַכט. די אַגראָטעכנישע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אויף דער צע־לינאַ איז באַשטאַנען דעריך, אויב ריידן קורץ, מע זאָל דערפירן ביז אַ מינימום די נעגאַטיווע פאָלגן פון דעם מענטשנס אַרײַנמישונג אין דער בערייִשעסדיקער נאַטור פונעם סטעפּ, אײַנפירן דאָ די העכ־סטע קולטור פון פעלד־אַרבעט, און דערנאָך אויך שאַפן אַ סיסטעם פון ערד־אַרבעט, וואָס זאָל זײַן גוט צוגעפּאַסט צו דער פּאַרטריקע־ניש־זאָנע. אָבער אוועלכע וועט זי זײַן קאָנקרעט, האָבן מיר צוערשט ניט געוווּסט און ניט געקאָנט וויסן.

דעם וועג וועט בײַקומען דער, וואָס גייט, — פאַראַן אַזאַ גוט מיזרעך־ווערטל. נאָך ביז דער רעוואָליוציע האָט וו. אי. לענין גע־שריבן:

„דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס וועט אויסקעמפן פאַר זיך די פרײַהײַט און וועט געבן אייראָפּע אַ שטויס פאָרויס מיט זײַנע רע־וואָליוציאָנערע האַנדלונגען, וואָס זײַנען פול מיט פעלערן, און זאָלן די ניוויזיקעס זיך איבערנעמען מיט דער אומפעלערהאַפטקײַט פון זייער רעוואָליוציאָנערער אומטעטיקײַט".

אומפעלערהאַפטקײַט פון אומטעטיקײַט — טרעפלעך! פּאַשעטער

פון אַלץ וואָלט געוועזן צו לאָזן די שאַצקאַמער פון דער נאַטור אומבאַרירט, דאָ וועלן שוין געוויס ניט זײַן קיין טאָעסן. מיר זײַנען אָבער געקומען אין די דאָזיקע אוראַלטע סטעפּעס, טיף גלייבנדיק אין דער מעכטיקייט פונעם מענטשנס פאַרנונפט. מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז אין גאַנג פון דער קאָלאָסאַלער, וויכטיקער פאַרן פאָלק אַרבעט אויף דער צעלינאַ וועלן מיר געפינען מיטלען צו פאַרהיטן די פרוכטבאַרקייט פון דער ערד. און פון די ערשטע טריט האָבן מיר די דאָזיקע נײַע מיטלען געזוכט.

געגנוג שנעל האָבן מיר ליקווידירט די פרילינגדיקע אופאַקערונג ערעוו דעם פאַרזיי, אין מײַ און אין יון געהאַט אין גרונט בלויז שוואַרצברוך און פריר־אַקער, מיר האָבן אײַנגעפירט קוליס־פאַרזייען, אָרגאַניזירט שניי־אָנזאַמלונג, ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג דעם זיכערן שוואַרצברוך־קלין, קורץ, געטאָן אַלץ, קעדיי צו לייזן די הויפּט־אויפגאַבע פון דער ערד־אַרבעט אין דער פּאַרטריקעניש־זאָנע פונעם סטעפּ — פאַרהיטן די פײַכטקייט אין באָדן. מיר האָבן זיך פונאַנדערגעקליבן אויך מיט די טערמינען פונעם פאַרזיי, כאָטש דאָס איז געווען ניט פּאָשעט. איצט זייט ניט קיינער אויף דער צעלינאַ פריִער פון דער צווייטער העלפט מײַ, דאָס איז געוואָרן אַן אַלעפּבייס־עמעס. און דעמלט... „סעי ווי גריאַז — בודעש קניאַז" („זיי אין דער בלאָטע — וועסטו זײַן אַ פירשט!") — פלעגט מען אומעטום איבערכאַזערן אָט דאָס אַלטע רוסישע גלײַכווערטל. אַז מע זאָל דורכפירן דעם צעלינאַ־פאַרזיי אין פריִע טערמינען, זײַנען באַשטאַנען אויך אייניקע געלערנטע.

עס זײַנען אָבער געווען אַנדערע מיינונגען, און שוין די דערפאַרונג פונעם ערשטן יאָר האָט באַוויזן, אַז די מאַסיוון, וועלכע מע האָט פאַרזייט אין מײַ, האָבן געגעבן אויסגעצייכנטע טוווע. וואָס האָט דאָ געווירקט — די פרישע קראַפט פון דער ערד אָדער די שפּעטע טערמינען פונעם פאַרזיי? אין 1955 זײַנען שפּעטע פאַרזייען שוין געוואָרן אָפטער, און זיי האָבן בעפּיירעש בעסער אַריבערגעטראָגן די פּאַרטריקעניש. דוכט זיך, אַלץ איז קלאָר, אָבער די שטרײַטן האָבן זיך געפירט ווײַטער, באַזונדערס שווער איז געווען צו איבערצײַגן די אַלטע טוישווים. אין דעם זעלבן קאָלווירט „קראַסנאָאַרמייעץ" האָט דער בריגאַדיר ניקאָלײַעוו, וואָס האָט מיך מעכאַבעד געווען מיטן געשמאַקן ברויט, אַזוי פאַרענדיקט דעם געשפּרעך אויף דער דאָזיקער טעמע:

— מיר וועלן פּרווון, פאַרשטייט זיך, אָבער איר האָט קיין אַנונג ניט, ווי שווער עס וועט זײַן אײַנצוהאַלטן אונדזערע פויערים. ווי נאָר זיי וועלן דערזען, אַז מע קאָן שוין פאַרשלעפּן די באַראָנע אויפן אַקער־פעלד, וועלן זיי גלײַך לויפן און זייען! צוגעווינט...

ווי עס זאָל ניט זײַן, אָבער צו פרילינג 1956 האָט מען שוין אין

א סאך נײַע ווירטשאפטן געהאלטן דעם פּרײַזן פּארזיי פּאר אזא אויסערגעוויינלעכער געשעעניש, ווי נאָך ערשט ניט לאנג צוריק דעם שפּעטן. אָבער די פּרײַערדיקע געוווינהײַטן האָבן זיך נאָך שטארק געלאָזט פילן. דער ערשטער סעקרעטאר פון יעסיליער ראַי־קאָם פון דער פּארטיי אנאטאָלי ראָדיאָנאָוויטש ניקולין — אַן אויס־געצייכנטער טוער, וואָס איז אַף דער צעלינא געוואָרן א העלד פון סאָציאַליסטישער מי, — האָט איינמאָל מיר דערציילט אין מאָסקווע, ווי איינער פון די דירעקטאָרן האָט בא זיי די נײַע פּארזיי־טערמי־נען פונדעסטוועגן געבראָכן.

— און ווער, מיינט איר, האָט זיך דאָס אויסגעצייכנט? — ניקולין האָט אָנגערופן די פאמיליע פונעם סאָווירט־דירעקטאָר. — מע האָט נאָך ניט פארענדיקט פײַערן דעם ערשטן מײַ, און פּלוצעם פליט ארײַן אין ראיקאָם אָט דער „טשעמפּיאָן”: „כאווער סעקרעטאר, דער סאָווירט האָט דעם פּארזיי פארענדיקט!” די האנט צום שלייף, מיט די שטיוול מיליטעריש א קנאק. איך בין אזש אונטערגעשפּרונגען פון פאָטעל: „דו נארישער קאָפּ! צוליב וואָס האָט איר זיך געאײַלט?” געוואָלט, אפּאָנעם, זײַן די ערשטע אינעם ראיאָן. „ס'וועט דאָך בא דיר קיין ברויט ניט זײַן!”

און אזוי איז טאקע געשען: דער ראיאָן האָט אײַנגעזאמלט אין דורכשניט צו זעכצן צענטנער פון א העקטאר, און דער „פאָרגעשרי־טענער” — סאכאקל צו זעקס. דאָס איז שוין אן אלטע מײַסע, נאָך יענעם פאל האָט דער כאווער געארבעט ניט שאנעווענדיק זײַנע קויכעס, דערפאר רוף איך ניט אָן זײַן פאמיליע. נאָר ווי אײַנגע־וואָרצלט עס איז די דאָזיקע געוווינהײַט — אָפּראפּאָרטירן, און אומ־באַדינגט דער ערשטער, און ווײַטער זאָל כאָטש קיין גרעזעלע ניט אויסוואקסן. אָט אזוי טאקע טרעפט, אז עס וואקסט ניט.

איך וועל באמערקן, אז צײַטנווײַז באקומט זיך נאָך ערגער: די אופאקערונג פירט מען דורך גוט, מע זייט צו דער צײַט, דערנאָך אָבער, אין די סטאדיעס פונעם שניט, טראנספּאָרטירונג, אָפּהיטונג, איבערארבעטונג גייט פארלאָרן שיר ניט א דריטכיילעק פונעם בא־קומענעם. דער קאמף קעגן די פארלוסטן — דאָס איז איצט איינער פון די הויפּט־רעזערוון אין דער לאנדווירטשאפט. עס איז גאנץ קלאָר, אז צו פארהיטן די שוין אויסגעארבעטע פּראָדוקציע פאָדערן זיך באדײַטנדיק ווייניקער באמיִונגען און מיטלען, איידער צו פּראָ־דוצירן זי. הייסט עס, אזא וועג לוינט, אנטשפּרעכט דעם קורס פון דער פּארטיי אַף צו העכערן די עפעקטיווקײַט, און דעריקער — ער אנטשפּרעכט די אינטערעסן פונעם פאָלק.

מיט א באזונדער אכטונג באצי איך זיך צו מענטשן, וועלכע פירן זייער ליניע אין דער לאנדווירטשאפט רויִק, אָן האוועניש און טומל, זעענדיק שטענדיק דעם ענדציל. פון די אגראָטעכנישע מעטאָדן איז

אף דער צעלינא אויסגעקומען א סאך איבערצוקוקן. לעמאָשל, ניט קיין קלענערן אינטערעס, איידער די טערמינען פונעם פארזיי, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאר אונדז די טיף, אף וועלכער מע דארף פארלייגן די זריַע. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ניט צופעליק האָט די גאנצע קאָקטשעטאווער געגנט בעסער איידער אנדערע אויסגע־האלטן די פארטריקעניש פון 1955. נאָך בייס דעם פארזיי האָב איך, זיַיענדיק אינעם סאָווירט „זשדאנאָווסקי", באמערקט, אז די זריַע ווערט פארזייט עפעס אומגעווייגלעך טיף. דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם מ. ג. ראָגינעץ האָט ווידער דערקלערט „איין קלייניקייט":

— אונדזער אגראָנאָם האלט, אז זייען דארף מען אף א טיף ניט פון דריַי־פיר סאנטימעטער, ווי עס איז איַינגעשטעלט אין די אגראָ־קלאָלים פאר דער צעלינא, נאָר אף זעקס אָדער אפילע אף אכט.

— אזוי זייט מען דאָך בלויז קוקורוזע.

ליידער, געדענק איך ניט די פאמיליע פון יענעם אגראָנאָם, אָבער זיַינע דערקלערונגען געדענק איך:

— איך האָב, לעאָניד איליטש, נאָך פאראיאָרן געהאט פרוווּ־באצירקן מיט אזא טיף פון פארלייגן די זריַע. גאָר קיין פארגליַיך ניטאָ! דער סאָד דערקלערט זיך פאָשעט: דער אייבערשטער שיכט פונעם באָדן ווערט דאָ שנעל אויסגעטריקנט, דאָס געוויקס באוויַיזט ניט צו לאָזן די וואָרצלען, ווי דער באָדן פון אויבן פלאצט און צע־רײַסט זיי. בא אונדז אָבער, קאָלזמאן די ערד טריקנט זיך אויס, אנטוויקלען זיך פעסטע וואָרצלען, וואָס נעמען די אונטערשטע פיַיכטקיַיט, און דערנאָך פאלן שוין אויס רעגנס.

צוויי מעסלעס האָב איך נאָכגעקוקט נאָך דעם ניַיעם פארזיי־מיטל. פון „זשדאנאָווסקי" בין איך געפלויגן מיט דעם דאָזיקן אגראָנאָם קיין „טשערניגאָווסקי", דערנאָך אין אנדערע סאָווירטן, איבערגעבויט די זיי־מאשינעס, געקראָכן אין די בארעאָזדעס, ביז בלוט צעריבן די פינגער, קאָנטראָלירנדיק, ווי עס לייגן זיך די זוי־מען... ווירקלעך, ווען עס האָט געגנומען בלאָזן דער סוכאָוויי, האָבן די פארזייען אין די דאָזיקע ווירטשאפטן לענגער איידער אומעטום געהאלטן זיך ווי גרינע אינדזלען אינעם אויסגעברענטן סטעפּ — די מי האָט געלוינט. איצט פארזייט מען די זריַע אף דער צעלינא, צום אונטערשייד פון אנדערע ערטער, ביז א טיף פון אכט סאנטימעטער. דאָס איז געוואָרן א געוויינלעכער אגראָנאָמישער מעטאָד.

אָט אזוי האָט טראָפן נאָך טראָפן זיך אָנגעזאמלט די דערפארונג. אָבער צוזאמען מיט די דערפאָלגן האָבן זיך באוויזן ניַיע צאָרעס. די פאָרויסזאָגונג פון די געלערנטע וועגן דער מעגלעכקיַיט פון א ווינט־עראָזיע האָט אָנגעהויבן מעקוייעם ווערן. איך געדענק, ווי אין פאָוו־לאָדארער געגנט האָב איך צוזאמען מיט די סעקרעטארן פון די ראיקאָמען ד. א. אסאנאָוו און אי. פ. קאָבורנעיעוו דערזען די ער־

שטע סמערטשן איבער די פעלדער און די ערשטע זאמד־הויפנס אף די וועגן. גרויזאם איז געווען דער שווארצער שטורעם, עס איז געווען שווער צו אָטעמען. און אינגיכן זײַנען נאָך ארויסגעקראָכן פון דער ערד אויך מיסטגראָזן.

דאָס אלץ האָט מיך געשטויסן צופאָרן אין קורגאנער געגנט, אינעם קאָלווירט „זאוועטי לענינא״ — צו ט. ס. מאלצעוון. טערענטי סעמיאָנאָוויטש האָט באוויזן גלײַכע, אָן איין מיסטגרעזל, ווייץ־פארזייען און דערנאָך אָנגעהויבן דערציילן. דער דאָזיקער מענטש פארמאָגט א גרויסע איבערצײַגונגס־קראפט, וואָס איר סאָד איז אין דער פיליאָריקער דערפארונג, אין דער פאָלקס־כאָכמע און אין דער איבערגעגעבנקײַט דער ערד. גערעדט האָט ער קורץ, אפאָריסטיש:

— דער אָפּוואלגער־פּלוג איז דער הויפּט־סוינע פון דער ערד־ארבעט אין סטעפּ. מײַן סיסטעם לוינט א פּרווו טאָן בא אײַך. נאָר עפּשער וועט איר צוטראכטן אזוינס, וואָס איז שטארקער, נײַער?

— מאקסימאל פארקלענערן די צאָל באארבעטונגען פונעם באָדן! אקערט אוף די צעלינא, נאָר דערנאָך טשעפּעט זי וואָס ווייניקער.

— שווארצברוך — דאָס איז דער הויפּט־באדינג פאר די סטעפּ־גערעטעכנישן. איר וועט ניט באקומען קיין ברויט, אויב איר וועט בלײַבן אף דער צעלינא אָן אים.

— עס האָבן זיך באוויזן מיסטגראָזן? מע האָט געדארפט זיך ריכטן. דערווײַל באקומט מען נאָך ערגעץ פארהאָבערטן ווייץ, און דערנאָך וועט מען באקומען פארווייצטן האָבער. אנדערע האָבן זיך פארלאָרן: אך, ווי שטארק עס איז דאָס האָבערגראָז, וואָס זאָל מען מיט אים טאָן? און דאָס מיסטגראָז, פארקערט, איז דאָך א שוואכינקס. עס איז שטארק דעמלט, ווען די באלעבאטים זײַנען שלעכטע. גוט, וואָס איר זייט שפּעטער. מע דארף צווווארטן, פראָוואָצירן דאָס האָ־בערגראָז און פארניכטן. דערנאָך שוין זייען. נערוון דארף מען האָבן פעסטע. ווער עס האָט שוואכע נערוון, האָט ניט אין דער פעלדצוכט וואָס צו טאָן.

א סאך זאכן זײַנען מיר געוואָרן קלאָר. אָבער וויבאלד אזוי, וועט פרעגן דער לייענער, פארוואָס איז די נוצלעכע דערפארונג ניט פארשפרייט געוואָרן טייקעף אף דער גאנצער צעלינא? וועל איך ענטפערן: די ערד האָט א מער שרעקלעכן סוינע, איידער דער פלוג און דאָס מיסטגראָז, — דאָס איז דער פּרווו צו אָנבינדן איר קאָלער־ליי „רעקאָמענדאציעס״. א צו גרויסע צאָל זײַנען זיי געווען און צו טײַער האָבן זיי אָפּגעקאָסט דעם לאנד, אז מע זאָל ניט פארשטיין: די לאנדווירטשאפט קאָן לויט איר עצעם נאטור ניט פארטראָגן קיין קאָמאנדע. און כאָטש, איך בין זיך מוידע, עס האָט זיך זייער געוואָלט צײַטנווײַז „פארגיכערן״ און „אָנקוועטשן״, האָב איך זיך דערפון אָפּגעהאלטן. מע האָט געדארפט לאָזן די מענטשן אליין פאנאנדער־

קלײַבן זיך אין אלץ, קעדײ עס זאָל זיך אויסארבעטן א קאָלעקטיװע דערפאַרונג.

פאַרשטײט זיך, איך האָב געבעטן די זשורנאַליסטן ברײטער באַלײַכטן די דערגרײכונגען פון די בעסטע סאָװירטן, אָרגאַניזירט סעמינאַרן, דורכגעפירט באַראַטונגען אין צענטראַל־קאָמיטעט. מיר האָבן געהאַלטן, אַז די װיכטיקסטע זאַך איז פאַנאַנדערװיקלען די נעץ װיסנשאַפט־אַנשטאַלטן, שטעלן פאַר זײ די אויפגאַבע צו שטודירן די דערפאַרונג בא אונדז אין לאַנד און אין דער גאַנצער װעלט, געפינען זיכערע מעטאָדן פון קאַמף קעגן דער באָדן־עראָזיע. איך מוז זאָגן װעגן דער גרויסער אַרבעט פון די געלערנטע בעראָש מיט א. אי. באַראַיעװ, איצט א לאַורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע. איך געדענק, װי ער האָט אַקשאָנעסדיק דערװיזן, װי װיכטיק עס איז די „קלײנע באַװאַסערונג" פון שװאַרצבראָך און ניט צופעליק איז די סיסטעם פון באָדן־באַשיצונג אין דער ערד־אַרבעט שפּעטער געבוירן געװאָרן גראָד אויף דער קאַזאַכסטאַנער צעלינאַ.

דעם שװאַרצבראָך האָבן מיר זיך געסטאַרעט צו פאַרהיטן מיט אַלע מעגלעכקײַטן. איך װעל ברענגען אײן אינטערעסאַנטן דאָקומענט. אין מײַן קאַבינעט איז געגאַנגען א באַראַטונג פון ספּעציאַליסטן, דאָס איז געװען דעם 9 יוני 1955, אין סאַמע ברען פון דער פאַרטריקעניש. א היץ איז געשטאַנען א שרעקלעכע, עס האָבן געברענט די פעלדער, און דעם געשפּרעך איז אויסגעקומען צו פירן װעגן דער צוקונפט — װעגן דעם פּלאַן צו אַנטװיקלען די לאַנדװירטשאַפט פון קאַזאַכסטאַן אויף א גאַנצן פינפיאָר. אָט איז א טײל פון דער סטענאָגראַם, װעלכע באַװײַזט, װי די פראַגע איז דעמאָלט געשטעלט געװאָרן:

„כאַװ. מעלניק (מיניסטער פון לאַנדװירטשאַפט פון דער רעפּובליק): איצט װעגן דעם זײ־פאַרקער. אין צוזאַמענהאַנג מיטן לאָזן אין גאַנג מיליאָנען העקטאַר צעלינאַ־ערד שטײט אונדז פאַר אויסצוטײלן א גרויסע צאָל אַקער־ערד אויף שװאַרצבראָך. דרײַ יאָר זײַנען מיר מעכויעװ און װעלן די דאָזיקע ערד פאַרזײען מיט װײץ אויף װײץ, אָבער אַפּן פערטן יאָר װעלן מיר אָנהײבן זײ דורכלאָזן דורכן שװאַרצבראָך. אויב דורכלאָזן בלויז צו אַנדערהאַלבן מיליאָן העקטאַר א יאָר, װי דאָס װערט פאָרגעלײגט, װעלן מיר צום יאָר 1960 אײַנגלידערן דעם שװאַרצבראָך בלויז אויף א זעקסטכײלעך פון דער גאַנצער אַקער־ערד. פון שטאַנדפּונקט פון אַגראָטעכניק איז דאָס זײער שלעכט. אפילו אויב מיר װעלן ביזן יאָר 1960 געפינען נאָך א צװײ מיליאָן העקטאַר צעלינא אויף צו פאַרברײטערן דעם שעטעך אַקער־ערד, װעלן מיר סײַװי לויט די איצטיקע כעזשבוינעס צום יאָר 1960 מוזן עטװאָס פאַרקלענערן די צאָל אַקער־ערד אונטער טװוע־קולטורן. בלויז אויף אזא אויפן װעלן מיר קאָנען זיכערן

צו פירן קולטורעל די ערד־ארבעט. און טאָן דאָס מוז מען אומבאַ־דינגט. אנדערש וועלן מיר קאַליע מאַכן די ערד שוין אינעם ערשטן זייַ־פּאַרקער.

כאוו. ברעזשנעוו: ווער שטרייַט דערמיט?

כאוו. מעלניק: עס שטרייַט די באַשטימונג פונעם צענטראַל־קאָ־מיטעט פון דער פּאַרטיי פון קאַזאַכסטאַן און פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון דער רעפּובליק, ווו עס איז פאַרשריבן אַז אנדער ציפער פאַר די טוווּע־קולטורן. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז מע זאָל ענדערן אָט די פריִער אָנגענומענע באַשטימונג, ווייַל דעמלט, ווען זי איז פאַנאַנ־דערגעאַרבעט געוואָרן, האָבן מיר נאָך פיל זאַכן ניט געקאָנט פּינקט־לעך דיסקאָנטירן.

כאוו. ברעזשנעוו: וועגן שוואַרצברוך וואָלט מען באַדאַרפט קלאָ־רער פאָרמולירן. איך זע, אַז מיר זייַנען פאַרקראָכן אין א געוויסן טעמפּן ווינקל. דאָס איז אין צוזאַמענהאַנג מיט יענער באַשטימונג אונדזערער?

כאוו. מעלניק: יאָ, זי בינדט אונדז.

כאוו. ברעזשנעוו: מע דאַרף זיך רעכענען מיט ווירטשאַפטלעכער צוועקמעסיקייַט. עס דאַרף זייַן אַן ערנסטער, ניכטערער כעזשבן, דיקטירט דורך די באַדינגונגען פון פירן די ווירטשאַפט. שוין איצט פילט זיך, אַז מיר דאַרפן פאַרקריכן אין דער זאָנע פון קלענערער פייַכטקייַט, אָף ערד פון אַן ערגערער קוואַליטעט. איך מיין, אַז באַ־דינגלעך קאָן מען אָנעמען, אַז נאָך א פּאָר מיליאָן העקטאַר וועלן מיר געפינען. ווי זאָל אָבער זייַן מיט דער הורט־זאַמלונג? צי ניט צופיל נעמט איר אונטער שוואַרצברוך?

כאוו. מעלניק: ניין, ניט קיין סאַך. אַלץ איז אָפּגעוויגן, קאָנטאַק־טירט מיט די געגנטן.

כאוו. אַריסטאַנבעקאָוו (שטעלפאַרטרעטער פונעם מיניסטער פון די סאָווירטן פון דער רעפּובליק): מע דאַרף דערפירן די צאָל שוואַרצברוך ביז 16—18 פּראָצענט, דעמלט וועלן מיר קאָנען אויס־האַלטן די פאָרגעלייגטע פאַרגעבונגען.

כאוו. ברעזשנעוו: און וואָס באַקומט זיך פונדעסטוועגן? אויב מיר וועלן אין דורכשניט איבער דער רעפּובליק האָבן, לאָמיר זאָגן, 17 פּראָצענט שוואַרצברוך, וועט די נייטיקע הורט־אופזאַמלונג ניט זייַן? נעמט אין אכט, אַז קאַזאַכסטאַן געפינט זיך אין פּראַט פון הורט־אופזאַמלונג אין אַן אויסשליסלעכער, ספּעציפישער לאַגע. די פּאַרטיי, די רעגירונג וועלן שטרענג נאָכשפּירן נאָך דעם. דרייען אַמאָל אזוי, אַמאָל אנדערש קאָנען מיר ניט. שוואַרצברוך איז נייטיק צו האָבן, אָבער וויפל? וויפל איז געוועזן ביזן אָנהייב פונעם באַהערשן די צע־לינאַ?

כאוו. אַנדריִאַנאָווא (שעף פון דער וויסנשאַפט־פאַרוואַלטונג באַם

מיניסטעריום פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט פֿון דער רעפּובליק): אין 1940 איז געווען 18 פּראָצענט. פֿאַר אונדזער זאָנע איז שוואַרצבראָך דער יעסאָד פֿון דער ערד־אַרבעט. כאָץ דעם, וויל איך זאָגן וועגן פֿיליאָריקע גראָזן. איך האָב אין זינען די ראַיאָנען, וועלכע ליַידן פֿון ווינט־עראָזיע. דאָרטן דאַרפֿן מיר איַינגיין אויף א זייי־פֿאַרקער מיט א לענגערער ראָטאַציע און איַינפֿירן גראָזן אַלס מיטל צו פֿאַר־פֿעסטיקן דעם באָדן. אין די אויסרעכענונגען ווערט דער דאָזיקער מאָמענט ניט דיסקאָנטירט. מע דאַרף צוזאַמען מיט מאַלצעוווס זייי־פֿאַרקער האָבן אויך זייי־פֿאַרקערן מיט פֿיליאָריקע גראָזן.

כאוו. ברעזשנעוו: א גוטע זאַך... נאָר וואָס פֿאַר א ליוצערנע וועט האיאָר זײַן, לאָמיר זאָגן, בא די פּאָוולאָדאַרצעס? ניט קיין גראָזן, ניט קיין פֿאַרפֿעסטיקונג.

כאוו. אַנדריאַנאָווא: דאָרט פֿאַרנעמט מען זיך ניט מיט גראָזן, נאָר ס'וועט אויסקומען. אין קעגנפֿאַל וועט אין דער געגנט זײַן אַזאַ עראָזיע, ווי זי איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען. די ווינט־עראָזיע וועט ווערן בא אונדז א שרעקלעכער אומגליק, אויב מיר וועלן שוין איצט ניט אָנהייבן זיך פֿאַרטיידיקן. די דאָזיקע מאָסמיטלען דאַרף מען אָפּשפּיגלען אין אונדזערע פּלענער און אויסרעכענונגען אויף א פֿינפֿיאָר.

כאוו. ברעזשנעוו: איך בין מאַסקים מיט איַיך. ווײַזט אויס, אַז אין אונדזער בריוו אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קפּסס און אין דער רעגירונג דאַרף מען אָפֿן אָנוויַיזן, אַז די טוווע־פּראָדוקציע אין דער רעפּובליק וועט דערגרייכן אַזאַ און אַזאַ ניוואָ און דער־נאָך וועט זי בלײַבן אויף אים שטיין. דאָס איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך. מיר וועלן באַהערשן פֿאַר צוויי יאָר 18 מיליאָן העקטאַר. דרײַ יאָר וועלן מיר זייען ווייץ אויף ווייץ, אָבער ווײַטער קאָן אַזוי ניט פֿאָר־געזעצט ווערן. דאָס, וואָס מיר האָבן פֿריִער אָריענטירמעסיק פֿאַר־שריבן, איז געווען א ציפֿער, וואָס האָט אויסגעדריקט אונדזער ווילן, דאָס איז געווען אונדזער פֿאַרלאַנג. אויף ווײַטער וועלן מיר קאָנען זיך אופּהייבן ביז דער אָנגעמערקטער גרענעץ דורך אַרײַנפֿירן צו־גאָבלעכע צעלינאַ־מאַסיוון, און ניט דורך אויסנוצן די ערד רויבע־ריש.

כאוו. מעלניק: צײַט אויף צונויפֿשטעלן א בריוו איז פֿאַרבליבן ווייי־ניק, סאַכאַקל צוויי־דרײַ טעג.

כאוו. ברעזשנעוו: זאָל דער סעקרעטאַר פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿאַזיל קאַריבזשאַנאָוויטש קאַריבזשאַנאָוו זיך שטעלן בעראָש פֿון אָט דער זאַך, צונויפֿזאַמלען בא זיך איַיך אַלעמען, און גרייט צו זײַטל נאָך זײַטל טאָג און נאַכט.

כאוו. מעלניק: דעמלט וועט אויסקומען פֿאַרמאַכן דאָס מיניסטע־ריום אויף א שלאָס.

כאוו. ברעזשנעוו: דאָס איז אזא ארבעט, וועלכע איז ווערט אלץ, וואָס איר ווילט. מאכט דעם בריוו קורץ, ער זאָל זיך לייענען לײַכט. בלויז ציפערן און אויספירן. פארקאָמפּליצירט ניט, פילאָסאָפעוועט ניט, אלץ דארף זײַן געַנוי און קלאָר״.

דער בריוו איז צונויפגעשטעלט און אָפּגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע. די צײַט האָט באוויזן, אז אונדזערע אויסרעכענונגען זײַנען געווען ריכטיקע.

אין פעוורואַל 1956 האָב איך אפן XX צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד געקאָנט מיט שטאָלץ ראפּאָרטירן דער פארטיי, אז די אופאקערונג פון דער צעלינא איז באקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. פאר צוויי יאָר זײַנען די פארזייִ־שעטעכן אין דער רעפּובליק דערפירט געוואָרן ביז 27 מיליאָן העקטאר. אונטער טוווע־קולטורן איז אויסגעטיילט געוואָרן 23 מיליאָן, דערונטער 18 מיליאָן העקטאר אונטער ווייץ — אין פיר מאָל מער, איידער ביזן באהערשן די נײַע ערדן. אין נאָמען פון אלע צעליניקעס האָב איך פארזיכערט דעם צוזאמענפאָר, אז קאזאכסטאַן קאָן געבן א מיליארד און מער פּוד טוווע.

ניט האלטנדיק אָבער, אז אלץ איז שוין פארענדיקט און אָפּגעטאָן, אז אלע שוועריקײַטן זײַנען שוין פאָריבער, האָב איך ווײַטער געזאָגט:

— די פארטיי־אָרגאניזאציע פון קאזאכסטאַן נעמט אין אכט, אז איצט, ווען די פארזייִ־שעטעכן אין דער רעפּובליק ווערן דערפירט ביז 27 מיליאָן העקטאר, איז אונדזער הויפּט־רעזערוו אינעם ווײַטערדיקן פארגרעסערן די טוווע־פּראָדוקציע — העכערן די גערעטעניש. דאָ האָבן מיר נאָך א סאך כעסרוינעס. אין צוזאמענהאנג מיטן באהערשן די צעלינא־ערד שטייט די דרינגענדיקע אופגאבע — פאנאנדערארבעטן א סיסטעם פון פירן די ווירטשאפט, נעמענדיק אין אכט די אָרטיקע באזונדערהײַטן פון יעדן קאָלווירט און סאָווירט, קעדיי זיכערן, אז די ערד זאָל אויסגענוצט ווערן אמבעסטן און פארהיטן די פרוכטבארקײַט פונעם באָדן. דאָס איז א גרויסע און קאָמפּליצירטע ארבעט. מיר בעטן, אז די וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פּססר, די אלפארבאנדישע אקאדעמיע פון לאנדווירטשאטלעכע וויסנשאפטן אף לענינס נאָמען, דאָס מיניסטעריום פון דער לאנדווירטשאפט און דאָס מיניסטעריום פון די סאָווירטן פון פּססר זאָלן אונדז העלפן אין דער דאָזיקער וויכטיקער פראגע, קעדיי די גרויסע זאך פון באהערשן די צעלינא־ערדן זאָל מיט דערפאָלג דערפירט ווערן ביזן סאָף.

אין 1956 האָט געשלאָגן די שטערן־שאָ פון דער צעלינא. א גערעטעניש איז אין די קאזאכסטאנער סטעפּעס אויסגעוואקסן זייער א רײַכע, און אָנשטאָט די צוגעזאָגטע 600 מיליאָן האָט די רעפּובליק

אָפּגעליפערט דער מעלוכע א מיליאַרד פּוד טווע. און איך בין גע־ווען בעעמעס גליקלעך, ווען אין יענעם יאָר האָט מען קאַזאַכסטאַן געגעבן דעם ערשטן לענין־אָרדען פאַר דעם ערשטן מיליאַרד פּוד צעלינאַ־טווע. פאַר יענעם זעלבן ערשטן מיליאַרד, וואָס האָט פאַר־שאַפן א פעסטן אויטאָריטעט דער צעלינאַ, — אַן אויטאָריטעט, וועלכן עס האָבן שוין דערנאָך ניט געקאָנט א וואַקל טאָן ניט די קלעפּ פון דער סטיכיי, ניט די סוביעקטיווע באַשלוסן, וועלכע האָבן פּאַרטיי־פערט די ווירקונג פון די דאָזיקע קלעפּ.

צום באַדויערן, האָט זיך מיר גופא ניט איינגעגעבן צו זען יענע ריזיקע גערעטעניש, אין וועלכער עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַזויפיל קויכעס. אויפן XX צוזאַמענפאָר בין איך אַפּנאַי אויסגעווײַלט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס.

אין אָוונט זײַנען אײַנעם האָטעל „מאָסקווא״, ווו איך האָב זיך דעמאָלט אָפּגעשטעלט, אַרײַן מיך באַגריסן קונײַעוו, סאָטפּײַעוו, זשור־ריין, מאַקאַרין און אַנדערע קאַזאַכסטאַנער כאַווײרים. די געזעגעניש האָט זיך באַקומען אין האַווענישׁ, א גוטע און עפּעס א טרויעריקע. זיי האָבן שוין געווײַלט אַהיים, איך האָב געטראַכט וועגן דער נײַער אַרבעט. איך וויל אָבער זאָגן, אַז עס איז געווען טרויעריק צו געזע־געגען זיך מיט פרײַנט, מיטן ליב געוואָרענעם סטעפּ, מיט די טײַערע און מיר נאָענטע מענטשן — די צעליניקעס.

12

צום גליק, האָט די דאָזיקע געזעגעניש זיך אַרויסגעוויזן פאַר מיר ניט אויף לאַנג. די צעלינאַ, וואָס איז געוואָרן אין מײַן לעבן אַזאַ טײַ־ערער און וויכטיקער פּעריאָד, האָט שטענדיק מיך באַאומרויקט, מיך געצויגן צו זיך. און אָט האָב איך נאָך א געוויסן איבעררײַס, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַנדערער אַרבעט מײַנער, זיך ווידער אומגעקערט צו די זאָרגן וועגן דער צעלינאַ. און איינער פון מײַנע פיל איניאָנים אויפן פּאָסטן פון גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענ־טראַל־קאָמיטעט פון קפּסס איז געווען — אונטערהאַלטן אין דער ערד־אַרבעט אויף דער צעלינאַ די סיסטעם פון באַשיצן דעם באָדן, וועלכע עס האָבן פאַנאַנדערגעאַרבעט די סאָוועטישע געלערנטע בע־ראָש מיט א. אי. באַרײַעוון. איצט איז די דאָזיקע סיסטעם אײַנגע־גלידערט, און זי האָט באַשיצט די צעלינאַ פון דער ווינט־ערָאָזיע. מיר האָבן באַוויזן אָנצוווענדן זי אין קורצע טערמינען אויף א קאָ־לאָסאַלער טעריטאָריע, דערונטער אויך אין די אַנדערע סטעפּ־זאָנעס פונעם לאַנד, אונטערשטיצנדיק די רעקאָמענדאַציעס פון דער וויסנ־שאַפט מיט טעכנישער באַוואָפנטקײַט.

איך פאַרנעם זיך שטענדיק מיט דער צעלינאַ אויך איצט, באַזוך אָפּט קאַזאַכסטאַן, און איך קאָן זאָגן, אַז איך זע איצט דאָרט, וויאַזוי עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן מײַן טרוים און דער טרוים פון הונדערטער טויזנטער צעלינניקעס.

געוויס איז אין די צעלינאַ־סטעפּעס נאָך ווײַט ניט אַלץ אָפּגעטאָן געוואָרן, רעזערוון זײַנען געבליבן קאָלאָסאַלע, נאָר דאָס איז אַ באַזונדער געשפּרעך. איך וויל אָבער זאָגן וועגן דעם, וואָס עס איז שוין דערגרייכט, וואָס עס פרייט און איז אײַנדרוקספול.

די אופאַקערונג פון דער צעלינאַ אין קאַזאַכסטאַן איז געווען ניט בלויז די גרעסטע, נאָר אויך אַן עקאָנאָמיש לויבבאַרע אַקציע. איך וועל ברענגען ציפערן, וועלכע דערווײַזן דאָס. קאַזאַכסטאַן האָט פאַר די פאַרגאַנגענע פיר און צוואַנציק יאָר פאַרקויפט דער מעלוכע מער פון 250 מיליאָן טאָן טווּע — דאָס באַטרעפט 15,5 מיליאַרד פּוד! צוזאַמען דערמיט האָבן פון 1954 ביז 1977 אײַנגעשלאָסן באַטראָפן אַלע הויצאָעס אָף דער לאַנדווירטשאַפט פון דער רעפּובליק, — איך באַטאָן: אָפן גאַנצן צווײַג, און ניט בלויז אָף דער צעלינאַ — 21,1 מיליאַרד רובל. און דער אומזאַץ־שטײַער פונעם פאַרקויפן די טווּע האָט פאַר די דאָזיקע יאָרן געגעבן 27,2 מיליאַרד רובל, דאָס הייסט דאָס לאַנד האָט באַקומען 6,1 מיליאַרד רובל ריינעם רעווח. דערבײַ דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אין די קאַזאַכסטאַנער קאָלווירטן און סאָווירטן באַטרעפט הײַנט דער אַלגעמיינער קאָסטן פון די גרונט־ און אומזאַץ־פאָנדן 15 מיליאַרד רובל. אַלזאָ, אַלע אַרבעטן און הויצאָעס זײַנען געדעקט געוואָרן אין אַ מאַקסימאַל קורצן טערמין און האָבן געגעבן רעווח. אָט מיט וואָס פאַר אַ גוטן רעזולטאַט עס איז געוווּנען געוואָרן די סאַמע אײַנדרוקספולע שלאַכט פאַר ברויט אין דער ווירטשאַפטלעכער געשיכטע פון דער מענטשהײַט! דער אוראַלטער סטעפּ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גיבער. איבערגעשטאַלטעט דורך דעם מענטשנס מי, האָט ער צוגעגעבן שטאַנדהאַפטיקײַט אונדזער גאַנצער לאַנדווירטשאַפט, געזיכערט די גאַראַנטיע צו באַקומען טווּע אין דער נייטיקער מאָס. און די דאָזיקע ערד נעמט זיך אָן מיט קראַפט.

הייבט זיך אויף אָף אַן אַעראָפּלאַן איבער די סטעפּ־ראַכוועסן. איר וועט דערזען ניט בלויז טווּע־פעלדער, נאָר אויך סטענגעס אַסּפאַלטירטע וועגן, יישווים, אײַזנבאַן־וועגן, ליניעס פון עלעקטראָטראַנסליאַציעס, קאַרפּוסן פון עלעוואַטאָרן, גרויסע זאַוואָדן, פאַבריקן, שטעט. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן צום לעבן אײנעם געוועזענעם קאַנט פון קאָוויל־גראָזן די מעכטיקע צעלינאַ־טווּע.

איך דערמאָן זיך, אַשטייגער, וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַקמאָלינסק, ווען איך האָב אים דערזען צום ערשטן מאָל. נידעריקע ליימיקע הײַזקעס, שמאָלע גאַסן, אַכציק טויזנט אײַנוווי־

נער... און איצט? אין דער שטאָט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען צעלינאָגראַד, איז אין דרײַ מאָל מער מענטשן, זי איז שיִר ניט אינגאַנצן באַנײַט, איבערגעבויט, זי פאַרמאָגט צענדליקער אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען, פיר הויכשולן, פופצן טעכניקומס, ווו עס זײַנען בלויז פאַר די דרײַ לעצטע יאָר צוגעגרייט געוואָרן העכער צוואַנציק טויזנט ספּעציאַליסטן.

די צעלינאַ האָט געגעבן אַ מעכטיקן שטויס דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קרעפטן פון קאַזאַכסטאַן, דעם וווּקס פון זײַן עקאָנאָמיק, וויסנשאַפט, קולטור. עס זײַנען אויפגעקומען די גרעסטע אינדוסטריִעלע קנופּ־פּונקטן, עס זײַנען אויסגעוואַקסן נײַנציק נײַע שטעט, דערונטער די באַוווּסטע אינעם גאַנצן לאַנד רודני, עקיבאַסטוז, יערמאַק, קענטאַו, אַרקאַליק, שעווטשענקאָ. די רעפּובליק באַקומט אַרויס און פּראָדוצירט קוילן און נאַפט, טשוהון און שטאָל, קאָלירטע מעטאַלן, מינעראַלע באַמיסטיקונג, די נײַסטע ווערקשטעלן, מאַשינעס, טראַקטאָרן. און עס איז פאַר קיינעם קיין כידעש ניט, וואָס אין דעם אַמאָל אָפּגעשטאַנענעם קאַזאַכסטאַן איז געלאָזט געוואָרן אַ רעאַקטאָר אויף שנעלע נייטראָנען.

אינעם געשטערן פון די ברידערלעכע רעפּובליקן האָט זיך איצט נאָך העלער צעשײַנט דער קאַזאַכסטאַנער שטערן. די אַנטוויקלונג פון דער רעפּובליק איז געגאַנגען יאָרן און פינפיאָרן, נאָר אַלץ איז באַהאַנדלט געוואָרן, פאַרטראַכט, „פאַרקאָכט“ געוואָרן אַ סאַך פריִער. פיל שטריכן פונעם הײַנטיקן אָנבליק פון דער דאָזיקער ערד האָבן זיך אָנגעמערקט שוין דעמלט, קימאַט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, ווען אין מײַן קאַבינעט אינעם צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך אַלץ אָפטער פאַרזאַמלט געלערנטע, געאָלאָגן, פּלאַנאָוויקעס, פּראָיעקטירער, וואָס עס האָט אויך געפאָדערט אויפמערקזאַמקײַט, צײַט און קויכעס.

צי דאַרף מען זאָגן, ווי גליקלעך איך בין איצט, זעענדיק: עס האָט זיך געשאַפן אין דעם דאָזיקן קאַנט אַ גיגאַנטישער אַגראַר־אינדוסטריִעלער קאָמפּלעקס, וואָס זײַן ווירקונג האָט זיך מעכטיק אָפּגערופן אויף דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער עקאָנאָמיק פון לאַנד. און די צעלינאַ־עפּאָפּיי אויף דער דאָזיקער ערד האָט נאָכאַמאָל באַוויזן דער גאַנצער וועלט די סאַמע נאָבעלע מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון די סאָוועטישע מענטשן. זי איז געוואָרן דער סימבאָל פון מעסירעסנעפעשדיקן דינען דעם היימלאַנד, פונעם גרויסן אופטו פון דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע.

אינהאלט

די קליינע ערד 3

ווידערגעבורט 65

צעלינא 139

ל. אי. ברעזשנעוו

די קליינע ערד. ווידערגעבורט. צעלינא

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1979 י., 240 זײַטן

קינסטלער ג. קראווצאָוו. קינסטלערישער רעדאקטאָר יע. קאפּוסטין.
טעכנישער רעדאקטאָר ר. סאָקאָלאָווא. קאָרעקטאָר ב. גערשמאן.

אָפּגעגעבן אין זאץ 30.07.79. אונטערגעשריבן צום דרוק 21.11.79. פאָרמאט $84 \times 108^1/_{32}$. טיפּאָגראפיש פּאפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באדינגלעכע דרוק־בויגן 12,65. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 12,71. באשטעלונג נומ. 1501. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאס, הויז נומ. 11. באלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוציי״ פון „סאָיוזפּאָליגראפפּראָם״ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פססר איבער די אינינאָנים פון די פארלאגן, פּאָליגראפיע און בוך־האנדל. 121019, מאָסקווע, אקסאקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.

Леонид Ильич Брежнев

МАЛАЯ ЗЕМЛЯ. ВОЗРОЖДЕНИЕ. ЦЕЛИНА

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1979. 240 стр.

Художник *Г. А. Кравцов.* Худож. редактор *Е. Ф. Капустин.*
Техн. редактор *Р. Я. Соколова.* Корректор *Б. А. Гершман*

Сдано в набор 30.07.79. Подписано к печати 21.11.79. Формат $84 \times 108^1/_2$. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 12,65. Уч.-изд. л. 12,71. Заказ № 1501.
Приложение к журналу «Советиш геймланд» № 12, 1979. Издательство «Советский писатель», 121069. Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва 121019, пер. Аксакова, 13.